STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08073

ALMANAKH

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ירושלימער אַלמאַנאַך

ירושלימער

אַלמאַנאַך

18

1988

פאַרבאַנד פון יידישע זשורנאַליסטן און שרייבער אין ירושלים
א"נ פון אריה צימוקי ז"ל

JERUSHALAIMER ALMANACH

The Association of Jewish Journalists and Writers in Jerusalem
in memory of Arieh Zimuki

רעדאַקטאָר : **יוסף קערלער**

מיטרעדאַקטאָר : **אפֿרים שעדלעצקי**

קאָרעקטור : **רבקה גורוויץ**

ערשטער מיטרעדאַקטאָר **דוד ספֿרד** ז״ל

אַרויסגעגעבן ביי דער מיטהילף פון הסוכנות היהודית בא״י

איגוד העתונאים והסופרים היהודיים בירושלים
ע״ש אריה צימוקי ז״ל

ISSN 0334-9594

כל הזכויות שמורות

נדפס בישראל 1988
בדפוס צור־אות, ירושלים



נשיא המדינה

חיים הרצוג

סקולפטאָר-פּאָרטרעט (גיפּס) — מיכאל מילבערגער

מיר באַגריסן פֿון גאַנצן האַרצן אונדזער מדינה-פּרעזידענט

חיים הערצאָג

צו זײַן צווייטער קאַדענץ, וואָס פֿאַלט צונויף מיטן פֿערציקסטן **יאָר פֿון מדינת ישראל** און ווינטשן אים אַ סך, געזונט, קראַפֿט, אויסדויער און חכמה.

דאָס זעלבע ווינטשן מיר אונדזער יידיש פֿאָלק און מדינת ישראל, וואָס ראַנגלט זיך שווער און העלדיש פֿאַר אַ גערעכטן שלום און פֿרידלעכער קאָעקזיסטענץ מיט די אַרומיקע שכנים.

מיר גלויבן באמונה שלימה, אַז אויך די גאָרע וועלט וועט זיך אויסמענטשלען — צערינען וועלן די שוואַרצע כוחות פֿון רשעות, צביעות און שקר, קעגן דער אויפֿגייענדיקער זון פֿון שלום, גערעכטיקייט און פֿרײַהייט פֿאַר אַלע פֿעלקער אויף אונדזער צערודערטן ערד-קײַלער. אָמן!



קיום

ניכטערע רייפקייט

(אין צייכן פון פערציק)

מיר מיינען: אין צייכן פון פערציק יאָר מדינה, וואָס ווערט היי־יאָר געפּייערט ברוב עם ובהדרת מלך.

אַ גרויסער יום־טוב, וואָס צייכנט אָפּ פיר צענדליק יאָר מעשים פון אַ יונגער מדינה, אָבער אויך דעם פּרווו אָפּצושטעלן זיך אויף אַ רגע און כאַפּן אַ בליק אויף צוריק, צו פאַרטראַכטן זיך וועגן דעם דערגרייכטן ביז איצט. כאַפּן אַ בליק אויף צוריק, אָבער אויך אין דער ווייטער צוקונפט וווהין מיר שפּאַנען און גייען פאַרויס, כדי צו וויסן ווי און וואָס מיר ווילן דערגרייכן — למשל, וואָס פאַראַ מדינה ווילן מיר האָבן פאַר זיך אין נאָך פערציק יאָר אַרום, — אויף יענער זייט פונעם יאָר צוויי טויזנט...

וואָס פאַר אַווירטשאַפט, וואָס פאַר אַ קולטור, וואָס פאַר אַ ייִדן...

בכל אופן — מדינת ישראל איז מער נישט קיין מלופּם־קינד, — אַ יונגע מדינה אָן דערפאַרונג און נסיונות, וואָס האָט קוים דערגרייכט בר־מצווה — ווי לאַנג איז דען ווען מיר האָבן זיך דערמיט געגרויסט און געקרוינט?

ניין, אויך נישט אין דער עלטער פון דרייסיק, וואָס איז לויט אונדזער טראַדיציע און אַנזאָג פון אונדזערע חכמים אין פּרקי־אָבות — די עלטער פון כוח און מאַכט ("בן שלושים לכוח"). אונדזער מדינה איז שוין אַ בן־ארבעים, פון אַ פערציק־יאָריקן פאַרלאַנגט מען שוין נישט אַזוי קיין כוח און קראַפט, בפרט ווען ער האָט דאָס שוין היבש באַוויזן און דעמאָנסטרירט לעיני כל העולם. פיזישע קראַפט אַליין איז דאָ שוין אויך נישט קיין גרויסע מציאה — מען האָט דאָס שוין געזען!

פון אַ בן־ארבעים פאַרלאַנגען בכן אונדזערע חכמים עפּעס מער ווי כוח און עפּעס מער ווי מסוגלקייט צו פירן דעם קאַמף פאַר קיום און המשך; אַלגעמיינע דערוואַקסנקייט און רייפקייט — פאָדערט זיך דאָ! "בן ארבעים לבינה" — פון אַ פערציק־יאָריקן פאַרלאַנגט ר' יהודה בן־תימא אין פּרקי־אָבות אַפילו עפּעס מער ווי חכמה און וויסן. בינה פאַרלאַנגט ער, וואָס איז אין העברעיִש אַ העכערע מדרגה פון חכמה און איז כולל אין זיך שכל, פאַרשטענדעניש, פאַרשטאַנד, עצה און גבורה, גייסטיקע גבורה באַטירלעך — אינערלעכע פאַרטיפטע פאַרשטענדעניש

פאַר זאַכן, דערשײַנונגען און פּראָצעסן, אַרײַנדרינג אין דער טיפקייט פון ענינים, מיט אינטויִציע, מיט אינערלעכער אינספּיראַציע!

ווענן יחיד אַזוי — על אחת כמה וכמה ביים פאָלק.

ווייסן מיר דאָך ווי דאָס איז געווען מיט די בני־ישראל, ווען זיי זענען אַרויס פון מצרים האָבן זיי געמוזט וואַנדערן פערציק יאָר אינעם מדבר — ביז דאָס פאָלק איז געוואָרן ראוי אַרײַנצוקומען אין צוגעזאָגטן לאַנד. עד היום זענען ביי אונדז פאַראַן סברות און מיינונגען, אַז פיל פון די איבלען וואָס מיר מערקן הײַנט אין דער מדינה איז אַ פּועל־יוצא פון דער נישט־פאַסיקער צײַט אין וועלכער די מדינה איז אַנטשטאַנען. ״מדינת ישראל איז געגרינדעט געוואָרן צו פרי לגבי מדינת ישראל, און צו שפּעט פאַרן גלות״ — האָט אַמאָל געזאָגט דער באַקאַנטער שרײַבער און ליטעראַטור־קריטיקער שלמה צמח, און געמיינט האָט ער מסתמא, אַז אין נאָך דרײַ־פיר דורות פון ייִדיש לעבן וואָלטן דאָ געשאַפן געוואָרן בעסערע גײַסטיקע און מאַטעריעלע אינסטרומענטן פאַר דער אָנקומענדיקער זעלבשטענדי־קייט־תקופה.

די געשיכטע האָט אָבער איר אייגענעם גאַנג, איר אייגענעם קאַלענדאַר. זי וואַרט נישט צו פיל. און וואָס אונדז בלײַבט איז בלויז אָנצונעמען איר דיקטאַט, איר טעמפּאָ, איר גזר; צופּאַסן זיך צו אירע גענג און צוגן, מעגלעכקייטן שעת־הכושר.

דאָס הייסט אַרײַנגיין אינעם נײַעם יאָרצענדליק פון אונדזער קיום מיט מער רײַפקייט און דערוואַקסנקייט, מיט מער אַנטשלאָסנקייט, שכל און פאַרשטענדעניש פאַר די גרויסע אויפגאַבן וואָס שטייען נאָך פאַר אונדז.

קאָנצענטרירן דערבײַ אַלע אונדזערע כוחות אַרום דעם, נישט אָפּווייכן דערבײַ — נישט רעכטס און נישט לינקס — פון אָט דער צענטראַלן וועג אונדזערן.

דאָס נײַע יאָר וואָס קומט אויף דער מדינה נאָכן אַרײַנטריט אין די פערציק, וועט אין קיין פאַל נישט זײַן קיין לײַכט יאָר — אין קיין שום הינזיכט נישט.

פאַר אונדז שטייען נײַע וואַלן, אַ נײַער פאַרמעסט פון פאַרשידענע דרכים אין דער צילגעווענדטער פּאָליטיק, — איין זאַך דאַרף זײַן קלאָר: די אַלע אַנטשיידונגען דאַרפן זײַן מיט פאַרשטאַנד, שכל און אינספּיראַציע, ווי עס דערמאָנען אונדז אונדזערע חכמים פון אַמאָל און זיי לאָזן אונדז נישט פאַרגעסן אויך הײַנט דעם אייביקן אמת פון:

— בן ארבעים לבינה...

א. ש.

בלעטלעך געשיכטע...

שלמה זלמן שרגאי

אַ תענית אין פסח

(זכרונות)

1. מיט איבער פֿערציק יאָר צוריק — תש״ו—תשמ״ח

ניסן ה׳תש״ו (אַפּריל, 1946) האָט די ענגלישע מאַנדאַטאַר־מאַכט פאַרכאַפּט, נישט ווייַט פון די ארץ־ישראל וואַסערן, די מעפילים־שיף ״דב הוז״, אין וועלכער ס׳האָבן זיך געפונען טויזנט דרייַ הונדערט מעפילים.

די ענגלענדער האָבן מודיע געווען די שיף־פירערשאַפט און די מעפילים — אַז זיי וועלן די שיף מיט די מעפילים צוריק שיקן אין ים אַרייַן. אויף דער מעלדונג האָבן די מעפילים אין זייער ענטפער געוואָרנט די ענגלענדער — אַז אויב זיי, די ענגלענדער, וועלן פּרוּוון צוריקשיקן די שיף אין ים — וועלן זיי זיך דער־טרינקען צוזאַמען מיט דער שיף.

ווען די ידיעה האָט זיך דערטראָגן צום ישוב — האָט זי אַרויסגערופן אַ שטורם ביי דער גאַנצער ייִדישער באַפעלקערונג, וואָס האָט געפאָדערט ביי די פירער רופן דעם ישוב צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן דער ענגלישער מאַנדאַטאָרן־מאַכט; די פאָדערונג איז געוואָרן דער דעוויז פונעם גאַנצן ישוב. פון אַלע ווינקלען איז געקומען די פאָדערונג צום וועד הלאומי *: גיט אונדז געווער מיר וועלן פאַריאָגן די ענגלישע מאַנדאַטאָרן־מאַכט.

2. ווענדונג פונם ישוב צו די מעפילים

דער וועד הלאומי, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט באַלד ווי עס איז אָנגעקומען די ידיעה, האָט זיך תיכף געווענדט מיט אַ רוף צו די מעפילים, אין נאָמען פון גאַנצן ישוב, מיט דער מעלדונג (הודעה), אַז מיר וועלן מיט כוח נישט דערלאָזן די ענגלענדער זיי זאָלן צוריקשיקן די שיף אין ים אַרייַן, און אַז מיר וועלן עפענען די טויערן פאַר די מעפילים.

אין דעם זעלבן נוסח האָבן זיך געווענדעט צו די מעפילים — די רבנות הראשית

* יידישע נאַציאָנאַל־עקזעקוטיווע.

א.א.וו. גלײַכצײַטיק האָט דער וועד הלאומי געוואָרנט די בריטישע רעגירונג פאַר די רעזולטאַטן פון צוריקשיקן די שיף, ווי אויך גערופן די ייִדן פון אַמעריקע צו אינטערווענירן, און אויך וואָרענען פאַר די רעזולטאַטן.

3. אין יענעם טאָג

ווי שוין געזאָגט, ווען די וואָרענונג פון די מעפּילים אַז זיי זענען אַנטשלאָסן צו דערטרינקען די שיף מיט זיך צוזאַמען, איז אָנגעקומען אַכט טעג פאַר פסח — האָט גאַנץ ארץ־ישראל — פון דן ביז באר־שבע אויפגעציטערט. איבער אַלעמען איז געהאָנגען די גרויסע סכנה, אין וועלכער ס'האָבן זיך געפונען טויזנט און דרײַ הונדערט ברידער און שוועסטער, וועלכע זענען לעבן געבליבן נאָך דעם היטלער־חורבן. עס האָט זיך קיינער נישט געטרייסט מיט קיין אילוזיעס, אַז די "נײַע־אייראָפּע" די "פּאַראייניקטע־פעלקער" מיט ענגלאַנד אין דער שפּיץ, זענען פייַיק צו לאָזן די טויזנט און דרײַ הונדערט ייִדן זיך דערטרינקען, אָן געוויסנסביסן. גלײַכצײַטיק איז דער ישוב געווען איבערצײַגט אַז נאָר ער איז באַרופן צו אַ גרויסער טאַט; צו מעשים, וועלכע זאָלן קאָנצענטרירן און פאַראייניקן אַלע ייִדן אין ציון פאַר אַן אַקציע קעגן דער מאַנדאַטאָרן־מאַכט, אַן אַקציע צו וועלכער ס'איז נאָך נישט געווען זײַנס־גלײַכן פאַר די לעצטע יאָרן, כדי צו ראַטעווען אומגליקלעכע ייִדן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין מיטן ים.

די פירערשאַפט פונעם ישוב אין יענע טעג האָט געוווּסט, אַז "דאָס פאָלק אין ציון" וועט גרייט זײַן זיך מוסר נפש זײַן, כדי צו ראַטעווען די ברידער און שוועסטער, וואָס ראַנגלען זיך אויפן ים מיט דער ענגלישער מאַכט. און זיי, די פירער, וועלן נישט בלויז הייסן אַז אַנדערע זאָלן דאָס טאָן נאָר זיי אַליין וועלן אַרויסווײַזן זייער אַנטשלאָסנקייט זיך מוסר נפש צו זײַן, ממש, כדי צו ראַטעווען די טויזנט דרײַ הונדערט ייִדן.

3. ווי אַמאָל בײַ ייִדן . . .

איידער די פירער האָבן גערופן דעם ישוב זיך מאָביליזירן, כדי אָנצונעמען אַנטשיידענע שריט, וועלכע זאָלן דורך מעשים איבערצײַגן די מאַנדאַטאָרן־מאַכט אַרײַנצולאָזן אין לאַנד די מעפּילים פון דער שיף "דב הוז", האָבן זיי, ווי אַמאָל אסתר המלכה, גוזר תענית געווען.

דער תענית, וועלכער האָט זיך געדאַרפט ציִען ביז די ענגלישע מאַכט וועט מבטל זײַן די גזירה — איז געווען אַ מין הקדמה, וועלכע האָט געדאַרפט צוגרייטן דעם ישוב און די עפנטלעכע מיינונג צו די קאַמפּס־אַקציעס, אין פאַל ווען די ענגלישע רעגירונג וועט נישט נאָכגעבן דער פאָדערונג אַרײַנצולאָזן אין לאַנד די 1300 מעפּילים.

איידער די דאָזיקע גרויסע אַקציעס, וועלכע זענען פון פריִער פאַרפּלאַנירט

געוואָרן, אַז קיין שום אַפּהאַלט — זענען די פירער פון ישוב אַוועק מיטן אַלטן יידישן וועג פון תענית, פון תפילה און פון גרייטן זיך אויף צו מלחמה, מלחמה ממש — קעגן דער מאַנדאַטאָרן־מאַכט.

דאָס פאָלק, יונג און אַלט, האָבן באַגלייט די פירער, וועלכע האָבן זיך פאַרזאַמלט אין וועד הלאומי צו באַשליסען וועגן תענית פון די פירער, און די שריט, וועלכע מען דאַרף אָנעמען. דער גאַנצער ישוב האָט זיי באַגלייט מיט אַ הייסער תפילה: אַז די פירער זאָלן קענען דעם אומבאַגרענעצטן תענית אין צייַט — אויסהאַלטן, און אַז אין דעם זכות זאָל מען נישט דאַרפן אָנקומען צו אַנדערע מיטלען צוליב באַפרייַען די מעפילים פון דער שיף "דב הוז".

4. אויף דער זיצונג פון וועד הלאומי

אויף דער זיצונג איז קלאָר געווען, אַז מען טאָר נישט וואַרטן, אַז יעדע מינוט קען, חלילה, געשען דאָס גרויסע אומגליק, די 1300 מעפילים זאָלן דערטרינקען די שיף מיט זיך צוזאַמען. ס'איז אויך קלאָר געווען אַז מען קען זיך נישט פאַרלאָזן אויף לאַסקי, וועלכער האָט דעמאָלט אינטערוועניִרט ביי בעווין, ווייַל איז דאָך לאַסקי — אויך אַ ייִד, אַ ברודער פון די מעפילים אין דער ערשטער ריי, און דער גאָך ערשט אַ פירער פון דער לייבאָר־פּאַרטיי. וועט אים דען דער בעווין הערן?...

*

איינער האָט אויסגערופן: עס איז אַ דין בייַ אונדז: אַז מען זעט אַ שיף אין וועלכער סע שווימען יידן און אַז די שיף ראַנגלט זיך מיט די כוואַליעס פון ים, אַזוי אויך אַ יחיד, וועלכער ווערט געיאָגט דורך אַ גוי — איז אַ מצווה אויף יעדן מענטש מחלל שבת צו זייַן, כדי זיי צו ראַטעווען, אפילו ווען עס איז אַ ספק צי מען וועט זיי אימשטאַנד זייַן צו ראַטעווען.

שטיל אין זאַל... אַ ציטער נעמט אָן. ס'ווערט באַטאַנט און אונטערגעשטראָכן:

אפילו אויף אַ ספק! אַ צווייטער: מען טאָר נישט וואַרטן, נישט וואַרטן אויף די רעזולטאַטן פון תענית. באַלד אָננעמען שריט. אַנדערע ווידער האָבן געצווייפלט: אַ תענית אין שבת! אין חודש ניסן! אי פסח! נאָך וואָס? שטעלן אין געפאַר דאָס לעבן פון נאָך עטלעכע צענדליק יידן, פירער פון ישוב; די ענגלענדער וועלן זיך דערשרעקן, אַז פירער פון ישוב וועלן זיך מקריב זייַן — אויב עס האָט די וועלט נישט געאַרט דאָס אויסמאָרדן פון זעקס מיליאָן, וועלן זיי זיך דערשרעקן פון לאָזן דערטרינקען זיך 1300 מעפילים מיט עטלעכע צענדליק פירער פון ישוב? מעגן מיר דאָס טאָן?

.5 וואָס איז די תורה-מיינונג ?

שטעלט זיך אויף אַ רב און ווענדעט זיך צו די רבנים הראשיים, וועלכע זענען די גאַנצע צייט געזעסן מיט צוגעמאַכטע אויגן: רבנים ראשיים! זאָגט אונדז: לויט דער תורה מעג מען אונטערנעמען די שריט, וועלכע מען שלאָגט פאָר ?

די רבנים הראשיים, ווי ס'האָט זיך געפירט אַמאָל ביים סנהדרין, האָבן זיך אויפגעשטעלט און דערקלערט: מיר דאַרפן קודם הערן די מיינונג פון אַנדערע, און ערשט דאַן וועלן מיר זאָגן אונדזער באַשלוס לויט דער תורה.

עס שטעלט זיך אויף דער פאַרטרעטער פון הפועל המזרחי און דער לייטונג פון וועד הלאומי, און ווענדעט זיך אויך צו די רבנים הראשיים: מסירות נפש, כדי צו ראַטעווען יידן — הייסט איבוד לדעת ?! און אונדזערע אַלעמענס קינדער, וועלכע געפינען זיך אינעם פראָנט פאַר אַ פרייער עליה און קענען, חלילה, פאַלן — הייסן מתאבדים לדעת, אָדער קדושי־עליון ?! און ווען אסתר און מרדכי האָבן גוזר תענית געווען דריי טעג און דריי נעכט אָן אַ דאַקטוירים־קאָמיסיע, האָט נישט געדראָט די סכנה, אַז אַ טייל פון די פאַסטער וועלן נישט קענען אויסהאַלטן ? איז עס געווען זיכער, אַז אחשורוש וועט מבטל מאַכן די גזירה איבער דעם ? איז דען נישט, לויט דער גמרא, דער תענית אסתר געווען אין פסח, פונקט ווי היינט, כדי צו ראַטעווען יידן ?... און אין די אַנדערע שריט, וועלכע מען וויל אונטערנעמען איז נישטאָ קיין לעבנס־געפאַר ? די שטימונג איז געוואָרן קלאָר — דער באַשלוס האָט זיך שוין געשפּירט אין דער לופט.

.6 שטילשווייגן

הרב הערצאָג האָט זיך אויפגעשטעלט: עס איז ריכטיק. מען האָט שוין אַ מאָל גוזר תענית געווען פסח. דער הונגער־שטרייק איז נישט קיין געוויינלעכער הונגער־שטרייק. דאָס איז אַ תענית, צו וועלכן דער גאַנצער ישוב וועט זיך מצטרף זיין מיט תפילה. מען דאַרף זיין גרייט אויך — למלחמה.

הרב עוזיאל, וועלכער האָט געדאַרפט אַוועקגיין, האָט איבערגעלאָזט זיין פּאָזיטיווע מיינונג שריפטלעך.

אין דעם מאָמענט איז די דעציזיע געווען קלאָר: די פירער פון ישוב האָבן אויף זיך גענומען אַ תענית וועלכער קען מיט זיך ברענגען ווייטערע שאַרפע שריט, כדי צו ראַטעווען די שיף "דב הוז" מיט די 1300 יידן.

די פאַרזאַמלטע האָבן זיך אויפגעשטעלט. די שטימונג איז געווען אַ געדריקטע, אַן ערנסטע, אָבער — אַ פייערלעכע שטימונג, אַ הייליקע. אין הייליקן שטילשווייגן — איז דער באַשלוס אָנגענומען געוואָרן.

.7 נאָר פּופּצן

ווי נאָר דער דאָזיקער באַשלוס איז באַוווּסט געוואָרן, האָט הרב חרל"פ מודיע געווען: ווען כ'וואָלט געווען יינגער, וואָלט איך זיך מצטרף געווען צום תענית.

ער האָט געשיקט דעם אײדעם ברענגען מוט די פּאַסטער, שטאַרקן זײ, אַז ג־ט װעט הערן אונדזערע תפילות און די עולים פון ״דב הוז״ װעלן נאָך קומען מיט געזאַנג קײן ציון.

הערנדיק די מײנונג פון הרב חדל״פ זענען די גרעסטע גדולי־התורה אין ירושלים געקומען אין ועד הלאומי כדי שטאַרקן די פּירער פון ישוב אין זײער תענית. אין עטלעכע שעה אַרום האָט מען געװוסט: דער גאַנצער ישוב איז גע־אײניקט װי נאָך קײן מאָל נישט.

דער ישוב איז גרײט. גרײט אויף אַלץ...

נאָר פּופּצן פּירער האָבן אַלײן געהאַט די זכיה צו זײַן צװישן די פּאַסטער. פיל מער האָבן געװאָלט זוכה זײַן צו דער מצווה, זיך מוסר נפש צו זײַן פאַרן כלל ישראל, פאַר ראַטעװען ייִדן. אָבער זײ האָבן נישט זוכה געװען; צוערשט האָט מען באַשלאָסן נאָר אַ מנין, צען. און װער עס איז געקומען פריִער דער האָט זוכה געװען. די פינף איבעריקע האָבן מיט געװאַלד זיך אויפגעצװוּנגען. זײ האָבן בשום אופן נישט געװאָלט מוותר זײַן אויף דער מצווה פון מסירת־נפש, פאַר ראַטעװען ייִדן אין מיטן ים, װעמען ס׳דראָט אַ סכנה פון גוים, צװישן זײ — ד״ר יצחק רפאל פון הפועל המזרחי.

צענדליקער פון חיפה, תל־אביב, פּתח־תוקוה זענען געקומען קײן ירושלים, זיך געװאָלט מצטרף זײַן צום תענית.

— װאָס האָבן מיר זיך פאַרזינדיקט? — האָבן זײ געפרעגט? אָבער: נײן, יעדער ייִד דאַרף גרײט זײַן און שטײן אויף דער װאַך, װען מען װעט אים רופן צו מלחמה.

8. שבת הגדול

פריַיטיק, ערב שבת־הגדול, אַרום צװעלף אַ זײגער מיטאָג, נאָך דעם װי די דאָקטוירים האָבן אונטערזוכט די קאַנדידאַטן צום תענית*, האָבן זיך די פופצן פאַסטער פאַרזאַמלט אין װעד הלאומי, זיך קאַנצענטרירט אין אַ װעלט, װו מען באַדאַרף נישט עסן, זיך פאַראײניקט אין זײערע געפילן און געדאַנקען מיט די געפילן און געדאַנקען פון די טויזנט דרײַ הונדערט מעפּילים, װעלכע האָבן אויך אויסגערופן אַ תענית אויף דער שיף.

דער שבת איז פאַרװאַנדלט געװאָרן אין אַ שבת הגדול, װעגן װעלכן יעדער ייִד האָט געגלויבט בלב ונפש און אין פאַרכטיקײט, אַז דאָס איז אַ **גרויסער שבת**. פון גאַנץ ירושלים האָבן געשטראָמט ייִדן אָנגעטאָן אין טליתים, זײ האָבן גע־שטראָמט פון די בתי מדרשים און בתי כנסת צום הויף פון װעד הלאומי, כדי מתפלל צו זײַן, אַז די פּירער זאָלן קענען אויסהאַלטן דעם תענית און מען זאָל מצליח זײַן צו ראַטעװען די מעפּילים. דאָס איז געװען אַ רירנדיק בילד: טויזנטער ייִדן,

* דעם שרײַבער פון די שורות האָט די דאָקטוירים־קאָמיסיע געפּסלט זיך צו באַטײליקן אינעם תענית.

אײַנגעהילט אין טליתים, מיטן פּנים צום מקום המקדש, האָבן געזאָגט תהילים און געשריגן: רבונו של עולם! העלף דײַן פֿאָלק! אין דעם מאָמענט האָבן זיך הערצער פֿאַראייניקט. און סע זענען געפֿאַלן אַלע מחיצות. דאָס פֿאָלק אין ציון איז געוואָרן אייניק — איין גוף און איין נשמה.

ניין, די גויִים וועלן אונדז נישט בײַקומען. און ס'האָט זיך געשטאַרקט דער בטחון אַז מיר וועלן מנצח זײַן. דאָס צעזייטע און צעשפּרייטע פֿאָלק ישראל האָט פּלוצים דערשפּירט אַז דאָס מאָל וועט זיך עס נישט אונטערגעבן און די מאַנדאַטאָרן־מאַכט וועט מוזן צוריקטרעטן...

8. אין טובתם שלימה

ערב פּסח, מיטאָג־צײַט האָבן זיך פֿאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די ענגלישע רעגירונג אין לאָנדאָן האָט פֿאָרמעל באַשלאָסן מבטל צו מאַכן די גזירה, און דערלויבן די מעפּילים פֿון "דב הוז" אַרײַנשווימען קיין ארץ־ישראל. דאָך איז נאָך דער ספק געווען גרויס. לאָנדאָן האָט טאַקע באַשלאָסן, אָבער אין ירושלים קען מען נאָך אַנדערש באַשטימען. דער צווייפֿל האָט זיך נאָך מער געשטאַרקט נאָך דעם, ווי דער נציב העליון** דעמאָלט, האָט זיך אָפּגעזאָגט אויפֿצונעמען אַ דעלעגאַציע פֿון ייִדישע פֿירער, וועלכע האָבן געוואָלט אים אויפֿקלערן די ריכטיקייט פֿון דער ידיעה, ווײַזט אויס, די גויִים האָבן אונדז נישט פֿאַרגונען קיין פֿריילעכן פּסח.

צו אַלע צרות, דאַרף מען אַזאַ "קלייניקייט" געדענקען און פֿאַרשרײַבן — אין טובתם שלימה!

9. דער פּסח-סדר פֿון די פּופּצן

ערב פּסח אין דער פֿרי האָבן זיך צוזאַמענגערעדט עטלעכע פֿון די פֿאַסטער, אַז מען דאַרף אײַנאָרדענען דעם סדר כדת וכדין, איבעררײַסן דעם תענית אויף עטלעכע מינוט, כדי מקיים צו זײַן די מצווה פֿון עסן אַ כזית מצה און טרינקען פֿיר כוסות.

געווירקט אויף דעם באַשלוס האָט אַ בריוו פֿון הרב חרל"פּ צו די פֿאַסטער, אַז זיי זאָלן איבעררײַסן דעם תענית, נאָר צוליב מקיים צו זײַן די מצווה פֿון עסן אַ כזית מצה און טרינקען די פֿיר כוסות.

און ווען די רבנים הראשיים האָבן זיך געטראָפֿן מיט די די פֿאַסטער און געהערט זייער באַשלוס אָפּצוריכטן דעם סדר "על אף הכל", ו"למרות הכל" — האָבן זייערע פּנימער געשײַנט פֿאַר שמחה. זיי האָבן געפּסקנט יוצא צו זײַן ארבע כוסות מיט טיי, ווײַל ווי פֿאַסטער, האָבן זיי דעם דין ווי קראַנקע וועלכע טאָרן נישט טרינקען קיין ווײַן. אַזוי האָט אויך אַ מאָל זיך נוהג געווען דער ראָגאַטשאָווער עילוי, ווען ער איז קראַנק געווען.

** נציב העליון — בריטישער גובערנאַטאָר, הויפּט־קאָמיסאַר פֿון ארץ־ישראל.

*

געוועז איז דאָס אַ היסטאָרישער סדר אין דער טראַדיציע פון פסחדיקע סדרים ביי ייִדן, זינט די סדרים אין די שפּאַנישע צייטן — פּופּצן געוויילטע פירער פונעם ישוב, וועלכע האָבן גוזר תענית געווען, כדי צו ראַטעווען 1300 ייִדן פון אונטער־גאַנג אויפן ים, רייסן איבער זייער תענית אויף עטלעכע מינוט, זיך צו מתיחד זיין מיטן גאַנצן ייִדישן פאָלק אין אַלע זיינע דורות נאָך פון יציאת מצרים, ווען מען האָט ייִדישע קינדער געוואָרפן אין ים, און ווי אַ זכר ליציאת מצרים און גלויבן, אַז מען וועט ווידער מצליח זיין צו ראַטעווען ייִדן פון ים אין אונדזערע צייטן — האָבן זיי אָפּגעריכט דעם סדר, געגעסן אַ כזית מצה. נישט מער, און געטרונקען פיר כוסות. אמת, נישט וויין נאָר טיי, אָבער מכוון זייענדיק יוצא צו זיין פיר כוסות.

ווען צו־מאָרגנס נאָך פסח, האָט מען זיך דערוווּסט אַז מע דערלויבט די מעפּילים צו קומען אין ארץ־ישראל, אַז די ענגלענדער האָבן זיך דערשראָקן — האָט הרב הרל״פ זיך געאיילט מודיע צו זיין די פּאַסטער, אַז ער איז זיכער, אַז דאָס איז אין זכות פון כזית מצה, און אַרבע כוסות.

10. הרב הערצאָג האָט געבראָכן די עקשנות פון נציב העליון

דעם ערשטן טאָג פסח, דעם פינפטן טאָג פון תענית, האָט דער נציב זיך איינ־געשפּאַרט: ער וויל נישט אויפנעמען קיין דעלעגאַציע נישט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, נישט פון וועד הלאומי. ער וויל קענטיק אויספּרווון ווי לאַנג די פירער פון ישוב וועלן קענען אויסהאַלטן דעם תענית, הרב הערצאָג האָט זיך פאַרבונדן מיטן נציב און אין אַ שאַרפער פאָרם — קאַטעגאָריש געפאָדערט פון אים אַז ער מוז זיך תיכף מיט אים זען.

דער נציב האָט מער נישט געקענט ביישטיין דעם דרוק פון הרב הערצאָג און מסכים געווען אים אויפצונעמען צוזאַמען מיט אַ דעלעגאַציע פון ישוב.

הרב הערצאָג האָט מותר געווען דעם פסח אויף גיין דאַווענען אין שול און האָט זיך גלייך אויפגעהויבן און אַוועק צו פוס, פאַרשטייט זיך, צום פּאַלאַץ פון נציב העליון. אויך די דעלעגאַציע פון ישוב איז מיטגעגאַנגען מיט אים.

דער רב איז געקומען פאַר דער דעלעגאַציע, און געהאַט זייער אַ שאַרפן און ביטערן שמועס מיטן נציב. ער האָט אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ער, דער נציב שפּילט זיך מיט פייער, וועלכן ער וועט נישט קענען איינשטילן אפילו מיט פייער.

ווען די פאָרטרעטער פון ישוב זענען אַנגעקומען צום פּאַלאַץ פון נציב — איז שוין דער באַשלוס אַנגענומען געוואָרן: מע דערלויבט די 1300 מעפּילים אַריינצוקומען קיין ארץ־ישראל.

די דעלעגאַציע מיט הרב הערצאָג איז צוריק געקומען פונ׳ם נציב מיט דער גוטער בשורה צו די פּאַסטער. דער תענית איז איבערגעריסן געוואָרן. מען האָט די בשורה באַלד צום וויסן געגעבן די מעפּילים אויף דער שיף. די שמחה פון ישוב איז געווען נישט צום באַשרייבן.

הונדערט און איין שעה האָט געדויערט דער תענית. דאָס זענען געווען גרויסע שעהן אין דער יידישער היסטאָריע; אַ גרויס ליכט האָט באַלויכטן די הונדערט און איין שעה. עס איז געווען אַ ליכט וואָס האָט אָנגעזאָגט גאולה וישועה.

אַזוי האָט זיך דער ישוב אַ מאָל מוסר נפש געווען פאַר אַן עלייה. דאָס זענען געווען שעהן און טעג פון עליית־נשמה.

פסח תש״ו איז געווען אַ פּסח, ווען דער ישוב אין ארץ־ישראל האָט מיט זיין תענית מנצח געווען די ענגלישע מאַנדאַטאָרן־מאַכט מיט איר גרויסער אַרמיי און פּלאַן.

דאָס מעפּילים־שיפל ״דב הוז״ האָט מנצח געווען די ענגלישע קריגסשיפן, און אין די גאַסן פון ארץ־ישראל האָט דאַן געהילכט דער פייט־יוצר, וועלכן מען זאָגט פּסח: ״שירה חדשה שבחו גדולים!״



פון די "זאַמלונגען"

מיר האָבן אַרויסגעקראָגן פון די היסטאָרישע אַרכיוון די שוין פאַרגעלטע דינע בלעטלעך פון "זאַמלונגען", אַרויסגעגעבן דורך אַפּטייל פאַר קאָמוני־קאַציע מיט די גלות־לענדער (המדור ליחסים עם הגולה). די "זאַמלונגען" זענען דערשינען אויך אין יידיש און זענען פּאָפּולער געווען פאַר, בעת און אַ שטיקל צייט אויך נאָך דער באַפרייאונגס־מלחמה פון ישראל. די "זאַמלונגען" זענען רעדאַקטירט געוואָרן דורכן שעף פון המדור ליחסים עם הגולה — ראובן רובינשטיין.

מיר דרוקן איבער פון "זאַמלונגען" נומ. 36 שלאַכט־עפּיזאָדן, אַרויס־גענומען פון אַ דאָן דערשינענעם בוך אונטערן נאָמען "בכל מאודם" ("מיטן גאַנצן וועזן"). דער מחבר — אַ באַקאַנטער העברעישער שריפטשטעלער יהושע בר־יוסף.

יהושע בר-יוסף

אַט אַזוי האָבן זיי געקעמפט

"וואַרף ווי דו ווילסט !"

דעם 14טן דעצעמבער 1947 איז געשיקט געוואָרן אַ טראַנספּאָרט קיין בן־שמן — וואָס איז שטאַרק אָנגעגריפן געוואָרן דורך די אַראַבער. אין טראַנספּאָרט איז געווען אַ לאַסט־אויטאָ אָנגעלאָדן מיט זעק מעל. צווישן די זעק זענען געזעסן 12 מאַן. די לאַסט־אויטאָ איז פאַרהאַלטן געוואָרן ביַי דער אָפּצוימונג נעבן לאַגער פון אַראַבישן לעגיאָן אין בית־נאַבאַללה. אַ שרעקלעך פיַיער איז געעפנט געוואָרן אויף דער מאַשין פון צענדליקער אויטאָמאַטישע ביקסן. די 12 בחורים האָבן זיך פאַרשטעקט אונטער די זעק מעל. זיי האָבן מיט זיך נישט געהאַט קיין געווער, וואָס זאָל צילן אויף אַ וויַיטע שטרעקע, יעדער, וואָס זאָל זיך עטוואָס אַרויסשטעקן איבער די זעק, האָט געמוזט אומבאַדינגט געטראָפן ווערן דורך אַ קויל.

דער ליַיטער פון דער אָפּטיילונג האָט געגעבן אַ באַפעל דעם זעלנער משה דולגין צו וואַרפן אַ גראַנאַט. דולגין פרעגט דעם קאָמאַנדיר, צי זאָל ער וואַרפן דעם גראַנאַט ליגנדיק, בלינדערהייט, אָדער שטייענדיק. זיין שאלה איז געווען אַ האַרבע און דער קאָמאַנדיר האָט זיך לאַנג געקווענקלט, וואָס אים צו באַפעלן. צום סוף האָט ער געענטפערט: "וואַרף ווי דו ווילסט!" — משה דולגין האָט זיך דאָן

א הייב־געטאָן פון אָרט און א שלײַדער־געטאָן דעם גראַנאַט. ער איז געטראָפן געוואָרן אין קאָפּ דורך אַ בינטל קוילן און איז דערהרגעט געוואָרן אויפן אָרט.

שווער פאַרוואונדעט, אָבער קאָמאַנדירט ווײַטער

אין דער געגנט פון כפר־סולד האָט געבושעוועט אַ גרויסע אַראַבישע כנופיה. דעם 12־טן יאַנואַר 1948, האָט די כנופיה אָנגעגריפן דעם ישוב. דער קאָמאַנדיר פון דער אָפּטיילונג שמואל שוואַלב איז אַרויס מיט צען זעלנער קעגן די באַנדיטן. זיי זענען אַרויסגעפאָרן אויף אַן אָפענעם טענדער און זענען שטאַרק אָנגעגריפן געוואָרן נעבן דער אָפּצוימונג, וואָס די באַנדע האָט אָוועקגעלייגט אויף וועג. ווען זיי האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרטיידיקן קעגן דער אַראַבישער פּאָזיציע, וואָס האָט געציילט אַרום 30 מאַן, זענען זיי באַלד אָנגעגריפן געוואָרן אויך פון דער צווייטער זײַט פון כביש. די אָפּטיילונג האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויפן אַראַבישן איבערפאַל פון הינטן, האָט זיך אַ וואָרף־געטאָן אויף דער פּאָזיציע, האָט פאַרטריבן די אַראַבער און זיך געלאָזט נאָכיאָגן די אַנטלויפנדיקע באַנדיטן.

אָבער באַלד האָבן פון אַלע זײַטן אָנגעהויבן זיך צוזאַמענלויפן אַראַבישע פאַרשטאַרקונגען. פּלוצלינג האָבן די ייִדישע זעלנער אַנטדעקט, אַז זיי זענען אַרומגערינגלט פון אַלע זײַטן. שוואַלב האָט גלײַך פאַראָרדנט אַן אָרגאַניזירטן ריקצוג, האָט געמונטערט זײַנע מענטשן מיט וויצן און האָט דעם גאַנצן וועג געדעקט מיטן פײַער פון זײַן ביקס דעם צוריקטריט פון זײַנע חברים. ער איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן אין בויך, אָבער ער האָט גובר געווען דעם ווייטיק, האָט ווײַטער געפירט די אָפּטיילונג, געגעבן באַפעלן, געשאָסן צום שונא און האָט סוף־סוף געבראַכט אַלע זײַנע זעלנער בשלום צוריק קיין כפר־סולד. די אַראַבישע כנופיה איז פאַרטריבן געוואָרן און האָט פאַרלאָרן דערבײַ 19 מאַן.

פאַרן פּרײַז פון זײַן לעבן...

אין אָנהויב פעברואַר 1948 איז שמואל קורי געפאָרן מיט עטלעכע זײַנע חברים קיין להבות־הבשן. דאָס איז געווען אַ קליינע טראַנספּאָרט־גרופּע פון דרײַ פּאַנצער־אויטאָס. אונטערוועגס איז די גרופּע אָנגעגריפן געוואָרן מיט אַ שווערער שיסערײַ מצד די אַראַבער פון די שכנותדיקע דערפער. דער כביש איז געווען איבערגעצוימט מיט פיר אָפּצוימונגען פון גרויסע שטיינער, אויף אַ מרחק פון 20 מעטער צווישן איין אָפּצוימונג און דער צווייטער. פון בײדע זײַטן אָפּצוימונגען האָבן זיך פאַר־שטעקט די אַראַבער. שמואל קורי איז תיכף אַראָפּגעשפּרונגען פון אויטאָ און האָט אָנגעהויבן אַראָפּצוקײַקלען די שווערע שטיינער פון כביש. די אַראַבער האָבן אים דערזען און געעפנט אויף אים אַ פײַער. זײַנע חברים פון די פּאַנצער־אויטאָס האָבן אים נישט געקענט דעקן, ווײַל זיי האָבן געהאַט נאָר סטענען און די אַראַבער האָבן זיך געפונען מחוץ פון פײַער־קרײַז פון אַ סטען. פון דעסטוועגן איז שמואל

קורין געלונגען אַראָפּצושאַרן די גרויסע שטיינער פון די ערשטע דריי אָפּצוימונגען. ווען ער האָט אָנגעהויבן קייקלען די שטיינער פון דער פערטער אָפּצוימונג, איז ער געטראָפן געוואָרן דורך אַן אַראַבישער קויל און איז געשטאָרבן אויפן אָרט.

פאַרן פריי'ז פון זיין לעבן האָט ער דורכגעבראָכן אַ וועג פאַר דער קליינער טראַנספּאָרט־גרופּע.

איינער אַליין!

בשעת אַן איבערפאַל אויף שפרעם, ווו ס'האָבן זיך געהאַלטן די אַראַבער, איז אַן אָפּטיילונג פון צבא ההגנה לישראל דערגאַנגען ביז אַ הויז, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ בערגל נישט ווייט פון דאָרף. די יידישע זעלנער האָבן אויף אים געעפנט אַ פייער פון סטענען. אויפן דאַך פון הויף זענען געווען קוילן־וואַרפערס און אויטאָמאַטישע ביקסן. אַ העלפט פון די יידישע זעלנער איז גיך געטראָפן געוואָרן דורכן שווערן פייער. עס איז געגעבן געוואָרן אַ באַפעל צוריקצוטרעטן, אָבער דאָס איז געווען אוממעגלעך צוליבן פייער, וואָס האָט געדעקט דעם גאַנצן שטח.

יאיר רחלי האָט זיך אַרויסגערופן פרייוויליק צו גיין אַליין קעגן דעם אַראַבישן הויז. ער האָט צונויפגעזאַמלט די גראַנאַטן פון אַלע זיינע פאַרוואונדעטע און געפאַלענע חברים, איז דערקראָכן ביז דער טעראַסע פון הויז און האָט אַ הין אַריינגעשלײַדערט 5 גראַנאַטן. דער מיט האָט ער פּאַראַליזירט דאָס אַראַבישע פייער און די יידישע זעלנער האָבן באַוויזן צוריקצוטרעטן און מיטגענומען מיט זיך די פאַרוואונדעטע און דערהרגעטע.

צווישן פייער פון גראַנאַטן

אַ לאַסט־אויטאָ האָט געפירט דעם 15־טן מערץ 1948, פאַרשיידענע שוץ־מאַטעריאַלן און שטעכיקן דראָט צום יידישן צפת און איז געבליבן שטעקן אין אַ גראָבן ביים אַריינגאַנג אין יידישן קוואַרטאַל. די אַראַבער האָבן געעפנט אַ פייער. דעם שאָפער איז געלונגען אַרויסצודרייען זיך פון אויטאָ און צו קומען קיין צפת. זיין מאַשין איז געבליבן שטעקן אין גראָבן. די באַשיצער פון דער שטאָט האָבן נישט געקענט מוותר זיין אויף די נייטיקע מאַטעריאַלן. אַ פאַנצער־אויטאָ מיט קעמפער האָט זיך געלאָזן אין וועג אַריין ברענגען די לאַסט־אויטאָ, אָבער די ענגלענדער האָבן דער גרופּע נישט דערלויבט צוצוקומען צום אָרט. זיי האָבן געגעבן אַ דערלויבעניש נאָר דריי מענטשן, זיי זאָלן אַליין זיך אַראָפּלאָזן אין גראָבן און אַרויסשלעפּן די מאַשין. דריי מענטשן האָבן זיך פרייוויליק געמעלדעט צו דער דאָזיקער אויפגאַבע און האָבן אַראָפּגענידערט אין אַראַבישן שטח. פון דער יידישער זייט האָט מען זיי געגעבן אַ פייער־דעקונג, כדי נישט צוצולאָזן צו זיי די אַראַבער, אָבער די אַראַבער האָבן די גאַנצע צייט געשלײַדערט אויף זיי גראַנאַטן.

צווישן די דריי פרייוויליקע איז געווען שמחה גאָלדמאַן, וואָס איז אַליין אַראָפּ

פון אויטאָ און צווישן די גראַנאַטן, וואָס האָבן זיך כסדר געשאָטן אויפן דאָזיקן פּלאַץ, האָט ער צוגעבונדן די לאַסט־אויטאָ צו דער פּאַנצער־אויטאָ. די מאַטעריאַלן פון דער הגנה זענען אָן שום פאַרלוסטן געבראַכט געוואָרן קיין צפת.

די שמחה פון מרים

דער בנין פון קרן קיימת בײַם אַראַבישן דאָרף בית־דג׳ן איז געשטאַנען ווי אַ בײַן אין האַלדז די אַראַבישע באַנדיטן. דער בנין איז געשטאַנען האַרט נעבן כּביש, וואָס איז געווען דער הויפּטנערוו אין דער קאָמוניקאַציע פון די אַראַבער פון יפו קיין רמלה. דאָס איז געווען אַ פאַראייזנצלטער אינזל אין מיטן אַראַבישן ים און די באַשיצער פון בנין האָבן אָפּגעשטויסן אַלע פאַרצווייפלטע אָנגריפן פון די אַראַבישע כּנופיות.

דעם 18־טן מערץ 1948, איז פאָרגעקומען דער שווערסטער אַטאַק פון די אַראַבער אויפן בנין. דער בנין איז אינגאַנצן צעשמעטערט געוואָרן און די הגנה־אָפּטיילונג אונטער דער קאָמאַנדע פון יצחק דאַווידזאָן, האָט זיך טיף אײַנגעגראָבן אין דער ערד און איז געבליבן כּמעט אָן געווער. די לאַגע איז געווען האָפענונגסלאָז. אין בונקער איז געזעסן בײַם ראַדיאָ־אַפּאַראַט די פאַרבינדלערין מרים צײַלינגאָלד, וואָס שטאַמט פון דער שכונת־מונטיפיורי אין תל־אביב. פון אָנהייב אָוונט ביז האַלבער נאַכט האָט זי אונטערגעהאַלטן די פאַרבינדונג מיטן שטאַב. זי האָט גענומען צוויי גראַנאַטן און אָוועקגעלייגט נעבן זיך. ווען מ׳האָט זי אָנגעפרעגט פון שטאַב וועגן דער לאַגע, האָט זי געענטפערט מיט שמחה, אַז זי האָט בײַ זיך צוויי גראַנאַטן, איינעם כּדי אויפצורײַסן דעם אַפּאַראַט און דעם צווייטן — זיך אַליין, כּדי זי זאָל נישט אַרײַנפאַלן אין די הענט פון די אַראַבער...

זי האָט אָבער נישט באַדאַרפט זיך באַנוצן מיט אירע גראַנאַטן, באַלד איז אָנגעקומען אַ יידישע פאַרשטאַרקונג, וואָס האָט אָפּגעשטויסן די אָנגרייפער.

יוסף קערלער

פון לידער-ציקל ״אַבי געזונט״

(1987)

*　*
*

ביימער, ביימער — מנורות
פֿלאַמען מיט גרינער ליכט . . .
מיט אַלץ וואָס איך האָב שוין פֿאַרלוירן
קום איך אַ גאַנצער צו זיך,

וואָלקנס, וואָלקנס — טליתים
צעפּלאַטערט אין טיפֿסטער בלוי —
מיט אַלץ וואָס איך ווייס און כ׳ווייס ניט
כ׳האָב זיך אין גאַנצן פֿאַרטרויט

צום לענדל — ס׳געזאַנג פֿון די ביינער,
וואָס איז מיר לנצח באַשערט
און צוריקפֿליִען וועלן די שטיינער
צו די, וואָס באַהאָגלען מײַן ערד.

יאַנואַר 1988.

*　*
*

ווי שווער און ווי עקשנותדיק,
מײַן שיינער בוים פֿאַרוואָרצלט איז
אין ערשט, נאָר-וואָס
פֿאַרוויסטן און פֿאַרוואַרלאָזטן,
אין האַרטן גרונט ! . . .
און כ׳בעט פֿון טיפֿסטער שטילקייט :
פֿאָטער האַרציקער, אַבי געזונט !

צי האָט איר ווען געהערט,
ווי ס׳קרעכצן שטײַפֿע צווײַגן
פֿון פּירות צײַטיקע באַשווערט,
ווי ס׳ברויזן אין מײַן יחוסדיקן שטאַם,
ווי ס׳קלינגען איבער זיך
דער בלויסטער הימל
מיטן זיסטן פֿידל-ים ?

און איבערפֿולט ווי אָט דער בוים
מיט קראַפֿט, מיט זוניקייט און זאַפֿט
אויף אָט דער אויסגעבענקטער ערד,
אויף אָט דעם אויסגעפּלאָגטן גרונט —
כ׳בעט אַלץ פֿון טיפֿסטער טיפֿקייט :
פֿאָטער האַרציקער, אַבי געזונט !

דער דאָקטער זאָגט...

דער דאָקטער זאָגט :
מען מוז אַן אַנדער האַרץ,
אַ יינגערס
מוז מען איבערפֿלאַנצן...
און מײַנס ? מײַן אַלטס ? —
אַרײַנוואַרפֿן אין סמיטניק ?...
כ׳זאָל זיך אַליין אַריבערטאַנצן,
ווי ס׳פּרוּווט עס אַ סמאַרקאַטש,
אַ ביטניק ?
מוחל !

מײַן האַרץ, מײַן טרײַס,
מײַן האַרץ, מײַן אַפּגעטראַגנס,
געטיאַכקעט האָסטו שטאָלץ און פֿרײַ
דורך אַלע בייזע פּלאָגן אין דער פֿרעמד,
ווען ס׳האָט מײַן לײַב געוויינט
בײַם דם שונא אין קלעם,
צי מעג איך דען,
צי טאָר איך זיך אויף דיר באַקלאָגן ?...

דער דאָקטער זאָגט,
טאָ זאָל ער זאָגן !

מײַן האַרץ, מײַן טרײַס,
מײַן אָפּגעטראָגן האַרץ,
פֿון קינה קרענקלעבער
האָסט קיין מאָל נישט געקוואַרט
און ווײַל פֿאַראייגנט האָסטו זיך
די ברכה פֿון פֿאַרגינען,
פֿון בלוט מײַנעם —
די אויסגעחלומטע נגינה
האָסטו צו הערצער קרובישע
געטראָגן . . .

דער דאָקטער זאָגט ? —
טאָ זאָל ער זאָגן !

פֿאַרבלײַבן וועסטו שוין, מײַן האַרץ
מיט מיר צוזאַמען
און ביז צום לעצטן פֿונק
און וויפֿל ס׳איז באַשערט
צוזאַמען וועלן מיר דערפֿלאַמען
אויף אָט דער זיסער ערד.

זײַ מוחל . . .

זײַ מוחל, טאַטע ליכטיקער, —
ווען זײַן כ׳וואָלט אויף דײַן פּלאַץ, —
פֿון אָט דעם יוסף קערלערן,
וואָלט מײַן געדולד געפּלאַצט.

געננוג — וואָלט איך אַ ברום געטאָן :
האָט איר אַזוינס געהערט :
זײַן חוצפּה ווידערשפּעניקע
מײַן דרימל האָט צעשטערט !

טאָ זאָל מען אים אַ פֿרישינקן
אַ נעם טאָן בײַ דעם פּעלכל,
אין קייטן קאָוועג דעם הולטאַי,
אַזוינעם און אַזעלכן.

און קלאַפּן זאָל מען אַ דעפּעש
און סראַטנשע — גלײַך צו סמאָלן:
אַ קעסל זאָל ער אויפֿזידן
מיט קאָכעדיקער סמאָלע...

פֿאַר די חטאָים זאָל מער פֿריר
די ביינער זײַנע דרעשן,
דערנאָך ערשט זאָל מען פּרעגלען אים —
דער פֿלאַם זאָל זיך נישט לעשן!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָר אויב אַ קלער טאָן צריק-גערעדט:
ס'איז דאָך אַזאַ מין איינער,
בײַ וועמען מ'האָט ניט איין מאָל שוין
געדראָשן זײַנע ביינער!...

און ווידער טאַקע צריק-גערעדט:
וואָס מאַכט עס אויס פֿאַר יענעם,
וואָס איז בײַם לעבן זאָט געוועין
מיט פֿײַער פֿון גיהנום?...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

נו, זינדיק איז ער, זינדיקלעך
געוועין אויף אָט דער ערד,
נאָר... זינגענגדיקער לעבנסגאַנג
איז אויבעט עפּעס ווערט!

שמײַסן אים? צערײַסן אים,
צערײַבן אים אויף שטויב?
צי וועט ער עפּעס אָנווערן
פֿון דעם אין וואָס ער גלויבט?

און גלויבן, גלויבט ער דאָך
אין מיר,
ווער ווייסט עס דען ווי איך?
ווייל געטלעך איז די מענטשלעכקייט
אין אייביק וואַכער ליכט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

זײַ מוחל, פֿאַטער האַרציקער, —
ווען זײַן כ'וואָלט אויף דײַן אָרט, —

וואָלט איך זיך עטוואָס אײַנגעהערט
אין יוסף קערלערס וואָרט.

* *
*

ווען ס׳קריכן שוין ווידער פֿון האַלדז
די ווערטער וואָס ווערן דערווידער,
באַדאַרף מען אַ פֿײַף טון אויף אַלץ
און ווידער זיך נעמען צו לידער,
צו לידער, ווי לעבעדיק ברויט,
ווען ס׳פּוכניען אַזוי פֿיל פֿון הונגער,
כאָטש העלפֿן דו קענסט אויף קיין לויט
און ס׳קען אויף קיין גראַם נישט געלינגען
כאָטש ראַטעווען איינעם פֿון די,
וואָס שטרעקן די אָרעמס פֿון פֿלאַמען —
מעגסט ברעכן דעם קאַרק אין געפֿלי
אויף הימלש-צעפֿליגלטע גראַמען . . .

אַזוי צו זאָגן

מײַן מוזע זאָגט:
— מע מוז ניט ?
מע מוז ניט פֿאַר די אויגן
שווינדלען,
ווען ס׳יידלט ניט,
ווען ס׳פֿידלט ניט,
מע מוז ניט לידלען . . .
די מילדע פֿליגל וועט אַלציינס
ניט שפּרייטן איבער דיר
די שכינה,
כל-זמן אין יעדער שורה
וועט קיין בלוט קיין בריענדיקס
ניט רינען,
כל-זמן דעם גרײַזן שטיין
סע שפּאַלט נאָך ניט דאָס גרינע גראָז

און ס׳קלינגט נאָך ניט באַפֿעלעריש
אין דײַן געביין דער גרויסער מוז —
פֿון מויל קיין וואָרט ניט,
דו מוזט ניט
און דו טאָרסט ניט!

נאָכן ערשטן סך הכל

דאָס לעבן, ברודער-לעבן,
ווײַט איז פֿון גן עדן-חלום,
וווּ ס׳פּיטערן זיך
וואָלף און לאָם בשלום...

דער וואָלף דאָ
קוואָרט און דאָרט,
כאָטש נעם פֿאַרלייג די ציינער
אין לאָמבאָרד,

דער וואָלף דאָ
זיך פֿאַרגייט פֿון ווייטיק,
ווײַל ס׳בלײַבט שוין באַלד ניט
וואָס אין מויל צו נעמען —
פֿון קינאה-שינאה פֿרעסן
איינס דאָס צווייטע
די לעצטע לעמער.

* *
*

פאַר אַניען

שטאַרקער ווײַן
פֿון טיפֿן קעלטער —
יונגע ליבשאַפֿט
אויף דער עלטער,

שקיה-שײַן,
אַ הייס-צעגליטע
אויף די ווײַס מײַנע
ציטערט,

מילדער סוד
אין ליד פֿאַרטײַעט —
אויפֿגײן זאָל אויף ס'נײַ
מײַן פֿײַער :

— גוטע נאַכט,
מײַן זון-פֿאַרגאַנג
— אַ גוט-מאָרגן,
זון-געזאַנג !



אַלט ירושלים (גואַש) — קינסטלער וו. סאַנין

שמואל איזבאַן / ניו־יאָרק

אַ יידישער רעסטאָראַן אין אַלט־יפו

(פֿון אַ ראָמאַן)

— א —

די תל־אביבער אײַנוווינער האָבן זיך שוין געהאַט אַרויסגעשאָטן איבער דער שטאָט. אַלט און יונג האָבן פאַרפולט די גאַסן, די זאַמדיקע פלעצער און אָפענע שייד־וועגן. מיט שפּאַנונג האָבן זיי אָפּגעוואַרט דעם פאַרביקן קאַרנאַוואַל־צוג, די פײַערונג פון יום טוב פורים.

די דרײַ הויפּט־גאַסן זענען נישט געווען דורכצוגיין. אין די ראָגן זענען געווען אויפגעשטעלט הויכע האָלץ־טויערן מיט אויסגעמאָלטע מגילה־העלדן. אחשורוש אויפן היסב־בעט, מרדכי אויפן פערד, המן מיט די בנים אויף דער תליה. דורך די טויערן ווי דורך טונעלן, האָבן געצויגן שערענגעס פורים־שפּילערס. דורך די געפּאַקטע טראָטואַרן האָבן זיך געשטופּט גאַנצע פאַרטיעס קאַפּיטאַנען, פּרינצן, מאַהאַראַדזשעס. דער בלישטש פון זייערע גאָלדענע מונדירן, דער גלאַנץ פון די זײַדענע טורבאַנען און געשטרײַפטע סוטאַנעס האָט געבלענדט אין די אויגן. פון יעדן ווינקל האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּערײַ פון גראַגערס. דאָס אַנלויפנדיקע קליינוואַרג האָט געלאָזט אין גאַנג שיס־פּולווער און רעוואָלווערן־פײַער. דער המון האָט געפּלייצט פון אַלע שטאָט־עקן. און תל־אביב — פאַרשטעלט און פאַרמאַס־קירט — האָט אויסגעזען ווי אַ שושן הבירה.

צווישן די מענגעס, וואָס האָבן פאַרפולט די גאַסן, האָבן זיך אויך געפונען לייב קאַרפּ און זײַן משפחה. ער האָט קוים געפונען דעם וועג דורך די געדיכטע געפּאַקטע רייען, פאַר אים האָט די גאַנצע פּראָצעסיע אויסגעזען ווי אַן אַנטפּלעקונג, ווי אַ ווונדער. דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן ווי ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף ייִדן פון אַזוי פיל שבטים און עדות. ס'ערשטע מאָל ווי ער האָט אָנגעקוקט אַזאַ פיל־פאַרביקייט, נישט בלויז אויף מלבושים, נאָר אויך אויף הויטן און פּנימער. דאָ האָבן שפּאַצירט משפחהווייז דאַרע, טונקלהויטיקע מיט געקרויזטע פּאות און שיטערע בערדלעך, דאָרט האָבן געשפּאַנט ברייטגופיקע ספרדים אין זייערע קאָלירטע שטרייף־כאַלאַטן. ניכטערע אשכנזים האָבן זיך אויסגעמישט מיט הייס־בלוטיקע שפּאַניאָלער. און הינטער דעם געדראַנג האָבן זיך אַרויסגעזען די רויטע פּעסקעס פון אַראַבער, וואָס זענען נײַגעריקע אָנגעקומען פון יפו און פון די שכנותדיקע דערפער, ווער — צופוס, ווער — רײַטנדיק אויף אייזלען. טייל זענען אפילו אָנ־געקומען מיט זייערע משפחות צו באַוווּנדערן ווי אַזוי די "יאַהוד" פײַערן זייער יום טוב פון שפּאַס, דעם טאָג פון "מאַסחאַראַ", פון פאַרווײַלונג.

אין לייב קאַרפּן האָט געקוואָלן אַ גרויסע פרייד. און ווי נאָר ער האָט דערזען אַ נײַע מאַסקע, אַן אויסטערלישן קאָסטיום, האָט ער מיט באַגײַסטערונג אַרײַנגערעדט אין זײַן ווײַב, אין דעם זון, אין דער טאָכטער. ער האָט זיי דערקלערט דעם באַדײַט פון די פאַרביימאַרשירנדיקע מאַסקעס, געהייסן, זיי זאָלן זײַן אויפמערקזאַם צו די נישט געוויינלעכע קאָסטיומען און מזרח־קליידונג, ווײַל אין יעדער הלבשה איז דאָ אַ זין און אַ מיין. נישט קיין טאָג פון אויבערפלעכלעכער פאַרווײַלונג איז פורים אין ארץ ישראל, נאָר אַ יום טוב פון נקמה. נקמה דורך שפּאַס און שפּאָט איבער די אומצייליקע שונאים, וואָס שטייען אויף איבער אונדז אין יעדן דור.

אַז ס'איז פאַרביי אַ שעה, צוויי שעה און די געפּאַקטע מענגעס מענטשן האָבן פאַרשפּאַרט יעדן דורכגאַנג, דעמאָלט איז אלישבע, באַגלייט פון דער מאַמען, פאַרשוווּנדן פון דער געדיכטעניש אַרויס. זי איז אַוועק זיך גרייט צו מאַכן צום ביינאַכטיקן מאַסקן־באַל. לייב קאַרפּ איז צופרידן געווען פאַרבלײַבן בלויז מיטן זון. איצט האָט ער געהאַט אַ געלעגנהייט זיך אויסצוטענה'ן מיט בנימינען וועגן זײַנע אָפּטע קריגערײַען. ער האָט געפּרוּווט ווייכער מאַכן זײַן האַרטנעקיקייט, ברעכן זײַן ווידערשטאַנד צו אַלץ און צו אַלעמען. אָבער בנימין האָט זײַן עקשנות אויך דאָס מאָל נישט אויפגעגעבן. אַנשטאָט זיך צו פאַרענטפערן, האָט ער אַרויסגעשטעלט צום פאָטער טענות. ער האָט אַרויסגעוויזן אָפענע אומצופרידנקייט מיט דער פירונג אין הויז, אומצופרידנקייט מיט זיך און מיט אַלעמען. נישט דאָס זענען די צילן פון אַן אַריבערגעקומענער משפּחה אין ארץ־ישראל. דאָס באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל מיינט נישט דאָס טוישן פון איין סאָרט קרעמערײַ אויף אַן אַנדער סאָרט הענדלערײַ. דאָס מיינט אַ באַהעפטונג מיטן לאַנד. ס'מיינט אַן איבערגאַנג צו אַ נײַ לעבן, צו אַ נײַעם אינהאַלט. מנהגים און זיטן, וואָס האָבן געשווערט ווי קייטן אויף דעם ייִד דורך צוויי טויזנט יאָר, דאַרפן ווערן אָפּגעמעקט בײַם איבערטרעטן אָט די ערד.

לייב איז געווען פאַרחידושט פון די רייד. ער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי בנימין האָט אין פאַרלויף פון חדשים אָנגעזאַמלט אַזוי פיל העזה. בנימין רעדט זעלבסטשטענדיק, איבערצײַגנדיק, דערצו — מיט חוצפּה. און אויב ער, לייב, קען זײַנע פאָדערונגען נישט נאָכגעבן, ווייסט אָבער ער, בנימין, ווי אַזוי זײַנע מאָנונגען אַרויסצושטעלן. ערגעץ גראָבט ער, ערגעץ צילט ער. געדאַנקען רײַסן זיך אויס און ווערן צײַטיק. איינפאַלן בליצן אויף. עס איז דאָס קול פון דעם יונגן דור, וואָס וויל געוועלטיקן איבער דעם עלטערן. ס'איז דער אומפאַרמײַדלעכער געראַנגל צווישן דעם פאָטערס אומבאַהאַלפנקייט און דעם זונס פעסטקייט, און אַז עס וועלן וואַכן אַוועק, חדשים, — האָט לייב קאַרפּן געמאַטערט אַ פּאַראַדאָקס — און ער, דער פאָטער, וועט ווײַטער בלײַבן אָנמעכטיק נאָכצוגעבן זײַן זונס פאַרלאַנגען, וועט דער זון אין אַן אומגעריכטן טאָג זיך אויפהויבן און אַוועק פון פאָטערס הויז, ער וועט זיך לאָזן וואַנדערן איבער וועגן...

געשטערט צו טראַכטן אָט די געדאַנקען האָט אים דער פּלוצימדיקער טומל,

וואָס איז אויסגעבראָכן אַרום אים. פון אַלע זייטן האָט מען זיך גענומען שטופּן מיט הענט, מיט עלנבויגנס, מיט אַקסלען. דער המון האָט זיך צונויפגעשלאָסן אין אַ וואַנט; דאָס האָבן אַלע געגאַפט צו דער זייט פון דער הערצל־גאַס, פון וואַנען דער קאַרנאַוואַל־צוג איז אָנגעקומען.

אַ גאַלאָפּ פון לויף־פערד האָט אָנגעזאָגט, אַז די פּראָצעסיע הויבט זיך אָן. פאָרויס איז געפאָרן אַ לאַנגער בלוי־ווייסער אויטאָמאָביל, דעקאָרירט מיט צוויי הויכע טויערן, ווי לוחות. די טויערן זענען געווען געוויקלט אין בראָקאַט און אין זיידענע געוואַנדן. און איבער די טויערן — די זילבערנע עמבלעם פון תל־אביב, געשניצט און גראַווירט, — אַ צייכן און אַן אָנדייט, אַז די שטאָט פירט אָן מיט דעם פּאַראַד.

האַרט הינטער די טויערן איז נאָכגעריטן אויף זיין ווייס־געשפּריצט פערד דער ראש העיר, דער בירגערמייסטער פון תל־אביב, אָנגעטאָן אין גאַלאַ, מיט ווייסע הענטשקעס, און אויפן קאָפּ — אַ גלאַנציקער צילינדער־הוט. אַ ברייטער, אַ פעסט־געבויטער, זיין פּנים מוסקולירט, ווי ביי אַן אַטלעט, איז דער בירגער־מייסטער געריטן מיט אַזאַ שטאָלץ, ווי דאָס פערד זיינס וואָלט נישט געטראָטן איבער די שטיינער פון זיין שטאָט, וואָס ער האָט מיט זיינע אייגענע הענט אויסגעכאַוועט, נאָר גלייך ער וואָלט אַריינגעריטן אין די טויערן פון אַ פריש־דעראָבערטער פעסטונג.

דער באַגייסטערטער המון האָט אויסגעבראָכן אין אַ פּאַטשעריי. דאָס האָט מען אַפּלאָדירט דעם שטאָט־טאַטע, וואָס האָט מיט צוועלף יאָר צוריק איינגעגראָבן דעם ערשטן שטיין אין הייסן מדבר־זאַמד און איצט פירט ער אַרויס די טויזנטער איינוווינער צום גאַסן־פּאַראַד פון דער יונגער שטאָט.

די ערשטע תושבים פון תל־אביב האָבן גוט געדענקט, אַז דעם בירגערמייסטערס קאָפּ — דער קאָפּ פון דער שטאָט — איז נישט איין מאָל געווען אין געפאַר, אין צייטן פון גירוש, אין צייטן פון גזירות... זיי האָבן גוט געדענקט, ווי דער טערקישער הערשער דזשעמאַל פּאַשאַ האָט בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה אים אַריינגעזעצט אין דער געפענגעניש פון דמשק, געגרייט זיך אים צו הענגען, אויס פאַרדאַכט, אַז ער שפּיאָנירט פאַר ענגלאַנד. בלויז אַ נס — דער נס וואָס באַשיצט גלויביקע און שטאַרקע — האָט אים געראַטעוועט פון דער תליה.

סיי לייב, סיי בנימין זענען מיטגעריסן געוואָרן פון דעם המון, וואָס האָט געשריִען און געגעוואַלדעוועט פון פרייד. נישט איין מאָל איז זיי אַליין אויסגעקומען צו זען דעם בירגערמייסטער, ווי ער רייט אויף זיין טעגלעכן פרימאָרגן־שפּאַציר צום ים־ברעג. דער זעכציק־יאָריקער פּיאָנער און שטאָט־גרינדער האָט זיך געטראָגן אויף זיין פערד ווי אַ פלינקער יעגער, גרייט אָנצוקומען אין ווייטקייטן. דאָס איז די מי און דאָס איז דער לוין. מיט חלומות און מיט גבורה האָט מען געריסן שטיין און זאַמד, געפלאַנצט אַ נייעם ישוב אויסער די מויערן פון יפו. און היינט טראָגן זיך מענגעס איבער די גאַסן פון אַ פריידיקער און שאַלנדיקער שטאָט.

דער קאַרנאַוואַל האָט זיך גערוקט פאָרויס. איינס נאָך ס'אַנדערע האָבן זיך

פאַרבײַגעטראָגן אויף לאַנגע דעקאָרירטע וועגענער גרופּן־בילדער פון די אור־אַלטע צײַטן. דאָס ייִדישע פאָלק אין זײַנע איבערוואַנדלונגען דורך יאָרטויזנטער. צוערשט האָבן זיך געזען די צוועלף שבטים מיט כּלי־זין און מיט פּאַרביקע טראַכטן און געוואַנדן. די שבטים האָבן סימבאָליזירט די קריגסלײַט און די חיות, צו וועלכע דער שטאַרבנדיקער יעקב האָט זיי פאַרגליכן. יהודה — אַ רוענדיקער לייב וואָס קניט מיט גבורה און וואַרט צו באַפאַלן זײַן רויב... זײַן פעל וואַשט ער אין ווײַן און זײַן לײַב באָדט זיך אין בלוט פון טרויבן... זבולון — אַ וואַגלער איבער וואַסערן, וואָס זיצט בײַ די ברעגעס פון ים׳ען און ציט ווינט־זעגלען אויף די שיפן... דן — אַ שלאַנג וואָס שלײַכט אויף וועגן און אויף מדבר־שליאַכן און בײַסט די פּיס־פּיאַטעס פון לויפנדיקע פערד, כּדי אומצוּוואַרפן זייערע רײַטערס...

אַזוי האָט זיך פאַרבייגערוקט איין שבט נאָכן אַנדערן. איטלעכער מיט זײַן סימבאָל און מיט זײַן שליחות. דער באַגייסטערטער המון האָט אויפגענומען די היסטאָרישע גרופּן־בילדער מיט נישט ווייניקער פרייד, ווי ער האָט אויפגענומען די הײַנט־צײַטיקע סצענעס, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט דעם וווקס פון דעם נײַעם ארץ־ישראל. אָט האָט זיך געזען אַ פּאַרטיע וואַנדערנדיקע „בילויצים" מיט אַ סך יאָר צוריק, וואָס זוכן וואַסער אין מדבר, באַקן ברויט אויף דער זון און באַלד קעגנאיבער האָט זיך געשפּרייט דער הײַנטיקער, אויפבליִענדיקער עמק יזרעאל מיט ווײַנגערטנער, סעדער און זאַטע תבואה־פעלדער. די אויסדעקאָרירטע וועגענער האָבן זיך געצויגן ווי גוט־אויסגעשפּילטע טעאַטער־אַקטן. אַלץ האָט געלאַכט און מיטגעריסן. די בינע, די איבערגעטוענע פאַרשוינען, די לאַנדשאַפט.

אַלע האָבן געגאַפט מיט אויפגעריסענע אויגן, ווען ס׳איז פאַרבײַגעפאָרן בלשצאַרס קעניגלעכער פּאַלאַץ. בלשצאַר מיט דעם גאָלדענעם סצעפּטער, אַרומגערינגלט פון זײַן סוויטע און פון זײַנע הויף־ווײַבער, זויפט מיט אַלע פירשטן און שרים, וואָס זענען געקומען צום מאָלצײַט. און מיט אַ מאָל באַווײַזט זיך אַ פײַערדיקע האַנט איבער דער וואַנט און שרײַבט מיט כאַלדעיִשער שריפט דעם גזר: „מנא מנא תקל ופרסין"...

און פּלוצים איז גאָר אויסגעוואַקסן אַ פּאַטרול פון קאַווקאַזער ייִדן אויף פערד. די קאַווקאַזער האָבן זיך פאַרבײַגעטראָגן אין אַ ווילדן גאַלאָפּ. הויכע, בייניקע, אין ברייטע פּאַפּאַכעס, אין גרויע אָפּגעמאָסטענע שינעלן. באַוואָפנט ביז צו די ציין מיט ביקסן, קוילן־רימענס און שטילעטן, האָבן זיי זיך געוויגט אויף די זאָטלען ווי שדים און זיך געיאָגט ווי אויף אַ מלחמה־אַלאַרם.

הינטער דעם פּאַטרול האָבן זיך געשלעפּט גאַנצע משפּחות פון מידע אַלטע גרים מיט האַק און פּאַק. די גרים, באַוואַקסענע מוזשיקעס, געוועזענע פּראַוואָסלאַוונע, מיט בערד ווי בײַ רוסישע באַיאַרן, זענען נאָכגעגאַנגען זייערע שווער־באַלאָדענע בוידן. זיי האָבן אָפּגעזוכט דאָס צוגעזאָגטע לאַנד און מיט פרייד געגאַנגען צו זייערע נחלאות.

יעדע פאַרבײַמאַרשירנדיקע גרופּע מיט טראַנספּאַרענטן און פענער, יעדער אויסטערלישער קאָסטיום האָט געהאַט אַ מיין, אַן אָנצוהערעניש, אַז די געפאַלענע

יהודה, וואָס איז דורך יאָר־טויזנטער געווען צעשפּרייט, צעשטויבט, וואַכט איצט אויף — ווערט ווידערגעבוירן.

ס'איז שוין געווען פאַרנאַכטלעך, ווען די לעצטע דעפּילאַדעס האָבן זיך געטראָגן איבער די גאַסן. די זון האָט זיך געזעצט און אַ טונקלקייט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דער שטאָט. דער המון איז שוין געוואָרן שיטערער. ווידער האָט זיך פאַרטראָגן דאָס קנאַלן פון דינאַמיט און שיס־פּולווער. ראַקעטעס האָבן אויפגעריסן און די לופט איז פול געוואָרן מיט דעם געבראַזג פון קאָלירטע, קנאַקנדיקע פייערן.

לייב קאַרפּ מיטן זון זענען, נאָכגייענדיק דעם קאַרנאַוואַל־צוג, צוגעקומען צו דער יהודה הלוי־גאַס, וואָס פירט צו די שמאָלע, ענגע ליקעס פון דעם נוה צדק־קוואַרטאַל. זיי האָבן נאָכגעקוקט דאָס לעצטע בילד. ס'איז געווען אַ ברייט, רייף פעלד, ווו עטלעכע יידן אין יאַרמעלקעס, אין קאַפּאָטעס, געוועזענע לופט־הענדלערס פון פּוילן, זענען דאָ, אין לאַנד, באַשעפטיקט געווען מיטן שניט. זיי האָבן זיך געבויגן הינטער די פולע בייטן תבואות, האָבן אונטערגעשניטן די זאַנגען מיט קאָסעס, געבונדן אין גאַרבן און זיי געוואָרפן אויף געשפּאַנטע וועגענער, וואָס האָבן געפירט די תבואות צו די שפּייכלערס . . .

לייב האָט אָנגענומען דעם זון פאַר דעם האַנט.

— ווי געפעלט דאָס דיר, בנימין ? — האָט ער געפרעגט.

— דאָס איז דער זין פון ארץ ישראל, טאַטע — האָט בנימין אַ שטראַלנדיקער געענטפערט — און מיר אַלע דאַרפן אויך ווערן ווי זיי !

— נישט דו, בנימין. דו דאַרפסט לערנען, דאַרפסט ווערן אַן אינזשעניר, אַ קאַנאַל־גראַבער . . . לאָמיר נאָר מיט גאָטס הילף זיך איינשטעלן מיט פרנסה. אָט גייט מען ציִען וואַסער־רערן איבערן גאַנצן לאַנד. מען גייט בויען קאַנאַליזאַציע. אויסער דער שטאָט וועסטו אפשר אויסוואַקסן אַ גוטער אַגראָנאָם, אַ גוטער פּויער. אָבער ארץ ישראל דאַרף נישט ווייניקער מאַשינען־אינזשענירן, ווי יונגע פּויערים.

בנימין איז נישט געווען איינשטימיק מיט דעם פאָטערס ענטפער. ער האָט געהאַט זיינע אייגענע פּלענער. ער האָט געוואָלט גיין אין דער אַגריקולטור־שול אין מקוה ישראל. אויב שוין יאָ ווערן נוצלעך פאַרן לאַנד, פאַר וואָס נישט זיין באַשעפטיקט ביי דער ערד ? פאַר וואָס נישט אַכטונג געבן אויף די פלאַנצן און זוימען ? די ארץ־ישראל־ערד, אַ פאַרלאָזענע, נישט־דורכגעאַקערטע וואַרט דאָך אויף הענט, אויף פיל טויזנטער הענט, וואָס זאָלן זי צערטלען און לאַשטשען.

ער האָט זיך אָנגערופן : — זעסט, טאַטע, דיין דור האָט אַלץ פאַרשפּעטיקט. און די פאַרשפּעטיקטע פון דיין צייט האָבן אפילו נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו שנאַפּן דעם ריח פון די גרודעס . . . אָבער מיר, דער יונגער דור, קענען זיך נאָך צובינדן צו דער ערד. מיר דאַרפן זיך קלאַמערן אין איר, מיר מוזן זיך איינבייסן אין דער ערד מיט ציין־און־נעגל און אָפּווישן דעם בלבול וואָס מען האָט אויף אונדזער פאָלק אַרויפגעלייגט, אַז מיר ווילן זיין וואָס העכער אין דער לופטן און אַלץ ווייטער פון די וואָרצלען . . . דו, טאַטע און אַלע פון דיין דור, דערלאָזט נישט, אַז מיר, די נאָכקומערס זאָלן בלייבן אַדלערס אָן פליגלען . . .

לייב האָט געדריקט צו זיך דעם זון. נישט בלויז די ווערטער, נאָר אויך דאָס קול איז פאַר אים געווען נײַ. אונזערע זין, שטאָלצע אָדלערס זענען זיי, און וואָס וועט זיך דערוועגן אָפּצושניידן זייערע פליגלען? צו אַזאַ קול דאַרף מען זיך צוהערן. אַזוינע ווערטער בלײַבן ערגעץ שטעקן. די ווערטער רופן און מאָנען.

לייב איז געגאַנגען אַ פאַרטראַכטער. ביידע האָבן אַרײַנגעדרייט אין די שמאָלע געסלעך פון נוה צדק, אויפן וועג אַ היים. ס'איז געווען נאַכט. דער הימל טיף און בלוי, איז שוין געווען באַשאָטן מיט שטערן, איבער אַלע גאַסן האָט איצט געקנאָלט אַ נישט אויפהערלעכע שיסערײַ, קאָלירטע ראַקעטעס — בלוי, פּיאָלעט, פּורפּור־רויט — האָבן אויפגעריסן און געמאָלן איבערן הימל אויסטערלישע פיגורן. ליכט־פּראָזשעקטאָרן האָבן זיך געצונדן, און תל־אביב איז געוואָרן באַלויכטן מיט די פייערן פון שושן הבירה.

— ב —

די שווערע רעגנס, וואָס גיסן אין די קאַלטע ווינטער־חדשים, פאַרפלייצן מיט בענטשונג לאַנד־בערג און טאַל־פלאַכן, טרינקען אָן פּרדסים און ווײַנגערטנער און שווענקען די טרוקענע פון זון־דורכגעברענטע ערד — די רעגנס זענען דאָס יאָר געקומען שפּעט, ערשט סוף אָדר.

לייב קאַרפּ איז אַרומגעגאַנגען אַ צערודערטער. דער געדאַנק, וואָס מען הויבט אָן צו טאָן איצט, האָט אים געמאַטערט, און געמאַטערט שטאַרק. דער עול צו שפּײַזן די פאַמיליע איז געווען גרויס. און וויפל ער האָט זיך נישט באַראָטן מיט נאָענטע, געזוכט לאַנדסלײַט — צו קיין אויסוועג איז ער נישט געקומען. רחל האָט שוין אפילו געטראַכט וועגן דינגען אַ שטעלע אין מאַרק. לייב האָט אין זינען געהאַט צו עפענען אַ שפּײַז־געוועלב, פּונקט אַזאַ מסחר ווי ער האָט געפירט אין פּוילן, נאָר אין אַ קלענערן פאַרנעם. ער האָט אָפט מאָל געקלערט וועגן גיין אַליין אַרבעטן אויף אַ בנין.

ביז איין מאָל איז צו אים פאַרפאָרן פון פּתח־תקוה אַן אַלטער קאָלאָניסט יוסיפון. דער קאָלאָניסט איז געווען לייבס אַ בן עיר, אַ וואָלאָצלאַוועקער. ער האָט פאַרלאָזט פּוילן נאָך מיט דרײַסיק יאָר צוריק, זיך באַזעצט אין דעם ערשטן און עלטסטן דאָרף אין גליל און איז געוואָרן אַן ערד־מענטש. דערוויסנדיק זיך, אַז לייב קאַרפּ מיט זײַן משפּחה האָט זיך אַריבערגעשיפט קיין ארץ־ישראל, האָט ער באַשלאָסן אים צו באַזוכן.

יוסיפון, גרוי און קנאַכיק, מיט אַ קופּערנעם פּנים, האָט באַלד נאָכן אַרײַנקומען אין לייבס שטוב געעפנט אַ לייוונטענעם זעקל. ער האָט אַרויסגעלייגט אויפן טיש אַ קאַרטאָפל, אַ ציבעלע, אַ פּאָמעראַנץ און זיך אָנגערופן:

— זעסט, אָט די פּירות קומען פון דער ערד. פון דער ארץ־ישראל־ערד... און דאָס איז דער תכלית פון לעבן. דער פּסוק: "בזיעת אפיך תאכל לחם" איז נישט געווען קיין קללה, נאָר אַ ברכה... דאָס האָט געגעבן דעם מענטש אַ זין,

ער זאָל קענען דורכשפּאַנען זײַנע אָרעמע זיבעציק יאָר אויף דער ערד... כ׳וויל דו זאָלסט מיטקומען מיט מיר, זאָלסט זיך באַזעצן אין דאָרף.

צוזאָגן, אַז ער וועט זיך באַזעצן אין דאָרף האָט לייב נישט געקענט, אָבער מיטגעפאָרן אין דאָרף איז ער יאָ. ער איז בײַ דעם קאָלאָניסט געבליבן עטלעכע טעג. ער האָט באַטראַכט זיין ווירטשאַפט, די פינף דונאַם לאַנד, דעם ווײַנגאָרטן, דעם מאַנדל־סאַד. אין די בלויע פאַרטאָגן האָבן ביידע שפּאַצירט אויף זײַטיקע סטעזשקעס, צווישן געדיכטע פּרדסים און קנוילן מיט קאַקטוסן. דער טוי האָט געוואַשן די גראָזפּלאַכן. דער גרויער יוסיפון האָט גערעדט:

— דאָ וועסטו געפינען רו... אַלץ וואָס דו דאַרפסט איז אַ געקאַלכט שטיבל, אַ ברונעם און אַ פּלויט... זעסט אָט די פעלדער און ווײַנגאָרטנער? די העגגלעך טרויבן וועלן דיך רופן אין חודש סיון און די בייטן־תבואה וועלן אויף דיר וואַרטן אין שניטצײַט... און ווען דו וועסט זיך גוט אײַנבײַסן אין דער ערד און וועסט זיך אין איר אײַנגראָבן — דעמאָלט וועסטו דערשפּירן דעם טעם פון לעבן...

מיט וויפל פרייד איז לייב דעמאָלט צוריק געקומען קיין תל־אביב, מיט וויפל באַגײַסטערונג ער האָט גערעדט וועגן דעם גראַבאײַזן און אַקער — דערפון האָבן געוווּסט נישט בלויז רחל, נאָר אויך ביידע קינדער. סײַ אלישבע און סײַ בנימין זענען מיטגעריסן געוואָרן פון דעם פאָטערס התלהבות. אָבער די ערשטע האָט זיך קעגנגעשטעלט רחל. איר אײַנגעבוירענע געוווינהייט צו זײַן אויסגעקאָכט מיט מענטשן, צו זײַן נאָענט צום טומל און צום האַנדל, האָט נישט דערלאָזט בײַ איר דעם געדאַנק זיך צו שיידן מיט דער שטאָט. זי האָט זיך געוועהרט קעגן דעם פּלאַן מיט איר אייגענעם שטאַרקן ווילן, מיט באַווײַזן, אַז דער איבערגאַנג וועט זײַן נישט קיין געלונגענער. דערצו קען לייב — אַ מענטש וואָס האָט שטענדיק געהאַט צו טאָן מיט מסחר — קיינמאָל נישט ווערן קיין גוטער דאָרף־מענטש.

אָבער בײַ לייבן האָט דער חשק זיך באַזעצן אין דאָרף נאָך שטאַרקער זיך צעפלאַקערט. נאָר רחל האָט מיט איין וויש אָפּגעשטופּט די פּלענער זײַנע אויף שפּעטער.

— ארויסגעוואָרפענע רייד! ביז מען וועט זיך נישט אײַנשטעלן מיט אַ שטיקל געשעפט, לייב, איז נישטאָ וואָס צו קלערן פון די זאַכן.

און די פּראַקטישע, שטאַנדהאַפטיקע רחל האָט געזאָרגט, מען זאָל דערפון נישט קלערן. זי האָט אַליין אָפּגעוואָרט די ערשטע געלעגנהייט, וואָס וועט איר אונטערקומען. זי האָט אונטערגעיאָגט לייבן און זיך אַליין אויך פאַרבונדן מיט מעקלערס. זי האָט אויפגעכאַפּט יעדן פאָרשלאָג, יעדע אַנווײַזונג און יעדן פּלאַן. דער דראַנג זיך אײַנצופונדעווען איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז אַלץ איז ביי איר געווען אויסגעשטעלט אויפן טאָג, אויף דער שעה. אויסער דעם האָט זי געהאַט נאָך אַ סיבה, צוליב וואָס נישט צו וועלן פאַרלאָזן תל־אביב. מיט אלישבען — האָט רחלען זיך אויסגעוויזן — איז זי שוין אויף אַ האַלבן וועג. אפרים׳ס באַקענטקייט צו סעיד האָט אַ סך צוגעזאָגט... און אויב צו אַן אָפּגעגעבעם געשפּרעך וועגן אַ חתונה איז עס נאָך נישט געקומען, מ׳האָט בלויז געהאַלטן בײַ אַנדײַטונגען — דער

אויספיר וועט זײַן דער זעלבער... און ווען זי, רחל, זאָל דערווײַל בלײַבן בײַ דעם איינעם געווינס, האָט דאָך שוין אויך געלוינט זיך אַריבערצושיפן איבער ים.

מיט אַזוינע געדאַנקען האָט רחל פאַרטריבן איר אייגענע אומצופרידנקייט און געקילט דעם אייגענעם צאָרן, וואָס האָט אָפּט מאָל אויפגעפלאַקערט, ווען זי האָט זיך אָנגעשטויסן אויף שוועריקייטן. מיט אָט די געדאַנקען האָט זי אויך אָנגעשטעקט איר מאַן און אָפּגענומען בײַ אים דעם גלויבן זיך צו באַזעצן אין דאָרף. לייב, וואָס האָט שוין געהאַט מסכּים געווען מיט רחל'ס באַשלוס, האָט פון דעסטוועגן געפונען פאַר נויטיק זיך דורכצורייִדן מיט זײַן לאַנדסמאַן פעלדשטיין. פעלדשטיין, וואָס האָט מיט לייבן צוזאַמען פאַרלאָזט די היים־שטאָט, אין פּוילן, וואָס האָט אים באַגלייט דעם גאַנצן וועג אויף באַנען און שיפן, ער, פעלדשטיין, פאַרמאָגט די ווײַטזעעוודיקייט פון אַ בעל יועץ. אויף זײַנע ברייטע פּלייצעס שווערט די משא פון אַ דערפאָרן לעבן. ער וועט וויסן, ווען אים אָפּצוהאַלטן פון אַן איבערגעאײַלטן שריט.

ס'איז געווען פרײַטיק. לייב קאָרפּ איז גאַנץ פרי אַרויס פון הויז. ער האָט געוואָלט כאַפּן פעלדשטיינען אין פרימאָרגן. ער האָט געשניטן מיט אַ קורצן הינטער־וועג, דורכגעגאַנגען דעם תּימנ'ישן קוואַרטאַל, אַריבערגעקרייצט אַ קנויל אַראַבישע געסלעך, וואָס האָבן זיך געשפּרייט בײַ די ברעגעס פון ים און ווען ער איז אַרויס אויף דער ניי־געשניטענער אַלענבי־גאַס, האָט אַן אויפגעייִענדיקע וואַרעמקייט זיך געשפּירט אין דער לופט. די גאַס — אַ ברייטע, אַן אַ געפּלאַסטערטן ברוק, די טראָטואַרן נאָך פאַרשאָטן מיט זאַמד — איז געלאָפן באַרג־אַראָפּ צום אָפענעם ים.

לייב האָט זיך אַרומגעקוקט אויף דער וואַקסנדיקער גאַס און אַ פרייד האָט פון אים געשפּאָרט. דאָ איז געלייגט געווען אַ פונדאַמענט פאַר אַ נײַער געביידע, דאָרט — האָט זיך שוין געריסן אַ האַלב־פאַרענדיקטער שטאָק. און די פאַרטיקע, ווײַסע הײַזער, וואָס זענען געווען שיטער צעשטעלט אויףביידע זײַטן טראָטואַר, האָבן געבלענדט אינעם ליכט פון דער אויפגייענדיקער זון.

דער פרימאָרגן איז געווען אָנגעהייצט. דער הימל, אַ שאַרער, האָט אָנגעזאָגט חמימה. לייב האָט זיך געלאָזט צו דער נחלת־בנימין־גאַס, און כּדי קירצן דעם וועג צו פעלדשטיינס שטוב, איז ער געגאַנגען מיטן ברעג ים. די בלויע וואַסערן האָבן רויִק געשוימט און געפּאַליעט. אַרום איז געווען שטיל, ווי אויף אַ פאַרוואָרפענעם אינדזל. קיין שפּור פון אַ שיף, קיין זכר פון אַ האַפן און אָנטקעגן צו דרום־זײַט האָט זיך אַרויסגעהויבן אַלט־יפו, אַ צוזאַמענגעקנוילטע אין שײַן פון דער אויפגייענדיקער זון האָט יפו זיך געמיניעט ווי אַ באַרג מיט קאַלירטע טורעמס און שלעסער.

לייב האָט אָפּגעשפּאַנט אַ שפּאַר שטיקל וועג. אַ געזאַלצן ווינטל, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די כוואַליעס, האָט געטריקנט זײַנע ליפּן. ער האָט דערזען ווי בײַם ברעג שטייט אַ מאַן אָנגעטאָן אין טלית און תּפילין און דאַוונט. ער איז געבליבן פאַרוואונדערט. אַז תּל־אביבער ייִדן לאָזן זיך צום ים ראש השנה צו תּשליך,

זיי שיטן אויס די עבירות אין וואַסער אַרײַן, — דאָס האָט ער געוווּסט. אָבער דאַוונען בײַ די אָפענע כוואַליעס, דערצו אין פרימאָרגן, אין טלית און תפילין?

אויס נייגעריקייט האָט ער געוואָלט פאַרבײַגיין דעם אויסטערלישן מתפלל, אים אַרײַנקוקן אין פנים אַרײַן, האָט דער מאַן אין טלית מיט אַ מאָל אים גענומען אַנטקעגן גיין מיט פלינקע טריט. און לייב האָט דערהערט אַ היימיש קול:

— שלום, קאַרפּ!

— פעלדשטיין! — האָט לייב אויסגערופן.

— ריכטיק! — האָט פעלדשטיין איבערגעלייגט די עטרה פונעם קאָפּ איבערן האַלדז און געשמייכלט — פאַראַן ייִדן־קונדסים, וואָס האָבן ליב אַ שווים צו טאָן פאַרטאָג אין ים... נישטאָ בײַ זיי קיין גרעסערער תענוג... מײַן תענוג איז צו דאַוונען בײַ די רוישנדיקע כוואַליעס...

— איר פירט זיך אַזוי יעדן טאָג? — האָט לייב נאָך אַלץ שטאַרק פאַרחידושט אים אַ פרעג געטאָן.

— אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק, אין די תחנון־טעג — האָט פעלדשטיין אָן אויסגעזאָרגטער, אַ זאַטער אָנגעקוואָלן — דאָס האָב איך מיר געמאַכט פאַר אַ מנהג אין ארץ־ישראל. ס׳זעט אײַך אויס ווי אַ משוגעת, האַ? אָבער ס׳איז פאַראַן נגינה אין אַזאַ אָרט דאַוונען, פאַראַן דערהויבונג. האָט איר געהערט דאָס געבעט פונעם שליח־ציבור בײַ כל נדרי? דווקא אין דער אָפּגעהאַקטער תפילה, אין די שטילע, געבראָכענע טענער, הערט זיך די טומלדיקסטע מוזיק... דאַכט זיך אַז מלאכים פּאַטשן דעמאָלט מיט די פליגלען און טראָגן אַרויף דאָס שטומע געבעט צו די הימלען... אַזוי איז אויך דאָ. דו דאַוונסט און די כוואַליעס ענטפערן דיר מיט אַ פּליעסקערײַ... דאָס קול פון בורא עולם טראָגט זיך פון דעם געפּילדער, און די תפילה קומט נענטער צו די שערי שמים...

לייב איז געווען געפּלעפט. געקומען איז ער זיך באַראַטן מיט פעלדשטיינען, דעם פּראַקטישן, דעם ניכטערן בן עיר, און געטראָפן האָט ער אַ בעל חלומות... פעלדשטיין האָט אויסגעטאָן דעם טלית, דער נאָך צוזאַמענגעשנורט די תפילין, ער האָט געלאָזן אַלץ פאַרפּאַקט אינעם סאַמעטענעם זעקל און זיך אָנגערופן:

— איר זעט, קאַרפּ, איך בײַט אָפּט מײַנע געוווינהייטן, איך רײַס אויך איבער מיט טראַדיציע־פּירוגגען אָבער פון מײַן משפחה־שטאַם וועל איך קיין מאָל זיך נישט אָפּזאָגן. כ׳מיין, מײַן נאָמען וועל איך נישט בײַטן... אַ נאָמען טאָר מען נישט בײַטן. איך, פעלדשטיין, וואָלט געקענט זיך רופן אָבני, כ׳וואָלט געקענט הייסן אָבן־שדה, אָבער איך טו דאָס נישט. אַלץ וועט מען בײַ מיר פועלן, טוישן די זיטן, די מנהגים, אפילו די מאכלים, נאָר נישט דאָס... אויסטוישן אַ נאָמען, הייסט אָפּווישן דעם זכר פון די זיידעס...

לייב קאַרפּ האָט זיך אָנגערופן: — איך זע, איר זײַט שוין פאַרטיק מיטן דאַוונען.

— יאָ — האָט פעלדשטיין אים אָנגענומען פאַר אַן אָרעם — אָבער וואָס טוט איר דאָ אַזוי פרי?

— כ׳בין געקומען זיך אַן עצה האַלטן.

— וועגן פּרנסה ?

— פון קיין אַנדערע זאַכן טראַכט איך איצט נישט, פעלדשטיין. מײַן פרוי וויל נישט הערן פון פאָרן אין אַ קאָלאָניע. זי טענה׳ט: נאָר שטאָט און געשעפט!

— איך האָב מורא, אַז זי איז גערעכט. אונדזערע פרויען האָבן מער באַוואָרע־ניש פאַר אונדז מאַנסבילן. מײַנע, זאָל מיר געזונט זײַן, האָט אויך די דעה איבער מיר... ווען איך אַליין זאָל נאָכגיין מײַן לײַכטזיניקייט, וואָלט איך הײַנט פאַר־קויפט ציוניסטישע שקלים און צעהאַנגען קרן קיימת־פּושקעס אין די הײַזער... און ווערן וויל איך נישט ווייניקער ווי אַ פּקיד, אַ באַאַמטער אין תּל־אביבער שטאָט־פאַרוואַלטונג...

ביידע האָבן אַצינד געשפּרײַזט מיטן פּאַס ים. די זון, וואָס האָט זיך געהויבן העכער איבערן הימל און זיך געהאַלטן אין צעפּלאַמען, האָט צעגליט די אויבער־פלאַך פון די בלויע וואַסערן, די וועלן האָבן מיט לייכטן גערויש געוואַשן די ברעגעס. פעלדשטיין האָט אַרײַנגערעדט אין לייבן:

— אַז מען גייט אָפּ מיט אַ ווײַב אַ מהלך פון איבער צוואַנציק יאָר און מען בלאָנדזשעט נישט, דאַרף מען מיט איר ווײַטער גיין... און נישט נאָר גיין דאַרף מען מיט איר, נאָר טאַקע טייל מאָל זיך לאָזן פירן אויך... הערט זיך צו איר צו, קאַרפּ. עס איז דאָס קול פון דעם גראַדן פאַרשטאַנד... מײַן עצה? בלײַבט אין שטאָט, עפנט אַ געשעפט, צי אַ וואַרשטאַט, צי אַפילו אַ מאַרק־קראָם און זײַט מצליח!

— ג —

אין יפו אויף דער שמאָלער פּאַסט־גאַס, אינעם געדיכטן טומל צווישן אַראַבישע טרינק־שטובן, פריזירערס און קוישן־פלעכטערס, האָט לייב קאַרפּ געעפנט אַ קליינעם רעסטאָראַן. נישט קענענדיק זיך דערשלאָגן צו אַ געשעפט אין תּל־אביב, האָט ער זיך אַרײַנגעקליבן קיין יפו. געטראַכט האָט ער פון אַ גרינס־געשעפט, אָבער געדונגען האָט ער בײַ אַן אַראַבישן הויז־ווירט אַ גרויס געוועלב און אײַנ־געריכט דאָרט אַ היימישן רעסטאָראַן. הוץ דעם, האָט לייב געטראַכט, ליגט די פּאַסט־גאַס נאָענט צום האַפן. און אין אַ האַפן, וווּ שיפן קומען, שיפן גייען, איז תּמיד אַ לעבעדיקע באַוועגונג, אַ גרויסשטאָטישער פאַרקער און דער פּדיון פאַלט אַרײַן בעסער ווי אין די שטילע, זײַטיקע גאַסן.

סײַ לייב, סײַ רחל האָבן זיך נישט גענאַרט מיט זייער אויסרעכענונג. דעם ערשטן טאָג ווי נאָר זיי האָבן געעפנט דעם רעסטאָראַן, האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַ געשמאַקע לייזונג. ס׳האָבן זיך באַוויזן ענגלישע סאָלדאַטן נאָך שאַרפע געטראַנקען, ס׳האָבן זיך אַרײַנגעכאַפּט פאַר אַ מאָלצײַט באַאַמטע פון דער פּאָסט־געביידע אַנטקעגן. יידן, אָנגעקומענע פון די אַרומיקע קאָלאָניעס אין האַפן — האָבן גערן פאַרקערעוועט אין דעם איינציקן יידישן קאַפע־הויז, אין מיטן דעם רעכטן אַראַבישן געפילדער. לייב קאַרפּ האָט געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט די געסט, געזאָרגט, זיי

זאָלן ווערן שטענדיקע קונדן, און רחל האָט געגלויבט אַז דאָס מזל האָט זיך געשטעלט אין איר טיר.

נאָך צוויי וואָכן האָט לייב אויך מיט דער ווינונג זיך אַריבערגעקליבן קיין יפו. די נײַע דירה איז געווען אין "אַדזשעמיע" — אַ געדיכטע אַראַבישע געגנט. דאָס הויז, געבויט אין מזרח־סטיל, אַרומגערינגלט מיט אָפענע אויסגעוועלבטע טעראַסעס און קאָלאָנעס, איז געשטאַנען אויף אַ שייד־וועג. צווישן פולע פּרדסים און אַ ברייטן שאָסיי, וואָס איז געלאָפן פאַרביי אַראַבישע דערפער, צו דער קאָלאָניע ראשון לציון. וואַנדערנדיקע וועג־גייערס און רײַטנדיקע פעלאַכן אויף אייזלען זענען באַטאָג פאַרבײַ דעם שאָסיי. קעגן איבער די פּרדסים זענען געשטאַנען אַלטע, צעפאַרענע הײַזער, ווי חורבות. אין די חורבות זענען געווען אַ פּאָר אַראַבישע ווערקשטעלן, ווו ס'האָבן געאַרבעט קאָוואַליעס, זאַטלערס און סטאָלערס.

לייב איז ווינציג געווען באַזאָרגט, וואָס ער האָט זיך אַרײַנגעקליבן אין אַזאַ געפּאַקטן אַראַבישן קוואַרטאַל. דאָס וואָס ייִדישע משפּחות זענען צעוואָרפן אומע־טום אין יפו, איבער אַלע אַנגעפּראָפּטע גאַסן, דאָס, וואָס אפילו דאָס חלוצים־הויז געפינט זיך אויך אין דער געדיכטער געגנט "אַדזשעמיע", האָט אים צוגעגעבן בטחון. דערצו איז קיינער פון זיין משפּחה בײַטאָג נישט געווען אין הויז. די ערשטע צײַט האָבן אויך די קינדער צוגעלייגט אַ האַנט אין דער פּרנסה, זיי האָבן אַרויסגעהאָלפן אין קיך, באַדינט די געסט און געזען, אַז דאָס געשעפט זאָל זיך איינאַרבעטן. בנימין האָט אין זײַן פאַרנומענקייט דערווײַל פאַרגעסן אין זײַנע פּלענער צו לערנען. אלישבע האָט אָפּגעלאָזט אירע שפּאַצירן און ווײַל קיין פרעמדע מענטשן האָט מען נישט געדונגען, האָבן זיי געזאָרגט לײַכטער צו מאַכן דער מאַמען, וואָס איז געווען אײַנגעשפּאַנט פון באַגינען ביז האַלבער נאַכט. יעדן אָוונט זענען אַלע צוזאַמען געגאַנגען אהיים איבערגעמאַטערט. אַזוי האָט זיך געפירט די גאַנצע וואָך, חוץ שבת. און דאָס אַלץ האָט מען געגומען פאַר ליב.

די נײַע דירה האָט לייב ביז וואָס אײַנגעאָרדנט אָרעם. ער האָט יעדן טאָג אָפּגעוואַרט, אַז דאָס טײַערע מעבל, וואָס ער האָט אַרויסגעשיקט פון פּוילן, זאָל אָנקומען. און ס'איז אָנגעקומען. צוויי וואָכן פאַר פּסח איז לייב גערופן געוואָרן אין יפוער צאָל־אַמט. דאָס אהיים געבראַכטע מעבל האָט ער געלאָזט ליגן אין הויף — נישט אויסגעפּאַקט. ער איז דעמאָלט געווען צו פיל פאַרנומען אין זײַן רעסטאָראַן, ער זאָל זיך קענען אָפּגעבן מיט שטוב־זאַכן. ער האָט געטראַכט, אַז ווען דער פּסח וועט אַריבער וועט ער אַ היים גיין אויף אַ טאָג, עפענען די קאַסטנס און פאַנאַנדער־שטעלן די באַלעבאַטישקייט ווי אין די אַלטע גוטע צײַטן.

די יפו'ער פּאַסט־גאַס איז פאַר אים פון טאָג צו טאָג געוואָרן נענטער, היי־מישער.

אַרומגערינגלט מיט אַראַבישע קרעמערס, האָט לייב געוווּסט אונטערצושיידן פון אַ גוטן שכן ביז אַ שלעכטן. און ער האָט אים נישט געדאַרפט זוכן, דעם שלעכטן שכן, קעגן איבער זיין רעסטאָראַן האָט געוווינט אַן אַראַבישער בעקער טאַהיר אַלי. אַ הויכער, אַ קנאָכיקער, מיט לאַנגע, שווערע איבערגעלייגטע וואָנצעס

ווי לאָקן. די בעקערײַ איז, אויפֿן אַראַבישן שטייגער, געווען צעלייגט אין פּראָנט. דער נידעריקער ציגל־אויוון, ווי אַ הייל, אָנגעפּילט מיט דאַמף, האָט זיך אַרויס־געזען אין גאַס און סײַ באַטאָג, סײַ באַנאַכט פֿאַרשמעקט די גאַס מיט ריחות פֿון פֿריש געבעקס. דער בעקער, אַ פֿרומער מאַכמעדאַנער, האָט געבאַקן ווייצן־ברויט, קאָרן־לאַבנס און אויסגעטריקנטע אַראַבישע פּיטעס. יעדעס מאָל נאָכן אָפּבאַקן אַ פֿולן אויוון ברויט האָט ער זיך אַרויסגעזעצט אויף דער שוועל אָפּרוען, בעת זײַנע ליפּן האָבן מיט גרויס הנאה געזויגן דעם שלויך פֿון אַ בײַכיקער, גלעזערנער נאַרגילע. אין אָוונט, ווען די אַרבעט איז געווען אָפּגעטאָן, האָט טאַהיר אַלי געוואַשן זײַנע פֿיס. דער נאָך איז ער אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן קנעט־טיש, ווו ער האָט אַ גאַנצן טאָג אויסגעקנעטן די ברויט־לאַבנס און אַנידער קניענדיק, מיטן קאָפּ אויפֿגעהויבן צו מערב־זייט, האָט ער אָפּגעזאָגט די אָוונט־תּפֿילה צו אַללאַ און מוכאַמעד.

לייב וואָלט נישט געווען נאָכגעקוקט דעם בעקער טאַהיר־אַלי, ער וואָלט אפילו נישט אַכטונג געגעבן אויף זײַן פֿירונג, ווען נישט דאָס, וואָס דער אַראַבער האָט ליב געהאַט אַרויסצווײַזן אָפֿענע שנאה. לייב האָט ווייניק פֿאַרשטאַנען דאָס אַראַבישע לשון, אָבער ס׳איז גענוג געווען דעם בעקערס אַ ווונק, זיינס אַ תּנועה, אַז לייב זאָל זיך כאַפּן, אַז דער אַראַבער קרימט אים נאָך. איין מאָל אין אָוונט נאָך דעם ווי טאַהיר־אַלי האָט געהאַט אָפּגעדאַוונט, איז ער אַריבערגעקומען צו לייבן. ער האָט מעשה־שכן זיך געשטעלט אין זײַן טיר און מיט די עכטע אָריענטאַ־לישע חניפֿה־רייד, וואָס האָט געקענט מיינען אי מסירת־נפֿש, אי פֿאַרראַט, האָט ער אָנגעהויבן זיך אויספֿרעגן, ווען לייב איז אַריבערגעקומען פֿון יענער זײַט ים, פֿון וועלכן לאַנד ער שטאַמט, ווי לאַנג ער געפֿינט זיך אין יפֿו? לייב קאַרפּ, וואָס איז געווען פֿול מיט פֿאַרדאַכטן אויף זײַן שכן, האָט חשק באַקומען זיך צו רייצן מיט אים. ער האָט אים דערציילט, אַז בײַם פֿאַרלאָזן פּוילן, האָט ער פֿאַרלוירן זײַן פֿאַרמעגן, אַז אַ ייִד וואָס פֿאָרט קיין ארץ־ישׂראל, איז גרייט אויף גרויסע קרבנות. ער שפּרײַזט אַריבער אַלע סכּנות, כּדי דאָ, אין לאַנד פֿון די אָבות צו מאַכן זײַן היים. דער אַראַבער האָט כיטרע זיך צעשמייכלט. זיינע מויל־ווינקלען האָבן זיך אויסגעקרימט און ער האָט געלאָזט פֿאַלן אַ וואָרענונג:

— בײַ דיין פֿאָרן אַ הער, שכן, האָסטו פֿאַרלוירן דאָס פֿאַרמעגן. אָבער דײַן זיצן דאָ, אין אַ מדבר־לאַנד, קען אויך אַ מאָל קאָסטן דאָס לעבן...

די ווערטער האָבן לייבן אַ ברי געטאָן. ער האָט עס אָבער נישט איבערדער־ציילט פֿאַר רחל׳ען. ער האָט עס נישט איבערדערציילט פֿאַר קיינעם. פֿון יענער נאַכט אָן, האָט ער זיך געשטעלט מיט די פּלייצעס צום בעקער און מיטן פּנים צו כאַלילן, אַ צווייטן אַראַבישן שכן. כאַליל, וואָס איז געזעסן אין דער רעכטער טיר פֿון לייבס רעסטאָראַן און געהאַלטן אַ שפּײַז־קראָם, איז געווען אַ קריסט. אָבער די מידה פֿון באַשיצן דעם שכן האָט ער איבערגענומען פֿון דעם מוסולמענישן קאָראַן. אַ קליינוווקסיקער, מיט אַן אומהיימלעכן שיקל אין די אויגן, איז ער געווען שטאַרק צוגעלאָזן צו מענטשן. די מילדקייט האָט לײַטזעליק אַראָפּגעקוקט פֿון זײַן געקאַרבטן, מיאוסן פּנים. ער האָט געהאָלפֿן לייבן זיך צונויפֿריידן מיט אַראַבער, געזען, ער

זאָל זיך פילן היימיש אין דער גאַס. אין די פאַרנאַכטן איז אין זײַן שפּייז־קראָם זיך צונויפגעקומען אַ הייפל פון זײַנע פרײַנד, זקנים, וואָס האָבן נישט געקענט די חכמה פון שריפט. כאַליל האָט זיי אַלעמען אויסגעזעצט בכבוד אויף פּוס־בענקלעך, וואָס ער האָט צונויפגעשלעפּט פון די אַרומיקע קרעמער, דער נאָך האָט ער צעשפּרייט אַן אַראַבישע צײַטונג. ער האָט אויפגעשרויפט זײַנע מאָגערע קנויט־וואָנצעלעך און פאַרגעלייענט פאַר די געסט די געשעענישן אין לאַנד און וועלט־נײַעס.

לייב קאַרפּ האָט קיין מאָל נישט פאַרפירט מיט כאַלילן אַ שמועס וועגן פּאָליטיק. וועלנדיק אָנהאַלטן די פרײַנדשאַפט, האָט ער בײַ אים נישט געפרעגט קיין מיינונגען, נישט געטאַפּט בײַ אים דעם דופק. און ווי שטאַרק ער האָט געוואָלט אין גאַנצן פאַרגעסן אַן דעם בעקער קעגן איבער, האָט אָבער דער בעקער נישט געלאָזט וועגן זיך פאַרגעסן. דאָ האָט ער אונטערגעשיקט אַ פּעלאַך זיך נאָכצופרעגן אויף זויערע, געפעפערטע סאַלאַטן, דאָ אויף געבראָטענעם קעבאַב־פליש, וואָס מען קריגט אין אַראַבישע טרונק־שטובן. און ווען לייב האָט אָט די מאכלים געמוזט אָפּזאָגן, האָט דעם פּעלאַך אַ דערצאָרנטער זיך געשטעלט אין דער טיר און זיך צעשריגן מיט אַן אומהיימלעך געשרײַ:

— אין יפו זיצסטו. צווישן מאַכמעדאַנער וווינסטו און דו האָסט נישט זייערע שפּייזן?

לייב האָט נישט געוואָלט לײַדן די בושות. ער האָט נישט פאַרטראָגן די באַליידיקונגען און געזוכט אַן אייגענעם מענטש, אַן אַלטן יפוער תושב, וואָס זאָל זיך אָננעמען זײַן קריוודע און זיך אויסטענהען מיט דעם אַראַבער אויף זײַן לשון. צווישן די געסט אין רעסטאָראַן האָט ער געפונען אַזאַ ייִד. דאָס איז געווען סעדיה דער תימנער, דעם לאַנדוירטס מענטש, וואָס האָט צעפירט די עופות קיין יפו צוויי מאָל אַ וואָך און אויך אַרײַנגעפאַלן אין לייבס רעסטאָראַן אָפּעסן אַ פרישטיק. ס'איז פּונקט אויסגעפאַלן אין אַ פרײַטיק, דער רו־טאָג בײַ די מאַכמעדאַנער, ווען סעדיה האָט זיך צוגעהערט צו לייבס תרעומות. ער האָט אים אויסגעהערט מיט קאָפּ, דער נאָך האָט ער מיט די פינגער צעקעמט זײַנע לאַנגע, געקרויזלטע פּיאות, ארומגענומען דאָס מאָגערע ציגן־בערדל און זיך צערעדט:

— דו קענסט זיי נישט? קענסט נישט די מוסולמענישע העצערס? אַ מטיף אין אַ מעטשעט, אַ פּעלאַך אין מאַרק האָבן דאָס זעלבע פרומע פּנים... אַז דו וועסט שווײַגן, וועלן זיי שרײַען. בלויז אַן אויפגעהויבענע פויסט וועט זיי אײַנשטילן!

לייב האָט נישט באַוויזן צו ענטפערן סעדיהן, אַז בײַ פויסט־געפעכטן האַלט עס נישט, צו אַ געשלעג קומט עס נאָך נישט, ווי דער תימנ'ער, אַ שטאָלצער, אַ קנאי, האָט ווײַטער געטענה'ט דאָס זײַניקע:

— דאָרט אין תימן האָט מען אונדז אויך געטראָטן. אַ קעמל און אַן אייזל זענען בײַ זיי חשובער פון אַ יהודי... אַלע גזירות פון דעם פרומען אימאַם זענען געווען ליב. דאָ אָבער אין ארץ־ישראל זענען מיר בני חורין...

ער איז אַרויס פאַר דער שוועל און מיט אַן אַרויספאָדערנדיקער מינע, ווי ער

וואָלט גרייט געווען אויפצונעמען אַ קאַמף, האָט ער אַריבערגעקוקט צום בעקערס טיר. דער בעקער טאַהיר־אַלי, אָנגעטאָן יום טובדיק, אין אַ געשטרייפט אַבּאַיע, אויפן קאָפּ — אַ רויטן טאַרבוש — איז געשטאַנען אויף דער גאַס אַרומגערינגלט פון אַ הייפל אַראַבער. ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ הון און נאָכגעמאַכט די תנועות פון אַ ייִדישן שוחט. מיט אַ פרום פּנים האָט ער פאַרבויגן דאָס קעפּל פון דעם עוף, אויסגעצופּט דעם ווײַשעט, ער האָט געווויספּערט מיט די ליפּן און ווען ס׳איז געקומען די רגע אײַנצושנײַדן מיטן חלף, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן אַ דינע האַק, וואָס האָט געשטעקט אין זײַן בויך־באַנד און אָפּגעהאַקט דאָס קעפּל פון דער הון.

דאָס הייפל אַראַבער אַרום האָט געקייכט פאַר געלעכטער.

דער תימנ׳ער האָט אויפגעזאָטן פון צאָרן. נישט אַזוי דאָס צאַפּלען פונעם געשענדעטן עוף, ווי דער בזיון פאַרן בלוט וואָס ווערט פאַרשוועכט, האָט אים אַרײַנגעטריבן אין אַ ווילדן כעס. אַן אויפגעקאָכטער האָט ער זיך דערנענטערט צום הייפל און אויסגעשריען:

— פאַרכטיקע מוסולמענער ווען אַזוי נישט טרײַבן קיין שפּאַס מיט גאָטס באַשעפעניש!

דער בעקער, וואָס האָט נאָר געוואַרט אויף אַזאַ טענה, האָט זיך אַרויסגערוקט. מיט גרינגשעצונג האָט ער באַטראַכט דעם תימנער פון קאָפּ ביז די פיס און געפרעגט:

— וואָס ווייסטו, דו אומגלויביקער, דו פרעמדער, ווי מוסולמענער פירן זיך?

— נישט קיין פרעמדע, די באַלעבאַטים זענען מיר דאָ אין לאַנד! — האָט סעדיה אויסגערופן.

— דאָס ווייסן מיר! — האָט דער אַראַבער זיך פאַרקײַכט מיט אַ ברייט, געשוואָלן געלעכטער — דאָס ווייסט יעדער מאַכמעדאַנער, אַז די יאַהוד קומען דאָ אַהער, כדי פאַרכאַפּן די הייליקע ערטער. בײַם לעבן פון אַלאַ! — האָט טאַהיר־אַלי זיך געשווירן פאַר די אַרומיקע — דעם מעטשעט אָמאַר אין ירושלים ווילן זיי אויפרײַסן!

— בלבולים! — האָט סעדיה זיך צעשריען — בלבולים און שקרים! נישט קיין פאַרכאַפּערס זענען מיר. ווי קענען מיר זײַן פאַרכאַפּערס, אַז אפילו די יאַהודישע הייליקע ערטער, אפילו די היילן פון די אָבות, די מערת המכפלה ווערן הײַנט באַוואַכט פון מוסולמענער?

— פון מוסולמענער, יאַהוד, אוודאי פון מוסולמענער! — האָט טאַהיר־אַלי געשיפּעט מיט הייליקער קנאה — אַזוי איז רעכט! בײַם נביא! דער פאָטער איבראַהים איז געווען דער פאָטער פון אַלע מוסולמענער. זײַנע קינדער און זײַנע קינדס־קינדער זענען אַלע געווען מוסולמענער.

— מוסולמענער? נאָך פאַר מוכאַמעדן זענען געווען מוסולמענער? — האָט סעדיה מיט שפּאָט באַטראַכט טאַהיר־אַלי׳ן — זעסטו, די טויטע גופים פון די אָבות זענען טאַקע אין אײַערע הענט, אָבער גאָטס אָטעם, דער רוח אלקים, וואָס האָט

באוואַכט זייערע לעבנס, איז איצט מיט אונדז און שיצט אונדזער יעדן שפּאַן אין אָט דעם צוגעזאָגטן לאַנד!

בעת סעדיה האָט גערעדט, איז דאָס הייפל אַראָבער, וואָס האָט זיך געקליבן צווישן אים און דעם בעקער, געוואָרן וואָס אַ מאָל גרעסער. פון הייפל איז געוואָרן אַ גאַנצער אַנלויף, אַ המון. לייב קאַרפּ האָט שוין באַדויערט, וואָס ער האָט געלאָזט דעם תימנער אַנהויבן אַזאַ שמועס. ער האָט פאַרגעסן, אַז ער שטייט אין אַן אַראַבישער גאַס. קעפּ פאַרחושכ׳טע, בליקן פינצטערע און מײַלער אָפענע, גרייט אײַנצושלינגען אַזוינע הונדערטער צדיקים ווי ער, סעדיה... און דאָ שטייט ער ווי אויף אַ בעלעמער און האַלט אַ וויכוח. מיט וועמען? מיט אַ רשע. און מיט וואָס פאַר אַ רשע! נישט מיט חם, נישט מיט יפת, נאָר מיט איינעם פון די בני־שם!

אויפן אַנבליק פון דעם צוזאַמענלויף, האָט סעדיה אַליין זיך דערשראָקן. ער האָט זיך געוואָלט אַרויסדרייען פונעם געדראַנג. צענדליקער פאַר הענט האָבן אים פאַרשטעלט דעם וועג. פון ענגשאַפט איז סעדיה׳ן פאַרשפּאַרט געוואָרן די לופט צו אָטעמען. מיט אַ מאָל איז טאַהיִר־אַלי אַראָפּגעלאָפן אינמיטן גאַס. פוןביידע זייטן האָט דער אַנלויף זיך געשפּאָלטן און געמאַכט פרײַ דעם דורכגאַנג, ווי ס׳וואָלט געהאַלטן ביים אָנקומען אַ בכבודיקער, ווירדיקער שייך. דאָס האָט טאַהיִר־אַלי אַליין זיך געשטעלט פאַר סעדיה׳ן און געזאָגט אים אויפן אויער.

— זעסט אָט די גאָטפאַרכטיקע פעלאַכן? ס׳איז גענוג מײַנס אַ פינגער־צייכן און זיי וועלן דיך לאָזן דאָ אַ צעריסענעם... ביים לעבן פון נביא! כ׳בין אָבער אַ פרומער מאַן און כ׳וועל זיך האַלטן בײַ דער כאַדיסע וואָס זאָגט: אפילו צו אַ מיטוויינער, אַ באַרויבער, זאָלסטו זײַן דערבאַרעמדיק...

ער האָט זיך אויסגעדרייט צום אַנלויף. ער האָט אויפגעהויבן ביידע הענט, ווי עס טוט יעדער פרומער מאַכמעדאַנער אין דער מעריב־שעה פאַר זיין אָוונט געבעט. און ער האָט געזאָגט:

— לאָזט דעם אומגלויביקן בײַ מיר אין די הענט. און אַלאַ׳ס רחמים אויף אים!

מער אויס דרך ארץ צו טאַהיִר־אַלי׳ן איידער אויס רחמנות צו סעדיה׳ן האָט דער המון זיך גענומען פאַנאַנדערגיין. נישט אַלע האָבן אַזוי גיך זיך צעגעצויגן. דאָ און דאָרט האָבן זיך נאָך געהויבן הענט, אויפגעבײַלטע פויסטן וואָס האָבן געפאָכעט, געדראָט. דער בעקער האָט די איבערגעבליבענע געטריבן מיט צעשפּרייטע הענט ווי מען טרייבט אַ פונאַנדערגעלאָזטע סטאַדע.

סעדיה, אַ בלייכער, האָט זיך אַרומגעקוקט און זיך נאָך אַלץ געהיצט. ווען דער אַנלויף האָט אָפּגעצויגן, האָט ער ווידער אַ מאָל חשק געהאַט אַרויסצורופן דעם בעקער אויף אַ ויכוח. און נישט בלויז מיט אים וואָלט ער זיך אויסגעט׳טענה׳ט, נאָר מיט דעם שייך און מיט דעם מועדזין וואָלט ער זיך אַן עצה געגעבן... ער האָט אָבער מיט ביטול אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז צוריק אַריבער־געגאַנגען צו לייבן.

אַ דראַנגאַווער וואָגן, אײַנגעשפּאַנט אין אַ ברוינעם מויל־אייזל איז פאַרביי־געפאָרן. מיט אַ האַנט־פאַך האָט סעדיה אָפּגעשטעלט דעם וואָגן. דער אָנטרײַבער,

אַ האַריקער האַלב־נאַקעטער אַראַבער האָט אונטערטעניק פאַרלייגט אַ האַנט אויפן שטערן און אויפן האַרצן און זיך אײַנגעבויגן.

— באַרכאַבאַ, עפּענדי סעאיד! [1] וואָס טוסטו אין יפו?

— באַרכאַבאַ צוויי מאָל! אַבו־דערוויש! — האָט סעדיה זיך דערפרייט מיט דעם אַנטרײַבער, אַן אַלטן באַקאַנטן זײַנעם.

— אַ לויב צו אַללאַ, סעאיד — איז דער אַנטרײַבער אַראָפּגעשפּרונגען פונעם וואָגן — דער ווינטער איז געווען נישט קיין שלעכטער. די רעגנס האָבן רײַף געמאַכט די גאָלדענע פּרוכט. און ס'איז געווען מיט וואָס צו שפּײַזן דאָס הויז־געזינד. אַ נײַע וואַנט צום שטאַל האָב איך צוגעשטעלט. פאַר מײַן מויל־אייזל האָב איך אויך אָפּגעצאָלט און דערצו האָב איך אַ ווײַסן אייזל צוגעקויפט, אַ ווײַסן אייזל... ווי זאָגן עס די פרומע: שוואַרץ פאַר טרויער, ווייס פאַר מזל...

דער אַנטרײַבער איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט זיך גוט אײַנגעקוקט אין סעדיהן, דער נאָך אין לייבן, ווי ער וואָלט זיך געקווענקלט צי ער קען זיך פאַר זיי פאַרטרויען און געזאָגט:

— וואָס קומט אַרויס, אַז איצט צום זומער, ווען די זון וועט ברענען די ערד ווי דעם נביא'ס פײַערדיקער רײַטוואָגן ברענט דעם הימל, וועל איך אָנהויבן הונגערן... כ'וועל זיך מוזן שלעפּן איבער די מערק זוכן לאַדונג.

— נישטאָ קיין אַרבעט אין דאָרף? — האָט סעדיה געפרעגט.

— אַז נישטאָ קיין יאַהוד אַרום אונדזער ערד... — האָט אבו־דערוויש צעפירט זײַנע נאַקעטע האַריקע הענט — איז אַלץ שטיל... פאַראַיאָרן האָבן די יאַהוד אַרום דעם שכנות'דיקן דאָרף גבירא אויסגעהאַקט די פּרדסים און געוומען אויפשטעלן בוימאייל־פאַבריקן, האָבן אַלע פעלאַכן געקראָגן אַרבעט בײַם צופירן שטיינער און זיפזיף [2].

— און הײַנט, פרייטיק וואָלסטו געאַרבעט, אַבן־דערוויש?

— האָסט פאַר מיר לאַדונג? — האָט אבו־דערוויש זיך דערפרייט — כ'בין גרייט...

סעדיה האָט אַרויפגעפּאַטשט זײַן האַנט אויף דעם אַנטרײַבערס נאַקעטע פּלייצעס.

— אַ דרײַ טוץ שטײַגן מיט הינער קענסטו בײַ מיר הײַנט אַרויסלאָדן. איך דאַרף די עופות צופירן קיין תל־אביב. נאָך מיטאָג וועסטו מיר אָפּוואַרטן בײַם "כאַן" [3], וועסט נישט פאַרשפּעטיקן? ס'איז פרייטיק הײַנט, אַ הייליקער טאָג, אַבו־דערוויש...

אַבו־דערוויש איז פלינק אַרויפגעשפּרונגען אויפן וואָגן. ער האָט צעשפּרייט

1 ברוך הבא, פריץ סעאיד!
2 זשוויר.
3 "כאַן" — אַן אַראַבישע האַנדלס־גאַס.

זײַנע באַרוועסע פיס. ער האָט האַסטיק געשמיסן דאָס אייזל מיט דער בײַטש און געזאָגט אויף הויכן קול:

— ווי דו הערסט, עפענדי סעאיד! כ׳פאָר גלײַך אַרײַן אין ״כאַן״. זאָלסט נישט זאָרגן! נאָך איידער דער מועדזין וועט רופן צום האַלבטאָג־געבעט, וועלן דײַנע שטײַגן שוין זײַן אָנגעלאָדן אויפן וואָגן.

לייב קאַרפ האָט נאָכגעקוקט דעם אָפּפאָרנדיקן וואָגן. ער האָט פאַרגליכן דעם שטאַטישן אַרויפגעאַרבעטן אַראַבער, דעם בעקער וואָס ווייכט פון ייִדן און דעם אָרעמען פעלאַך וואָס זוכט די נאָענטשאַפט פון סעדיה און וויל זיי האָבן אַרום זייער ערד... אין יענער רגע האָט אַ שטראַל פרייד, וואָס האָט אויפגעשײַנט אין זײַנע אויגן, אָפּגעווישט דעם קנויל טרויער, וואָס האָט זיך אײַנגעקאַרבט אין סעדיה׳ס קנאָכיקן פּנים.

פון דעסטוועגן איז לייב נאָך אַלץ אָן אויפגערודערטער אַוועק צוריק אין זײַן רעסטאָראַן, ער האָט זיך שטום איבערגעקוקט מיט די געסט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אָנגענומען סעדיה׳ן פאַר אַן אָרעם און אָנגעוויזן אויף דעם בעקער קעגן איבער:

— זײַנע רייד געפעלן מיר נישט, סעדיה...

— ס׳וועט נישט בלײַבן בײַ רייד — האָט איינער פון די רעסטאָראַן־געסט נביאות געזאָגט.

— די אַראַבער ווערן געהעצט — האָט אַ צווייטער, אַ דיקלעכער ספרדי מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים צוגעגעבן.

— די שייכן דרש׳ענען פאַר זיי! — האָט זיך ווידער געהערט אַ קול.

— אויף די מערק און אין די מעטשעטן דרש׳ענען זיי...

לייב האָט מיט אומרו אויפגעכאַפּט די ווערטער וואָס זענען געקומען פון פאַרשידענע זײַטן. ער האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך מיט שרעק די בייזע בשורות, די אָנזאָגן אויף אומבאַשטימטע טעג, וואָס וועלן קומען. דאָס אַלץ האָט אויף אים געדריקט און שווער זיך געלייגט אויפן האַרצן.

רחל בוימוואַל

מיט דעם כוח פון דימיון

טקס*

דאָס מיידל פֿון דער כיתה אלף-יוד
איז בײַגעווען די טקס געטאָ וואַרשע.
איצט שטייט זי דאָ פֿאַר אונדז און דרשנט.
זי ט׳אַלץ געזען און אַלץ געדענקט זי גוט.

עס זײַנען גלאַט און פֿליסיק אירע רייד,
אַלץ ניט געכאַפּטערהייט דערציילט זי איבער.
און מיר, מיר וואָלט געווען ליבער
ווען בלײַבן וואָלט זי שטיין צעחושטערהייט.

נאָר ניין, זי שילדערט אָפּ אונדז יעדן טאָג
און חזרט איבער: טקס . . . טקס . . . טקס . . .
די ״טקס״ האַקן זיך אַרײַן ווי טשוועקעס
אין ווייטיק וואָס אין האַרצן איך פֿאַרמאָג.

זי ״טיילט אונדז מיט״ וועגן די קופּעס האָר
און בערג מיט קינדער-שיך, און קאַסטנס ברילן —
דאָס אַלץ פֿון וואָס כ׳געפֿין זיך ניט קיין אָרט,
דאָס בלוט אין מײַנע אָדערן נעמט קילן . . .

דאָך ווייס איך: טויזנט מאָל כ׳בין ניט גערעכט!
אָט דאָס מיט וואָס די מענטשהייט דאַרף זיך שעמען,
פֿון וואָס אין חלום שווידערט דורך די נעכט,
איז אפֿשר גוט, וואָס ס׳קאָן דאָס קינד נאָך ניט באַנעמען.

* טקס (טעקעס) — פייערלעכע צערעמאָניע.

מיט דעם כוח פון דימיון

גיך אַזוי, גרינג אַזוי, גאָט צו פֿאַרדאַנקען,
טראָג איך זיך איבער אין מײַנע געדאַנקען
ווו נאָר איך וויל, ווו מײַן האַרץ טוט נאָר גלוסטן
ווער וועט דערוועגן מיר זאָגן : וואָס טוסטו ?

כ׳דאַרף ניט קיין פּאַס, קיין בילעט און קיין וויזע —
גיי איך שוין אום איבער גאַסן פּאַריזער.
לוווּר, מאָנמאַרט און די זילבערנע סענע
זײַנען אין דימיון נאָך טויזנט מאָל שענער !

רויביקער בעז-קאָליר רוט אויף די הײַזער.
מאַך איך דורך בלויע בולוואַרן אַ רײַזע.
פֿילט אַרום זיך די נשמה ביז טרערן
וויקטאָר הוגאָ, באַלזאַקן, פֿלאָבערן . . .

. . . אָט בין איך שוין בײַ דער הערלעכער טעמזע —
גלײַך מיט מײַן בליק פֿונעם נעפּל איך נעם זי —
כ׳נעם מיטן ברעג, מיטן פּאַלאַץ צוזאַמען
(וואַרט דאָרט די קעניגין כ׳זאָל זי פֿאַרגראַמען.)

בײַט זיך די וואָך טעאַטראַליש-טשיקאַווע, —
ווילט זיך צו זיי אַ געשריי געבן — בראַוואָ !
גאָלדענע קנעפּ און שוואַרץ-רויטע מונדירן —
טויזנטער יאָר וועט אַזוי זיך דאָ פֿירן . . .

פּלוצים, באַווירקט פֿון אַן אַלטער לעגענדע,
כ׳לאָז זיך אין די סקאַנדינאַווישע לענדער.
אַנדערסענס דענעמאַרק קומט מיר אַנטקעגן —
גיי איך און הייב ניט דעם שטויב אויף די וועגן . . .

אַנדערסענס מעשהלער רינגלען אַרום מיר,
ווייעט פֿון זיי מיט דער אייביקייט. שטום איך.
האָב איך רעספּעקט פֿאַר די נאָבעלע דענער —
דאָס וואָס איך ווייס פֿון זיי קען ניט זײַן שענער !

. . . שווים איך און פֿלי איך און לאָז ניט קיין סימן —
טרעפֿט מיך אַמעריקע ברייט מיט איר הימען,

גריסט מיך די פֿרײַהייט — די שטיינערנע לעדי.
זאָג איך: נאָך היַינט דאַרף איך זיין אין עין גדי.
כ׳בין אין קיבוץ דאָרט פֿאַרבעטן צום סדר
קאָן איך דאָ מער ניט פֿאַרהאַלטן זיך, ליידער...

און ווי פֿון חלום צו פֿולער דערוואַכטקייט,
גיי איך אַרויס פֿון מײַן טיפֿער פֿאַרטראַכטקייט,
קום איך אַרויס מיט אַ וועג מיט אַ גראָדן —
פּונקט ווי איך וואָלט זיך אין ים אויסגעבאָדן.

אָט איז די וואָר! כ׳וויל פֿאַר איר זיך פֿאַרנויגן —
לאָזט זי אַראָפּ אַ פֿאַרשעמטע די אויגן...

דער משפט

דער לענינגראַדער משפט אין 1964
איבער דעם דיכטער יוסף בראָדסקי.

ער איז געשטעלט געווען פֿאַר דעם געריכט
„פֿאַר פּוסט-און-פּאַסעוועןֹ״, פֿאַר אומגיין ליידיק
בעת אַרבעט איז אַ שטאָלץ, אַ פֿליכט
וואָס מאַכט דעם מענטשנס לעבן פֿריידיק.

און ער, אַ יונגער מענטש מיט הענט און פֿיס —
(ער דאַרף דאָך אויסהאַלטן זײַן אַלטע מאַמע),
איז זאָל ער גיין פֿאַרדינען ווו ניט איז:
צי שטיינער שלעפּן, צי די גאַסן ראַמען...

— אַ גאַנצן ווינטער, וואָס האָט איר געטאָן?
— איך האָב פֿאַרנומען זיך מיט לידער שרײַבן.
נאָר ס׳זאָגט דער ריכטער אין אַ שטרענגן טאָן:
— ווי וואָגט איר דאָ מיט אונדז קאַטאַוועס טרײַבן!

— איך האָב געשריבן, אויף מײַן ערן וואָרט,
און איבערזעצט פֿון אַנדערע אויך שפּראַכן...
— פֿאַר פֿוילע תרוצים איז נישט דאָ דאָס אָרט.
מיר נעמען אין באַטראַכט ניט אָט די זאַכן.

איך פֿרעג אײַך דײַטלער: וואָס איז אײַער פֿאַך?
צי איר פֿאַרדינט פֿון אומריינע געשעפֿטן?...
ערשט נאָך דער אַרבעט כאַטש אַ גאַנצע נאַכט
איר מעגט דאָרט פּאַטשקען לידלעך אין די העפֿטן.

דער דיכטער שטייט פֿאַרהויבן שטאָלץ דעם קאָפּ
און ווערטער קלאָרע פֿלײַסט זיך אונטערקלײַבן.
דעם וויפֿלטן שוין מאָל ער שטעלט דעם טראָפּ
— איך אַרבעט! ס׳איז מײַן אַרבעט — שרײַבן.

אויף קבר אָבות

איך גיי... איך גיי אויף קבר אָבות.
מיט מיר גייט מיט די זון, די לופֿט,
מיט מיר גייט מיט מײַן קאָפּ, מײַן גוף,
און נאָר דאָס האַרץ פֿאַרויס לויפֿט באָרוועס,
און שטיקער רײַסט פֿון זיך און רופֿט,
ווי ס׳וואָלט דער אומגליק טרעפֿן נאָר-וואָס...

צום טויער כ׳קום פֿון גרויען שטיין.
איך גיי אַרײַן. די ביימער ראַשן.
פֿון רעכטס — אַ פּלומפּ די הענט צו וואַשן.
ס׳געוועלטיקט דאָ דער טויט אַליין...
נאָר ניין, ער קלײַבט זיך ניט דיך סטראַשען.
ס׳איז אַלץ אַרום דאָ שיין און ריין,
דו קענסט אין גרינס די אויגן פּאַשען
ווי תּמעוואַטע ציגן צוויי —

אין דער האַלבטונקעלער אַליי
איז אַלץ געאָרדנט ווי אַמבעסטן.
אַ מענטשן טרעפֿסטו אָדער צוויי —
זיי זוכן דאָ די טויטע נעסטן
פֿאַר טויטע לעבנס אַלערליי.

אויך איך געפֿין מײַן טויטע נעסט.
עס גרייכט צו איר פֿון בוים דער שאָטן.
...דו קוק אויף דעם נאָר וואָס דו זעסט! —

צו קוקן טיפֿער איז פֿאַרבאָטן.
ניט פֿאָלג דײַן האַרץ, דאָס איז דער עיקר.

ווײַל רײַסן וויל עס פֿון דיר שטיקער.
עס שלעפּט און שלעפּט דיך אַלץ בשתיקה
אַהין פֿון וואַנען (ווייסט עס פֿעסט)
איז שוין ניטאָ מער קיין צוריקקער...

. . . .

כ׳דערפֿיל אַ קעלט אין די געדערעם
דער וועכטער הויבט מיך אויף. איך שטער אים.
דער וועכטער וויל פֿון גאָרניט וויסן, —
ער דאַרף דאָ ראַמען און באַגיסן.

איך קער זיך אום פֿון קבר אָבות.
מיט מיר גייט מיט די זון, די לופֿט,
מיט מיר גייט מיט מיין קאָפּ, מײַן גוף,
און נאָר דאָס האַרץ צוריק לויפֿט באָרוועס
און ווערט צעריסן אַזש, און רופֿט,
און לאָזט ניט נעמען זי אויף ערבות.

אַ שמועס

געזעסן זײַנען אַלע דרײַ
און צווישן זיך גערעדט.
ס׳איז ניט געווען קיין פּלוידערײַ,
נאָר גיכער אַ געוועט

פֿון שאַרפֿע צינגער, שאַרפֿע קעפּ
מיט וויסן אָנגעשטאָפּט.
ס׳האָט וואָרט צו וואָרט זיך גוט געקלעפּט
און גרינג פֿון צונג אַראָפּ.

עס ענדיקט איינער זיין געדאַנק,
דער צווייטער הייבט גלײַך אָן.
(דעם דריטן קומט אויס וואַרטן לאַנג —
וואָס קען ער נעבעך טאָן!)

נאָר ער צעלאָזט זיך פֿראַנק-און-פֿרײַ,
ווען ס'קומט צו גיין זײַן ריי,
אַזוי ווי אין דעם חודש מאַי
אַליין דער סאָלאָוויי.

יאָ, אַלע ריידן זייער שיין.
דער שמועס לאַנג זיך ציט.
נאָר... יעדער הערט נאָר זיך אַליין
און מערער קיינעם ניט.

צו אונדזער זון

עס איז געווען אַ פֿרילינגטאָג
ווען איך האָב דיך געהאַט.
איך האָב ערשט אַכצן יאָר פֿאַרמאָגט —
אַ מיידעלע כמעט.

מײַן מאַמע האָט געהייסן מיר
כ'זאָל אין געבורט-הויז גיין,
דײַן טאַטע האָט מיר אָפּגעפֿירט
פּאַוואָליע פֿײַן און שיין.

ווען אין געבורטהויז כ'בין אַרײַן,
דערזען אַרום דעם צער,
האָב איך ניט וועלנדיק דאָרט זײַן,
צעכליפּעט זיך, דער נאַר.

ווען טרערן האָבן זיך געפּעלט,
האָב איך זיך שווער פֿאַרטראַכט...
די דאָקטאָרין שטייט אויפֿן שוועל
און קוקט אויף מיר און לאַכט.

כ'האָב ערשט געזען אײַער מאַן,
ער טרעט ניט אָפּ פֿון הויז,
ער פֿרעגט: "דאָס קינד איז שוין פֿאַראַן?
דערציילט ווי זעט עס אויס!"...

און ביידע לאַכן מיר מיט איר —
מיר זײַנען ביידע יונג.
די צײַט זי טוט זיך ניט קיין ריר.
. . . .
און מיט אַ מאָל — אַ שפּרונג —
אַ ווילדער שפּרונג צום עפּילאָג
אויף פּופּציק יאָר כמעט . .
עס איז געווען אַ פֿרילינג-טאָג,
ווען איך האָב דיך געהאַט.

דער קראָקאָדיל ביי יידן

אויף רוסיש איז קראָקאָדיל
און אויף יידיש איז קראָקאָדיל !
נאָר דער יידישער קראָקאָדיל
דאַרף זיך אויפֿפֿירן, מיין איך, שטיל.

ווײַל בײַ אונדז אין ירדן דעם טײַך
איז זיך אויסציִען אים ניט לײַכט,
און אים אויספּיקן צווישן די ציין,
אויף אַן אַרבעט אַזאַ, אַ ניין ! —
וועט אַ יידישער פֿויגל ניט גיין.
אַט אַ ציינשטעכער, אויב ער וויל,
קען באַקומען דער קראָקאָדיל.

איז ער מוחל די טובות און שרײַט,
אַז בײַ יידן איז ניט ווי בײַ לײַט,
אַז ס׳איז ירדן פֿאַר אים ניט קיין טײַך,
מע זאָל נילוס דערלאַנגען אים גלײַך !
און ער סטראַשעט די געגנדז, אַז אויב ניט,
וועט ער ווערן אַן אַנטיסעמיט.

קינדערייַ

גייען קינדערלעך שפּאַצירן —
איינער, צוויי און דרײַ . . .

— מיטגיין כ'זאָל מיט זיי פּרובירן ?
ס'איז אַ קינדעריי !

מיך אין שפּיל וועט מען ניט נעמען.
ס'איז מײַן צײַט פֿאַרביי.
זיי וועלן זיך נאָר פֿאַרשעמען
פֿון מײַן קינדעריי.

נאָר מיט זיי אין די געדאַנקען
בין איך סײַ-ווי-סײַ.
קיינער ווייסט ניט, גאָט צו דאַנקען,
פֿון מײַן קינדעריי.

ייִדיש - נײַעס

דער דיכטער און ליטעראַטור-לעקטאָר ד״ר י. ח. בילעצקי האָט באַקומען צוגעטיילט דעם מעדאַל פון דער שטאָט תל־אביב אויף אַ פײַערלעכן אָוונט, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן פאַר אים אונטערן פּאַטראָנאַזש פון דעם תל־אביבער בירגערמײַסטער שלמה להט לכבוד דעם דערשײַנען פון זײַן בוך ״פּרוזדור וטרקלין בבית ייִדיש״. דעם אָוונט, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער צענטראַלער שטאָטישער ביבליאָטעק, האָט געפירט עמיקם גורעוויטש, און עס זענען אויפגעטראָטן ד״ר חיים באָסוק, מרדכי צאַנין, פּראָפ׳ דב נוי און דער אַקטיאָר שמואל עצמון.

נײַע ביכער

אברהם קאַרפּינאָוויטש — ״אויף ווילנער וועגן״. שער־בלאַט — רפאל כוואַליעס. פאַרלאַג י. ל. פּרץ תל־אביב, 1987. 156 זײַטן.

שלמה וואָרזאַגער — ״יאָמערגעזאַנג״ (פּאָעמע). פּאָרטרעט און צייכענונגען — משה בערנשטיין, אַרײַנפיר — יעקב צבי שאַרגעל. פאַרלאַג ״ישראל־בוך״ — הילפספאָנד פאַר ייִדיש־שאַפן, תל אביב, 1987. 132 זײַטן.

הירש אָשעראָוויטש — ״וווּנדיקער בטחון״ (לידער און פּאָעמעס). מיט אַ פּאָטאָ פון מחבר. פאַרלאַג ״ישראל־בוך״ — הילפספאָנד פאַר ייִדיש־שאַפן. תל־אביב, 1987. 230 זײַטן.

שלמה שטראַוס־מאַרקאָ — ״די געשיכטע פון ייִדישן ישוב אין נאָכמלחמהדיקן פּוילן״. אילוסטרירט מיט בילדער, דאָקומענטן, רשימות. אַרויסגעגעבן פון מחבר. תל־אביב, 1987. 180 זײַטן.

אין פֿאַרבאַנד פֿון ייִדישע זשורנאַליסטן און שרײַבערס אין ירושלים

א. נ. פֿון אריה צימוקי ז״ל

רעפֿעראַטן וועגן פּוילישן ייִדנטום

אין ירושלימער זשורנאַליסטן־הויז — ״בית אגרון״ איז אין מאַרץ ד.י. פֿאָר־געקומען אַן אינטערעסאַנטער אָוונט: צוויי חשובע מיטגלידער פֿון פֿאַרבאַנד האָבן זיך געטיילט מיט זייערע אײַנדרוקן וועגן איצטיקן פּוילן.

אַנקאַ שמיר, די לייטערין פֿון ״קול־ישראל״ אין ייִדיש איז אײַנגעלאַדן געוואָרן דורך דער פּוילישער רעגירונג אויף אַ וויזיט צוזאַמען מיט אַ גרופּע פֿון פּופּצן זשורנאַליסטן. די גרופּע האָט באַזוכט די פֿאַרניכטונגס־לאַגערן אוישוויץ, טרע־בלינקאַ, בירקענאַו און אַ פּאָר גרויסע שטעט. זיי האָבן זיך אויך באַגעגנט מיט פּוילישע רעגירונגס־באַאַמטע און אַקאַדעמיקער.

אַנקאַ שמיר האָט באַטאַנט דעם גרויסן אינטערעס וועלכן ס׳ווײַזן אַרויס די אַקאַדעמישע קרײַזן צו דער געשיכטע און קולטור פֿון אומגעבראַכטן ייִדישן פֿאָלק אין פּוילן. דער וויזיט האָט געדויערט אַ וואָך צײַט.

זאב אַפּעלבוים — דער גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון פֿאַרבאַנד האָט געהאַט אַ פּריוואַטן וויזיט אין פּוילן. במשך פֿון צוויי וואָכן האָט ער באַזוכט בעיקר די קליינע שטעטלעך, וווּהין דער דורכשניטלעכער טוריסט קומט נישט בדרך כלל. אַפּעלבוים האָט געשילדערט דעם טרויעריקן מצב פֿון די קליינע שטעטלעך אין וועלכע עס גייט אָן אַ פּערמאַנענטער פּראָצעס פֿון אָפּמעקן די 1000 יעריקע געשיכטע פֿון ייִדישער אַנוועזנהייט אין פּוילן. אין די מערק, ווו עס האָט זיך געפֿירט דאָס אמת׳ע ייִדישע לעבן זענען געפּלאַנצט געוואָרן פּאַרקן און די פּלעצער פֿון ייִדישע שולן און בתי־מדרשים זענען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין גרינצייג־גאָרטנס.

פּראָפֿעסאָר יצחק וואַרשאַווסקי דער פּאָרזיצער פֿון פֿאַרבאַנד האָט געהאַלטן אַן אינהאַלטרײַכן אַרײַנפֿיר־וואָרט און אָנגעפֿירט מיטן דאָזיקן אָוונט.

לסוף האָט מיכאל ווײַנאַפּל פֿאָרגעלייענט פֿון קלמן סעגאַלס דערציילונגען וועגן פּוילן.

ז. אַ.

יאָסל בירשטיין

דריי קליינע מעשׂיות

1.

דער שאָפער האָט אויסגערופן מען זאָל זיך אָפּרוקן פון דער טיר, "והירות מן הדלת". איך בין געשטאַנען אין עק פון דער ריי, האָב איך געגעבן אַ לויף און אַ שפרונג און ס'איז מיר געלונגען אַרײַן אינעווייניק. אויך אַ ברייטע פרוי מיט צוויי קיישלעך ווײַסע הינער האָט זיך אַרײַנגעשטופּט. מיר האָבן אָפּגעאָטעמט און זיך דורכגעוואָרפן מיט אַ שמייכל. איין קײשל הינער האָט זי אַרײַנגעשטעלט צווישן מײַנע פיס.

צוליב דעם האָט זיך צעבייזערט אויף מיר אַ זקן אויפן ערשטן בענקל. ער האָט מיך אָנגערופן אַ פּרא־אָדם וואָס האָט נישט קיין רחמנות אויף עופות און קיין דרך ארץ פאַר מענטשן. לויט זײַן גוסט האָט איך באַדאַרפט אונטערוואַרטן מיט די הינער אויף אַ צווייטן אויטאָבוס. ווען ער האָט אויסגעפונען אַז די הינער זענען גאַרנישט מײַנע האָט ער זיך באַרויִקט.

אויך די הינער זענען געלעגן רויִק אַרײַנגעפּרעסט איינע אין דער אַנדערער. קיין קול האָט זיך נישט געהערט. קיין שנאָבל האָט זיך נישט אָנגעזען. דאָ און דאָרט האָט צווישן די ווײַסע פעדערן זיך גערויטלט אַ פלעק, אַ שפּריצל פון אַ קאַם. איך האָב געציילט די רויטע פלעקן, האָט די ברייטע פרוי אַ צי געטאָן מײַן מאַנטל. האָב איך צעשפּרייט די פיס נישט צו דריקן אויף די הינער, נאָר זי האָט ווײַטער געטאַפּט די סחורה צווישן אירע פינגער. אַ גרינלעכער מאַנטל, אַ ביסל געקורצט, נאָך פון די טעג, ווען איך האָב געלעבט אין גבת. זי האָט אַראָפּגעשטעלט דאָס אַנדערע קײשל צווישן אירע אייגענע פיס און געוואָלט וויסן צי איך וועל איר ענטפערן אויף עפּעס אַ זאַך.

"אָן אינטימע פראַגע", האָט זי געזאָגט.

עפּעס האָט זי מיר אויסגעזען קענטלעך. אפשר טאַקע פון יענע יאָרן אין גבת. זי האָט געכאַפּט דעם אָנבליק אויף דער פאַרוואַלטערין פון קליידער־מאַגאַזין אין קיבוץ. יענע וואָס האָט מיך אַמאָל גערופן אָנמעסטן דעם מאַנטל. אין אַ רעגנדיקן טאָג, האָב איך זיך דערמאָנט, איז אַרײַנגעפאָרן אין קיבוץ אַרײַן אַ לאַסט־וואָגן מיט מענערשע מאַנטלען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן מאַגאַזין און מענער האָבן זיך געשטופּט און געמאָסטן. ווען ס'איז געקומען מײַן ריי האָט מען מיר אָנגעמאָסטן דעם גרינלעכן מאַנטל, געזאָגט אַז עס פּאַסט און געהייסן גיין. איך בין אָפּגעגאַנגען אין אים צוויי צענדליק יאָר און ער האָט זיך ביז איצט נישט אָפּגעטראָגן.

"יאָ", האָב איך געענטפערט און באַמערקט ווי דער זקן מיטן פּירקאַנטיקן פּנים, האָט אַ דריק געטאָן דאָס קנעפּל, און זיך געגרייט אַראָפּשטייַגן אויף דער נאָענטסטער סטאַנציע. ווען דער אויטאָבוס האָט זיך פאַרהאַלטן לעבן רויטן פּאַרקער־לאָמפּ און פאַרבייַגייער האָבן געקרייצט די גאַסן אין אַלע ריכטונגען, האָט די פרוי פון די הינער אַנגעשטעלט אויף מיר אַ זיס פּנים און געפרעגט:

"איר האָט אויך אַ פעטער אין פילאַדעלפיע?"

איך האָב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געמאַכט וועג פאַרן בייזן זקן. ווען ער איז אַראָפּ פון די טרעפּלעך און שוין שטייענדיק אויפן טראָטואַר האָט ער אַרייַנגעשאָקלט אַ פויסט אין דער צעעפנטער טיר און מיך אויסגעמוסרט צוזאַמען מיט מייַן גאַנצן דור. די ברייטע פרוי האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף זייַן פּלאַץ און ווען דער אויטאָבוס האָט אָנגעהויבן פאָרן האָט זי געווונקען מיט אַ פינגער איך זאָל צובייגן אַן אויער און געזאָגט:

"ער האָט מיר אויך געשיקט אַזאַ מאַנטל".

2.

ביז דער אויטאָבוס איז אָנגעקומען בין איך געשטאַנען אַן אַ זייַט מיט מייַן קיישל פּרוכט און גרינסן. נישט געווען פאַר מיר קיין פּלאַץ אויפן צעבראָכענעם בענקל לעבן דער סטאַנציע. צוויי פּענסיאָנערן זענען דאָרטן געזעסן און איינעם פון זיי, דעם מיטן געלן קאַפּעליוש, האָב איך געהאָלפן אונטערטראָגן זייַן וואַליזע ווען מיר זענען ביידע אַרייַן אין אויטאָבוס.

איצט איז ער געזעסן קעגן איבער מיר מיט צעשפּרייטע פיס און זייַן קאַפּעליוש אַרויפגערוקט ווי צום לייגן תפילין. דער קראָק פון זייַנע הויזן איז געווען האַלב צעעפנט און אויך זייַן מויל אַזוי. אין ביידע איז געווען אַ ביסל פאַרטונקלט און ליידיקלעך. ער האָט אַרויסגעצויגן פון קעשענע פּאַפּירלעך און געלייענט די אַדרעסן וואָס ער האָט אָפּגעקויפט פריִער בייַ יענעם אויפן בענקל. ער האָט זיך פאַר יענעם אַראָפּגערעדט פון האַרץ און ביז דער אויטאָבוס איז אָנגעקומען, אַרויסגעלייגט זייַן איצטיקע לאַגע. אַ חוץ אַ פּענסיאָנער האַנדלט ער אונטער עטלעכע טעג אין דער וואָך מיט אָפּגענוצטע בגדים אין מחנה יהודה, און לעצטנס איז ער פאַרנומען מיט נאָך עפּעס אַן ענין; געוואָרן אַן אַלמן און ער וויל ווידער חתונה האָבן.

"מיט וואָס פאַר אַ ווייַב?" האָט יענער געפרעגט. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז ער איז געווען אַ שדכן און דאָס צעבראָכענע בענקל לעבן דער סטאַנציע — זייַן ביוראָ. סך־הכל אַ דרייַ הונדערט מעטער פון מחנה יהודה און דאָ האָבן פּענסיאָנערן פון ביידע מינים זיך אָפּגעשטעלט וואַרטן אויפן אויטאָבוס. געווג צייַט אויף דורכצופירן אַ געשעפטלעכן עסק; פאַרפירן אַ שמועס, שטעלן אַ שאלה, פאַרצייכענען פּרטים, פאַרשרייַבן אַדרעסן.

"גוט אין קיך אָדער גוט אין בעט?" האָט דער שדכן פאַרענדיקט זייַן שאלה.

ער האָט אויך געהאַט ווײַבער פֿון אַ דריטן סאָרט. טויגלעך אין ביידע פּלעצער — קיך און בעט.

דער אַלמן האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. צוויי מאָל, כּדי דער שכן זאָל זיך כאַפּן אויף זײַן כּוונה.

דער שכן, קליין און דאַר, און צוליב זײַן דינעם האַלדז האָט עס אויסגעזען ווי זײַן קאָפּ וואָלט אים געהאָנגען אויף צוויי גרויסע אויערן, האָט נישט אָפּגעלאָזט און ווידער געפֿרעגט:

"און אַ שטאָך אַרבעט קענסטו נאָך מאַכן?" דערבײַ האָט ער אַרויסגעצויגן אַ פּנקסל פֿון קעשענע צו פֿאַרשרײַבן דעם ענטפֿער און צוגעגעבן: "כ'מיין נישט — פּישן". ער האָט געהאַט דרײַ אַדרעסן פֿון דריטן סאָרט. אַ דאָלאַר אַן אַדרעס.

איצט אין אויטאָבוס, האָט דער אַלמן געלייענט מיט די ליפּן די אַדרעסן אויף די דרײַ קוויטלעך. ער האָט זיי פֿאַרשטעקט אין דער אויבערשטער קעשענע פֿון זײַן רעקל און זיך פֿאַרקוקט אויף מיר מיט אַ פֿאַרחלומטן בליק. זײַן חלום האָט מיך אָנגעשטעקט און איך האָב זיך מיטגעכאַפּט מיט זײַנע מחשבֿות. איך האָב אויך געדענקט וואָס דער שכן האָט געזאָגט וועגן איינע פֿון די ווײַבער: אַ שטיקל גן־עדן אויף דער וועלט.

דער אַלמן האָט אויפֿגעשמייכלט און אויך אין זײַן מויל איז געוואָרן אַ ביסל ליכטיקער. ער האָט זיך צוגעבויגן נאָענטער אָבער נישט צו מיר, נאָר צו מײַן קיישל. ער האָט אַרײַנגעשטעקט אַהין זײַן האַריקע האַנט, איבערגעקערט אַ בײַטל, אַרויסגעצויגן פֿון דאָרט אַ פּאָמידאָר, אים געקאָלערט אין דער האַנט און געפֿרעגט, טײַטלענדיק אויף אַן אָנגעפּוילטן פֿלעק:

"און וויפֿל האָסטו באַצאָלט פֿאַר דעם דאָזיקן טינופֿת?"

3.

ווען איך בין געקומען צום שרײַבער א. מ. לוקס אין שטוב אַרײַן, אָפּנעמען זײַן אַרכיוו, האָט ער זיך ווידער צערעדט וועגן זײַן לאַנגן משׂא־ומתן מיט אונדזער ביבליאָטעק, און געוואָלט וויסן צי איך האָב סוף־סוף געבראַכט מיט זיך דעם צוגעזאָגטן דאָקומענט. ער האָט אַראָפּגעדרייט דאָס קול פֿון דער אָנגעשטעלטער רעקאָרדירקע, און צום וויפֿלטן מאָל געלייענט פֿאַר מיר דעם אויסשניט פֿון אַ צײַטונג, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פֿון אַ שופֿלאָד, איך זאָל הערן וואָס דער באַרימטער קריטיקער יעקב גלאַטשטיין האָט געשריבן וועגן אים אין ניו־יאָרק. לויט יעקב גלאַטשטיינס מיינונג איז אויסגעקומען אַז א. מ. לוקס איז אויף דער עלטער געוואָרן אויס שרײַבער. ער האָט אים אָנגערופֿן:

"אַ נאָבאָדי".

דאָס האָט לוקסן פֿאַרשאַפֿט עגמת־נפֿש און גרויס צער און ער האָט זיך פּשוט געשראָקן טאָמער די ווערטער וועלן דערגיין צו דער ממשלה אין ירושלים, און זיי וועלן צושיקן אַן אָנווײַזונג דעם ביטוח לאומי מען זאָל אים אויפֿהערן אויסצאָלן

די חודשלעכע פענסיע. נאָך דאָס האָט אים געפעלט. ס'וועט אים אויסקומען אויסגיין פון הונגער.

"אַ נאָבאָדי ? אַ נול ? !"

ווי ער וואָלט נישט געהאַט גענוג צרות אין זײַן לעבן. עולה געווען קיין ישראל נאַקעט און באָרוועס. אַ פענסיאָנער אָן פענסיע. אַ שרײַבער אָן לייענער. אַלע זײַנע געטרײַע לייענער זענען דאָך אומגעקומען אין די דײַטשע לאַגערן. פאַרפאַלן געוואָרן אין די רוסישע סטעפּעס. און די וועלכע זענען יאָ געבליבן לעבן, האָבן זיך צעשפּרייט און צעזייט איבער דער גאַרער וועלט. ווער אויף דער וועלט האָט נישט געוווסט אַז ער איז פאַררעכנט געוואָרן צווישן די גדולי־הדור, און איצט וויסן נישט אפילו זײַנע שכנים ווער עס וווינט צווישן זיי.

דאָס איז נישט געווען איבערגעטריבן. ווען איך בין געקומען צו אים צום ערשטן מאָל, האָב איך זיך קוים דערפרעגט צו זײַן שטיבל אין פאַרוואָרפענעם הינטערגעסל מיט פאַרלאָזטע הײַזלעך, אָפּגעשיילטע ווענט און אָרײַנגאַנג אָן נומערן. די לאַדנס פון זײַן דירה זענען געווען צוגעמאַכט אין מיטן העלן טאָג, און ער אַליין האָט אויסגעזען ווי זײַן טיר, אָפּגעשלאָגן און אָן אַן הענטל.

די עלטער האָט זיך אָנגעזעצט אויף אים זינט זײַן ווײַב איז געשטאָרבן. זי האָט אים זייער שטאַרק געפעלט און ער האָט געבענקט נאָכן ווייכן באַריר פון אַ ווײַבלעכער האַנט. דערפאַר האָט ער נישט אָנגענומען מײַן הילף, ווען איך האָב אים איין מאָל אָנגעטראָפן אין צענטער פון שטאָט, ווו ער איז געשטאַנען מיטן שטעקן אין דער האַנט, אין טונקעלע ברילן, און געוואַרט ווי אַ בלינדער, אַז עמיצער זאָל אים העלפן אַריבערגיין די רוישיקע גאַס. מיך האָט ער אָפּגעשטויסן ווען איך האָב אים אָנגענומען בײַם אָרעם, אָבער דעם מיידל, וועלכע האָט אים אַריבערגעפירט אויף דער צווייטער זײַט, האָט ער נישט אויפגעהערט גלעטן איר האַנט.

"איך — אַ נאָבאָדי ?" האָט ער איבערגעפרעגט מיט ווייטיק אין זײַן קול, און אָנגעוויזן אויף די ווענט אין זײַן שטיבל. די ווענט באַהאַנגען מיט ליטע־ראַרישע פּרעמיעס, געראַמטע הינטער גלאָז, האָבן דערציילט וועגן זײַן חשיבות און גלאַנץ. אויף אַ גרויס בילד האָט א. מ. לוקס געדריקט די האַנט פון שז"ר, דעם נשיא פון מדינת־ישראל. דאָס איז טאַקע געווען שז"רס קול וואָס איך האָב געהערט אויף דער רעקאָרדירקע, ווען איך האָב געעפנט די טיר. לוקס האָט איצט צוריק אַרויפגעדרייט דאָס קנעפּל און איך האָב געהערט וואָס שז"ר האָט נאָך מיט יאָרן צוריק און מיט גרויס היץ אין זײַן שטימע, עדות געזאָגט אויף דעם וואָס די ווענט האָבן איצט דערציילט. און צו דעם אַלעמען איז צוגעקומען דער דאָקומענט וואָס איך האָב מיט זיך געבראַכט: אַ באַשטעטיקונג אַז עס איז אים צוגעטיילט געוואָרן אַ קרקע אויפן אַלטן בית־עולם, וועלכער איז שוין לאַנג געשלאָסן פאַר פשוטע לײַט אָבער נישט פאַר יחידי־סגולה דאָרטן באַערדיקט צו ווערן.

איך האָב אויך געבראַכט אַ קאָפּיע פון דעם דאָקומענט אויף צו שיקן צו

יעקב גלאַטשטיינען אין אַמעריקע. זאָל ער לייענען און איבּנזען זײַן גרויסן טעות. זאָל ער וויסן ווו דער נאַבאָדי וועט באַגראָבן ווערן. און די זאַך וועט ווערן אויס־געפירט, ווײַל דרײַ חתימות זענען געווען אויפן דאָקומענט. אזוי האָט א. מ. לוקס פאַרלאַנגט פאַרן איבערגעבן אונדז זײַן אַרכיוו, כדי צו פאַרזיכערן זיך אַז מען וועט אים נישט אָפּנאַרן נאָכן טויט.

"נקמה איז דאָך זייער זיס", האָט ער געזאָגט און געלייענט פאַר זיך מיט אַן אונטערניגון די נעמען פון די אונטערשרײַבער: ראש־העיר, דעקאַן פון אוניווער־סיטעט, הויפּט־קברן פון דער היגער חברה־קדישא.

מיט אַ פײַכטן בליק האָט ער אַרײַנגעלייגט דעם דאָקומענט אין שופלאָד און געזאָגט, אַז איך בין געוואָרן אין זײַנע אויגן דער זיסער שליח פון מלאך־המוות.
"נאָך דיר — ער".

אַ בוך צום אָנדענק פֿון אַריה צימוקי ז"ל

דער פאַרבאַנד פון די יידישע שרײַבער און זשורנאַליסטן אין ירושלים, האָט באַשלאָסן, מיט אַ צײַט צוריק, אַרויסצוגעבן אַ בוך צום אָנדענק פון אַריה צימוקי ז"ל.

גלײַך נאָך דעם באַשלוס האָט די לייטונג פון פאַרבאַנד אויסגעוויילט אַ רעדאַקציע, וועלכע זאָל זיך פאַרנעמען מיט אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע בוך. די רעדאַקציע באַשטייט פון פּראָפ׳ יצחק וואַרשאַבסקי — דער פאַרזיצער פון פאַרבאַנד, אפרים שעדלעצקי און יעקב עדעלשטיין — מיטגלידער פון דער לייטונג פון פאַרבאַנד און זאב אַפּעלבוים — גענעראַל־סעקרעטאַר. יעקב עדעלשטיין איז באַשטימט געוואָרן אַלס רעדאַקטאָר און זאב אַפּעלבוים, אַלס רעדאַקציע־פאַרוואַלטער.

מער ווי אַ יאָר צײַט האָט די רעדאַקציע געזאַמלט מאַטעריאַל פאַר דעם בוך. זי האָט זיך געווענדעט צו די פרײַנד און מיטאַרבעטער פון פאַרשטאָרבענעם זשורנאַליסט און געבעטן צושיקן אין רעדאַקציע, אָפּהאַנדלונגען, זכרונות, און אַנדער מאַטעריאַל, וואָס האָט אַ שייכות מיט צימוקיס לאַנגיעריקער זשורנאַליסטישער געזעלשאַפטלעכער און ציוניסטישער אַקטיוויטעט און בעיקר — וועגן זײַן טעטיקייט אַלס פאַרזיצער פון זשור־נאַליסטן־פאַרבאַנד אין ירושלים און זײַן וויכטיקער אַרבעט אין דער "מועצה־הציונית", וועלכע ער האָט געגרינדעט און מיט וועלכער ער האָט אָנגעפירט ביז צום לעצטן טאָג פון זײַן לעבן. דער בוך וועט אויך אילוסטרירט זײַן מיט בילדער פון פּראָמינענטע פּערזענ־לעכקייטן, מיט וועלכע צימוקי איז געווען אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט.

דאָס בוך ווערט אַרויסגעגעבן דורך דעם פאַרבאַנד, מיט דער הילף פון דער צײַטונג "ידיעות־אחרונות", וווּ אַריה צימוקי איז געווען אַ לאַנגיעריקער מיטאַרבעטער.

הירש אָשעראָוויטש

פינף לידער

לעבט אַ פֿאָלק...

לעבט אַ פֿאָלק מיט אויסגעהאַקטע שויבן,
זיצט אין סוכּות אונטער ברענענדיקן סכך,
איז געווינט, מע זאָל טאָג-טעגלעך עס באַרויבן,
פּלאָגן מיט אַלץ נײַע "גזירות ת״ח".

לעבט אַ פֿאָלק מיט לעבער אין נשמה
(אַ צעבײַלטס פֿון פֿרײַנד, ווי פֿון די פֿײַנד).
צוֹררים — אַרום ווי סקאָרפּיאָנען,
און די זון רק אויף אַ קוילער-מעסער שײַנט.

לעבט אַ פֿאָלק מיט אַ געשענדטן ייחוס ,
און משיח, קענטיק האָט פֿאַרגעסן גאָר וועגן זײַן שליחות.

יברכך !

פֿאַרשטיי, אַז ס'איז אַ זינד געטרײַ צו זײַן דעם צער.
נאָך רישעותדיקסטן בראָך עס קומט אַ "נחמו" דיר.
גענוג האָסטו געהאַט שוין אָנווער, לײַד און פּײַן,
שוין צו פֿיל האָט דער ווײ זיך מיט דײַן האַרץ געברודערט.

געבענטשט זאָל זײַן דײַן וואָרט וואָס ניט געבראָכן קלינגט —
דאָס צניעותדיקע וואָרט וואָס איז נאָר בענטשן אויסן !
גענוג זיך אָנגעהערט האָסט גרעבסטע זידלערײַ
און "מאַמע-יופּעס" ברודיקע מיט פֿליטערלעך און קרויזן...

זאָל גליקלעך זײַן די ערד, באַטראָטן פֿון דײַן פֿוס !
זאָל גליקלעך זײַן דײַן פֿוס, וואָס ס'איז נאָך טראָט באַשערט אים !

נאָך די לוויה-גענג און שיבעה-זיצעניש
האָסטו געוויס פאַרדינט, דער גורל זאָל דיך צערטלען.

טאָ וויש אַראָפּ די טרער, וואָס פרעסט אַדורך דיין מוט,
און זאָל דער טיפער זיפץ אַ פריינד דיינער ניט זיין מער.
אַ יברכך גאָט, יברכך,
זאָלסט מער ניט דאַרפן זיין קיין קלאָגער און קיין טענהער.

פאַנאַר פון דער ווייטנס...

שאָטנס גוואַלדעווען ניט, שאָטנס שטיקן אין-זיך זייער צער.
סטירדיש פאַרקאַלייעט שטומען קאַלטע שאָטנס פון פאַנאַר!

כוליגאַנעוועט אויף זיי אַ פורק-עול אַ ווינט:
בראָנעוועט דאָס בלוטפעלד וואָס אַצינד
איז שוין מיט אַ גראָזסאַמעט באַגרינט,
און דערויף אַ לידעלע זעגט: גזר!-גזר!-גזר!-גזר!

ווער קען אויסקויפן די זינד,
וואָס עס גערעטן איז אים אויסמיידן פאַנאַר?...

תל-אָביב, אויגוסט 1987

ברוך השם...

אויף די קליגסטע שעה האָט נאַרישע מינוטן.
לאָמיר ווייכן פון דער לייטזעליקייט פון נישט-גוטן,
לאָמיר זיינע גוזמאַדיקע לאַשטשענישן ניט געטרויען,
ס'איז זיין האָבי: אונדז פאַרמאַניען אין דער פאַלגרוב פון חטאָים...

דווקא ביי הצלחה-הייכן זענען טיפער די מפלה-טיפן.
לאָמיר ניט צו גאַווהדיק מיט אונדזערע דערגרייכן שטיפן,
אָבער אויך באַשיידן קלינגענדיק מיט די יכולת-טאַצן,
לאָמיר ניט דערלאָזן אונדזער גרויסקייט ניט דערשאַצן.

פֿײַער שוואַנגערע ווולקאַנען ווערן אָן דעם אָטעם,
ווען עס ווערט פֿאַר זיי אַרויסגעבראַכט דער שם **בן-אָדם**.

תל-אָביב, אויגוסט 1987

*

געוויס איז לעולם דער חלום אַ ליגנער
און אויסן איז ער צו פֿאַררײדן די אויגן.
פֿון דעסטוועגן ווייס איך, אַז זינט איך געדענק זיך
לויט אים כ'האָב געמאָסטן, מיט אים כ'האָב געוויגן,

און אַלינקע יאָרן — זינט חדר-זמן פֿריסטן —
ער פֿון מײַן נאַיִווקייט האָט צוטרוי גענאָסן.
נאָר טויג דען אַ וועלט, וווּ דער דרך-הטבע
איז לעבן אין איר לויט כּזבנישע מאָסן?

תל-אָביב, יוני 1987

י. ד. קאַלקער ז״ל

אין שפּיטאָל

(פון ראָמאַן ״מיט דער באָבעס אויגן״)

די אַלגעמיינע פּאַלאַטע איז שוין גאָר נישט אַזאַ אַלגעמיינע — ס׳געפינען זיך דאָ נישט מער ווי פיר בעטלעך און נאָר צוויי זענען פאַרנומען. אַראַפּגיין דערלויבט מען מיר נאָך נישט. נאָר אַזאַ מזל האָב איך, אומעטום באַגעגן איך נײַע אינטערע־סאַנטע מענטשן, הער פאַרשיידענע געשיכטעס. ווי נאָר מען האָט מיך אײַנגעאָרדנט אויפן פּלאַץ האָבן די צוויי קראַנקע פרויען באַנײַט זייער וויכוח.

די שכנה מײַנע פון רעכטס; אַ פרוי פון אַ יאָר זיבעציק. פון הינטער אירע פּשוטע ברילן קוקן אויף דיר אַ פּאָר מילדע מאַמישע אויגן ,אַ קוים בולטער שמייכל באַשײַנט און מאַכט היימיש די געדיכטע קנייטשן אויף איר געעלטערטן פּנים, די צונויפגענומענע אין אַ קובליק שיטערע גרויע האָר דערמאָנען פון דעסטוועגן די אַמאָליקע לאַנגע מיידלשע צעפּ.

— ס׳איז נישט נײַ — זאָגט זי — אַ סך פון די עולים פון רוסלאַנד האָבן זיך אַזוי שטאַרק אָפּגעבריט באַ זייער ״קאָמוניזם״, אַז יעדע קלײנע דערמאָנונג אין סאָציאַליזם צינדט אין זיי אָן אַ פײַער. אַלץ איז באַ זיי טרייף: די הסתדרות, די קיבוצים. איר ווילט נישט און קענט נישט פאַרשטיין, אַז די מדינה האָבן אויפ־געשטעלט חלוצים קיבוצניקעס, אַרבעטער, און זיי האָבן געשטרעבט נישט גלאַט בויען אַ ייִדיש לאַנד, נאָר אַ דעמאָקראַטיש לאַנד, אַ יושרדיקס. אַן אור לגוים, אַ מוסטער פאַר דער וועלט. לײַדער, האָט זיך עס נישט אין גאַנצן אײַנגעגעבן. קיין אור לגוים זענען מיר דערווײַל נישט.

— ווער זאָגט אַז דאָס האָט זיך אײַך נישט אײַנגעגעבן? וואָרעמט זיך די צווייטע, אַ שלאַנקע פרוי פון אַ יאָר דרײַסיק, פינף־און־דרײַסיק. די קורץ געשוירענע בלאָנדע האָר פאַלן איר אין פּנים אַרײַן, פאַרשאָרט זי זיי מיט אַ האַסטיקן וואָרף מיטן קאָפּ. זי שפּאַנט אויף און אָפּ איבערן צימער, בלײַבט שטיין אויף אירע שיינע שפּילקע־שיך, זי טראָגט נישט קיין שפּיטאָל־קליידער. פון אונטער דעם היימישן כאַלאַט זעט מען, די איידעלע קרוזשעוועס פונעם העמד וואָס צייכנט צוויי כמעט מיידלשע בריסטלעך. ווען נישט די באַזונדערע בלייכקייט פון איר ענערגישן פּנים וואָלט קיינעם נישט אײַנגעפאַלן אַז דאָס איז אַ האַרץ־קראַנקע.

— ס׳האָט זיך אײַך בפירוש אײַנגעגעבן. נאָר וואָס האָט זיך אײַך אײַנגעגעבן? וואָס איז הײַנט דער קיבוץ? אַ פּריצישע אימעניע, אַ פאַרמאַכטע לאַטיפונדיע פון אויפגעקומענע אַריסטאָקראַטן, מיט אייגענע שווים־באַסיינען, מיט ספּעציעלע שולן.

ביי דער נייער טעכניק איז די פיזישע אַרבעט שוין ווייט נישט אַזוי שווער און עס טוען זי ביי אייך די מתנדבים, נאַיווע בחורים און נאַרישע מיידלעך, וואָס קומען צו אייך פון אַלע עקן וועלט לערנען אייער, מישטיינס געזאָגט, סאָציאַליזם. אויף אייערע פאַבריקן אַרבעטן ספרדישע אַרבעטער, אַרבעטן פאַר גראָשנס אויף צו פאַרגרעסערן אייערע דיווידענדן! כ׳וועל נישט לייקענען — לאָזט זי נישט די אַלטע זאָל איר עפּעס ענטפערן — ווען נישט די קיבוצניקעס וואָלטן מיר נישט געהאַט דאָס וואָס מיר האָבן. נאָר די סאָציאַלע פאַרמען וואָס איר האָט איינגעשטעלט צעפאַלן זיך. זיי קענען קיין לאַנגן קיום נישט האָבן. אַלץ איז געבויט אויף זאַמד. צענטריפוגאַלע כוחות רייסן שוין היינט די קיבוצים אויף שטיקער. דער אַקטיוו־סטער טייל פון אייער יוגנט פאַרלאָזט דעם קיבוץ. פאַרט אין ווו ערגעץ אַ פאַרוואָרפן ווינקל פון דער וועלט זוכן גליקן. ווייל יעדער וויל אַרבעטן נאָר פאַר זיך. אין קיבוץ בלייבט נאָר דער אינערטער טייל. עס האַלט אים דאָרט די געוווינהייט און דער קיבוצישער ווילשטאַנד, וועלכן איר האָט דערגרייכט נאָר אַ דאַנק דעם גרויסן צושטראָם פון ציוניסטישע געלטער. אויף אַ לענגערן פעריאָד מוז זיך אָפּרופן דאָס פעלן פון פערזענלעכער פאַראינטערעסירונג, נאָר די פרייע קאָנקורענץ דינט און טרייבט דעם פּראָגרעס פאָרויס.

— שוין? — פרעגט זי די אַלטע — האָסט שוין אַרויסגעלאָזט דעם גאַנצן דאַמף? אויב אַזוי זעץ זיך צו און הער: אויף וויפל איך ווייס, האָבן דיר די דאַקטוירים פאַרווערט אַזוי פיל אַרומגיין און אַזוי זיך אויפרעגן. הער מיט קאָפּ! דו טוסט קיינעם קיין טובה נישט ווען דו אָנערקענסט די פאַרדינסטן פון די קיבוצים, זיי רעדן אַליין פאַר זיך. אָן זיי, אָן דער הסתדרות וואָלטן מיר נישט געהאַט נישט קיין לאַנד און נישט קיין מלוכה. לאָמיר בעסער זיך אַ גריבל טאָן אין דער געשיכטע. זינט עס הערשט אויף דער וועלט סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אונ־טערדריקונג זוכן מענטשן אַ וועג צו גערעכטיקייט. איך זאָג גערעכטיקייט און נישט גלייכקייט. אַפילו דיין רוסישער קאָמוניזם מיט זיין אומגליקלעכער דיקטאַטור איז נישט דורכגעגאַנגען אָן אַ נוץ פאַר דער מענטשהייט, שוין נאָר דערמיט, וואָס ער האָט דערוויזן, אַז דער וועג פון דיקטאַטור טויג נישט. זעבנען געקומען צענדליקער טויזנטער פשוטע חברהלייט, חלוצים און מיט די אייגענע הענט אויפגעשטעלט, אין מיטן אַ פייַנטלעכער וועלט — אַ נייַע, אַ מער גערעכטע סאָציאַלע סיסטעם. זיי האָבן איבערגעשטאַלטעט זיך אַליין און מיט דעם אויך דאָס פאָלק, זיי האָבן געשאַפן אַ יידישע מלוכה, אַ פעסטע אַרמיי, אַ פּראָגרעסיווע קולטור, צי איז דאָס נישט קיין גאַראַנטיע אויף דער צוקונפט? נאָר בלינדע קענען זאָגן, אַז אין די קיבוצים פעלט איניציאַטיוו. דער לאַקנדיקער בורזשוואַזער אַרום שווענקט אָפּ פון אונדז די צופעליקע, די נישט שטאַנדהאַפטיקע עלעמענטן, אָבער דער געזונטער קערן וואַקסט און אַנטוויקלט זיך. די צייט שטעלט נייַע פראַגן און מיר וועלן אויף זיי אויך געפונען די פּאַסיקע ענטפערס.

— דו גיב בעסער אַ קוק, טאַכטער, צו וואָס עס דערפירט דיין פרייע קאָנקו־רענץ; צוויי וועלט־מלחמות, אָן אַ צאָל קליינע מלחמות, אַ וועלט אָן איבערגע־

לאָדענע מיט אַטאָם־וואָפן, אַ וועלט, וווּ מיליאָנען האָבן נישט וואָס צו עסן און די "קאָנקורענץ־פעיִקע" ווייסן שוין נישט וואָס צו טאָן פאַר ווילטאָג. אַזוי זעט זי אויס, די וועלט, ווען מען קוקט אויף איר נישט פון דעם אייגענעם בוידעם־שטיבל, ווען מען באַמיט זיך פאַרשטיין ווײַטער פון דער אייגענער קעשענע.

דעם שמועס האָבן איבערגעשלאָגן די דאָקטוירים. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער טעגלעכער מעדיצינישער אומגאַנג.

און נאָכדעם זענען אָן אויפהער געקומען באַזוכער. צו דער קיבוצניצע איז געקומען איר זון, אַ מיליטער־מאַן, אַ גרופּע חברים פון קיבוץ. עס זענען געקומען שימעלע מיט סאָניען. זיי האָבן מיטגעבראַכט חוהלען. ס'איז אויך געקומען מעכל. פון די קינדערס פּנימער איז נישט צום אָראָפּלייענען גאָרנישט. און איך קען נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן יענעם באַנאַכטיקן שמועס, סאָניעלעס טרערן, נאָר פרעגן קען איך נישט. חוהלעס פּוכיקע הענטעלעך גלעטן און באַרויִקן. די קינדער קלײַבן זיך פאָרן און איך האָב קיין צײַט נישט אויסשמועסן זיך מיט מעכלען. פאַר די עטלעכע טעג האָט ער זיך היפּש אָראָפּגערוקט. — מעגסט — זאָג איך אים — קומען אָפּטער און נישט וואַרטן אויף די קינדער מיט זייער מאַשין.

צו דער צווייטער קראַנקער איז געקומען איר מוטער מיטביידע אירע קינדער: אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר אַכט און אַ מיידעלע פון אַ יאָר פינף. די קינדער איז נמאס געוואָרן זיצן ווי סטאַטיקעס, האָבן זיי זיך געלאָזט אויספאַרשן די פּאַלאַטע. מיך האָבן זיי באַטראַכט פון ווײַטן, זעט אויס, איך בין זיי געפעלן, ווײַל די קליינע האָט מיר געבראַכט אַ באַנאַנע. באַלד האָט זיך צו מיר צוגעזעצט זייער באָבע, אַן אַדרת פּנימדיקע ייִדענע. קיין עברית קען זי נישט און דער ייִדיש אירער איז אויך גאָט באַהיט! זי האָט, זעט אויס, שוין לאַנג געזוכט אַ מענטשן פאַר וועמען זי זאָל אויסדערציילן איר האַרץ:

אַ געבוירענע אין בערשאַד, האָט זי אַלע יאָרן געוווינט אין כאַרקאָוו. דער מאַן אירער — אַ פּראָפעסיאָנעלער מיליטערמאַן איז אומגעקומען אין סטאַלינגראַד, דער איינציקער זון — אין די שלאַכטן בײַ קעניגסבערג. געבליבן איז איר נאָר די טאָכטער, די מיזינקע. נאָך דער מלחמה האָבן זיי זיך אומגעקערט קיין כאַרקאָוו און, וווּנדער איבער וווּנדער! אין דער חרובער שטאָט האָבן זיי געפונען גאַנץ זייער פאַרמלחמהדיקע קוואַרטיר און אפילו אַ טייל פונעם מעבל. סוועטאַטשקע איז אויסגעוואַקסן, זי איז זייער אַ פעיִקע. עס האָט זיך איר פאַרגלוסט לערנען אויף ציין־דאָקטער, האָט זי געלערנט אויף ציין־דאָקטער. וואָלט שוין געווען גוט, האָט זי האַרט פאַרן ענדיקן די לערע, זיך פאַרליבט אין אַ סטודענט פונעם אַרכיטעקטור־פאַקולטעט. אַ ייִדישער בחור, אַ בחור מיט הוילע מעלות, אפילו אַ ביסל צו פיל מעלות. זיי האָבן נישט געוואַרט ביז ער וועט ענדיקן און ווען ער האָט באַקומען זײַן באַשטימונג אויף אַרבעט קיין קעשענעוו איז זי שוין פאַרגאַנגען אין טראָגן. מען האָט געמוזט איבערפאָרן קיין קעשענעוו. גוט וואָס דאָרט האָט זיך אָפּגעזוכט אירע אַן עלטערע שוועסטער. די עלטערע שוועסטער איז אין גיכן אָפּגעפאָרן קיין ישראל. אַ דאַנק דער שוועסטער איז זיי שפּעטער געלונגען אַרויסרײַסן זיך פונעם

רוסישן גן־עדן. סוועטאַ האָט זיך גיך אַרויפֿגעאַרבעט, געוואָרן באַרימט אַלס צייןדאָקטער. נאָר דאָס פֿאַמיליען־לעבן ביי זיי האָט זיך נישט איינגעגעבן. דער שיינער, דער געראַטענער איידעם האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ ווייבערניק און אַ גרויסער פּויליאַק. ער האָט סוועטאַטשקען פּאַראַטן אויף רעכטס און אויף לינקס. ס׳איז געקומען די צייט ווען מער אויסהאַלטן האָט זי נישט געקענט. אַ מאַמע פֿון צוויי קליינע קינדער, האָט זי אַנגעגעבן אויף אַ גט. כאָטש זי האָט אים ליב געהאַט און מעגלעך — זי האָט אים ליב נאָך ביז היינטיקן טאָג.

פֿאַרשטייט זיך, דאָס פֿאָרן קיין ישראל איז געווען איר איניציאַטיוו. — מאַמע — האָט זי געזאָגט — איך קען נישט מער! איך אַרבעט טאָג און נאַכט און אויב איך מאַך אַ קליענט גאָלדענע ציין אין דער היים, דאַרף איך מיך היטן ווי אַ גנב! זיי זענען מיר נמאס און מיאוס מיט זייערע פֿאַלשע רייד, מיט זייערע אַטשערעדן און מיט אַלע זייערע גליקן!

זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון אַלימענטן און מיר זענען אָפּגעפֿאָרן. איך דאַרף אייך נישט דערציילן ווי שווער ס׳איז דער אָנהויב ביי נייע עולים. די ערשטע אַרבעט האָט זי געקראָגן ביי אַ באַקאַנטן ציין־דאָקטער אין אשקלון. צוויי טעג אין דער וואָך פֿלעגט זי פֿאָרן קיין אשקלון. זי פֿאָרט נאָך אַהין ביז איצט, כאָטש זי האָט שוין אַן אייגענעם קאַבינעט מיט אַלעם נויטיקן און קיין אַרבעט, ברוך השם, פֿעלט איר נישט. מענטשן זאָגן: זי האָט גאָלדענע הענט. זי האָט אויך אַ גאָלדן האַרץ, נאָר קיין מזל האָט זי נישט. חתונה האָבן האָט זי נישט מיט ווועמען, און די יאָרן גייען. האָט זי אַזוי לאַנג געהאָרעוועט ביז זי האָט זיך איבערגעהאָרעוועט. נאָר אַ האַרץ־פֿעלער האָט איר געפֿעלט! זי איז שוין דאָ באַלד צוויי וואָכן. הלוואי האַלט מען זי נאָך זי זאָל אין גאַנצן קומען צו זיך.

אויפֿדערנאַכט. די צייטונגען זענען שוין אויסגעלייענט. מען האָט שוין פֿאַרקלענערט דאָס ליכט, נאָר שלאָפֿן איז נאָך פֿרי, איז געקומען סוועטאַ ווײַנבערג, די ציין־דאָקטערשע און זיך צוגעזעצט אויף מיין בעטל, די קיבוצניצע האָט זיך אויסגעדרייט צו אונדז מיטן פּנים, און עס האָט זיך פֿאַרפֿירט אַ שמועס. צום אַלעם ערשטן פֿאָדערן זיי איך זאָל מיך פֿאַרשטעלן, און נישט פּשוט אָנרופֿן דעם נאָמען נאָר טאָקע דערציילן ווער איך בין און פֿון וואַנען איך קום. דערצייל איך:

איך בין אַ פּשוטע ייִדענע, פֿריידע רופֿט מען מיך, פֿריידע שטייף. אין לאַנד בין איך געקומען צוליב די קינדער. דער עלטערער לעבט אין רעננה, דעם צווייטן האָט עס פֿאַרטראָגן אויף יענער זייט ים. די געסט וואָס האָבן מיך היינט באַזוכט זיינען מיינע אייניקלעך און דאָס חנעוודיקע מיידעלע איז מיין אוראייניקל. דער מאַן איז מיר אומגעקומען אויפֿן פֿראָנט, האָב איך געהאָרעוועט אויף דעם נישט גרינגן שטיקל ברויט און אויפֿגעכאָוועט די זין. מיט פּאָליטיק האָב איך זיך נישט אינטערעסירט. קיין ציוניסטקע בין איך קיינמאָל נישט געווען. אַ פּאַטריאָטקע בין איך געוואָרן ערשט דאָ אין לאַנד, אַלץ וואָס דאָ קומט פֿאָר גייט מיך אָן, פֿרייט מיך און טוט מיר ווי.

מיין טאַטע, עליו השלום, פֿלעגט זאָגן: דער חילוק צווישן אַ מענטשן און

להבדיל אַ בהמה איז, וואָס אַ קעלבל וואַקסט אינגאַנצן דרײַ יאָר און איז שוין אַ פאַרטיקע קו, אַ מענטש אָבער וואַקסט און וואַקסט און לערנט זיך און ערשט דעמאָלט זעט מען: ער איז אַן אמתע בהמה. אַקעגן וואָס זאָג איך דאָס? אַ מאָל האָב איך געענדיקט אַ גימנאַזיע, דערנאָך, זעלטן ווען, אפשר איין מאָל אין אַ יאָר, איבערגעלייענט אַ ביכל און עס האָט מיר גאָר נישט געפעלט. הײַנט, אויף דער עלטער, האַלט איך אין איין לייענען, איך וויל פאַרשטיין און קען נישט. איך בין שוין אַריבער די זיבעציק און איין גאָט ווייסט ווען איך וועל זיך קענען זאָגן: פראַדעלע, ביסט אַן אמתע בהמה!

אַט האָט איר ביידע אַזוי ברייט גערעדט וועגן די קיבוצים, איך בין אַ פּאָר מאָל געווען אויף אַ טיול אין קיבוצים. מיר זענען דורכגעלאָפן דיווירטשאַפט, ווייניק געזען און נאָך ווייניקער פאַרשטאַנען, אָפּגעגעסן אַ זאַטן מיטאָג און אַ היים געפאָרן. פונעם קיבוץ כפר מנחם געדענק איך נאָר דעם פּרעכטיקן טעאַטער־זאַל. אַ זאַל פאַר מיליאָנען! ווײַזט זיך אַרויס — דאָס געלט אויף צו בויען דעם זאַל האָבן געגעבן רײַכע אַמעריקאַנער ייִדן. און בכלל: ווו מען גייט און שטייט: אין קופּת־חולים, אין שפּיטאָל, אין די שטאָטישע קלובן, אין די אַנשטאַלטן, אומעטום הענגען שילדן און שילדלעך מיט נעמען פון די געלט־שפּענדער. קומט אויס — דער גאַנצער ווילטאָג אונדזערער איז געזאַמלט פון נדבות...

און נאָך איין זאַך, ס׳ איז מיר אַפילו אַ בושה צו דערציילן, אין אַ צווייטן, רײַכן קיבוץ קיבוץ האָט מען אונדז געפירט אָנקוקן די ווירטשאַפט. אין די שטאַלן האָב איך געזען גוטע און זאַטע קי, וואָס פיטערן זיך קיינמאָל נישט אין פעלד. אַפילו די באַפרוכטפערונג זייערע איז אַ קינסטלעכע. די שפּײַז — אויסגערעכנט אויף וואָס מער מילך, אַ מילך־פאַבריק, ווו לעבן די סטערילע מעכאַניזמען עקזיסטירן אויך לעבעדיקע באַשעפענישן. איך דערמאָן מיך די ליבע און זאָרג, מיט וועלכער מיר האָבן אַרומגערינגלט אונדזער בהמהלע, ווי מיר פלעגן זי גיין באַגעגענען פון דער טשערעדע. מיר האָבן געוווינט אין אַ דאָרף און די געציילטע הינער אונדזערע האָבן פרײַ שפּאַצירט אין הויף. און דאָ, אין קיבוץ: דרײַ לאַנגע שוואַך באַלויכטענע צעכן, מען ברענגט פון ערגעץ, פון אַ צווייטער פאַבריק, נאָר וואָס אויסגעפּיקטע פון די אייער, ברעקעלעך פויקעלעך, מען לאָזט זיי אַרײַן אין די טויזנטער אין איינעם פון אַט די לאַנגע צעכן, עסן, וואַסער, לופט — אַלץ ווערט דערלאַנגט אויטאָמאַטיש און זיי, די אָרעמע פויקעלעך, קיין מאַמע האָבן זיי אין לעבן נישט געזען, אויף דער פרישער לופט, אויף דער זון, נישט געווען! זיי וואַקסן אין דער ענגעניש ביז זיי דערגרייכן די בויטיקע וואָג נעמט מען זיי צונויף אין שטײַגן און מען פירט זיי צו דער שחיטה. אַ פלייש־פאַבריק אַן איין טראָפּן נשמה. כ׳בין זיך מודה, איך וואָלט בײַ אַזאַ אַרבעט קיין דרײַ טעג נישט אויסגעהאַלטן.

— זעט מען טאַקע, מאַדאַם שטײַף, אַז איר קומט פון אַ דאָרף — רופט זיך אָפּ די ציין־דאָקטערין. און איך בין געוואַקסן אין אַ גרויסער שטאָט, אין כאַרקאָוו. נישט דעם טאַטן נישט דעם איינציקן ברודער האָב איך אין מײַן לעבן נישט געזען. זיי זענען געווען העלדן, זיי זענען אומגעקומען בעתן פאַרטיידיקן דאָס פאָטער־

לאַנד, נאָר מיר איז דערפֿון אויף קיין האָר נישט געוועזן גרינגער. די מאַמען האָב איך אויך זעלטן געהאַט פֿאַר זיך. קיין הונגער האָבן מיר נישט געליטן, נאָר תּמיד האָט אונדז עפּעס געפֿעלט. פֿון אַנטאָן זיך ווי געהעריק האָב איך אַפֿילו נישט געחלומט. איך האָב באַשלאָסן לערנען אויף ציין־דאָקטער, ווײַל פֿון אַלע אַזוי גערופֿענע אינטעליגענטע פּראָפֿעסיעס גאַראַנטירט ציין־דאָקטערײַ, פֿאַר די וואָס טויגן זיך אויס, אַ העכערן לעבנס־ניוואָ. בין איך געוואָרן אַ ציין־דאָקטער און אַ גוטער ציין־דאָקטער. מײַנע קליענטן דאַרפֿן נישט קומען צו מיר אַן איבעריק מאָל. אויב איך מאַך אַ פּראָטעז וועט ער נישט אַנרײַבן און נישט שאָקלען זיך, עס וועלן נישט זײַן מיט אים קיין שום אַנדערע מעשׂיות. דערפֿאַר אָבער הייס איך מיר גוט באַצאָלן און מבֿינים צאָלן. חתונה געהאַט האָב איך יונג. כ'האָב מיך פֿאַרליבט ווי אַ פֿלאַם־פֿלאַץ און אַפּגעסמאַליעט זיך די פֿליגל. דער געוועזענער מאַן מײַנער: אַ שיינער און אַ קלוגער, נאָר אַ גאָרנישט מיט אַ נישט, אַ מענטש אָן אַמביציע!

איך זאָג אים: דרײַ יאָר ביסטו אַרכיטעקטאָר, וואָס האָסטו אויפֿגעטאָן? פֿרעגט ער מיך — וואָס ווילסטו זאָל איך אויפֿטאָן? דעם אייפֿעל־טורעם האָט מען שוין אויפֿגעשטעלט, דעם פּאַלאַץ פֿון די סאָוועטן האָט מען שוין אַרײַנגעשטעקט אין מיטן היסטאָרישן קרעמל, פּיראַמידן פּלאַנירט מען בײַ אונדז נישט. אפֿשר שאַפֿן דיר אַ נײַעם קאָמפּלעקס פֿאַרן באַבי־יאַר? בין איך נישט דער מענטש צו קריכן מיט דעם שוואַכן קאָפּ אין דער היץ אַרײַן. מיר איז אַזוי אויך גוט. נישט אַלע אַרכיטעקטאָרן מוזן זײַן געניאַל. מען דאַרף קענען לעבן צוליב דעם אייגענעם פֿאַרגעניגן. אַזוי האָט ער טאַקע געלעבט. אַ לײַכטזיניקער ווײַבערניק, האָט ער אויף יעדער דריטער גאַס געהאַט אַן אַנדערע געליבטע. נאָר נישט דערפֿאַר האָב איך אים פֿאַרטריבן, כ'האָב אים פֿאַרטריבן פֿאַר זײַן נישטיקייט.

כ'האָב גענומען מײַנע ביידע פּיצלעך קינדער, די מאַמען, און געקומען אַהער קיין ישׂראל. דאָ שטערט מיר קיינער נישט. דאָ האָב איך אין געציילטע עטלעכע יאָר דערגרייכט וואָס איך האָב געוואָלט. כ'האָב אַ שיין אויסמעבלירטע אייגענע דירה, אַן אייגענעם קאַבינעט, אַ מאַשין און איך קען מיר פֿאַרגינען אַ סך אַנדערע זאַכן. דער עפּיזאָד מיט מײַן האַרץ־אַטאַק איז נישט מער ווי אַן עפּיזאָד. כ'וועל מוזן אַ ביסל פֿאַרקלענערן דעם טעמפּ.

— און ווי איז מיט חתונה האָבן? די יאָרן שטייען דאָך נישט? די מאַמע אײַערע וויל אוודאי דערלעבן פֿון אײַך אַ ביסל נחת...

— חתונה האָבן? צוליב וואָס? מיט וועמען? קיין מאַנגל אין מענער האָב איך נישט און קיין רעבעצן בין איך נישט...

— איין זאַך איז מיר אַ ביסל שווער צו פֿאַרשטיין — האָט זיך אָנגערופֿן די קיבוצניצע — איר זענט אַ גוטע ספּעציאַליסטקע, נאָר עפּעס גאָר גיך איז אײַך געלונגען רײַך ווערן, ווי אַזוי האָט זיך עס אײַך אײַנגעגעבן? מס הכנסה צאָלט איר דאָך גלײַך מיט אַלע.

— וואָס הייסט בײַ אײַך צאָלן גלײַך מיט אַלע? אַלע אַרבעטן אַכט שעה אין טאָג, איך אַרבעט זעכצן, אַכצן שעה יעדן טאָג, זאָל איך פֿאַר מײַנע אויבערשעהן

אויך צאָלן מס? איך בין אַ טײַערער ציין־דאָקטער. די ערשטע צײַט, צוליב רעקלאַמע, האָב איך געהיילט יעדן, ווער עס איז צו מיר געקומען, הײַנט קומען צו מיר נאָר די וואָס קענען גוט צאָלן און ס׳איז שוין מײַן זאַך אַרויסבאַקומען פון זיי וואָס מער געלט.

אַזוי האָט דערציילט וועגן זיך סוועטאַ ווײַנבערג. די בלויע אויגן אירע — קאַלט פײַער.

— און איצט איז מײַן צײַט צו דערציילן — האָט זיך אָנגערופן די קיבוצניצע.

— איך שטאַם פון אַ קליין שטעטעלע. בײַ מײַן טאַטן, דעם שוסטער, בין איך געוועזן די דריטע, נאָך מיר זענען געוואַקסן נאָך צוויי. צו דרײַצן יאָר האָט מען מיך אָפּגעגעבן לערנען שנײַדערײַ. אויף הכשרה בין איך אַוועק צו אַכצן. און שוין אַ יאָר פופציק אַרבעט איך, וווין און לעב אין קיבוץ. אין דער היים האָב איך געהייסן שיינדל. אין קיבוץ רופט מען מיך אורה. ווי אַזוי מען האָט געלעבט אין די נײַ־געגרינדעטע קיבוצים איז שוין באַשריבן אפילו אין די לערנביכלעך. מיר האָבן אָנגעהויבן מיט די הוילע הענט. די ערשטע צײַט האָבן מיר געפּאַשעט שאָף. קיין רינדער זענען נאָך בײַ אונדז נישט געווען. אין אַקער האָבן מיר געשפּאַנט פערד. די געציילטע הינער האָבן זיך טאַקע געדרייט אין הויף, נאָר אייער? אייער זענען געווען מיט גאָלד גלײַך. אָרעם און אָרעם זענען געווען אַראַבער, אָרעם און אָרעם — וויסטער מדבר: נישט קיין אַספּאַלטירטע וועגן, נישט קיין אויטאָבוסן, און די לויטערע, די ווונדערלעכע ישראל־נעכט האָבן געאָטעמט נישט אַזוי מיט ליבע ווי מיט געפאַר. מען האָט געדאַרפט גאָר שטאַרק גלויבן אַז פון אונדזער מי וועט זיך עפּעס באַקומען. האָבן מיר געהאָרעוועט, געהאָפט און געגלויבט. דאָס לעבן האָט זיך ביסלעכווײַז געביטן: צו ערשט איז געקומען די זעט, שפּעטער — אויך די זיכערקייט. מען האָט אויסגעבויעט אַן עס־זאַל, אַ שול, שטיבער... חתונה געהאַט האָב איך פאַר דעם חבר מיט וועלכן איך בין געקומען אויף הכשרה. אַ לאַנגע צײַט האָבן זיך בײַ אונדז נישט געהאַלטן קיין קינדער. כ׳האָב צוויי מאָל מפּיל געווען. דערפאַר האָב איך נאָך דעם געבוירן איינעם נאָך דעם אַנדערן צוויי בחורים — ערשטער סאַרט! דער מאַן איז מיר געפאַלן אין דער סיני־קאַמפּאַניע... איך בין געבליבן מיט צוויי קליינע קינדער. ווען נישט דער קיבוץ, ווייס איך נישט ווי אַזוי איך וואָלט זיך אַן עצה געגעבן. נאָר דער קיבוץ איז אײַן גרויסע און געטרײַע נשמה. נישט נאָר איך האָב די קינדער געשטעלט אויף די פיס, נאָר איך אַליין, אַ געוועזן שנײַדער־מיידל, האָב געלערנט איינעם מיט זיי און אַפילו אָפּגעגעבן בגרות. געאַרבעט האָב איך ווו נאָר מען האָט געדאַרפט: אין שטאַל, אויף דער מילך־פערמע, בײַ די נײַע פלאַנטאַציעס. איצט, אויף דער עלטער, פיר איך אָן מיט דער קיבוץ־שנײַדערײַ. אונדזער קיבוץ וואַקסט און באַרײַכערט זיך...

— גענוג! האָט די ציין־דאָקטערין איר איבערגעשלאָגן די רייד. ווײַטער איז מיר דאָס לידל באַקאַנט. כ׳וועל מיך בעסער צולייגן לייענען.

און זי האָט זיך אומגעקערט צו זיך אויפן בעטל. זענען מיר געבליבן צוויי עלטערע יידענעס. אורה האָט שטיל און פאַרטרוילעך פאַרגעזעצט איר געשיכטע.

...די קינדער זענען אויסגעוואקסן, דער עלטערער האָט אָפּגעדינט און זיך אומגעקערט צו זײַנע פּלאַנטאַציעס. דער קיבוץ האָט זיך צעוואַקסן אָבער... אַ טייל פון די עלטערע האָבן זיך אָפּגעקילט — נישטאָ שוין די ענגע חברישע באַציִונג, וואָס אַ מאָל. מען איז ווייניקער גערן געקומען אויף די פאַרזאַמלונגען און נאָך ווייניקער אָנטייל גענומען אין באַהאַנדלען די וואָס אַ מאָל מער קאָמפּליצירטע ווירטשאַפטלעכע פראַגן.

ס׳איז געווען אין סאַמע ברען פון דער מתנדבים־קאַמפּאַניע, פון אַלע עקן וועלט זענען צו אונדז געקומען ייִנגלעך און מיידלעך. זיי האָבן זיך געחברט מיט אונדזערע סאַברעס. מיר, די עלטערע, האָבן זיי קוים פאַרשטאַנען.

אויף מײַן ביטער מזל האָט זיך אָפּגעזוכט אַ מיידעלע, אַ ליאַלקע, אַ בת־יחידה בײַ אַ רײַכן ייִדן פון לאָס־אַנדזשעלעס. זי האָט זיך פאַרליבט אין מײַן נחמיהן, מײַן עלטערן זון. אין אוניווערסיטעט האָט זי זיך נישט אומגעקערט. זיי האָבן החתונה געהאַט און זי איז געבליבן לעבן מיט אונדז אין קיבוץ. אַ ווײַלע בחורטע אַ צוגעלאָזטע, נאָר דעם ענגליש אירן האָב איך קוים פאַרשטאַנען. אין אַ יאָר אַרום איז געקומען צופליִען דער קלוגער טאַטע אירער. ער האָט דורכגעטראָגן דאָס קײַלעכדיקע בײַכל זײַנס איבערן קיבוץ, דורכגענישטערט ווו אַ ווינקעלע, און מיטן תירוץ, אַז די טאָכטער דאַרף פאַרענדיקן דאָס לערנען האָט ער פאַרשלעפּט די קינדער מיט זיך קיין לאָס־אַנדזשעלעס. שוין דאָס פערטע יאָר, ווי דער עלטערער מײַנער אַרבעט דאָרט. זיי האָבן שוין אַ מיידעלע פון אַ יאָר. אָט אַזוי, נאָך אַזוי פיל יאָרן אַרבעט אין קיבוץ, האָב איך שוין אַן אייגענעם יורד...

נאָר זעט אויס, דאָס איז מיר נאָך נישט געווען גענוג, האָט מיט דעם קלענערן אויך געטראָפן אַ געשיכטע: ער האָט אָפּגעדינט זײַן צײַט אין צה״ל און איז געבליבן אויף שרות־קבע. דערווײַל איז ער אַ סרן, נאָר ער האָט אַלע שאַנסן צו וואַקסן. נאָך פון די קינדער־יאָרן האָט ער זיך געחברט מיט אונדזערס אַ מיידל, די ייִנגסטע טאָכטער פון איינער פון די אָנגעזעענסטע משפחות אין קיבוץ. אַ צײַט האָבן זיי געוווינט צוזאַמען. פאַר מיר איז זי געווען ווי אַן אייגענע טאָכטער. ווען און וואָס ס׳איז צווישן זיי פאָרגעקומען, ווייס איך נישט. נאָר זי האָט זיך אומגעקערט צו איר טאַטן. דער ממזר מײַנער האָט זי איבערגעלאָזט. צו מיר קומט זי מער נישט. די גאַנצע משפחה אירע האָט אויפגעהערט מיט מיר זיך גריסן. און ער, דער יורש מײַנער, שווײַגט, ס׳איז אומעגלעך אַרויסציִען פון אים אַ וואָרט.

— מאַמע — זאָגט ער — ס׳איז אַ קאָמפּליצירטע פראַגע.

— ס׳איז נישט אַזאַ קאָמפּליצירטע פראַגע, ווי ס׳איז אַ גרויסע חזירײַ! — שווײַגט ער. אַזוי בין איך, שוועסטער, אויף די עלטערע יאָרן געבליבן איינע אַליין. וואָס האָב איך דערפון, וואָס דער קיבוץ איז רײַך? פון די אַלטע, פון די ערשטע, איז שוין ווייניק ווער געבליבן. מענטשן ענדערן זיך. נישטאָ די אַמאָליקע צוגעבונדנקייט, געטרײַקייט. מענטשן זונדערן זיך אָפּ, ווער — מיט אַ בוך, ווער — מיט דעם טעלעוויזאָר און ווער — מיט זײַנע נישט פריילעכע געדאַנקען.

די קיבוצניצע האָט זיך שוין לאַנג אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט.

זי שלאָפט שוין, און אפשר מאַכט זי זיך. און איך ליג און קען נישט איינשלאָפן. ווי פּולקאָם, ווי גוט זי זאָל נישט זײַן, די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע פונעם לעבן, קײַן גאַראַנטיע פאַר פּערזענלעכן גליק גיט זי נישט. און סוועטאַ, ווער ווייסט צי וועלן אַמאָל אויך אירע קינדער נישט איבערלאָזן די רײַכע מאַמע און גיין זוכן דעם זין פון לעבן אין קיבוץ? — — — — — — — — —

מע דערלויבט מיר שוין אַראָפּגיין פונעם בעט. ס'רוב צײַט פאַרברענג איך אויף דער וועראַנדע. נאָך אַ טאָג, צוויי, און מען וועט מיך אויסשרײַבן. און סוועטאַ די צײַן-דאָקטערין איז נאָך אַלץ דאָ. אַ לעבעדיק, אַ באַוועגלעך שטיק קוועקזילבער מיט נערוון, האָט זי זיך נעכטן אַרויפגעוואָרפן אויף מעכלען. מעכל קומט אַלע טאָג. אין קאַרגע ווערטער דערציילט ער מיר די נײַעסן פון דער היים. שימעלע, אורי און זייערע חברים זענען געוואָרן הייסע אַקטיוויסטן פאַר שלום. — נו, זאָג איך, זיי פאַררופן, מן הסתם, אַלע טאָג אַ מיטינג בײַ סאָניעלען אין קיך. פאַרענט־פערט זיי מעכל. זיי פאָרן, זאָגט ער, אויף די פאַבריקן, זיי אָרגאַניזירן קאַמפּס־קאָמיטעטן פאַר אַ גערעכטן שלום, פאַר אַ נײַער רעגירונג...

דאָ האָט סוועטאַ זיך אַרײַנגעמישט:

— ווער דאַרף אים, אײַער שלום עכשיו? — די אַראַבער? אײַערע קאָמיטעט־לעך זענען נישט ווערט די צײַט, וואָס איר פאַרלירט אויף זיי. נישט קיין רחמנות־הערצער, נישט קײַן לויזע דעמאָקראַטיע דאַרף דאָ קיינער נישט. אין לײַקענע העגעטשקעס קען מען קײַן לאַנד נישט בויען! אויב די שייטן שטערן אונדז, דאַרף מען איבערטראָגן די גרענעץ טיפער אין לבנון. יהודה, שומרון און עזה האָט מען שוין לאַנג געדאַרפט אַנעקסירן, אַזוי ווי מען האָט געטאָן מיטן גולן. זאָלן די באַנדיטן וויסן, קיין וועג צוריק איז נישטאָ. און ווען מען ס'געפעלט נישט, זאָל ער זיך אָפּטראָגן! נאָר אַן אײַזערנע האַנט און אַ שטאָלן געדולד קענען דאָ העלפן. אַן אײַזערנע האַנט אויף יאָרצענדליקער. אויב מען וועט דאַרפן אפילו אויף אַ יאָרהונדערט! דאָס איז נישט פאַר די שוואַכפּסיקע, נאָר פאַר די ווען ס'וועט קלעקן אויסדרויער, ווען ס'וועט קלעקן מוט צו זײַן אַ מאָל אומגערעכט — דער וועט זיגן. און דער זיגער איז תמיד גערעכט.

מעכל האָט איר אָפּגעשוויגן.

— פאַראַן זענען מיינונגען, וואָס שפּאַרן זיך איבער זיי איז אַן אַרויסגע־וואָרפענע מי...

א. לוריא / ניו-יאָרק

צוויי לידער

באַשאָף

בײַם זונפֿאַרגאַנג אין מדבר כ׳בין אַליין געשטאַנען,
די רחבות אַ צעגליטע מיט פֿײַער האָט געבלאָזן,
און ס׳האָט אין מיר מײַן בלוט אין ביטערקייט געבראַיעט
פֿון טריפֿנדיקן סם פֿון שטעכעדיקע גראָזן.

עס איז אַרום געווען אַזוי פֿיל אוראַלט-שיינקייט,
פֿון אַלץ מיט רויִקייט האָט דונערדיק געשטורעמט,
ווי אין דער וויסטעניש און ווילדקייט דער באַשעפֿער
די ערשטע אָנהייבן אַצינדערט וואָלט געפֿורעמט.

עס האָט געטראָגן מיט לאַווע-שטויב און דאַמפֿן,
אַנפֿורעמדיקער חומר אין קופּעס אָנגעהויפֿנט,
און פֿונקט ווי אויפֿן בראַכשטול ווען ס׳כאַפּן אָן די ווייען
האָט יעדער רויִער דומם געשיילט זיך פֿון די הויטן.

פֿון גאָר דעם כאַאָס, דעם ווירבל און דער אומהאַפּט
דער זײַן האָט זיך געריסן פֿון ערדישע געדערעם
צו בײַשטיין אין פֿאַרוואַנדלונג מיט לעבעדיקן אָטעם
צו אויפֿגיין אין צעשפּראַצונג פֿון פֿרוכפּערן און מערן.

אויך איך איצט אין מדבר פֿון ליים אויסגעקנאָטן
אַהער דאָ אין ווילד און אין וויסט האָב זיך דערקליבן
און וואַרט אין תרדמה פֿון מיר דער באַשעפֿער
זאָל אויסשנײַדן פֿאַר חווהן אַ ריפּ פֿון מײַנע ריפּן.

דער קוואַל פֿון ארם-נהריים

די זון גייט אונטער,
פֿאַרגייט אין די קורהאַנעס, פֿאַרשנייעטע ביז אויבן.

מיט סאָסנע-עמערס אויפֿן פֿאַרביקן קראַמיסל,
אין וויַיסע וואָליקעס און פּעלצל,
מיַין שוועסטער שוועבט איצט איבער פֿאַרפֿרוירענע שטרוי-דעכער
און שאָט פֿון וווייענדיקע שנייען.
זי ציט פֿון פּריפּעט-ברעג פֿון צווישן ווייַנענדיקע ווערבעס
צום פּאַלמען-קוואַל אין טאָל פֿון אַרם-נהריים.

דאָרט וואַרטן שוין, פֿון היץ און דאָרשט פֿאַרשמאַכטע,
אַן אַלטער מדבר-מאַן מיט קנעכט און קעמלען
וואָס קומען מידע אָן פֿון כנען
מיט רײַכן מוהר פֿון זייער האַר דעם ווילגעבוירענעם אברהמען.

ביז אין די קני אין שניי איך וואַרט די אורחים אָפּ
מיט שטרוי און פֿוטער אין אונדזער הויף בײַם טויער,
און ס'גייט מיר דורך אַ ציטער ווען מײַנע פֿרירנדיקע פֿינגער
באַריִרט מיט פּאַרע ד'ער סאַמעט פֿון די קעמלדיקע ליפּן.

איך ווייס:
מיט שוואַרצן טוך פֿאַרדעקט דאָס פּנים, די אויגן-שפּעלטעלעך בלויז אָפֿן,
מע וועט די שוועסטער אויף אַ קעמל-הויקער באַזעצן
וואָס איז מיט בונטע טעפּעכער און אויסשטײַער געבעט
און זי אין ווײַטן כנען צו יצחקס פּעל-געצעלט פֿאַרנעמען.

און ס'טוט מיר באַנג
וואָס זי וועט מער מיט מיר ניט קלעפּן
קיין שניי-מענטש מיט אַ בעזעם אין די אָרעמס.



יוסף אַקרוטני / בוענאָס־איירעס

געסט פון אַ ווייטן לאַנד

(דערציילונג)

א

ביַי די ווײַנפעלדס, וואָס האָבן העברעיִזירט זײַער פאַמיליע־נאָמען אויף גפני האָט מען לאַנג געשמועסט, אַז עס דאַרפן אָנקומען אין דער מדינה זײַערע גאַר נאָענטע, ליבע פריַינד. אַ שאָק מיט יאָרן האָט מען זיי נישט געזען, די הערשמאַנס, וועט טאַקע זײַן אַ ביסל אמתדיקע פרייד.

ווי דער רוב ייִדן, וועלכע האָבן אין יענעם פײַנלעך לאַנגן נישט־דערשלאָפענעם פרימאָרגן זיך אָפּגערופן אַריבער די מאסן־קברים פון דער בלוטיק־צעטראָטענער אייראָפּע, האָבן אויך זיי, די קוים ניצול־געוואָרענע, זיך באַזעצט אין אַ ווײַט־ווײַטן לאַנד פון די אַמעריקעס, וווּ עס דרימלען נאָך אומגעשטערט גרויסע מדבריות; די ערד איז דאָרטן צום מייִנסטן וויסטער אַנסופיקער שטח מיט זעלטענע לעבעדיקע אָאַזיסן. דאָס פאָלק איז צו מאָל טעמפּלעך און רוי. גאָוטשאָס, אויך קרעאָלן רופט מען דעם מין מענטשן, וואָס זענען אויסגעוואָקסן אין די אָרומיקע אורוועלדער, צווישן פעלדזיקע בערג און טײַכן. ווי די קנאָכיקע דאַרנביימער זענען די דאַזיקע האַלבווילדע, ברוינהויטיקע לײַט, וואָס קוקן אויף דער וועלט מיט ברייט־צעשטעלטע קינבאַקן און בליאַסקנדיקע אויגן וועלכע דערמאָנען אין די קרומלעכע מעסערס פאַקאָנען, וואָס באַמבלען זיך תמיד אויף זייערע גאַרטלען — —

אָפּט שרײַבן די טײַערע הערשמאַנס פון חוץ לארץ, לאָזן פאַלן ווערטער וועגן אויסטערלישע שבטים, אויף וועלכע זיי גופא קוקן נאָך הײַנט מיט גרויס בייגער און מיט אַ פאַרהוילענער שרעק ווי פאַר עפּעס גאָר ווילדס, וואָס די דאָזיקע קענען אומגעריכט באַווײַזן. אַ פּנים, די שרעק רײַסט זיך אַרויס פון די ליבע לײַט מחמת דעם אומרו איבערן ביסל מנוחה וואָס זיי האָבן געפונען נאָך יאָרן פון אכזריותן און נויט. אָבער נישט גערן דערציילן זיי פון די שוין איבערגעלעבטע גרוילן (דאָס מוז מען פון זיי ממש אַרויסציִען אָפּט נאָכפרעגן דערויף מחמת ברענענדיקן בייגער צום געשעענעם און די פײַנלעכע פּעולות וואָס לאָזן זיך נישט אָפּמעקן פון דער נשמה, ממילא נישט פאַרטרײַבן פון זכרון). גיכער שרײַבן די הערשמאַנס פון די טשיקאַוועקייטן וואָס זיי זעען אָקערשט צו אין זייער נײַעם, מאָדנע גרויסן ווינלאַנד.

הער, הער, שושנהלע ליכטיקע — האָט זיך שבע־קרוין אַ מאָל צעשריבן אין אַ פּשוטן בריוו — הער וואָס פאַר אַ שטיק פאַרשוין ס'איז דער אמתדיקער היגער

פויער, וואָס מע רופט אים דער גאַוטש. ער קומט צו אונדז על פּי רוב פון די בערג אָדער פון די טאָלן, ווו עס שורעוועט די גרויסע און קלענערע טײַכן. ער איז קלאָמפּערשט שעמעוודיק, דער גאַוטש. אין אמת׳ן איז ער שטענדיק הונגעריק, אָבער פויל צו אַרבעטן, דערפאַר זשעדנע צו אַלץ וואָס ער זעט בײַ אונדז אין שטאָט. ער איז אָנגעטאָן אין אַ פּאָר לאַנגע, זייער ברייטע לײַוונטענע שאַראַוואַרן ווי אַ מאָדנע ווילד מאַנצבילש קלייד. די נאָגעוויצעס זענען ענג צוגעבונדן צו די קנעכל, אַזוי אַז זיי מאַרשטשען זיך אונטן גאָר שטאַרק, די פּאַנטאַלאָנעס; זיי בלעזלען זיך בײַ די פיס, וואָס זענען אַרײַנגעשטעקט אין לײַוונטענע שיך מיט שטריק־געפלאָכטענע פּאָדעשוועס. דאָס אַ איז שייך דעם אונטערשטן טייל גוף פונעם גאַוטש, בעת דער אייבערשטער טייל קערפּער, דער האַלדז, דער גאַנצער קאָפּ איז פאַרשאָטנט פון אַ ברייטן שוואַרצן פּילצענעם קאַפּעליוש. זיין העמד איז פון אַ פאַרפּעטסטן סיץ, וואָס איז פון שווייסיקער געזאַלצנקייט אויסגעגעסן פון יעטוועדן קאָליר... ס׳איז דאָ וואָס צו זען, שושנה טײַערע, אָבער דער אמת איז, אַז ער וואַרפט אָן אַן אימה, דער ברוינהויטיקער פּויער פון ווילדן אַלטן וואַלד. סע שרעקט באַזונדערס זײַן קרומער מעסער, אָן וועלכן אַזוינער רירט זיך נישט אין ערגעץ. מיט דעם זעלביקן מעסער פּוילט ער זיך נישט אין סאַמע מיטן טאָג אויסצושנײַדן אַ שטיק לעבעדיק פלייש פון אַ קו וואָס פּאַשעט זיך מיט דער סטאַדע אין אָנסופיקן סטעפּ, דער אַרגענטינער פּאַמפּע; ער שנײַדט אויס דאָס פלייש פון דער לעבעדיקער בהמה און אָן אָפּגעבראָטנס אויפן פייער, וואָס ער לייגט אָן נעבן דער סטאַדע, פרעסט ער עס באַלד אויף. סע כאַפּט אָן אַ פּחד דער הונגערער נאָך בלוט, וואָס שרײַט אפילו פון דעם גאַוטשס שטייניקן שווײַגן, ווען ער קוקט אויף דיר. אָך, וואָס מ׳האָט זיך שוין אָנגעהערט פון זיינע הפקרותן איבערן ווײַסן מענטש. אַזעלכער, אַ פּשוטער ווײַסער האַרעפּאַשניק האָט מער ווי איין מאָל זיך דערבאַרעמט איבערן גאַוטש וואָס שלעפּט זיך אַרום אויף די אומוועגן פון דעם גרויסן, ברייט־אויסגעשפּרייטן לאַנד צווישן טיפע וועלדער, טײַכן און בערג מיט טאָלן. דער ווײַסער קאָלאָניסט האָט געקאָרמעט דעם וואַנדערנדיקן גאַוטש מיט אַ זאַטן מאָלצײַט, געגעבן אים אויך אַ וואַרעמען געלעגער אין די קאַלטע נעכט. אלא נישט זעלטן געפינט מען אַזאַ ווײַסן מכניס־אורח מיט אַ צעשפּאָלטענעם שאַרבן. צו אַזוינס פּעדערט זיך דער כיטרער גאַוטש אין מיטן נאַכט און ער אַנטלויפט מיט די בעסטע פערד פון דעם גוטן גאַסטגעבערס שטאַל. צו מאָל טרײַבט ער אויך אַוועק מיט זיך עטלעכע בהמות פון דער סטאַדע. מ׳זאָגט, דער גאַוטש האָט אין זיך דאָס ווילדע בלוט פון זײַנע אינדיאַנישע אָבות. שוין זײַן הייסער בליק וואַרפט אָן אַ קילקייט ווי די, וואָס עס שפּרייטן די מאַכטיק צעצווײַגטע קעבראַטשע־ביימער, וואָס גיבן דעם גאַנצן קאָנטינענט דאָס האַרטסטע האָלץ וואָס איז געדיכט רויט ווי בלוט און שטײַף ווי שטאָל.

אָפּט שרײַבן די ערשמאַנס און לאָזן נישט פאַרגעסן אין זיך. בײַ די גפניס רופט מען זי, די ערשמאַניכע, שבע־קרוין און ער הייסט בײַ זיי מנחם־לייב. אָבער וואָס פאַראַ גאָלדענע נשמות דאָס זענען! האָט שושנה באַצײַטנס צע־

פליגלט איבערן הויז די ליבשאַפּט צו אַט די נעמען: שבעלע, מנחמל, זיי באַדאַרפן נאָר קומען אַ הער. ווי גוט וועט זײַן צו האָבן זיי נעבן זיך! און מסתמא פילן דאָס אויך זיי דאָרטן, האָט שושנה משער געווען אויף אַ קול. ווײַל מיר האָבן זיי אויף אָן אמת תמיד ליב געהאַט. כ'פיל עס אויך אַצינד מיטן גאַנצן האַרץ. ווידער אין די בריוו זייערע אינטערעסירן זיך אויך די הערשמאַנס מיט אַלץ וואָס ס'טוט זיך בײַ זיי, די גפניס, ווי סע לעבט זיך דער וואָכעדיקער טאָג אין דער ייִדישער מדינה און ווי ס'זעט אויס דער אַרום, וואָרן... אוודאי זענען זיי שטאַרק נייגעריק אַלץ צו וויסן.

"לײַט וואָס קומען פון אײַך דערציילן זיך אָן אַ וועלט מיט נײַסן, וועלכע יורן זיך אויס טאָג בטאָג ווי אַ באַטעמטער טייג אין אַ דייזשע". איין מאָל האָט שבע־קרוין אין אַ בריוו אפילו זיך געפרעגט, צי מ'האָט שוין אַ ביסל פאַנאַנדער־געבויט די געגנט, וווּ זיי וווינען, די גפניס. איז אמת, אַז שאַקאַלן וואָיען נאָך בײַ נאַכט אין דער ייִדישער שטאָט תל־אביב? איז ריכטיק, שושנה טײַערע, אַז אַ שאַקאַל איז אַ צוק־חיה ווי אַ וואָלף, וואָס קען זיך וואָרפן אויפן מענטש? שבע־קרוין האָט ממש אויפגעציטערט, ווען זי'ט דאָס געפרעגט איר גוטע פרײַנדינע אין תל־אביב, פון וועלכער זי האָט בפירוש געהערט אַז שאַקאַלן בלאָנדזשען נאָך אַרום אין שטאָט צו מאָל אין מיטן העלן טאָג. אויב אַזוי, איז עס דאָך סכנהדיק פאַר אײַך אַזוינס. אָך און וויי, נאָך ווינציק זענען זיך אויסגעשטאַנען דאָס ביסל ייִדן, זאָלן זיי נאָך בײַ זיך מוזן ציטערן פאַר ווילדע חיות?... ווי זשע 'עט זיך פאַרן איר חלום צו טוליען זיך צו שושנהלען בעת אויף דער שוועל שטייט די אימה פאַר בייזע באַשעפענישן — האָט עס גענומען מאַטערן שבעלען. און זי האָט כסדר אַרײַנגערעדט אין מנחמען, ווען ער האָט גענומען צום בריוו צושרײַבן "זײַנע פאַר ווערטער", וואָס שבע־קרוין האָט געגרייט אַוועקצושיקן. מנחם האָט זיך פון דעסטוועגן דערלויבט אויך אַרײַנצוּוואַרפן זײַנעם אַ פרעג, צי אין דעם גערימטן תל־אביב זענען טאָקע נאָך אַנזעעוודיק הויכע זאַמד־דיונעס, וואָרן דער מידבר לאָזט זיך באמת נישט אַזוי לײַכט פאַרטרײַבן פון דער שטאָט, וווהין זיי קלײַבן זיך מערצעשעם קומען אַ בליק טאָן און טאַקע רעכט זיך אָנצופרייען זיך מיט די טײַערסטע פרײַנד זייערע זינט לאַנגע יאָרן — די האַרציקע גפניס.

מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם פלעגט שושנה שלינגען די כוואַליעס נייגער, וואָס טראָגן זיך מיט אויפגעריסענע מײַלער און גאַפנדיקע אויגן פון די לײַט וואָס גרייטן זיך צו קומען פון דעם לאַנד, ווו יעדער הייסט סעניאָר און אין תמוז, ווען אין דער גאָרער וועלט ברענט די חמימה איבערן קאָפּ, איז בײַ זיי פריקרער, פוילער, קאַלטער ווינטער מיט שאַרפע רעגנס און הויכער פײַכטקייט. אָ, ווי דער־לעבט מע שוין זיי צו האָבן אויף אונדזער שוועל! — האָבן אַפּטלעך זיך אַרויס־געכאַפּט די גפניס. די פאַנטאַזיע האָט זיך באַזונדערס צעצונדן בײַ דער פרוי גפני און זי'ט מיט איר בענקעניש באַגערט אָנצושטעקן אויך דעם מאַן:

— הערסט, אַבראַם: זיי וועלן אויך דיר שטאַרק געפעלן ווערן. וועסט זיי ליב קריגן, מײַנע לײַט, וואָס אַזעלכע וועסטו נישט גרינג געפינען צווישן אַ סך.

אין אָוונט, ווען אברהם אז אַ היים געקומען פון קלייט אויף אבן גבירול־גאַס, פלעגט ער אַלע מאָל אַ פרעג טאָן דעם ווײַב:

— נו, שוין דאָ געגויעס? ס׳איז געווען די רייד וועגן דעם, ווען די פרײַנד פון אַרגענטינע וועלן ענדלעך קומען. שוין געווען פון זיי אַזוי פיל בריוו, אָבער ווען זיי וועלן זיך באַווײַזן, איז אַלץ נאָך נישט קלאָר געווען. אַט, אָט גרייטן זיי זיך, אָט אַ וועלן זיי וויסן און וועלן דערוועגן מודיע זײַן מיט גאָטס הילף... מע האָט נאָך געוואַרט אויך אַ לעצטן בריוו מ׳יט אַלע פרטים. מ׳מוז דאָך וויסן ווען מ׳וועט שוין קענען זיי אָפּוואַרטן. און אָפּוואַרטן אַזעלכע אַנגעלייגטע געסט מיינט צוגרייטן אויף זיך אַליין און אַנזאָגן וועמען מ׳באַדאַרף, אַז סוף־סוף, וועט מען האָבן אין הויז אַן אמתן יום־טוב. בײַם סאַמע סוף איז פרוי גפּני שוין געוואָרן גאַר צעטראָגן: אוי, זי זאָל נאָר נישט האָבן עפּעס פאַרגעסן; אפילו נישט באַקאַנטע, סתם שכנים, האָבן שוין געקענט אַראָפּלייענען די הייסע אומגעדולדיקייט פון שושנה גפּניס פּנים, פון אירע צעשטראַלטע אויגן. "ווי איז מען שוין זוכה זיי צו זען!" — פלעגט זי זיך אַרויסכאַפּן פאַר איר ייִנגעלע שמעון. שימעק איז אַ תלמיד פון מכון גמליאל, אָבער בײַ זײַן מאַמען — דער איינציקער זון אין שטוב; און בײַ דעם איין־און־איינציקן האָט זי געזוכט אַן אויער וואָס איז מסוגל אײַנצושטילן איר נערוועזיטעט. שימעק האָט טאַקע גערן זיך געטוליעט צו דער מוטער, ווײַל ער׳ט זיך ערשט געשפּירט "דאָס קינד" אין הויז. דער עלטערער ברודער איז שוין אַ וועק פאַר־זיך, ער׳ט גענומען אַ ווײַב, פירט שוין אַן אייגן הויז. בײַ טאַטע־מאַמען איז ער נאָר אַן אָפּטער גאַסט.

כאָטש שימעק פילט זיך באמת ווי אַ דערוואַקסענער בחור, ר׳איז אפילו העכער פון דער מאַמען, איז אים גערן דער אמאָלעס צערטלעכקייט. פאַר איר איז ער נאָך אַלץ אַ ייִנגעלע, אַזאַ קלייניקער וואָס איז מסוגל צו פאַרנעמען דעם פלאַטער פון דער מאַמעס האַרץ. דערזעט אים די מוטער אין שטוב, האָט זי ליב אויך אים צו דערציילן וועגן די פרײַנד וואָס דאַרפן קומען, פון שבע־קרוין מיט איר מאַן דער־ציילט זי אים אַ סך און פאַרענדיקט אַלע מאָל: "ווען דו זאָלסט וויסן, שימעקל, ווי גוט זיי זענען. זיי זענען אויך אַ זעלטן פּאָרפאָלק. און גוט איז דאָס — הערסט, שימעקל — חזרט זי איבער און טשמאָקעט צו מיט דער צונג. ס׳איז נישטאָ זייערס גלײַכן. זי, די חברטע מײַנע — וועסט זי אין גיכן זען, איז קאַפּאַבל ס׳אייגענע האַרץ אוועקצוגעבן, אַבי עמעץ וואָס לײַדט, זאָל פון איר געהאָלפן ווערן. ממש אַ צדקית! שטעל דיר פאָר, ייִנגעלע, די שבעלע גייט אַרויס פון דער היים אין אַ שיינעם מאַנטל און נײַע שיך, אָבער אַז זי קערט זיך אום אין שטוב אַרײַן, קען זי שוין זײַן האַלב נאַקעט, גלײַך אַ גזלן וואָלט זי אָפּגעצויגן. דאָס האָט די קרוינע־דיקע שבעלע אויסגעפונען, פּתאום געפינט זי אויס אַזעלכענע וואָס נייטיקן זיך גאַר־גאַר אין אַ וואַרעמען מאַנטל, אין אַ פּאָר גאַנצע שיך. וואָרן אָרעמע לײַט, אומגליקלעכע, פעלן נעבעך קיין מאָל נישט. אַזעלכע דערווישן גיך אַזאַ ווייכ־האַרציקע שבע־קרוין. קומט אויס, אַז זי קומט אַ מאָל צוריק אַ היים אין אַ בילע־ווי צעפּאַרענע שקראַבעס, וואָס לײַט וואַרפן אַרויס אויפן מיסט אָדער זי איז פאַרהילט

אין אַ ליאַדע טראַנטע, אַבי דורכצוקריגן זיך די גאַס. אין שטוב גנבעט זי זיך דעמאָלט אַרײַן אַז מ׳זאָל זי נישט דערזען אַזאַ פֿײַנלעך איבערגעביטענע. שפּעטער, מ׳כאַפּט זיך אין דער היים אויף איר ״אויפֿטו״, פֿאַרענטפֿערט זיך שבעלע אַ שטאַרק פֿאַרשעמטע, אָבער זי טרייסט די היימישע:

—״ס׳עט מיר גאָר נישט זאָאַן אַז די אַלע שמאַכטעס!״ דערנאָך ציט זי אַרויף אויף זיך אירס אַן אָפּגעטראָגן קלייד, אַ פּאָר צעטראַטענע פּאַנטאָפֿל, אלא אין האַרץ איז זי שיכור גליקלעך, מחמת דער צופֿרידנקייט מיטן אָפּגעטוענעם. אַבי עמעץ איז געהאָלפֿן געוואָרן מיט איר ״לאַך״, ווי עס הייסט ערשט דאָס אוועקגעשאָנקענע מלבוש פֿון איר לײַב אַראָפּ, צי די שיך. ״יענע איז נעבעך אַן אומגליקלעכע נשמה — מורמלט שבעלע. אמת, אמת, שימעקל — מ׳באַדאַרף זאָאַן געזעכט אָקעגן געליטענע. אָרעמע און אומגליקלעכע פֿעלן נישט. אַזוי פֿלעגט טאַקע טאָן גאַנץ אָפֿט, די טײַערע שבע־קרוין. אַ האַלבע וועלט וועסטו אויסגיין און אַזאַ שטיק גוטס פֿון אַ מענטש נישט געפֿינען. וועסט זען מיט דײַנע אויגן סאַראַ האַרציקע לײַט ס׳האָבן אַרומגערינגלט דײַן אמא, ווען זי איז נאָך געווען אין איר אַמאָליקער היים. שוין יאָרן, זענען אַוועק זינט דעמאָלט. ערשט איז דאָרט אַלץ טויט, דערוואָרגן פֿון געמיינע רוצחים וואָס טראָגן אויף דעם נאָמען פֿון מענטשן. פֿון יענער ווײַט זענען מיר געבליבן איינציק — נאָר די אַ שבע־קרוין מיט איר מאַן. ווײַ ז׳מיר, וואָס זיי האָבן זיך אַנגעליטן פֿאַר דער צײַט וואָס מיר האָבן זיך נישט געזען! אַ יאָר דרייסיק זיי נישט געזען. ס׳איז געווען אַ פֿינצטערע בהלה און די נאָענטסטע זענען בגוואַלד צעשיידט געוואָרן. ס׳איז אַ נס גדול, וואָס עמעצער איז געבליבן לעבן פֿון דער דאָרטיקער ווײַט. אויך דײַן טאַטנס היים דאָרט איז געפֿאַלן פֿון דעם ימח שמו היטלערס האַק. אַלעטשקע, ליכטיקער שימעק, זענען געבליבן יתומים — — ״

בײַ שושנה גפֿני האָט זיך מיט אַ מאָל צעעפֿנט דער מוטנער קוואַל פֿון נישט פֿאַרהיילטע יסורימדיקע ווונדן, פֿון וועלכע ס׳ווילט זיך אַנטרינען, אָבער ס׳לאָזט זיך נישט. יענע צײַטן שטרויכלען כסדר דעם געדאַנק, פֿינצטערן אַן דעם זכרון.

— מעגסט עס וויסן, שימעקל ליכטיקער, דײַן מאַמען איז אויך באַשערט געוואָרן פֿאַר אַ צײַט איינע אַליין זיך צו וואַלגערן מיט אירע יונגע אונטערגעהאַקטע פֿליגל, ביז וואַנען ס׳איז מיר געראָטן נעלם צו ווערן פֿון יענע מרחקים. אַז כ׳האָב זיך דערדראַפּעט אַהער צו, איז די מדינה געווען אָרעם און צעיאָטערט פֿון כלערליי פּורעניותן. אַ סך אַרומגעריסענע, הונגעריקע יידן זענען דעמאָלט געקומען קיין ארץ־ישׂראל, ווו ברויט איז געווען אַן איידעלע זאַך פֿאַר אַזעלכענע, און קיין מנוחה איז אויך נישט געווען. אַראַבער פֿלעגן אָנפֿאַלן אויף יהודים, גערצחנט, געגזלט, אפֿילו אויפֿן כביש האָבן זיי געהרגעט די אונדזעריקע. אויך האָבן זיי אין די נעכט אוועקגעפֿירט שאָף און רינדער פֿון יידישע משקים. דאָך האָבן יידן זיך געקלאַמערט אין דער מדינה, וואָס האָט נאָך נישט געהאַט קיין אייגענע ממשלה; מיט די אייגענע הענט געוואָלט אויפֿשטעלן אַ היים, וואָרן אין דער פֿרעמד, אין גלות צווישן די גוים, איז געווען גאָר סכּנהדיק ביטער. דעם יהודי

איז אומעטום ענג, שימעק. דערפאַר איז ליבער זיך צו האַלטן בײַ אייגנס, כאָטש ס'איז נישט גאָר היימלעך. אַצינד איז שוין בעסער. די מדינה איז שוין אויף זיכער, אויף אייביק געוואָרן אַ יידישע היים פאַר יידן; די מדינה האָט זיך יאַקאַש שוין אויסגעמענטשלט. און זי בויט זיך פאַנאַנדער. פּאַוואָליע, ביסלעכווײַז און ס'עט ווערן בעסער. יש לנו רכוש גדול עכשיו, פאַרשטייסט, ייִנגעלע!? — האָבן טרערן זיך שוין צעבלישטשעט אין דער מוטערס אויגן. — ערשט בענקט זיך נאָך וואַרער היימישקייט. וועלן קומען שבע מיט מנחמען, וועט אונדז אויך ווערן גרינגער אַ ביסל, כאָטש אויף אַ שטיקעלע צײַט, און אפשר וועלן זיי דאָ וועלן זיך באַזעצן. אפשר, זיי וועלן זיך אַליין אַרומזען. דער עיקר — זיי זענען אַ טייל פון דער פאַרלוירענער היים אונדזערער, דײַן מאַמעס און דעם אַבאַס. גויִים האָבן אונדז פּײַנט, שימעקל טײַערער. מער יידן דאַרפן זיך האַלטן בײַנאַנד אין דער מדינה. פון אומעטום וועלן יהודים קומען זיך באַזעצן אין דער מדינה. ס'עט זײַן וווּיל מיט אַ סך יהודים, זונעלע!

שימעק איז אויפגעהייטערט געוואָרן פון דעם אמאַלעס רייד:

— אַ וודאי וועט זײַן גוט. וועלן מיר זײַן אַ סך, וועלן די אַראַבישע פּראים מורא האָבן אַנצופאַלן. מע ווײַזט זיי אַ פויסט, וואָס קען אַ זעץ טאָן אונטערן לעפעלע, אַנטלויפן זיי, וואָרן אין אמתן זענען זיי פּחדנים, די אַבדולאָס און כוסיינס, האַרכסט, אמאַלע? אַז מיר וועט ווערן אַכצן יאָר, וועל איך גיין אין צבא צו די גרענעצן פאַר אַ שומר לילה. כ'וועל זיך אָפּבעטן מ'זאָל מיך שיקן היטן די נעכט, ווען די מיאוסע פּחדנים ווײַזן זייערע געמיינע גבורות. די פּרדסים, די שטאַלן מיט יידישע שאָף און די משקים שטייען דעמאָלט הפקר. די מענטשן פאַלן בײַ נאַכט אָוועק פון מידקייט אויף די געלעגערס און די רוצחים קליגן זיך דעמאָלט אונטערצוצינדן די פעלדער, די פּרדסים, רויבן אויס די בהמות. איך וועל דערשיסן אַזעלכע פּעדאַיִנס. בײַ נאַכט זענען זיי גבורים, ווען מיר זענען מיד פון האַרערוואַניע. יהודים טאָרן נישט פאַרשלאָפן די סכנות, ווען ס'גייען אויף זיי די שונאים, וואָס לויערן דורך די נעכט. אין כלל זענען די ערבים שונאים פון די יהודים.

— ייִנגעלע, אומעטום האָבן מיר שונאים צווישן די ערלים. אוי, שפּירן מיר די שינאה אויף אונדזער הויט!

— אומעטום, אמאַלע, ווײַל ס'איז גלות. דאָ איז אָבער אונדזער היים. גויִים דאַרפן דאָס דערשפּירן. ערשט וועלן מיר מער שטאַרקן די היים. מירן ווינציקער פרעגן די שונאים. מיר געפעלט נישט, אַז דער שר משה דיין קוקט זיי אין די אויגן. מ'באַדאַרף טאָן אַזוי, אַז זיי זאָלן האָבן מער דרך־ארץ פאַרן יהודי — —

ב

און ס'איז געקומען דער טאָג, ווען די גפניס האָבן זיך געקליבן צום עראָדראָם אין לוד ענדלעך צו באַגעגענען זייערע פרײַנד... ניין, שימעק ווייסט נישט גענוי דעם חשבון פון דער צײַט זינט די אמאַלע האָט פאַרלאָזן איר היים, צו וועלכער זי בענקט נאָך; זי שרײַט אַרויס דערפון צו מאָל פון חלום מחמת די שרעקן וואָס

זענען באַפאַלן מיט העק אירע לײַבלעכע, פון וואָס זי וויל נישט דערציילן. זי כליפּעט נאָר, ווען מ'פרעגט איר וועגן דעם. אויך דער פּאַטער ווייסט נישט ווי לאַנג די מאַמע בענקט אַזוי שטאַרק. דערפאַר איז דער טאָג פון אַרויספאָרן קיין לוד אָפּוואַרטן די געסט, געווען סײַ אַ פריידיקער, סײַ אַן אומעטיקלעכער. אמאַלעס אויגן האָבן געטריפט מיט אַ טרערן־בלישטש. אָבער אי שימעק אי דער אבא האָבן אויסגעמײַטן איר צו פרעגן, היתכן, וואָס פאַר אַ געוויין איז דאָס בײַ איר אין מיטן דערינען, אויב דײַנע האַרציקע ידידים קומען שוין אָט, אָט?! — פּאַטער און זון האָבן געשוויגן און ממש נאָכגעגאַנגען פּוסטריט שושנהן יענע שעהען, איר נאָכ־געשפּירט ווי מע קוקט נאָך אַ קראַנקן וואָס גייט ס'ערשטע מאָל אַראָפּ פון בעט נאָך אַ מסוכנער הולאת. אמאַלע, שוש, געזונט זאָלסטו זײַן, ווי אַנגעדראָלן סע ווערט די שמחה, צו וועלכער דו האָסט אונדז אַזוי לאַנג געגרייט — האָבן מאַן און זון געשעפּטשעט אין זיך אַרײַן, ווען זיי האָבן געזען שושנהס שטומע ציטערניש פאַרן אַרויספאָרן קיין לוד ברענגען אַ היים צו זיך די טײַערע ידידים. פאַר אברהם גפּני דעם פאַרהאַרעוועטן מענטש, זענען דעם ווײַבס נאָענטע פרײַנד געווען לגמרי אַן אומבאַקאַנטער מין מענטשן וואָס זענען וועדליק שושנהס קרעכצן איבער זייער דאַליע, דורכגעזאַפּט ביזן ביין נאָר מיט ביטערע רויכעס פון זויערן גלות. נו, ערשט דערוויסט מע זיך בולטער ווי יענע זײַט וועלט איז מוראדיק אָנגעטשאַדעט פון גויישן בייז. פון אייגענעם אַמאָל דערמאָנט זיך אברהם גפּני ווי שוין דעמלט האָט ער גופא געחלומט פון אַנטרינונג ווי פון אַ משיחישער ישועה, אָבער אברהם ווײַנפעלד איז דעמאָלט נאָך געווען יונג צו קענען באַנעמען די קלעפּיקע חשכות וואָס די געבווירנשאַפט זײַנע האָט אין סבלנות געמוזט פאַר ליב נעמען. ס'זענען געווען טרויעריקע נסיונות געירשנטע פון דער בידע. און די בידע האָט זיך געשריבן אַזוי ווי ס'איז געווען דאָס הויז פון חיים־יצחק און בתיה ווײַנפעלד. אלא בײַ אברהם גפּני איז דאָס נאָר צעדריוולטער נעפּל פון געדעכעניש. ער גופא האָט שוין דענצמאָל געהאַט אַ באַזונדערן שווערן חשבון וואָס מ'האָט געמוזט פירן אין אבותדיקן לאַנד, ווּהין ער איז אַטיפּגעגאַנגען אין זײַן אייגענער בליצײַט. ערשט איז אָפּגעמעקט דאָס פּנים פון זײַן טאַטע־מאַמע־שטוב אין קינסק, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט אין דאָרפיש שלעפּעריקן שטעטל כדי זי, די כאַלופּע, צו פאַרבײַטן אויפן הילצערנעם געצעלט אין חומשדיקן מידבר. ארץ־ישראל האָט מיט הונגעריקע אויגן אַרויסגעקוקט אויף חלוצישע הענט און געדולדיקע מאַגנס צו קענען גובר זײַן די קראַמפּן פון נישט דערעסן, אָבער מיט התלהבות אַרײַנזינגען אין זיך דעם לא אבדה תקותינו אפילו אין מיטן דעם פיבער, וואָס כמאַרעס מאָסקיטן האָבן אַנגעבראַכט פון די זון־דורכגעגליטע, שימלענדיקע זומפּן. ס'איז געווען די צײַט פון גאָלדענעם יוגנט־חלום וואָס האָט סוף־סוף געהימלט איבער די אָפּגרונטן פון דורכויסיקן הונגער און בענקעניש צו האַרעוואַניע מחמת לויטערער אהבה צו בנין הארץ. יענער וועג איז שוין היפּשלעך פאַרפלאָסן אין דער ווײַט פון דורות. דאָס פּנים פון יישוב איז נאָך הײַנט האַרטלעך, אָבער נעענטער צו אונדזער קעגנוואַרט, ווײַל סע ווייעט פון אים מיט באמת־מאַמישער ליבשאַפט. אלא דערציילן דאָס

אַצינד, ווען שוש איז צערודערט מחמת פולער דערוואַרטונג אויף דער גרויסער באַגעגעניש.

...אַרום האַלבטאָג, ווען די לופטשיף וואָס קומט פון אַטען, דאַרף זיך אַראָפּלאָזן, האָבן די גפניס זיך געאײַלט צום פליפעלד. דער אײַנטאָניקער ריטעם פון אויטאָמאָטאָר האָט שושנהן אײַנגעוויגט מחמת טיפער רעגונג וואָס די הכנות צו דעם פײַערלעכן טאָג האָבן אויף איר אָנגעיאָגט. אָבער זי האָט פּלוצלינג אויפגעוואַכט ווי פון אַן אומקלאָרן שטויס פונעם אויטאָ וואָס איז געלאָפן איבערן אויסערשטאָטישן שליאַך. זי האָט דעמאָלט אַרײַנגעצויגן אין איר אַרעם דעם קאָפּ פון שימעקן וואָס איז געזעסן נעבן איר, אים אַ דריק געטאָן צו זיך און ווי פון שלאָף אַרויס אַ זאָג געטאָן צום ייִנגל:

— יקירי, באַלד וועסטו זען די טײַערע חברים דײַן אמאָלעס. וואָס פאַראַ צאַרטע לײַט און אַזוי פיל געליטענע! — זי האָט ווידער אַ רגע פאַרמאַכט די אויגן און ווי אין התעוררות נאָך אַ געפּלעפּטקייט שוין גערעדט צום מאַן, און אפשר צו זיך גופא, מחמת אירע אויגן האָבן זיך צעעפנט:

— אַ, אַ, ווי דאָס לעבן מאַכט קאַזשלקעס מיט אונדז! און ווידער שוין פעסט צונויפגעדריקט די וויעס, פון וואָס איר פּנים איז עפּעס טונקעלער געוואָרן אין זײַן בלײַכקייט. משמעות, אין ווידער דערוואַכטער אײלעוודיקייט האָט זי זיך באַנײַס אָפּגעגעבן דעם געדעכעניש וואָס איז להוט וואַרעמקייט אין אַזאַ זעלטענער מיגוט, ווען מ׳דערנענטערט זיך אין ממשות צום אַנטרונענעם אײגענעם עבר.

— וואָס ווילסטו, די צײַט זאָל זיך האָבן אָפּגעשטעלט אומישנע פאַר דײַנט וועגן, ווײַבעלע? נישט מיך און נישט דיך האָט זי אין זינען, די צעקאַפּריזעוועטע מאַדאַם צײַט — האָט אברהם געוואָלט טרייסטן שושנהן פאַר עפּעס־וואָס און נישט געוווסט ווי אַזוי. — די וואָס טרײַבן דעם וואָגן פון אונדזער וועלטל האָבן גאָר אַנדערע דעות, ווי מיר. זיי זענען מעלה גירהס פון שרײַיִקע וועלעכצן וואָס עס האָט זיך געחלומט אפשר זייערע פאַרגרעבטע אבות, אָדער עפּעס ענלעכס. בסך הכּל איז דאָס אַ ווילדקייט פון משוגעים. און איין מטורף וויל איבערשטײַגן דעם אַנדערן, דערפון לײַדן אַלע, אַלע. אויך מיר מאַכן־נאָך וואָס אַנדערע טוען. אין ברירה לנו, מבינה את, שוש? גיב אַ טראַכט: מיט דיר, מיט מיר איז דען אַנדערש? אַנדערע כוחות, אויב דו ווילסט, העכערע כוחות לענקען דעם גורל פון די מענטשן. אַט האָסטו געמוזט צוזען ווי דער אַשמדאַי האָט אָנגעצונדן דאָס פלאַמפײַער פאַר אונדזער היימישער כאַטע און איך האָב געמוזט שטיין צוקאָפּנס פונעם מידבר, זײַן עדות ווי אונדזער ארץ־ישראל האָט זיך געוועקט אין שאַרפער אימה פאַר גזלעוואַיעס פון רוצחישע גרויסע חיילות, וואָס האָבן זיך אָנגערוקט...

אברהם האָט אומגעריכט זיך צערעדט בײַם רודער פונעם אויטאָמאָביל, אַרויסגערופן דעם נעכטן, אַזש בײַ שושנהן האָט גערונצלט דאָס לײַב. זי׳ט זיך ממש אַ קאָרטשע געטאָן. איר האָט זיך געשטעלט פּאָפּערעק אַ שנײַדיקע מחשבה: „איך פאַר אַנטקעגן די טײַערע לײַט, אָבער אין אמתן וועט מיר פּײַנלעך זײַן צו הערן וואָס זיי וועלן קענען דערציילן. זיכער האָב איך זיי ליב, אלא מיך שרעקט

דער אַנדערער אמת, וועלכן זיי ברענגען מיט זיך, כאָטש זיי וועלן אפשר נישט קענען אים אַנטפּלעקן מיטן וואָרט וואָס רעדט זיך אַרויס אַליין, אָן אייגענעם ווילן. איר איז בשעת־מעשה געוואָרן אומהיימלעך וואָס זי, אַנשל פלאַצקערס טאָכטער, איז מער נישט אַזוי יונג ווי שבע־קרוין געדענקט זי. האָט זיך גענומען מעכאַניש גלײַכגלעטן אירע האָר, מיט די שפּיץ־פינגער דורכגיין די הויט פון פּנים, זוכן די אַנגעשוואָלנקייט וואָס האָט זיך געטונקלט אונטער אירע אויגן.

ווען די פרײַנד האָבן לסוף זיך באַוויזן אויף די אַוויאַן־טרעפּ, האָט שושנה אַ טאָרע געטאָן דעם מאַן און אין פּלוצלינגער קלעמונג האַסטיק, אָבער שטיל־שטילינקע אויסגעשריגן צו אים ווי נישט מיט איר קול:

— אָט זענען זיי, אַבראַם! זעסט, אברהמל, די אַ מיטן גרויסן בײַטל אָנ־געהאָנגען אויפן אַקסל? דאָס איז שבע־קרוין. כ׳שווער דיר — איך האָב נישט קאָ׳ טעות. אָ, זי האָט קנאַפּ זיך געענדערט. נאָר עלטער אַ ביסל, אָבער שיין ווי געוועזן. כ׳על דיר ווײַזן איר פּאָטאָ פון אַמאָל. פאַראַן ערגעץ צווישן מײַנע פּאַפּירן. בחיי, די אייגענע. שע־עעע־וואַאַאַ! — האָט זי מיט אַ מאָל אומגעריכט פאַר זיך אַליין הויך אויסגערופן דעם נאָמען און זיך צעפלאַמט, אַז אָט שוין זאָל שבע־קרוין איר אַנטקעגן לויפן, זי זאָל אויך זי, שושנה, דערקענען. אָך, ווי זי האָט זיך געשראָקן נישט דערקענט צו ווערן פון דער חברטע פון די ווײַטע יאָרן. וואָרן אומרחמנותדיק איז דער חותם פון דער עלטער וואָס וואַרפט זיך אויפן מענטש; ניין, ס׳איז אַ שווערע שטראָף פאַר אַ פרוי אויפן שיידוועג פון צײַטן, ווען זי ווערט געשטעלט פּנים־אל־פּנים מיטן הארבן פּסק־דין בשם איר אייגענעם גורל פון פאַרגייִיקייט, וועלכן סע איז נישט אַפּצולענקען פון זיין דרך ביז... ער פאַלט צו מיט דער בײַטש!

האָבן זיי זיך שוין דערנענטערט צו איינאַנדער, דערקענט זיך מער לפי דעם חוש, וואָס לעבט בלינד אינעם בן־אדם, זיך צעקושט, פאַנאַנדערגעוויינט אויפן אַקסל פון איינער אויף דער אַנדערער, האָט שושנה באַלד גוטשוועסטעריש זיך אָנגעברוגזט אויף שבע־קרוין:

— זע, וואָס פאַראַ שלעכטע דו ביסט! האָסט מיר נישט פאַרגונען כ׳זאָל דיך פריִער דערקענען, אײַנקוקן זיך אין דיר. אַזאַ לאַנגע צײַט, זינט די בריוו האָבן אונדז אָפּגעפונען, האָסטו קיין מאָל קיין פּאָטאָ נישט געשיקט. איך, פאַרקערט, האָב איטלעך מאָל דיר געשיקט אַ בילד פון זיך אַליין, אויך פון אונדז אַלעמען — און בשעת־מעשה אָנגעטייטלט אויפן מאַן און אויפן ייִנגל — אַ נו, שימעק, ווו ביסטו? ווײַז זיך פאַר דער דודה שבע. זי באַדאַרף דיך אָנקוקן, זען וואָס פאַראַ שיינעם זון איך האָב. שימעק האָט זיך פאַרשעמט, געדריקט די האַנט פון שבען, אויך פון איר מאַן און פון אונטערן שטערן אַפּיר באַדעכטיק באַטראַכט ביידע. זענען זיי די גוטע, געטרײַע, די אַזוי פיל געליטענע, ווי די אמא דערציילט? די געסט האָבן אָבער נישט געקענט אַ סך רעדן; זיי האָבן מער געקוקט, עפּעס ווי נישט בכוח געוועזן מער צו פרעגן ווי ס׳האָט זיך געוואָלט פרעגן. אַרום האָט שטאַרק גערוישט, די הערצער זענען צעטומלט געוואָרן פון דעם שלל אומגעריכטקייטן,

וואָס האָבן זיי מיט אַ מאָל באַגעגנט. די גפנים האָבן זיך אין פּלוצים געכאַפּט אַז ס'איז נישט קיין תכלית צו לאַנג צו שטיין אין רעש וואָס שפּרייט זיך אַרום זיי פון די מענטשן וואָס זענען נאָר וואָס אָנגעקומען פון דער ווײַט און אויך פון די, וואָס האָבן מיט בענקעניש געוואָרט און מיט האַרצקלאַפּעניש זיי באַגעגנט...

פון צעטומלעניש האָט שושנה פּלוצלינג זיך אַ ריס געטאָן פון דעם טומל אַרויס און אָנגעכאַפּט שבע־קרוין בײַם אָרעם:

— אָנו, מירן דאָ גאָר נישט אויסשטיין. מ'דאַרף זיך גיכער אַרויסוויקלען פון דעם געדרודער. מירן צונויפנעמען די רענצלעך־פּעקלעך און זיך לאָזן אַ היים צו. אין דרויסן וואַרט אונדזער וואָגן.

אָבער ניין, די דעה איז דאָ גאָר נישט בלויז שושנהס, דער אויסגעבענקטער חברטע פון שבע־קרוין. אַ פּנים, נאָך עמעץ האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף די ליבע געסט, געוואַרט מסתמא עפּעס ווײַטלעך.

ג

עס האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז די וואָס האָבן אויך גאָר שטאַרק זיך געגרייט אָפּצונעמען די געסט, זענען געבליבן שטיין אַנטשטומטע, אַ ביסל אָן אַ זײַט. אַפּוואַרטן די הערשמאַנס איז געקומען אויך אַן אַנדער פּאַרפאָלק, — זייערע קרובים פון כפר־סבא, וואָס זענען דאָס גלײַכן געוועזן להוט צו זען די אײַגענע וואָס זענען בדרך נס אַרויס לעבעדיק פון שרעקלעכן פײַער וואָס האָט אין יענע יאָרן פאַר־שלונגען מיליאָנען יידישע לעבנס. דער קרוב, אַ ביסל אַ פאַרשטויבטער תושב פון ישראלשן שטעטל האָט מיט אַ מאָל זיך אַרויסגערוקט פון צווישן די נייגעריקע, פאַרקאַכטע אַרומשטייערס און אַ זאָג געטאָן צו די גפנים, וואָס האָבן זיך געקליבן נעמען די טלומעקעס פון די אָקערשט אָנגעקומענע צו זיך אין וואָגן אַרײַן:

— אַצינד, מאַמע ליבע, לאָזט אויך מיך זיך מעלדן. נעענטער זיך צוגערוקט, האָט דער ייִד באַלד אָנגענומען די האַנט פון שבע־קרוין און צו איר געזאָגט מיט אַ הייסן געשטאַמל: "דו דערקענסט נישט משה־הערשן, דאָאָן שוועסטערקינד? עך, ווי דער געדענקער שטרויכלט זיך! קיק מיך אָן, שבעלע. איך בין דעם פעטער זאַנוולס זון. יאָ, ס'איז משה־הערש. איך בין עס. זאָל קימען אַ ברכה אויף די'ער צים קימען אין אינדזער לאַנד אַראָן — —" ער'ט גערעדט אַ ביסל שעמעוודיק, שווער געציילט די ווערטער און נישט געקענט דערטראָגן זיין בליק צו שבעלען, זיין שוועסטערקינד. מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגנלעפּלעך האָט ער גערעדט און אַלץ נישט אַרויסגעלאָזט איר האַנט פון זײַנער:

— שבעלע, איך 'על דיער אַ קיש טון ווי אַן אייגענער ברידער, וואָס האָט געפינען אַ פאַרלוירן געגאַנגענע שוועסטער און כ'פאַרבעט דיעך צו מ'ער אַ היים. ערשט באַקען מאַאַן וואַאב — און ער'ט אַ צי געטאָן צו זיך די פרוי, וואָס איז ווי אַ זײַטיקע פון דעם געזעמל געשטאַנען פון דער ווײַטנס און זיך צוגעהערט. פונעם גערייד וואָס האָט זיך געטראָגן פון דעם נאָענטן קרענצל ייִדן האָט יעדער

געקענט זיך אָנשטויסן, אַז די אַלע זענען אָפּשטאַמיקע פון פוילן, וועלכע איז דערשטיקט־פאַרשרפעט געוואָרן פון גוייִשער שינאה.

— קי צי, כעוועט — האָט שוין אַ ביסל דרייסטער געזאָגט דער ייִד פון כפר־סבא — דאָס איז אינדזער שבעלע, די גערעטענע טאָכטער פון מאַן פעטער פּאַוול עליו השלום. הע — האָט ער שוין אַ געדיכטן קוק געגעבן דעם גאַסט אין פּנים אַרײַן — אויך ער (און אָנגעוויזן אויף שבעס מאַן) האָט מיטגעמאַכט די בראַך וואָס אַלע ייִדן דאָרט, אַ נכפּה אויף דער געמיינער גוייִשער פּאַראַדע! אוי, סאַראַ ביטערע באַשערטקייט אינדז איז ציהאַנדן געקימען — —

דער מענטש האָט גערעדט אַזוי אַז סײַ שבע, סײַ די גפּניס זענען געבליבן פאַרגאַפּט, אַן צו קענען אַרויסברענגען אַ וואָרט. ווען כעוועט האָט גענומען שבעס האַנט זי צו באַגריסן, איז זי מיט אַ העשען באַלד אַרויפגעפאַלן אויפן אַקסל פונעם גאַסט. די אַרומשטייענדיקע האָבן געקוקט ווי פאַרגליווערטע, דערויף דעם בליק אָנגעהאַנגען אויך אויפן קרוב פון כפר־סבא. דערנאָך האָט דער פּראָווינצער אַ פאַרלוירענער זיך געווענדט צו שבען מיט אַן אָנגעשפּאַלטענעם קול:

— ס׳עט געניג זאַאַן אָף דערוואַאַל. לאָמיך דיִעך נאָך אַ מאָל אָנקיקן, וואָרן כ׳שפּיר ווי ס׳וואָלט ניש געוועזן וואָר דאָס וואָס איך זע.

בינו לבינה האָט ער שבען אָנגענומען פאַר דער האַנט און אַראָפּגעלאָזט צו איר זײַן בליק, אַ שווערן בליק אַזאַ און זיך געבעטן בײַ איר:

— ערשט וואָאז מיער דעם צייכן פון גיהנום וואָס אינדז איז ציגעטיילט געוואָרן. נאָר אַ נס וואָס אַהער האָט דער שטן ניש דערגרייכט מיט זאַאַן לאַפּע. דער ייִד האָט שבעס אַרבל אַ שאַר געטאָן אויף אַרויף צו זען דעם סימן פון געחתמעטן שײַט אויך פאַר די וואָס זענען על פּי גורל אַרויסגעקומען פון דאָרט ווי האַלעוועשקעס פאַר נאָך אַ ברעקל לעבן. דערזען דעם אויסטאַטוירטן נומער אויף דער פּרויס האַנט, האָט דער מענטש טרויעריק אָפּגעדעכעט און מיט אַ גערעגט קול זיך צערעדט פאַר די אַרומשטייענדיקע:

— ערשט זעיטס וואָס ס׳איז געוואָרן פין אינדזער האָפענינג צו דערלעיבן זען פון דאָרט אַן אַלטן טאַטן, אַ ברידער, אַ שוועסטער. אַ וואָסערדיק־טונקעלער נומער אונטער דער הויט האָט דער משחית געלאָזן אויף אַזוינע גלאָוויעס! מע מיז ערשט טײַער האַלטן איטלעכן ייִד און היטן יעדן שפּאַן ערד וואָס איז באַפרײַט געוואָרן פון אינדזערע חיילים מיט מסירות נפש. וואָס נאָך קען אַן אינדזעריקער זוגן? דו, שבעלע און דאַאַן מאַן זוג איִעך — געזעגנט זעך מיט ענקערע פראַאַנט און צ׳עט מיט קימען מיט אינדז. עץ ׳עט מוחל זאַאַן, ליבע און חשובע לאָאַט. צ׳זעיט דאָך: די געסט זענען פאַרמאַטערט. אויב עץ ׳עט באַגערן, איז מיִער ליב ענק צו זעיען באַ אינדז אין שטיב. כפר־סבא איז ניש וואָאַט פין תל־אביב. שפּעטער אַראַן, שבעלע אין מנחם וועלן האָבן כוח און חשק, וועלן זיי קימען צי ענך. דאָס זוג איִעך אין מאַאַן נומען און אין נומען פון די ליבע שוועסטערקינדער, אויף וועלכע איִעך אין מאַאַן מישפּחה האָבן לאַנג זעך אויסגעקיקט די אויגן.

אָפּגעזאָגט אַלץ וואָס איז באַשײַמפּערלעך אים געלעגן אויף דעם האַרץ,

האַט דער תושב פון כפר־סבא אַ צי געטאָן שבעלען ביי אַן אַרבל, אויך אַ צופּ געגעבן ביים לאַץ איר מאַן און באַלד זיך אַנגעבויגן צו זייערע וועג־פּעקלעך:

— דאָ שטייט אַ טאַקסי, וואָס איך האָב געדונגען ענק אַ היים צו ברענגען צו אינדז. וואָס קיקט עץ? צי אינדז אַ היים, מאַאַנע טאַיערע. וואָס, צ'עט גיין אין אַ האָטעל אַראַן, צי ערגעץ אַנדערש? דאָס גאַיט גיש! שוין פינעף און צוואַנציק יוער ווי מאַאַן הויז וואַרט אַף ענק, מאַאַנע ליבע!

שושנהן מיט אברהמען איז הייס געוואָרן פון דעם אַ דאָרפישן יידס גערייד. געהערט אַ מעשה?! נאָך מער האָט זיי געאַרט די דרייסטקייט איבערצופאַלן זייערע טייערע געסט אין דעם שענסטן טאָג, וואָס זיי האָבן קוים זיך דערוואַרט אויף אים. קומט גאַר אַזעלכער און שלעפּט אַוועק מיט כוח דאָס אָפּגעציטערטע פון זייער האַרץ.

— "סאַר אַ חוצפה פון אַ מושבניק" — האָט אברהם גפני אין מיטן דעריינען זיך צעברומט מיט כעס דעם ווייב אין דערהיצטן פּנים אַריין. בשעת־מעשה האָט ער אויך מיט ענערגיע אַנגעפּאַקט ביים אַקסל זייער יינגל וואָס איז געבליבן שטיין אַ פאַרלוירענער:

— הביתה, שמ־עון! לאָמיר גיין. איר'ט זיך קריגן מיט אַזאַ איינעם? — און ער'ט ראַפּטעם אַ צי געטאָן נאָך זיך דאָס ווייב: — נלכה, שוש! און שוין אויף אַן אמת זיך צעקאָכט. אָבער אויך שושנה האָט עס נישט אויסגעהאַלטן, די פאַר־ריסנקייט פון אַ דאָרפישן כמאָל. "געמען און אַזוי אַ גלאַט אַוועקגיין פון דעם חוצפהניאַק? ווער האָט זיך געריכט אויף דעם אַנשיקעניש!" זי האָט אָפּגעקערט דעם בליק, געזוכט הינטער זיך דאָס פּנים פון שבע־קרוין, געוואָלט פון איר כאָטש הערן אַ קלאָר וואָרט: "וואָס טענהט זי צו דעם? אַזאַ באַגעגעניש! מ'וואָלט זיך כאָטש געריכט אויף אַזוינס. מיט אַ מאָל אַ געשוועסטערקינד געקומען צו רייטן. אַזאַ קרוב וואָס שוין פינף און צוואַנציק יאָר קוקט ער אַרויס אויף איר. ס'איז, כ'לעבן, ווי אַ ביטער טעאַטערשפּיל. כ'וואָלט געשווירן, אַז שבע־קרוין האָט אים אפילו נישט געהאַט אין זינען! "בחיי, אַ ווילד באַשעפעניש. ביסט אַ מבין אויף אַ יישובניק?"

שוש האָט דאָס מיט היץ אַריינגעטומלט אין אברהמס אויער־לעפל און זיך געשעמט פאַרן אייגענעם זונעלע. וואָרן וואָס 'עט זי איצט קענען זאָגן איר שימעקן? אַזוי לאַנג זיך געגרייט צו דער באַגעגעניש, אַזוי פיל אים אַנדערציילט וועגן שבע־קרוין, איז האָסטו דיר אַ יישובניק. כפר סבא מ'יר צום טיש!

...שבע־קרוין האָט זיך נישט געקענט אַרויסדרייען פון דעם גוט־ווינטשנדיקן קרוב, וואָס האָט זיך אָט אַ אָפּגעזוכט. זי'ט אויף אַן אמת זיך נישט געריכט אויף אים. זי האָט אים נאָר איין מאָל צוגעשריבן אַ קורץ בריוול, פּשוט כדי פאַר אים צו "לעגאַליזירן" איר קומען קיין ישראל, ווו זי האָט טייערע פריינד, אלא נישט אַנ־געגעבן קיין דאַטע פון אַרויספאָר וואָרן זי איז נישט אויסן געווען די נאָענטקייט פון דעם קליינשטעטלדיקן געשוועסטערקינד. דער משה־האַרש איז איר קיין מאָל נישט געווען מישפּחהדיק נאָענט. ערשט נאָך די חורבנות, ווען איעדער ייד האָט זיך

דערשפירט ווייטיקלעך אַרומגעריסן פון איטלעך ברעקל היימישקייט, איז אויך ער געקומען אָפּמאַנען "דאָס זײַניקע". דערפאַר האָט שבעלע נישט געקענט מעיז־פנים־זײַן דעם, וואָס האָט אויך זי געזוכט. און אין אמתן: ווי קען מע הײַנט אַזוינס אָפּזאָגן אימיצן? דאָך אַ לײַבלעך שוועסטערקינד, אַ זון פון אַן אייגענעם פעטער און מומע, וואָס זענען אויך שוין זכרונם לברכה. נעבעך, קיין אײנער פון דער משפחה איז נישט געבליבן, מוז מען זיך בעל כרחי אָנהענגען אפילו אין אַזאַ, מיט וועלכן מ'איז נישט געווען צו פיל שמעלקע, צו מאָל נישט ווי אַ שכן מיט אַ שכן. אַזוי האָט שבע־קרוין שטילינקע זיך פאַרענטפערט פאַר שושנהן, ממש אויפן ווונק, אַזוי זיך פאַרענטפערט און איז בלית ברירה אַרײַן אין דער טאַקסי אָפּצופאָרן "אַהיים", קיין כפר־סבא. דיך, שושנה לאַכטיקע, וויל איך אין גיכן זען — האָט זי נאָך געזאָגט שעמעודיק, רעכט נישט געקענט איר קוקן אין פנים אַרײַן. וואָלסטו זיך צוגעניײגט צו מײַן האַרץ, וואָלסטו זיך צעוויינט פון הערן דאָס זבענקען. זאָלסט כאָטש קומען צו מיר, טײַערע, וועל'ך געיכער קענען גיין צו דיר. חס ושלום, כ'וויל קיינעם פון אײַך נישט פאַרלירן. צו ערשט זיך נאָר אָפּרוען, ווי ער זאָגט, אונדזער משה־הארש. ריכטיק, נאָר זיך אָפּרוען בײַ דיר? — האָט שבע אויפגעהויבן דעם בליק צום שוועסטערקינד, צו זען צי ער הערט בכלל איר אַרײַנרעדן אין דער פרײַנדינע וואָס דער עיקרשט צו איר האָט זי געצויגן צו מאַכן די נסיעה אין דער מדינה אַרײַן. ווי באַלד שבע קרוין האָט דערווישט נעבן זיך דעם קוזין, האָט איר מויל ערשט גענומען טריפן מיט רייד וואָס האָבן מכוון געווען צו פאַרהוילן איר וואָרהאַפטיק טראַכטן אין די אַ מינוטן.

— מירן זיך האָבן אַ קאַפּעלע אָפּגערוט, דורכגעשמועסט, אמת, משה־האַרש־לעיבן, וועלן מיר זיך צונויפטרעפן אַלע, אַלע בײַנאַנד זיך פרייען. אָך, ווי ס'האַרץ איז לאַקאָמע אָפּצופרייען זיך מיט אייגענע. די טרערן קוועלן מיר אַזש אין האַלדז בײַם טראַכטן דערפון. אוי, ווי כ'פריי זיך ענק צו זען — האָט שבע מיט אַ מאָל זיך צעכליפּעט, אַזש דער מאַן וואָס איז געזעסן נעבן איר אין דער טאַקסי, האָט גענומען זיך ווישן די באַקן. דערנאָך האָט שבע ווי נאָך אַ טיפן אָפּעטעמען, אָנגעהויבן רעדן אַ מאָדנע דערוואַכטע:

— משה־האַרשל, כ'בעט דיך, גיב דײַן אַדרעס די פרײַנד מײַנע, זיי זאָלן וויסן ווי אַזוי צו קימען צו אינדז. אמת, משה־האַרש, ווילסטו זיי זאָלן קימען צו אינדז זעען? שרײַבטס אויף דעם אַדרעס — זאָגט זי תוך כדי דיבור צו די גפניס און בייגט מער אַרויס דעם קאָפּ פון דער טאַקסי: "משה־הערש ליבלינג, רחוב דון אַברבנאַל זעכצן, כפר־סבא. ס'ריכטיק דער אַדרעס משה? כ'מיין, כ'בין זיך נישט טועה, אָבער אויפן זכרון וויל'עך זיך נישט אין גאַנצן פאַרלאָזן".

— ראַכטיק, ראַכטיק — האָט דער פאַרשוויצטער קרוב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און שוין אויסגעקוקט, אַז די תל־אביבער זאָלן זיך אָוועקרירן פון דעם אויטאָ. ר'האָט אויך געטריבן דאָס ווײַב זי זאָל זיך געשווינדער אַרײַנזעצן אין וואָגן און ר'האָט אויך צו פלייסן געהאַלטן די האַנט אויפן צעעפנטן טירל פון דעם שאָפערס קאַבינע.

— פֿאַרגעסטס ניש צו נעמען דעם אָמניבוס קאָ׳ כּפֿר־סבא — האָט שבע נאָך אַ מאָל אַרויסגערעדט צו די גפּניס פֿון אויפֿגעהויבענעם טאַקסי־פֿענצטער. איר זאָלט, חלילה, נישט זוכן אַ דון אַבּרבּנאַל־גאַס אין תּל־אָבֿיבֿ, צי אין רמת־גן, ווו ס׳וווינען אויך ייִדן אָן עין־הרע — וויל שבע אַרויסקריגן פֿון זיך אַ שמייכל. בינה־לבֿינו האָט זי נאָך אויף דער גיך מוסיף געווען אַ פֿרעג:

— הער נאַר, משה־האַרשל, ס׳איז ווײַט פֿון דאַנען צו דײַן כּפֿר־סבא? כ׳וויל געיכער אַרויס פֿון דעם וועג, וואָס שלעפּט זיך מיר שוין צו לאַנג. כ׳וויל זײַן אין דער מדינה, שוין זיך געפֿינען אונטער אַ היימישן מדינהשן דאַך. שבע האָט עס איבערגעפֿרעגט דעם קוזין מחמת ס׳האָט איר נישט געקענט אַרויסגיין פֿון זינען שושנעס אַנאויפֿהעריקן ווישן זיך די אויגן אי מיט אַ טאַשנטיכל, צומאָל אַפֿילו מיט די פֿינגער.

— ס׳איז ערגעץ אַ העק! — האָט אַבֿרהם גפּני אומגעריכט אַרײַנגעוואָרפֿן זײַנעם אַ להכעיסדיקן זאָג, אַז ר׳זאָל טרעפֿן דעם דאָרפֿישן ייִד, אָבער איינצײַטיק האָט ער אַ העפֿטיקן שלעפּ געטאָן זײַן ייִנגל:

— שמעון, הבּיתה, ה־ה־בּי־יי־יתה־ה־הההה! דאָ האָט זיך שוין געשפּירט די שאַרפֿע באַליידיקטקייט פֿון די גפּניס, אָבער מער פֿון אַלע האָט קענטיק דער קליינער שימעק זיך געשפּירט אָפּגענאַרט פֿון דעם אומזיסטן וואַרטן סײַ אין דער היים און סײַ אין לוד, אויפֿן פֿליפֿלאַץ. ער׳ט שוין מיט אומגעדולד איבערגעפֿרעגט: מה קרה, אבּא? למאַי איז די אמא אויפֿגערעגט, למאַי די געסט גייען נישט אַרײַן אין אונדזער וואָגן? איך באַנעם גאָאָאַר נישט — האָט שימעק אומרויִק שוין געקוועטשט די אויגן. די מוטער, האָט ער געזען, קען אַלץ נישט קומען צו זיך נאָכן לאַנגן מכינען זיך צו דער טרעפֿונג מיט די ליבע געסט וואָס זענען געקומען פֿון אַ ווײַטן לאַנד. פֿון אירע איבערגעחזרטע רייד האָט דאָס ייִנגל אָבער געדרונגען, אַז ס׳איז עפּעס נישט גלאַט מיט דער שבע און איר מאַן.

— „נאָ דיר אַ דאָרפֿיש באַשעפֿעניש וואָס האָט זיך צוגעטשעפּעט. אַ כּפֿר־סבא אויף מאַאַן קאָפּ!‟ האָט שושנה נערוועז אַרײַנגערעדט אין מאַן. זי האָט אויך דערנאָך, שוין אין שטאָט, איבער אַ בײַס אַרײַנגעווייינט אין זיך איבער דעם טראַף וואָס איר איז געשען מיט שבע־קרוין. געבומען פּלוצטאַלבן און זיי אַוועקגעפֿירט אין אַ העק. זי׳ט דאָך צוגעזאָגט צו ברענגען שבעלען מיט איר מנחמען ווי אַ האַרציקע דערפֿרײַעניש סײַ פֿאַר שימעקן סײַ פֿאַר אַבֿראַמען. אַז כאָטש אַ שטיקל צײַט וועלן זיי רעכט זיך אָנפֿרייען מיט די געסט נאָך אַזוי פֿיל יאָרן לעבן אַזוי וואַכעדיק, אָן אַן אַמתדיקן יום־טובֿ אין הויז. שושנה האָט נישט אויפֿגעהערט אַזוי אַרײַנצוקלאָגן אין זיך און אויך געעקבערט די געהירן פֿון די אייגענע אירע: די שבעלע איז לפֿי איר, שושנהס, פֿילן דער אוצר וואָס זי האָט אין איר נשמה פֿאַרבאַהאַלטן זינט דער ווײַטלעכער יונגשאַפֿט אירער, שושנה צוקער די אָפּאַטשנע־רין. ערשט אַ האָט דאָס זיך בולט אַרויסאַנטפּלעקט פֿאַר איר גאַנצן שכל. ווי וועט זי אַצינד קענען זיך אַליין פֿאַרענטפֿערן פֿאַר די אייגענע, פֿאַר אַבֿראַמען און דעם

זיסן ייִנגעלע? ניין, זי ווייסט נישט ווי אַזוי אָנצוהייבן פֿאַר זיי אויפֿוויקלען די זאַך וואָס האָט זיך אַזוי פֿאַרפּלאָנטערט פֿאַר איר, אָבער נישט ווינציקער פֿאַר זיי. אַזאַ טראַף לאָזט זיך נישט אָפּווישן מיט אַ בלאָס וואָרט וואָס זי קען אָקערשט אַרויסברענגען: סליחה, טײַערע מײַנע, איך בין נישט שולדיק. ווי אַ גזלן איז עפּעס אַ דאָרפֿישע בריאה אָנגעפֿאַלן אויף אונדז. אלא שלאָגן זיך מיט אַזאַ איז נישט קיין עניין. ווי אַ וואָלף געכאַפּט די ליבינקע אויף די שטומפּיקע ציינער, דער קרוב־נישט־קרוב און זיי אָוועקגעפֿירט אין אומבאַוווסטן.

ד

די גפֿניס האָבן לאַנגע טעג נישט געקענט לעשן אין זיך דעם גלי פֿון דער באַליידיקונג, וואָס זיי האָט געטראָפֿן אַזוי אומגעריכט: „פֿינעף און צוואַנציק יאָר האָט ער געוואָרט אויף זיי, דער מושבניק, און דער פֿאַר גענומען זיך די רעכט זיי צוצורויבן, די האַרציק באַגערטע. אַזאַ כמאַל! וואָס, מיר זענען דען ווינציקער ייִדן ווי אָט דער? מיר וואָרטן דען נישט לענגער אַז אַזאַ שטראָל וואַרעמקייט זאָל אויפֿטײַען אונדזערע הערצער! בפֿרט אונדזער וואָרטן אויף שבע־קרוין מיט מנחמען וואָס נעענטערס איז אונדז נישט געבליבן...״ — האָט שושנה נישט אויפֿגעהערט אָנזויערן די שטוב מיט איר בענקעניש צו די וואָס זענען בגוואַלד פֿאַרמשכונט געוואָרן אין כפֿר־סבא. לסוף האָט זי אַן אָנגעכמורעטע זיך געווענדט צום מאַן:

— הער נאָר, חביבי, האָסט כאָטש נאָך ערגעץ דעם מושבניקס אַדרעס? איך האָב מורא דו זאָלסט אין דײַן צעטראָגנקייט אים נישט האָבן פֿאַרטאַכליעוועט. איך קען מער נישט וואָרטן ביז דער פֿאַרשוין זאָל זיך דערמאָנען אַז מ׳דאַרף אונדז אָפּגעבן דעם משכון.

— מעגסט מורא האָבן שוש, אָבער זאָגן מעג איך דיר אַז מ׳וואָלט טאָקע באַדאַרפֿט פֿאַרלירן דעם אַדרעס.

— מעגן מעג מען פֿאַרלירן, נאָר דאָס פּאַפּירל, אָבער נישט שבע־קרוינען. דעם חמאָל וואָלט איך נישט וועלן אָנקוקן, אָבער די טײַערע געסט מוז מען פֿון דאָרט אַרויסצײַען. אַ נו, ווײַז דעם אַדרעס צי דו האָסט אים אויף אַן אמת. בבקשה, צו להכעיס דעם חמור וועלן מיר מאַכן די נסיעה אַהין צו, טאָקע אויך פֿאַר זיי אומגעריכט, און תיכף, ווי לאַנג שימעק איז גראַד נישטאָ אין שטוב. איך שעם זיך שטאַרק פֿאַר שימעקלען. צוגעזאָגט אים אַרײַנצוברענגען שבע־קרוינען מיט איר מנחמען. דאַרף ער זיי דאָ אויך טרעפֿן, טאָקע אומגעריכט.

— נחמדי, פֿיר שוין אַרויס דעם וואָגן — האָט זי באַפֿוילן און אירע אויגן האָבן אויפֿגעלויכטן מיט אַן אומעטיקער האָפֿערדיקייט.

— ס׳גייט נישט מער! — האָט זי זיך צעפֿלאַמט — גלײַך פֿאָרן מיר קיין כפֿר סבא! מירן ברענגען דעם יום טוב אין הויז אַרײַן — —

יאַני פיין / ניו-יאָרק

א י צ ט י ק י י ט

די לעבעדיקע רגע

די זון פֿאַרגייט. דער שיכּור אויפֿן ראָג
פֿאַרשעלט ווידער די וועלט,
וואָס ר׳האָט ערשט נעכטן אומגעבראַכט,
די בלינדע קאַץ אין מײַן פֿענצטער
ליגט פֿאַרקוקט אין עפּעס,
וואָס איז ניטאָ,
און דו, מײַן גוטער חבר, שרײַבסט אויף ס׳נײַ
דײַן פֿערציק-יאָריק ליד,
אפֿשר, ווײַל וועדליק דיר, איז דײַן חוב — שרײַבן,
אָדער פּשוט — האָסט מורא צו שווײַגן.

באַווייִנסט דעם גורל פֿון אונדזער לשון,
און אונדזערע ביידנס מאָרגנדיקע קברים,
צו וועמען, ווי ס׳זאָגן דײַנע טרערן, ס׳וועט
קיין געטרײַער פֿוס קיין סטעזשקעלע ניט אויסטרעטן.

נעמסט שטענדיק מיך אַרײַן
אינם טרויער פֿון דײַן חשבון,
כאָטש ווייסט גאַנץ גוט, אַז כ׳לעב,
ווי פֿיל, מײַנס גלײַכן,
צוליב אַ טעות אין אַלע חשבונות,
און אַז דער שטאַמל פֿון האַרצן,
וואָס ווייסט ניט פֿון קיין לאָגיק,
איז מײַן דעפֿיניציע פֿון פּאָעזיע.

די איצטיקייט איז דער ווײַנגאָרטן
פֿון אַלע אייביקייטן, און ס׳ליד וועגן טויטע
קלינגט אין מײַן אויער אַזוי לאַנג,
ווי זיי זינגען.

דייַנע קברים, גוטער חבר,
און דייַנע סטעזשקעלעך צו קברים,
דערמאָנען אין דעם וואָס איז ניטאָ,
אָבער איך בין פֿאַרהערט אין דעם,
וואָס דערמאָנט מיר, אַז צוליב אים
בין איך דאָ.

כ׳בין אַ שקלאַף
פֿון דער צעפּליקטער פּאָן,
וואָס קושט מיט ריסן
פֿון פֿאַרבלוטיקטע ליפּן מייַן הייַנט.

ס׳וועט זיך שטענדיק אָפּגעפֿינען
אַ ווייַט-אויגיקער מאַקס בראָד,
וואָס וועט דערפֿאָלגרייַך אונטערהאַנדלונגען
מיט דער אייביקייט פֿירן,
מייַן זאָרג באַלאַנגט צו פֿראַנץ קאַפֿקאַ,
וועמענס איצטיקייט פּאַסירט
איין מאָל אין הונדערט יאָר.

די מאָס פֿאַר דער קאַרש
איז ניט אייביקייט, נאָר טעמיקייט.

דו שמייכלסט אַוועק מייַנע רייד,
גוטער חבר,
פֿאַר דיר איז די מענטשלעכע געשיכטע —
אַ געשיכטע פֿון מאָנומענטן.
אפֿשר ביסטו גערעכט.
דאָך דער מאָנומענט צו דער לעבעדיקער רגע
איז ניט בראָנדז, נאָר גראָז.

אַ קאַפּיטל געשיכטע

באַאַמטע האָבן די לאַנגע רשימות
צום לעצטן מאָל קאָנטראָלירט
און דאָן די פֿאַרמשפּטע נומערן

פֿון די צעלעס אַרויסגעפֿירט.
ווען דער געדיכטער, קלעפּיקער רויט
פֿון זונפֿאַרגאַנג
איז אויפֿן צעראַיעטן פֿעלד אַראָפּגעפֿאַלן,
האָט מען די גריבער פֿאַרגראָבן,
די ערד האָט קיין מאָל ניט געפֿרעגט,
וואָס די מענטשלעכע געשיכטע וויל פֿון איר האָבן.

די געליבטע האָבן די דאָרשטיקע בריוו פֿון מתים
אין זיכערע שפּאַלן פֿאַרשטעקט,
בלויז דעם פֿרילינג פֿון אייגענע גלידער
אויף הפֿקר געלאָזן,
די אַלמנות האָבן קינדער כסדר געוועקט
און פֿאָטאָגראַפֿיעס געוויזן :
דינע טאַטעס מיט וואָנצעס פֿון ריזן.

איין פֿרימאָרגן, בעת דער הערשער
איז פֿון בעט אַרויסגעקומען
האָט זיך פּלוצים אונטער אים צעעפֿנט דער דיל —
דרײַ רויטע ליולקע-פֿונקען
האָבן אים דרײַ אומענדלעכע רגעס איבערגעלעבט
און דאָן, ווי ער, פֿאַרגאַנגען קיל.

נאָכן טרויער-מאַרש פֿון העלדישע טרומפּייטן
האָט אים דער נײַער הערשער
פֿאַר אַ מערדער דערקלערט,
אָבער די זעלנער וואָס האָבן אים געדינט,
האָבן בלויז געדענקט נאַכט און ווינט,
און די אָפֿיצערן זענען איצט גענעראַלן געווען.

די געליבטע האָבן איבער נאַכט די ליבעס-בריוו
אין דיקע, ליטעראַרישע זשורנאַלן אָפּגעדרוקט,
אַלמנות זענען צום נײַעם אָפּערע-סעזאָן
אין שוואַרצע וואַלן אַרויסגעקומען,
און די זין און טעכטער זענען, ווי אויסגעוואַשענע,
לאַנגיאָריקע פֿלעקן, צוריק אויפֿגעשווומען.

געניטע היסטאָריקער האָבן, ווי דער שטייגער, אַלע פֿאַקטן
דורכגעטרייסלט דורך דער זיפּ פֿון גלייבן.
כדי שטעבעלקעס און דערנער זאָלן ניט אַריַין
אינעם לייענערס פֿינגער.
לייענער, ווי דער שטייגער, זענען דאַנקבאַר פֿאַרשער,
וואָס מאַכן די געשיכטע לאַגישער און גרינגער.

לידער-אַלבאָם פֿון משה בערנשטיין

דער קונסט־מאָלער און דיכטער משה בערנשטיין — סײַ אין זײַן בילד, סײַ אין זײַן ליד, פֿאַרבלײַבט ער שטענדיק טרײַ זײַן אויסגעווייטיקטן קינסטלערישן קרעדאָ — פֿאַר־אייביקן דאָס מערדעריש אומגעבראַכטע ייִדישע שטעטל מיט גאָר זײַן פֿילפֿאַרביקן טיפּאַזש און לעבנס־שטייגער. דאָס אַלץ — אין פּאַעטישער ליכט פֿון טראַגישער נאָסטאַלגיע און לירישן נאַיִוו.

אויך דער איצטיקער לידער־אַלבאָם "אַמאָליקער ניגון" איז געווידמעט דער זעלבער טעמע. דער אַלבאָם לידער און צייכענונגען איז אַרויסגעגעבן פֿון ה' לייוויק־פֿאַרלאַג בײַם פֿאַראיין פֿון ייִדישע שרײַבערס און זשורנאַליסטן אין ישראל. תל־אביב 1988. 56 זײַטן.

נ ײַ ע   ב י כ ע ר

שמואל טאַפּ — "אין היימישן גאָרטן" (לידער און באַלאַדעס), מיט אַ פּאָטאָ־פּאָרטרעט פֿון מחבר. ה. לייוויק־פֿאַרלאַג בײַם פֿאַראיין פֿון ייִדישע שרײַבערס אין ישראל. תל־אביב, 1986. 112 זײַטן.

אברהם בעקער — "מאָטיוון פֿון ציג און ציגעלע" (אַ שטודיע). ה. לייוויק־פֿאַרלאַג בײַם פֿאַראיין פֿון ייִדישע שרײַבערס און זשורנאַליסטן אין ישראל. תל־אביב 1987. 160 זײַטן.

י. ח. בילעצקי — שלום עליכם דער פֿאָלקסטימלעכער גאון (עסיי). אַרויסגעגעבן צו דער פּרעמיערע פֿון ייִדישן טעאַטער אין ישראל. 1988. 32 זײַטן.

חיים פּלאָטקין — "פֿון שטעטל ביז נאָרמאַנדיע" (דערציילונגען). פֿאַרלאַג "ישראל־בוך", תל־אביב, תשמ"ח—1987. 188 זײַטן. פּראַכט אײַנבאַנד.

ש. שלום — "השירים על הים". לידער־זאַמלונג אויף דער טעמע : ים. ציורים (צייכענונגען): ש. לם. הוצאת חבל ימי לישראל, הקרן לספרות ואמנות על שם משה פומרוק, חיפה, "עקד", תשמ"ח—1987. 80 זײַטן, גרעסערער פֿאָרמאַט.

יעקב צבי שרגל — "שלהי קיץ", שירים. אַ זאַמלונג אויסגעקליבענע לידער, איבערגעזעצט עברית דורך אַ גרויסער ריי העברעיִשע דיכטער. אַרויסגעגעבן: ספרית פועלים, הוצאת הקיבוץ הארצי השומר הצעיר. תל־אביב, תשמ"ח—1988. פֿאַרזען מיט אַן אַרײַנפֿיר פֿון ד"ר י. ח. בילעצקי און סוף וואָרט — **אַמיר גלבע**. 104 זײַטן. ווייכער אײַנבאַנד. דער שער געצייכנט: יובל וולפסון.

ישראל קאַפּלאַן

אַ קופּאַל
(דערציילונג)

טורעם און ממעמקים

אַ ווייַטקייט פון ייִדישקייט, און אפילו פרעמדקייט בכּלל צו ייִדן, נעסטיקט נאָך טיף אין דעם אינזשעניר מיכאל ניר. נישט אַלט געווען קיין פיר יאָר, איז דערשאָסן געוואָרן זייַן טאַטע מיט נאָך מאַסן ייִדן, באַלד ווי די דייַטשן האָבן פאַרנומען קאָוונע און גאַנץ ליטע. און אַז די ייִדן פון דער שטאָט זענען שוין געווען אייַנגעשפּאַרט אין אַ געטאָ, האָט זיך מיט אים פון דאָרט אַרויסגעגנבעט די מאַמע און מיט צרות זיך דערשלעפּט צו אַ וואַלד. אין אַן אָפּגעלייגט שטיבל האָט זי דאָס קינד געלאָזן צום אויסבאַהאַלטן בייַ ליטווינקעס, צוויי שוועסטער, פאַרזעסענע מוידן. האָבן זיי דאָס קינד דערצויגן פרום־קאַטויליש. און אַז נאָך דרייַ יאָר זענען די דייַטשן אַוועק פון ליטע, און די מאַמע קומט צוריקנעמען איר קינד — איז ער שוין בייַ די ליטווינקעס גאָר זייערס. די ייִנגערע איז בייַ דעם ייִנגל זייַן מאַמיטע — אַ מאַמעלע, און די צווייטע אַ טעטושע — אַ מומעלע. באַפאַלן זענען די ביידע די זשידיאַלקע, פון שטוב אַרויסגעטריבן און מיט רציחה נאָכגעיאָגט. אין גאַרער שרעק איז אַרייַן דער קליינער פון אַנבליק אויף דער פאַרשאָלטענער, און זיך געכאַפּט צלמען. צוזאַמען האָט ער אויך נאָכגעיאָגט און מיט ווילדן געשריי געבענטשט היטלערן פאַר זייַן אויסהאַרגענען די גאָטס־מערדער.

קוים זיך דערשלעפּט צום ראַנד וואַלד, פאַלט בייַם טראַקט אַנידער אין ביטערן געוויין די מאַמע, וואָס איז שוין געווען אַ שווער קראַנקע. האָבן זי באַמערקט און זיך אָפּגעשטעלט סאָלדאַטן פון דער רוסישער אַרמיי, וואָס זענען פאַרבייַגעפאָרן מיט אַ פּאַנצער־וואָגן. ייִדיש האָבן צוויי גענומעןריידן, און זי האָט דערציילט פון איר צרה. האָט מען זי אַרייַנגעזעצט אין וואָגן, און אַ קערעווע אין וואַלד אַרייַן. מיט כּוח איז געוואָרן אַרויסגענומען דאָס קינד, און צוזאַמען מיט דער מאַמען געבראַכט צו אַ ייִדישער שטוב. וואָכן האָט זיך אָבער דאָס ייִנגל געריסן פון שטוב און געגוואַלדעוועט — לאָזן אים צוריק צו דער מאַמיטע! נישט געוואָלט האָט ער אָנקוקן זייַן מאַמען און אַלץ געשאָלטן די זשידעס.

די מאַמע האָט שוין קיין צייַט נישט געלעבט. איז ער מיט אַ גרופּע יתומים געבראַכט געוואָרן קיין ארץ־ישראל און זיך דערצויגן אין קיבוצים. אַ חשק האָט ער געהאַט צו רעאַלע לימודים און דערגרייכט דעם טיטל אינזשעניר. צו ייִדישקייט

איז ער אָבער ווייניק דערגאַנגען, און צווישן יידן לאָזן אים גאָר אָפּט נישט אָפּ געפילן פון אַ פרעמדקייט.

לעבט זיך מיכאל ניר מיט ווייַב־און־קינדער אין תל־אביב, בויט שאָסייען און וויַכט פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. זענען לעצטנס אָנגעשטאַנען אויף אים קרובים מצד דער ווייַב, ער זאָל מיטהעלפן אין פּלאַנירן אַ בית־מדרש לזיכרון פון זייער היימשטאָט אין וואָלין. דער פּלאַן פון בנין מוז אָבער זיַין אין סטיל פון אַן אַמעריקאַנער סינאַגאָגע, און דער דאַך דווקא מיט אַ טורעמל, אַ קופּאָל, ווי עס ווערט געבויט אין סנהדריה, די שכונה פון ירושלים, וואָס איז באַוווינט פון אַ סך אַמעריקאַנער יידן. אַזאַ באַדינג שטעלן צוויי טוריסטן אין נאָמען פון זייער אַמעריקאַנער לאַנדסמאַנשאַפט, און זאָגן צו אַ גרויסע סומע דאָלאַרן... אין זוכן אָבער אַ פריַיערן טאָג אויף פאָרן קיין ירושלים צום אויפכאַפּן דעם סטיל פון אַ טיפיש־אַמעריקאַנער סינאַגאָגע — האָט ביַי נירן פּאַסירט אַן אומגליק. געשטאָרבן אַ טעכטערל. איז ער מיט זיַין ווייַב געזעסן אָפּגעשלאָסן אין שטוב, נישט געוואָלט זען מענטשן. נאָך אַ וואָך האָט ער זיך באַדאַכט צו לאָזן זיך אין וועג.

שעהן שוין ווי מיכאל ניר דרייט זיך אַרום אין ירושלים איבער די גאַסן און געסעלעך וואָס שלענגלען זיך אין אַ געפלעכט באַרג־אַרויף־באַרג־אַראָפּ אין אַ צפון־ווינקל פון שטאָט, אין דער שכונה סנהדריה. פאַר די יאָרן וואָס ער לעבט אין ישראל האָט ער ווייניק באַזוכט דעם מקום אַליין, ירושלים, און די שכונה איז אים אין גאַנצן אומבאַקאַנט, און אַזוי אומבאַנעמלעך. דער דרויסן שווּיבלט מיט שוואַרצע ברייטע קאַפּעליושן, און בערד און קאַפּאָטעס, און וויַיבער מיט היַיבלעך, און קינדערלעך מיט אַ משונהדיק אויסזען...

אין פאַמעלעכן גאַנג דערזעט ער גאַסן ברייטע און היַיזער מאָדערנע געבויט. אַ שילד נעמט איבער: ״סנהדריה מורחבת״. איז עס דאָ אַ נײַער פאַרברייטערטער קוואַרטאַל מיט יידן פון אַמעריקע. טריט נאָר געציילטע, שריַיט אַ גרויסער ווייַסער שילד:

״בעזרת השם יתברך כאן יוקם בית־כנסת וישיבה לתורה ומוסר״.

פיַיערלעך איז עס אָנגעזאָגט אַז געבויט ווערט אויף דעם אָרט אַ בית־כנסת מיט אַ ישיבה צום לערנען תורה און מוסר. צוגעקומען נענטער, שטעלט ער זיך אָפּ און קוקט ווי אַ גראָבמאַשין בייַסט זיך מיט געוויש אין שטיינגרונט און שליַידערט שטיקער פעלדז, גרייט דעם פּלאַץ צום בוי. אין אויסדריי פון דעם גראָבער, באַמערקט דער מאַשיניסט דעם מענטשן וואָס שטייט מיט אַ באַטראַכטנדיקן בליק. וואַרפט ער אים צו ממזריש אַ קנייטש מיט אַן אייגל און אַ זאָג:

— מען קראַצט שוין ווידער דעם ריבונו־של־עולם... — און פאַרטיַיטשט זיַינע ווערטער — די עסקנים, זיי בייַסט אין די שפּיצן פינגערלעך, די פּעטע, להוט שוין צו ציילן די קלינגערס וואָס וועלן זיך אַ שאָט טאָן פון אַלע עקן וועלט, בעזרת־השם, אויף דעם הייליקן מוסד...

— אַ קופּאָל וועט האָבן דער בנין? — פּרוּווט ניר זיך דערוויסן פון דעם מענטשן — האָט איר געהערט ווי וועט דאָ אויסזען דער דאַך?

— רב אברהם יודל, אַט דער אדון האָט אײַך וואָס צו פרעגן — שרײַט דער מאַשיניסט צו אַן אַלטן ייִדן, וואָס זיצט אין אַ צונויפגעקלאַפּטער בודקע בײַ דעם פּלאַץ; און אויסדרייענדיק דעם גראַבער צוריק צו דעם פעלדז, גיט ער נירן ווידער אַ זאָג — אַ משגיח פון דער ישיבה וואָס וועט דאָ זײַן, ער וואַרט אויף דעם גבאי. רעדט מיט אים, מיט דעם אַלטן.

לויכטיק די אויגן פון דעם ייִדן און אַזוי מילד זײַן קוק. האָבן אָבער די אויסגעשטעלטע ברעמען און צעוויגטע קנייטשן פון דעם הויכן שטערן — האָבן באַלד אַרײַנגעוואָרפן נירן אין אַ חרטה אויף די פראַגעס וואָס ער האָט אַ שאָט געטאָן. אויפגעהויבן פון אָרט האָט זיך קעגן אים דער זקן, איבערגענומען מיט אַ וואַרעמען שלום־עליכם און געדריקט זײַן האַנט מיט אַזאַ האַרציקייט. ביידע זיך אַנידערגעזעצט, פּרוּווט זיך דער משגיח פונאַנדערקלײַבן אין די ווערטער וואָס דער מענטש האָט צו אים געלאָזט פאַלן.

— אַ קופּאָל צי דער בנין וועט האָבן, פרעגט איר... און רייד עפּעס וועגן סטרוקטור, צי דער בנין וועט האָבן אַרקעס, זײַלן; און ווידער — צי איבערן דאַך וועט זײַן אַ טורעם אַזאַ, אַ קופּאָל. און אויף די ווענט פון דעם מקום־קדוש, וועלכע דעקאָראַציעס, באַפּוצונגען, אַט די גאַרישקייטן און נישטיקייטן, די הבל־הבלים!... ווייסעך ווי מען פּלאַנעוועט דאָ דעם בנין!... אַז די ישיבה וועט זיך אַרײַנקלײַבן אַהער, אם ירצה־השם, וועל איך אויך דאָ זײַן דער משגיח און זאָגן מוסר פאַר די תלמידים.

די שטראַליקע אויגן און דאָס פאַרמעט־פּנים מיט דער לאַנגער ווײַסער באָרד פאַרטראָגן נירן אין אַ הייל לעבן אַ ריזיקן קלויסטער אין ליטע. אַ גראָטע פון אַ מאָנאַסטיר. טיף־אַרונטער פירט אים פאַר אַ הענטל די מאַמיטע, צלמט זיך איבער אים און שטעלט אים אַוועק אין אַ ווינקעלע אויף די קני. אין דער טונקלקייט זיצט איינער אַליין אַן אַלטיטשקער. הייליקער פאָטערל רופט אים די מאַמיטע, שושקעט אין זײַן אַרונטערהענגענדיקן און שוואַמיקן אויער און ווינקט מיט איבערציטער אויף אים, דעם קליינעם אַנטאַנוקאַס, ווי ער האָט געהייסן בײַ די ליטווינער... די שטימע אָבער פון דעם ווײַסינקן מאַנאַך קלינגט נירן זינגעוודיק און דיק. ער בענטשט אים, דעם זונעלע, און זאָגט אַן צו זײַן אַ טרײַער קאַטאָליק, מיט דער גאַנצער נשמה גלייבן אין דעם דערלייזער. שטרענג וואָרנט ער אים צו היטן זיך פון ייִדן, וואָס האָבן דערהרגעט דעם זון פון גאָט. די אַ גאָטסמערדער זענען עס דערפאַר פאַרשאָלטן אויף אייביק, און לעצטנס אויך באַקומען אַ שטראָף אַ גאָר הארבע... איינצלנע ייִדן, האָט דער אַלטער געקרעכצט, זיי גייען נאָך אַרום אין אונדזערע געגנטן. אַ זינד איז צו טרעפן זיך מיט זיי, אָנקוקן זייערע פּנימער. און אַ קריסט זאָל הערן וואָס עס ריידן די קינדער־פון־טײַוול — יעזוס מאַריאַ! — אַזאַ זינדיקער וועט שוין נישט אַרויסגיין פון גיהנום!!

און פון דעם הייליקן אין גרוב, געדענקט ניר, זוכט אויף די מאַמיטע דעם קלויסטער־דינער און גיט אים אַ מתנה אַ טאַרבעלע מאָן. האָט ער זיי ביידן אַלץ אינעווייניק געוויזן. דערציילט האָט ער, אַז מיט אַ סך יאָרן צוריק האָט אַ גוואַלדיק

רײַכער מאַן אַרונטערגעבראַכט באַרימטע מײַסטערס און זיי געהייסן אויפֿבויען אין דעם אָרט אויך אַ קלויסטער, וואָס זאָל זײַן גרויס און הויך און באַפּוצט מיט די אַלע שײנקייטן — אַ פּראַכטיקער געבײַ פֿאַר דער ליבע און כבוד צו דעם פֿאָטער און זון און הייליקן גײַסט!... דער דינער האָט אים מיט דער מאַמיטע אויך אַרײַנגעפֿירט אין אַ טורעם, מיט זיי געגאַנגען טרעפּ־אַרויף־אַרויף, און פֿון די פֿענצטערלעך האָט זיך אַרויסגעקוקט אַזוי ווײַט! געשטיגן אַזש ביז אויבן. קעגן די גלעקער האָט די מאַמיטע מיט אים זיך אַנידערגעקניט. אַ שטריק גיט אים דער דינער אין די הענטלעך, און ער האָט געגעבן אַ צי — און אַ קלאַנג אַ הייליקער! אוי, ווי די מאַמיטע האָט זיך איבער אים צעצלמט, און טרערן־טרערן אויף אירע באַקן!...

שווער איז נירן דאָ אין ירושלים מיטן באַנעמען די ווערטער פֿון דעם אַלטן מוסרניק, זײַן זאָג וועגן הייליקע בנינים, און דער קוק זײַנער אויף אָרנאַמענטן!... זאָגט ער מיט ווונדער:

— לכבוד דעם ליבן גאָט, פֿאַר וואָס זאָל אַ געבעטהויז נישט זײַן הערלעך געבויט, פֿון קינסטלער אויף פּראַכטפֿול דעקאָרירט און אילומינירט? און טאָקע אַן אָנזעעוודיקער קופּאָל, אַן אײנפֿאַזאַנטער דערהייב צום הימל!

ווערטער נישט־געוווינטע פֿאַר זײַן אויער הערט דאָ דער ייִד. אויך דער טאָן קלינגט אים אַזוי מאָדנע, גאָר ווי פֿון אַ פֿרעמדער וועלט... גורט ער זיך מיט געדולד. די אויגן הייבן זיך פֿרום צום הימל און וואַרפֿן אויך פֿאָטערלעכע בליקן אויף נירן.

— רב ישראל סאַלאַנטער... נישט געהערט אַזאַ נאָמען? איר ווייסט מסתמא גאָר שוואַך וועגן די געוועזענע קהילות אין ליטע. אַזאַ ווילנע! אַ קאָוונע!... ביז מײַנע צוואַנציק יאָר האָב איך געלעבט אין ליטע און זיך געוויילט אין קלויזן און אין די ישיבות פֿון די ביידע שטעט. געווען זענען געבויט די מקומות־התורה אַן וועלכע קונצן און צאַצקעס. אין איינער פֿון די ווילנער קלויזן, וואָס האָט זיך כמעט ווי נישט אונטערגעשיידט פֿון די פּשוטע הײַזער אַרום, האָט עס פֿון אַזאַ בנין אויפֿגעלויכטן דער אור־המוסר פֿון רב ישראל סאַלאַנטער. גערופֿן האָט ער בעיקר צו תּיקון־המידות, דער מענטש זאָל נאָכאַנאַנד טאָן אין פֿאַרבעסערן זײַנע זיטן און אָפּגעבן זיך מיט מעשׂים־טובֿים. אַ חשבון־הנפֿש, פֿלעגט ער זאָגן, מוז זיך יעדער יחיד אָפּט מאַכן, כדי צו וויסן וווּ ער האַלט מיט זײַן נשמה און צו דערגרייכן שלימות־הנפֿש, אַ פֿולקומקייט אין זײַן התנהגות און דרך־החיים... געעצהט האָט דער גרויסער ייִד זײַנע תּלמידים און מעריצים, זיך צו מתייחד זײַן אין גרופּעס און לערנען בחבֿרותא אין די מוסר־ספֿרים. זענען איבער ליטע אויפֿגעקומען צענדליקע מוסר־שטיבלעך, און זייער אָרט איז מערסטנס געווען אין אַלטע און אָפּגעלאָזענע בנינים. דער באַרימטער בית־המוסר אין קאָוונע איז געווען אַ דאַך־שטיבל פֿון אַן אָפּגעלייגט און אײַנגעהויקערט הילצערן הײַזל. איז אָבער פֿון דעם מרכּז אַרויס אַ ליכט איבער דער ייִדישער וועלט, וואָס באַלויכטעט נשמות, ריכט אויף און באַנײַט, און דער מענטש ווערט דערהויבן... ממעמקים קראתיך,

פון די טיפענישן גייט דער רוף צו גאָט; טיפע באַשיידנקייט, אָבער לויטערקייט אינערלעך... אַ גירסא גאָר פון די הײַנטיקע מאָדערנע, אַ מקום־קדוש דאַרף זײַן אויך מיט אַ קופּאַל, אַ טורעם!... ומגדל וראשו בשמים, אַ טורעם מיטן שפּיץ אין הימל — געווען איז עס די "סטרוקטור" פון דעם מגדל־בבל, אָט פון יענעם דור, וואָס האָט זיך געוואָלט פאַרמעסטן קעגן ריבונו־של־עולם!

פאַ האַוודאָלאָס

יאָרן פירט שוין רב אברהם יודל מוסר־שמועסן. האָט ער אַ סך ניסיון אין אויפכאַפּן פּנימער פון די צוהערער. זעגען אים באַזונדערס אויפגעפאַלן די תנועות און צוקן בײַ מיכאל נירן אין זײַן דערהערן די נעמען פון ליטווישע שטעט. פּרוּווט ער שוין וואָס אַרויסהאָבן:

— האָט איר אפשר אויך אַ שייכות מיט די מקומות וואָס איך האָב דערמאָנט, ווילנע און קאָוונע?... טאָ פון וועלכער מישפּחה שטאַמט איר דאָרטן? איך געדענק נאָך גוט מענטשן וואָס האָבן דאָרט געלעבט.

אַ שווײַגער איז ניר פון דער יוגנט, און שטאַרק אײַנגעשלאָסן. די מאַמיטע פלעגט אים אַלץ האַקן אין קאָפּ, אַז אַ קינד טאָר נישט ריידן קיין סך, און פאַר זײַטיקע מענטשן אין גאַנצן נישט עפענען דאָס מויל. אַ ציטערניש האָט איר אַ פּנים נישט אָפּגעלאָזן, אַז אין זונעלע קאָן נאָך אַרויסקוועלן זײַן געבווירהיים, און פאַר פרעמדע גאָר אויך אַ פּלאַפּל טאָן אַ ייִדיש וואָרט!... דער אַלטער מוסרניק וואָס זיצט דאָ אין סנהדריה נירן אַקעגן — ער מאַכט אים ריידן. זײַן קוק אַזוי מילד און וואַרעם, שפּיגלט מיט גײַסט; יעדעס וואָרט רעדט צום האַרצן און צו דער נשמה, טריפט אַרײַן אַ טיפן צוטרוי... זאָגן פלעגט די מאַמיטע, אַז פאַר אַ הייליקן מוז מען זיך מתוודה זײַן; נישט באַהאַלטן קיין סודות, דאָס האַרץ עפענען!... וועגן זײַן געבורטשטאָט און הויז ווייס אָבער ניר כמעט גאָרנישט צו דערציילן.

— רבי, אין קאָוונע בין איך טאַקע געבאָרן, און אויך ווי איר פאַרלאָזן ליטע. אָבער מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, און בײַ אַ מצב אַ גאָר אַנדערן. אָט איר געדענקט דאָס ייִדישע לעבן דאָרט!... וועגן דער ייִדישקייט פון מײַנע עלטערן, גייען מיר נאָך צוויי ווערטער, און מאָדנע ווערטער... יאָרן פון מײַן קינדהייט זענען אַדורך בײַ נישט־ייִדן. געראַטעוועט האָבן זיי מיך פון די דײַטשן, און געהאָדעוועט. אַז די סכנה איז אַריבער, האָט זיך באַוויזן אַ מאַמע, און מיך צוגענומען. שוין נישט געווען דער טאַטע און נאָך און נאָך פון דער מישפּחה. אָבער אויך די מאַמע האָט לאַנג נישט געלעבט. שטאַרק קראַנק געווען, זעלטן פלעג איך זי זען, און אין קורצן איז זי געשטאָרבן... בײַ דער קבורה האָבן מענטשן גערעדט מיט אַ געוויין. די ווערטער אַליין זענען מיר אָבער געווען ווייניק פאַרשטענדלעך, אַחוץ דער פרעמדקייט נאָך פון דעם ייִדיש. נאָר פּלוצלונג האָט איינער אין זײַן מספּיד זײַן אַ זאָג געטאָן אין אַ הײַטערן טאָן "פאַ האַוודאָלאָס", וואָס האָט אויך אַרויסגערופן אַ היימלעכקייט צווישן די מענטשן. די צוויי ווערטער זענען שוין מיר געווען אין

גאַנצן אומפאַרשטענדלעך. אָבער זייער קלאַנג האָט שטאַרק פאַרכאַפּט מײַן ליט־ווישן אויער.

אין זײַן פאַרנעפּלט וועלטל האָט פון יענעם טאָג אָן דער קליינער מיכאל גענומען טראָגן אין זיך אויך די צוויי אומבאַנעמלעכע ווערטער. ווי אַן עלנט קינד פון דער שארית־הפליטה, איז ער נאָך דער מאַמעס טויט אַרײַן אין רשות פון קאָמיטעטן און פּאַרטייען, געגאַנגען פון האַנט צו האַנט און פון סביבה צו סביבה, און אין קיין קערפּערשאַפט זיך נישט פאַרוואָרצלט.

זיצט ער איצט פאַר דעם אַלטן רב אברהם יודל און דערציילט פון אַן אָוונט מיט אַ יאָר דרײַ צוריק אין אַ סאַנאַטאָריע. צווישן די געסט האָט איינער גענומען פאַרטרײַבן דעם לאַנגווײַל מיט זיכרונות פון זײַן אַדוואָקאַטישער פּראַקטיק אין קאָוונע. האָט ער זיך צערעדט וועגן אַ חברה „מזהירי שבת". ייִדן שטרענג פרומע האָבן זיך עס צוזאַמענגענומען אויף נישט צו דערלאָזן קיין חילול־שבת. די גרויסע טעטיקייט פון דער חברה פלעגט זיך בעיקר אָנהייבן אין די פרײַטיק־פאַרנאַכטן. דער שטאַב פון דער חברה איז געווען אין אַ שטוב פון אַ באַרימטן למדן, און ער, דער אַדוואָקאַט, איז דאָרט נישט איין מאָל בײַגעווען און געזען ווי די מענטשן פּלאַנירן און אָרגאַניזירן. דער בעל־הבית אַליין צוזאַמען מיט זײַנע דרײַ זין, וואָס זענען געווען אַקאַדעמיקער, און אַן איידעם, אַ יונגער רב — די אַלע פלעגן באַשטימען דעם ראַיאָן און גאַס פאַר יעדן איינעם פון די צוזאַמענגעקומענע מזהירי־שבת. אין די שקיעה־שעהן איז זייער שליחות געווען אין אונטעראײַלן די קרעמער צו פאַרמאַכן די געשעפטן איידער דער שבת קומט אָן. זענען אָבער נישט אַלע קרעמער געווען פון איין שניט און פון זעלבן ייִדישן פּיר. אַנדערע פלעגן גאָר אָנפאַלן אויף די מזהירי־שבת און זיי אָנרופן „גאָטס קאָזאַקן". האָט זיך געפאָדערט ווי געהעריק צוריק־ענטפערן אָט די לײַט און נישט אָפּטרעטן ביז די קראָם ווערט פאַרמאַכט. אין די גרויסע גאַסן מיט אַ רײַכער לייזונג זענען געווען קרעמער, וואָס פלעגן אפילו אונטערשטעלן פּאָליציי. צו אַזעלכע מופקרים פלעגן עס אַרויסגיין די גאָר־אַקטיווע מזהירי־שבת, און צווישן זיי אויך דער טאַטע מיט זײַנע זין און איידעם. אין גרופּעס פלעגן זיך די ייִדן אַרײַנלאָזן אין די געשעפטן מיט אַ גוואַלד: שבת קודש!! אַרויסטרײַבן פלעגן זיי די קונדן, פאַרהאַקן די לאָדנס און די טירן, און נישט נתפּעל ווערן פאַר די געשרייען: אַ פּאָגראָם!...

אין די פרײַטיק־צו־נאַכטן, האָט דערציילט ווײַטער דער אַדוואָקאַט, איז מען אין די היימען פון די מזהירי־שבת געווען געוווינט צו וואַרטן לאַנג אויף די מענער. אויסגעקוקט האָט מען, זיי זאָלן שוין אַרײַנקומען מיטן גוט־שבת, מאַכן קידוש, און דאָס גאַנצע געזינד זעצט זיך צום שבתדיקן טיש... אַז עס ווערט אָבער גאַנץ שפּעטלעך, די שבת־ליכט האַלטן שוין בײַם אויסגיין, און ניטאָ נאָך ווער פון די מענער, און אַ מאָל מערער ווי איינער — לאָזט מען זיך אין שטאַב פון די מזהירי־שבת. זיצט שוין דאָרט גרייט בײַם שבת־טיש אַ יונגע רביצין, די טאָכטער פון דעם בעל־הבית, וואָס איר מאַן, דער יונגער רב, איז דאָס רוב נאָך אויך נישט צוריק געקומען. אין אַ העפט קוקט אַרײַן די פרוי און לייענט אַרויס די נעמען פון

די ייִדן וואָס זענען נאָך נישטאָ, און די ראַיאָנען און פּונקטן צו וועלכע זיי זענען אַרויס אין דער שליחות, געגנוי ווי זי האָט פאַרנאָכט פאַרשריבן. קאָן מען עס בײַ איר וויסן אין וועלכע פּאָליציי־צירקלען געפינען זיך איצט די מענטשן. ווערן אַ הין צעטראָגן ווײַן און חלות מיט נאָך שבתדיקע מאכלים; קאָנען די אַרעסטירטע פּראַוון די שבת־סעודה.

און דער אַדוואָקאַט האָט דערציילט ווי נאָך אין זעלבן אָוונט איז ער שוין געווען אין דער אַרבעט. אַרומלויפן פּלעגט ער איבער די פּאָליציי־צירקלען און געזוכט צו טרעפן זיך מיט די העכערע באַאַמטע, וואָס זענען געווען מיט אים גוט אויפגעטראָגן. אויף זײַן אחריות פּלעגט מען אָפּלאָזן די אַרעסטירטע, אָבער מיטן אָנזאָג צו מעלדן זיך פּאָ האָוודאָלאָס, אין ליטוויש, נאָך דער הבדלה וואָס ייִדן מאַכן בעת זייער שבת ענדיקט זיך. דעמאָלט וועט מען שוין מעגן אונטערשרײַבן אַ פּראָטאָקאָל... און טאַקע שבת־צו־נאַכט פּלעגט זיך עס בײַ דעם אַדוואָקאַט, ווי ער האָט דערציילט, אָנהייבן די סאַמע אַרבעט מיט זײַנע "פּאָ־האָוודאָלעניקעס", ווי די אַ קלײַענטן האָבן בײַ אים געהייסן. ער און זײַנע געהילפן פּלעגן זיך לאָזן איבער די צירקלען צום בײַזײַן און נאָכקוקן ווי די פּראָטאָקאָלן ווערן צוזאַמענ־געשטעלט, אָדער אין גאַנצן דעם עסק פאַררײַבן...

— פּאָ האָוודאָלאָס, פּאָ האָוודאָלאָס... — לאָזט אויס מיכאל ניר זײַן איבער־דערצייל פאַר דעם אַלטן מוסרניק — מיט די צוויי מאָדנע קלינגעוודיקע ווערטער האָט עס דער אַדוואָקאַט געמאַכט אַמוזאַנט די געסט אין סאַנאַטאָריע. און פאַר מיר האָט זיך יענעם אָוונט ווי פון געדיכטע וואָלקנס אַדורכגעריסן אַ בליץ מיט בלענדנדיקע שטראַלן איבער אַ טאַטע־מאַמען און אַ ייִדן מיט פּעטערס. איך ווייס נאָך אָבער גאָר ווייניק וועגן זיי. און איבער יענער אויסטערלישער סביבה קאָן ניט דערגיין מײַן גאַנצע פאַנטאַזיע.

די אויגן צום באָדן האַלב פאַרמאַכט הייבן זיך נירס אַרונטערגעלאָזענע אויגן. קוים כאַפּט זיך דער מטושטשדיקער בליק, אַז די קליינע בודקע איז נישט די גראָטע בײַ דעם מאַנאַסטיר אין ליטע, און אַז די האַנט דריקט אַזוי וואַרעם און האַרציק — דער אַלטער מוסרניק דאָ אין ירושלים. סאַראַ טרערן קײַקלען זיך אויף זײַנע אײַנגעפאַלענע באַקן, און ווי אַרײַנגעטראַכט איז ער!

געעפנט האָט מיכאל ניר זײַן האַרץ, אָבער נישט אין גאַנצן. פאַרשוויגן האָט ער אַ פאַרקומעניש מיט אים אַליין אין יענעם טאָג אויפן בית־עלמין. דער ייִד וואָס האָט אין זײַן הספד דערמאָנט פּאָ האָוודאָלאָס, האָט אים אַ נעם געטאָן בײַם הענטל, דעם קליינעם מיכאל, און צוגעפירט צו אַ שוואַרצן טראָגבערעט, לעבן אַ טיפער גרוב, האָט אויפגעדעקט אַ וואַקסן פּנים, און געהייסן קוקן.

— אַ סקאַנדאַל! — האָבן זיך מענטשן צעשריִען — דאָס קינד וועט אַרײַנגיין אין אַ שרעקעניש; אַזאַ אכזריות!...

— די אויגן וואָס ברייטער, ייִנגעלע! — האָט אָבער דער ייִד באַפוילן — איינער אַליין פון אַ משפחה בלײַבסטו אויף דער וועלט; זאָלסטו געדענקען אַז דו ביסט נישט געבאָרן פון אַ שטיין; קוק! דײַן מאַמע...

אין אַ ווײַלע אַרום האָט אים דער ייִד ווידער גענומען פאַרן הענטל, און אַ בייג געטאָן דאָס קעפּל טיף־טיף צו דער גרוב און גענומען מיט אים זאָגן:

— יתגדל ויתקדש...

האָט ער אָבער אינדערמיט זיך געגעבן אַ ריס און גענומען לויפן מיט אַ יאָמער:

— מען פאַרשיט די מאַמיטע!!...

אָבער אויך נאָך דעם אַדוואָקאַטס מעשה אין סאַנאַטאָריע, אַז ער ,ניר, פּרוּווט זיך מאָלן אין דימיון ווי די מאַמע זײַנע זיצט בײַ די שבת־ליכט און קוקט אַרײַן אין דעם העפט פון דער פרומער חבו״ה — שפּרינגט אַרויס די מאַמיטע. אויף די קני פּאַר אַ הייליק בילד, מיט ברענענדיקע ליכט; די שנור־פּאַטשערקעס אין די הענט, און שעפּטשעט גאַטספּאַרכטיק אַ תפילה.

פּעדעמלעך צום שורש

איבער דער פּלייצע פון מיכאל ניר לייגט אַרויף זײַן בייַנערדיקן און ציטערדיקן אָרעם רב אברהם יודל און רעדט ווי אַ מדריך אין אַ מוסר־שמועס.

— האָט אַ מענטש אַן אָפן אויג, קען ער אַ סך אַרויסלערנען פון יעדער דערשײַנונג. טריט אָט פון אונדז גראָבט אַ מאַשין און שטרענגט זיך מיט שטאָלענע ציין אַרויסצורײַסן אַ פעלדז, וואָס לאָזט זיך נישט רירן. טאָ לאָמיר זיך נאָר צוקוקן און אַרײַנטראַכטן אין דעם פאַרמעסט וואָס דאָ גייט אָן. דער שטיין ראַנגלט זיך, אײַנגעשפּאַרט צו בלײַבן אין זײַן אָרט. בייזערט זיך אָבער די מאַשין מיט דעם געזשום און געבריל. גולם דו, גרילצט זי, גיי אַרויס פון דײַן פינצטערער היים; אַ הערלעכע צוקונפט דערוואַרט דאָך דיר. אײַנגעבויט קאָנסטו ווערן אין די שענסטע פּאַלאַצן און אפילו אין היכלי־מלכים; די פּרעכטיקסטע אַלעען וועט מען מיט דיר פלאַסטערן, אויסהאַקן וועט מען פון דיר ווונדערלעכע בילדער און וועסט באַשײַנען די באַרימטסטע פלעצער!... אַ דומם דער פעלדז, טויטע נאַטור רופט מען, אָבער מיט אַזאַ צובונד צום שטאָם, אײַנגעשפּאַרט צו בלײַבן באַהעפט מיט זײַן סביבה דורות אויף דורות!... אַפּשיטאַ און אַפּשיטאַ שוין דער מענטש, דער מדבר, און מיט אַ נשמה! בײַם מקור מוז מען זיך האַלטן, נישט דערווײַטערן זיך פון דרך־אָבות!... און בפרט אַ שריד פון אַזאַ פרומער מישפּחה, און נאָך אַן אוד מוצד מאש, פון דעם אכזריותדיקן פײַער אַרויסגעראַטעוועט!...

ניר פילט ווי דער ייִד איז דורך דער מעשה מיט פאַ האָוודאַלאָס שוין אַרײַנגעדרונגען אין דער שטוב פון זײַן זיידן מיט זײַן טאַטע־מאַמען. און ער אַליין וואָס איז געבוירן אָט אין יענער היים, קען זיך אַלץ ניט מאַכן דעם מינדסטן פאַרשטעל פון דער סביבה דאָרט... וואַרט ער אויף נאָך ווערטער פון דעם אַלטן.

— אַ קופּאַל. געזוכט צו דערגיין פּרטים וועגן אַזאַ מין "דערהייב צום הימל"...

פון די נאָך רייד אײַערע, און אויך פון די שוויַגענישן, און אויסדרוקן פון פּנים, לאָזן זיך מערקן גאָר באַזונדערע השפּעות אין אײַער לעבן... אַ השפּעה אַ גאָר

טיפע אויף דעם מענטשן, האָט די גירסא דינקותא, די איינלערנונג אין זיינע ערשטע יאָרן. און ווייל איינער פטור ווערן פון די תכונות וואָס האָבן זיך אין אים איינגעוואָרצלט צוליב סיבות באַזונדערע און מאָוימדיקע, מוז ער זיך אַליין אָנהייבן דערציִען פון דאָס ניי, בעיקר זוכן אַ וועג צו דעם אמתן שורש זיינעם... טראַכט מען נאָר אַריין, געדענקט, דער שטיין אַז ער ווערט אַרויסגעריסן פון זיין שיכט און סביבה, קאָן ער טאַקע גישט צוריק דערגיין צו זיין שטאַם און ווידער זיך אַריינ־וואַקסן. דער מענטש, ער דאַרף זיך נאָר ריכטיק אָנכאַפּן אפילו אָן אַ פּעדעמל, דערקומט ער שוין צו זיין שורש!

און אפשר פילט ער אויך, דער אַלטער, אַז מיכאל גיר האָט דאָ געזוכט זיין אמתע מאַמע, און געפּרוווט זיך מאַכן אַ מער־קלאָרן פאָרשטעל פון זיין טאַטן און זיידן און מישפּחה, און אויך פון זיך אַליין אין זיין ערשטער קינדהייט.



טרעבלינקע (1945) — קינסטלער זינאָווי טאָלקאַטשאָוו

חיים פלאָטקין / ניו-יאָרק

זוניקע פערל

1

די לבנה אַ מידע
הינטער וואָלקנס געשווומען
שעהען נאָך האַלבער נאַכט:
פֿון די ווײַטסטע ספֿערן,
זוניקע פערל די שטערן
שפעט געקומען —
אַ שפּראָץ פֿון באַגינען געבראַכט.

2

אין פֿענצטער פֿון מײַן שרײַבצימער
דערוואַכן די שויבן,
העלער זיי נעמען ווערן:
מיט דער רעגן-נאַכטיקייט
געזעגענען זיך די שטערן.
פֿרימאָרגנדיק פֿלאַטערן איבערן דאַך
די פֿליגל פֿון מײַנע טויבן.

3

מיט מײַן שרײַבטיש גרייט זיך שיידן:
דעם זייגערס באַפֿעל הערן...
פֿון די באַשריבענע בויגנס
דאָס ליד וועגן מײַן טײַערער מאַמען —
יעדעס זעמדעלע פֿון איר געדעכעניש
לײַכטן זאָל ווי אַ הימל-שטערן.

1982

אויף וואַלקנס פֿאַרוויגן . . .

פֿון דיכטער געבענטשטע —
נײַגעבוירענע ווערטער,
ווי לאַנג וועל נאָך לעבן —
זיי פֿאַרבלײַבן מיט מיר.
פֿון מײַנע דורשטיקע אויגן
זוניקע שטערן —
בײַם רעגנבויגן
אָן טרערן —
אויף נאַקעטע בויגנס פּאַפּיר
מײַן וואָרט,
ביז צו פֿרישקייט
ווי זיי וויל איך פֿײַלן,
קלאָר זאָל עס לײַכטן
אויף מײַלן און מײַלן
פֿון פֿאַרשאָטנטע נעבטנס
דעם מאָרגן דערציילן —
פֿון פֿידל אַ ניגון
אויף וואָלקנס פֿאַרוויגן.

*

כ׳בין ווײַט פֿון שטאָט,
פֿון גרילצנדיקן טומל
ווו כ׳בין געשפּאַנט,
ווי אין אַ פֿערד-גאַלאָפּ
כ׳האָב געלאָזט
דעם ברוגזן הימל
דאָרט איבער די טורעמס, —
וואָס דערמאָנען אין בערג
מיט געזונקענע קעפּ.

יולי 25, 1986



איוב (גיפּס) — מיכאל מילבערגער

זאַמי פעדער

חברה, איך בין אַן "עמך"! גיט מיר אויך אַ פּאָר קאַרטאָפל...

געווען איז דאָס סוף 1943, אין יודען־צוואַנגס־אַרבעטס־לאַגער, אין דער דײַטש־נידערשלעזישער שטאָט בונצלאַו. דער הונגער איז געווען גרויס. אַ סך זענען פון הונגער געשוואָלן געוואָרן, ווי אויפגעבלאָזן, אַז מען האָט זייערע אויגן נישט אַרויסגעזען. אַזאַ איינעם האָט מען גערופן "מוזעלמאַן", פאַר וואָס מוזעלמאַן ?... האָב איך נישט געוווסט. מן הסתם ווײַל ער איז געוואָרן ענלעך צו די הייליקע אַסקעטן בײַ די מוסעלמענער, דאָס הייסט: בײַ אונדז אין לאַגער איז ער געוואָרן אַ "הייליקער" — גרייט צו גיין אויף דער "עקידה". דער "מוזעלמאַן", צוליב זיין אָפּגעשוואַכטקייט, האָט נישט געקענט אויספירן די אים צוגעטיילטע אַרבעט, איז ער בעת דער דאָזיקער אַרבעט אַ געיאָגטער פון קאַפּאָ, פון מײַסטער, אָדער "עס־אַ"־היטער און צום טויט געהעצט געוואָרן, און דאַן שפּעטער, אין דער קראַנקן־שטוב אויסגעגאַנגען, אויב מיר האָבן אים נישט פריִער געבראַכט שוין אַ טויטן פון דעם אַרבעטס־אָרט.

אָנהייב 1944 האָט די "עס־עס" איבערגענומען דעם לאַגער, און פון דאָזיקן "יודען־לאַגער" איז געוואָרן אַ "קאַצעט" — קאָנצענטראַציע־לאַגער. דעמאָלט זענען צו אונדז אויך געקומען פאַרשידענע נישט־יִדישע "העפטלינגע" (אסירים): פּאָליאַקן, טשעכן, דײַטשן און אַנדערע.

פריער, אין יודען־לאַגער האָבן מיר געהאַט אונדזערע אייגענע בגדים. אויף דער פּלייצע פון דער מאַרינאַרקע איז געווען צוגעניִיט מיט ווײַסן שטאָף אַן אויס־געשניטענער מגן־דוד. און יעדן האָט מען גערופן בײַ זײַן נאָמען. און ווען ס'איז געוואָרן אַ קאַצעט, האָט מען בײַ אונדז אַוועקגענומען די פּריוואַטע קליידער און אונדז געגעבן, ווי די דײַטשן האָבן עס גערופן, "פּאַשאַקעס", אָדער "זעבראַ־קליידער" — גרין, אָדער בלוי־העלגרוי־געשטרײַפטע קליידער אָן טאַשן, מיט אַ נומער אויף דער רעכטער זײַט ברוסט פון דער מאַרינאַרקע. דאָרט איז געווען אַרויפגעניִיט אַ ווײַס שטיקל שטאָף פון אַכט צענטימעטער די ברייט און דריי צענטימעטער די הויך, אויף דעם ווײַס שטיקל שטאָף איז אויסגעמאָלט געווען אַ געלער דרײַעק (די דײַטשן האָבן עס גערופן — "ווינקל", מיט אַ נומער. דער געלער דרײַעק איז געווען דער צייכן — ייִד. דאַקעגן פאַר די אַנדערע פעלקער־גרופּן זענען געווען אַנדערע פאַרבן. למשל: אַ פּאָליטישער האָט געהאַט אַ רויטן ווינקל, אַ פאַרברעכער — אַ גרינעם, אַן "אַסאָציאַל" — שוואַרץ, אַ ביבל־פאָרשער — פיִאָלעט, אַ האָמאָסעקסועלער — ראָז אאַז"וו. אַ פּאָליאַק, אַ פּאָליטישער האָט געהאַט אַ רויטן ווינקל און אויפן

ווינקל איז געווען אויפגעמאָלט א P, א פראַנצויז — אַ F אאַז״ו. מען האָט דעם העפטלינג מער נישט גערופן ביים נאָמען, נאָר ביי זיין נומער.

איך האָב באַקומען דעם נומער 35083 מיט אַ געלן ווינקל. עס זענען פאַרביי עטלעכע טעג, ווי אונדזער יודען־לאַגער איז געוואָרן אַ קאַצעט, העט איך דורכן הילכער אויסרופן מיין נומער:

״העפטלינג נומער 35083 — תיכף זיך מעלדן ביים טויער!״

ווען איך האָב דערהערט מיין נומער, האָט עס מיר אַ זעץ געטאָן אין האַרצן. די קישקעס אין בויך האָבן זיך מיר אוודאי איבערגעדרייט, ווייל איך האָב געוווסט, אַז ווי איז צו דעם, וואָס ווערט גערופן צום טויער. ס׳ענדיקט זיך מיט דעם, וואָס — אָדער מען ברענגט דעם אַרויסגעפּאָדערטן צוריק אַ צעהרגטן, אָדער ער קומט בכלל נישט מער צוריק. און אויב ס׳קומט איינער צוריק, מעג ער גומל בענטשן.

איך האָב זיך געזעגנט מיט מיינע באַראַק־חברים, וועלכע האָבן דאַן טרויעריקע דורכן פענצטער נאָכגעקוקט מיין גיין צום טויער. און יעדער האָט זיכער פאַר זיך געטראַכט: ווער ווייסט, צי מען וועט נישט אַמאָל אויך אים רופן צום זעלבן טויער...

אָנקומענדיק צום טויער, האָט שוין דאָרט אויף מיר געוואַרט אַן עס־עס־מאַן. קודם האָט ער מיך מכבד געווען מיט זיין גומענעם שטעקן — אַ זבענק איבער מיין פלייצע מיט אַן אויסגעשריי:

״לאָס פערדאַמט נאָך איין מאָל! קאַנסט דו נישט איין ביסיען שנעלער לאָופען?.. דו פאָולער הונד!״ און ער האָט מיך אַריינגעפירט אין דער ביוראָ פון לאַגער־קאָמענדאַנט. דאָרט איז שוין געזעסן אַ העפטלינג מיט אַ געלן ווינקל. איך שטעל זיך שטראַם פאַרן לאַגער־קאָמענדאַנט און זאָג:

״גוטען מאָרגען, הער ריטמייסטער״. — ״ריטמייסטער״, איז געווען דער מיליטערישער טיטל פון לאַגער־קאָמענדאַנט.

דער לאַגער־קאָמענדאַנט זאָגט צו מיר, אַז דער דאָרט זיצנדיקער העפטלינג האָט אים געזאָגט, אַז איך קען דייטש, רעדן און שרייבן. איך בין געבליבן צעטומלט. אין דער סעקונדע, האָב איך געטראַכט: וואָס וויל ער פון מיר?... זאָל איך אים זאָגן, אַז עס איז נישט אמת?... אָבער איך ווייס, אַז כ׳טאָר קיין ליגן נישט זאָגן, טאָמער כאַפּט ער מיך, אַז איך האָב ליגן געזאָגט, מעג איך ווידוי זאָגן. און איך שריי אויס:

״יאַוואָל! הער ריטמייסטער״.

דער לאַגער־קאָמענדאַנט זאָגט צום עס־עס־מאַן:

״האַנס, ברינגען זי די מונדירע!״

האַנס האָט זיך אויפגעשטעלט, צוזאַמענגעקלאַפּט זיינעביידע באַשטיוולטע פיס און אַ געשריי געגעבן:

״יאַוואָל!... צום באַפעל הער ריטמייסטער!״ — און איז אַרויס.

נאָך אַ קורצער צייט איז ער צוריקגעקומען און מיטגעבראַכט צוויי מילי־

טערישע מונדירן, פון דער מיליטערישער בוי־אָרגאַניזאַציע "טאָדט". די אָרגאַני־זאַציע "טאָדט" איז געשאַפן געוואָרן אין דײַטשלאַנד פאַר שאָסיי־און בריקן בויאונגען, דורכן גענעראַל־אינספּעקטאָר פריץ טאָדט. אין יאָר 1938, האָט דער זעלבער געגרינדעט די מיליטערישע אָרגאַניזאַציע "טאָדט" פאַרן בוי פון אָקאָפּעס צו דער קומענדיקער מלחמה.

דער קאָמענדאַנט הייסט אונדז אַרײַנגיין אין צווייטן צימער, דאָרט אויסטאָן די געשטרײַפטע קאַצעט־קליידער און אָרויפציִען די מונדירן.

מיר זענען אַרײַן מיט מײַן חבר אין צווייטן צימער און זיך איבערגעטאָן. די קאַצעט־קליידער האָבן מיר לויטן מוסטער אין לאַגער, שיין צוזאַמענגעלייגט אויף אַ פּירקאַנטיק קעסטעלע און געלאָזט ליגן אויף דער באַנק. אַזוי ווי איך האָב דעמאָלט געוווּיגן 32 קילאָ איז דער מונדיר געווען אויף מיר אַ ביסל לויז. דאַקעגן פאַר מײַן חבר איז ער געווען צו קורץ.

אָט אַזוי, שוין מונדירטע זענען מיר ביידע געשטאַנען און געוואַרט, מען זאָל אונדז רופן. דערווײַל האָט דער הונגער געפּײַניקט, און צו דעם האָבן מיר אַרײַנגעקלערט: צו וואָס האָט מען אונדז געהייסן אָנטאָן מיליטערישע בגדים?..

"אוי, איז אַ בראָך!... — זאָגט מײַן חבר צו מיר — זיי וועלן אונדז שיקן קיין רוסלאַנד אויפן פראָנט, ס'פעלן זיי אוודאי אויס סאָלדאַטן, זוכן זיי אַזעלכע, וואָס קענען דײַטש".

"אוי יונה, ביסט טאַקע אַ יונה!... — ענטפער איך מײַן חבר — זיי האָבן שוין נישט וועמען צו שיקן אויפן פראָנט, נאָר אונדז צוויי, האַלבע מוזולמענער — "יונה פאַשעד נאַ ווינע..." — (אַ פּוילישער חוזק־וויץ אויף אַ יידישן זעלנער). נאָר אין דער שטיל קלער איך: און אפשר איז טאַקע מײַן חבר גערעכט. זיי ווילן אונדז שיקן אויפן פראָנט קיין רוסלאַנד אין דער "אָרגאַניזאַציע טאָדט", דאָרט בויען טראַנשייען... דערווײַל זיצן מיר און וואַרטן. דער מאָגן נאָגט, און בעט עסן. מיר וואַרטן און שלינגען די סליונע אים צו באַרויִקן, און טראַכטן וועגן דעם וואָס אונדז דערוואַרט איצט.

נאָך אַ שעה וואַרטן קומען אַריין צוויי עס־עס־מענער און הייסן אונדז מיטגיין מיט זיי. גייענדיק זאָגן זיי צו אונדז, אַז אויפן וועג איז פאַרבאָטן הויך צו רעדן און גערעדט ווערט נאָר דײַטש. מיר זענען אַרויס פון ביוראָ, אין דרויסן איז געשטאַנען אַ מיליטערישער לאַסט־אויטאָ. מײַן חבר האָבן זיי באַפוילן אַרויפגיין אויפן לאַסט־אויטאָ, און מיר האָבן זיי געהייסן אַרײַנגיין אין דער קאַבינע פון אויטאָ־שאָפער, און מיר זענען אוועקגעפאָרן.

נאָך אַ שעה פאָרן זענען מיר אָנגעקומען אויף אַ פּלאַץ, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. דער לאַסט־אויטאָ איז שטיין געבליבן און מיר זענען אַרויס. דער ערשטער עס־עס־מאַן זאָגט צו מײַן חבר, וועלכער זיצט אויפן לאַסט־אויטאָ:

"דו בלײַבסט דאָ אויף דער מאַשין זיצן, און גיסט אַכטונג, סע זאָל גאָר נישט געגנבעט ווערן, פאַרשטאַנען?!"

„יאוואָל!‟ — האָט מײַן חבר געענטפערט, און דאָרט געבליבן זיצן.

די צווײ עס־עס־לײַט האָבן געוווּנקען צו מיר, און מיר זענען צוזאַמען אַרײַן אין דער דאַרטיקער ביורא. אין דער ביורא האָבן זײ פאַרשידנס דערלײדיקט. דער נאָך האָבן זײ מיך צוגעפירט צו אַ גרויסן הילצערנעם באַראַק. פאַרן באַראַק זענען זײ שטײן געבליבן און צו מיר געזאָגט:

„מיר באַקומען דאָ הונדערט זעקלעך פאַר קאַרטאָפל. ווען די זעקלעך וועלן זײַן אָנגעפילט, זאָלסטו זײ איבערצײלן, און אונדז צו וויסן געבן. מיר גײען דאָרט אַרײַן אין דער בירשטובע עפּעס עסן און טרינקען, פאַרשטאַנדן?!‟

„יאוואָל!‟ — האָב איך געענטפערט.

זײ האָבן מיך אַרײַנגעפירט אין באַראַק, וואָס איז געווען אַ ריזן האַלע מיט בערג קאַרטאָפל. בײַ די קאַרטאָפל זענען געשטאַנען אַ צוואַנציק העפטלינגע, וועלכע האָבן אָנגעפילט די זעק מיט קאַרטאָפל, זײ געוווּיגן, און דאַן געלײגט אײן זאַק אויפן צווײטן. די עס־עס־לײַט האָבן געפרעגט דעם דאָרט שטײענדיקן עס־עס־מאַן: וויפל זעק סע זענען נאָך געבליבן אָנצופילן? דער עס־עס־מאַן האָט געענטפערט: נאָך איבער פופציק זעק, דאָס וועט נאָך דויערן, מינדעסטנס אַ שעה. די עס־עס־לײַט האָבן מיך פאַראַנטוואָרטלעך געמאַכט, אַז אַלץ זאָל זײַן אין בעסטער אָרדענונג, אַז נישט וועלן זײ מיט מיר מאַכן „אָן אָרדענונג‟, און זענען זאַלבעדריט אַוועק טרינקען ביר.

אוי, רבונו של עולם!... האָט עס אין מיר אינווײניק אויסגעשריגן — אויף דעם האָב איך זיך נישט געריכט... הונדערט זעק מיט קאַרטאָפל?... און מיך פּײַניקט אַזוי דער הונגער... טײַערער פאָטער אין הימל, ווו נעמט מען כאָטש אײן־און־אײנציקע געבראָטענע קאַרטאָפל?...

איך שטײ בײַ דער טיר. פון דער ווײַטנס קען איך נישט דערקענען, צי דאָס זענען ייִדן אָדער אַנדערע קאַצעטלער. אַזוי גײ איך אַ הין און צוריק און טראַכט: ווי אַזוי קען מען זיך אָרגאַניזירן, כאָטש אײן קאַרטאָפל, איך וואָלט זי רויערהייט אײַנגעשלונגען. אַזוי גײענדיק אַ הין־און־צוריק בײַ דער טיר, איז מיר אײַנגעפאַלן אַ געדאַנק: פאַר וואָס זײ האָבן אונדז געהײסן אָנטאָן די מיליטערישע מלבושים, דאָס איז דער פאַר, קלער איך, אַז ווען מיר וועלן אַדורכפאַרן די שטאָט, זאָל מען אויף אונדז נישט אויפמערקזאַם ווערן. דאַן איז עס אויך אַ בעסערע שוץ פאַר די קאַרטאָפל, מען זאָל זײ נישט צוגנבענען. פאַר אַ מונדיר האָט מען מער מורא, ווי פאַר קאַצעט־מלבושים.

איך גײ אַ הין און צוריק, און קוק זיך דערווײַל אײַן, כדי זיך צו דערוויסן: צי סע זענען דאָ ייִדן. און אָט דערגײט צו מיר אַ קלײנע קריגערײַ פון די קאַצעטלער, וואָס שיטן אין די זעק די קאַרטאָפל, און דאָס אויף ייִדיש.

דאָס איז דאָך „עמך‟?... טראַכט איך. אפשר זאָל איך צו זײ אַהין גײן און בעטן אַ פּאָר קאַרטאָפל... האָב איך אָבער מורא פון מײַן פּלאַץ אַוועק צו גײן, ביז די קאַרטאָפל־זעק וועלן אַלע זײַן אָנגעפילט. און די טיר פון דער קאַרטאָפל־שטוב וועט זײַן פאַרמאַכט, און איך וועל דעמאָלט קענען איבערצײלן די זעקלעך

מיט קאַרטאָפּל. אויך טאָר קיינער נישט וויסן, אַז איך בין אַ העפטלינג, ווי וואָלט געוועזן צו מיר, איך וואָלט דעמאָלט גאָר נישט מער באַדאַרפן, אַפילו נישט אַ שטיקל שאָלעכץ פון קאַרטאָפל.

איך גיי אַרויס, זען צי די עס־עס־לײַט גייען נישט... דערווײַל זעט מען קיינעם נישט. איך גיי צוריק אַרײַן אין דער האַלע און דרעפּטשע ווײַטער אַ הין און צוריק, אין דער באַגלייטונג פון דער קנורנדיקער מוזיק פון ליידיקן מאָגן. איך קוק ווידער אַ הין צו דער חברה, וואָס שיטן די קאַרטאָפל אין די זעק, מיטן געדאַנק: אפשר געבן אַ לויף אַ הין, נעמען אַ פּאָר קאַרטאָפל, און צוריק אַוועק, אַזוי ווי, קיין מאָל גאָר נישט, און שוין. דערהער איך ווידער אַ שטיל געשרײַ, מיט אַ געשטיקטער באַסאָווע שטימע:

— בערל, אַ רוח אין דײַן טאַטנס זון אַרײַן — נעם צוריק אַרויס די בולבעס פון די הויזן!... דו זעסט נישט, אַז דער שומר, וואָס שטייט דאָרט בײַ דער טיר, אַז אײַנגעזונקען זאָל ער ווערן, קוקט אַלע פּאָר מינוט צו אונדז אַ הער?...

דער חבר, וואָס האָט גענומען די קאַרטאָפל, גיט אַ קוק צו מיר און זאָגט: ״זאָלן אים די אויגן פון קאָפּ אַרויס, וועט ער נישט זען״.

איך מאַך מיך, אַז איך הער נישט און פאַרשטיי נישט, אָבער געטראַכט האָב איך: ווען איך באַקום כאָטש איין קאַרטאָפל, גראַד איצט האָט דער הונגער נאָך מער געפּײַניקט, וואָלט איך דאַך געווען דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט. פּאַר צרות און הונגער, דרעפּטשע איך אַ הין און צוריק, ווילד־קוקנדיק צו די קאַרטאָפל. איך גיי צו נאָך אַ מאָל צו דער טיר און קוק אַרויס, צי די עס־עס גייט נישט? און אָט, דער נאָך וועל איך אפשר פּאַרט נעמען אַ פּאָר קאַרטאָפל... דערווײַל כאַפּ איך אַרײַן קללות, וואָס אין דער תוכחה זענען זיי נישט פאַראַנען: ״אַ פײַער זוכט אים!... אַ שוואַרץ יאָר אויף אים!... בלינד זאָל ער ווערן, וועט ער נישט זען, ווי מיר באַהאַלטן די בולבעס. קרענקען זאָל ער, און גאָט אין הימל זאָל אים נישט העלפן. געהרגעט זאָל ער ווערן. אַ כאָליערע אים אין זײַנע ביינער, אַז קראַפּירן זאָל ער. כאַ־כאַ־כאַ!... זאָל ער האָבן אַזוי פיל מכות, וויפל בולבעס איך האָב שוין באַהאַלטן״. — און איך דרעפּטשע ווײַטער הין־און־צוריק, און קען נישט מער אויסהאַלטן. עס ווילט זיך מיר וויינען, שרײַען, און איך שרײַ, נישט ווילנדיק, ווײַל איך ווייס, אַז איך טאָר נישט שרײַען, נאָר ס׳שרײַט זיך מיר אַרויס און דאָס אויף דײַטש:

״פערפלוכט נאָך איין מאָל!... וואָלט איר ענדליך אויערע שנאָוצען (פּיסקעס) האַלטן אונד רוהיג זײַן?!... — און מיט טרערן אין די אויגן, האָב איך שוין שטיל געזאָגט — חברה, דערבאַרעמט אײַך, איך בין אַן ׳עמך׳, גיט מיר אויך אַ פּאָר קאַרטאָפל״.

שלום שטערן / קאַנאַדע

טרער פֿון פֿרייד.

ווינטער. דער הימלראָז —
אין פֿראָסט פֿאַרשמידט.
די זון שלײַכט און בלענדט,
אויפֿן גלאָז פֿון אײַז,
פֿון פֿאַרפֿרוירענעם טײַך.

צו דיר, ליכטיק מיידל מײַן,
איך זאָג:
מיטן גלי פֿון גלוסט,
פֿון אונדזער ליבשאַפֿט,
מיר קאָנען גרייכן,
די העלע, פֿאַרהוילענע הייכן.

אין אויג, די טרער פֿון פֿרייד,
גייט-אויף.
און צו אונדזער שטיבל,
אויפֿן שטראַלן-שפּיגל
פֿון שניי,
מיר שפּרײַזן אַרויף
צו דער זון, וואָס
בלענדט אויפֿן צעזילבערטן היגל.

גיי אַרויס

אין דער שטיל פֿון דער נאַכט,
די שײַן פֿון די שטערן,
אין אַ פֿאַרהאַנג פֿון שוואַרצן שאָטן פֿאַרמאַכט.
די פֿינצטער קילט די שויב,
און מײַן ברודער באַצערט און פֿרום
תהילימט אַרײַן זײַן לויב,
אין תהום פֿון דער פֿינצטערדיקער שטום.

אין איין-אַליין, אין עלנט פֿון דער נאַכטיקער שפּעט,
טרערט זײַן שטיל געבעט:
גאָט, דערבאַרעם זיך אויף מײַן געוויין,
צי אַרויס דעם ווייטיק פֿון מײַן צעבראָכן געביין.

איך הער זיך אײַן,
און פֿאַרנעם דאָס געקלאָג
פֿון פּײַן.
און מיר דאַכט:
אַ בעטנדיק קול שעפּטשעט
צו מיר, אין דער פֿינצטערדיקער שפּעט
פֿון דער נאַכט:
אָנגענומען איז פֿון דערבאַרעמונג
דאָס געבעט:

פּאָעט, גיי אַרויס,
און פֿאַרלאָז דײַן הויז.
זוך דאָס בוך פֿון ליכט,
ווּעסטו געפֿינען צו דער פֿאַרהוילעניש
דעם וועג,
און אויפֿגיין וועט פֿאַר דיר,
דאָס העלע געזיכט
פֿון די ווײַטע, גנאָדיקע טעג.

אין דעם ספֿר פֿון ליכט
איז פֿון קדמונים אָן פֿאַרשריבן,
אַז די פֿינצטערניש תהומיק-געדיכט
וועט ווערן פֿאַרטריבן.
אותיות און ווערטער וועלן שײַנען,
קיינעמס האַרץ וועט פֿון טרויער
מער נישט וויינען.

גנאָדיקע רייד וועלן פֿאַרזייען
זאָמען פֿון האַרציקער טרייסט,
און די פֿרייד פֿון לעבן,
וועט דאָס גליק פֿון
שלוה און שלום וועבן.

מאיר יעלין

אַ באַגעגעניש אין יאָרן אַרום

(פראַגמענט פון אַ גרעסערער דערציילונג)

1

— אַ שיינעם גוטן־אָוונט. פאַרשטייסט, ס'בין איך. דער וואָס'ט פריִער אָנגערופן טעלעפאָניש. דער גאַסט פון אויסלאַנד... קוקסט מיך מאָדנע אָן. דערקענסט ניט.

— ???

— זיך געענדערט, וואָס? פאַרשטייסט, מײַן שוואַרצע פּריטשאַסקע ז'אָוועק מיט די פערציק יאָר. געבליבן בײַ אַ באַרוועסן קאָפּ... דײַן בלאָנדן קאָפּ האָר, ווי כ'זע, האָט די צײַט געשאָנעוועט. טאַקע אַ ביסל אויסגעבלייכט, אויסגעשיטערט, העכער אַרויפגעהויבן דעם שטערן. וואַרט, כ'וועל אַראָפּנעמען די טונקעלע ברילן. און מײַן גרוילעכע באָרד נעם דו אָוועק. אין דמיון. פאַרשטייסט?

— כ'פאַרשטיי — קאָפּל!

— אַוודאי!

— כ'לעבן, קאָפּל! דײַן לשון. איצט מעג מען זײַן אָפנהאַרציק: בײַ חברה האָסטו אַ צונאָמען געהאַט — "דער פאַרשטייסט". און האָב נישט קיין פאַראיבל.

— אוי, ווײ! הלוואי וואָלט געווען אויף וועמען פאַראיבל צו האָבן.

— טאַקע, קאָפּל! לאָמיר זיך אַרומנעמען, צעקושן! אַזאַ סורפּריז! אַזאַ גאַסט! אַן אומגעריכטער און אַנגעלייגטער.

— נאָר ניט איבערטרײַבן. פאַרשטייסט, ניטאָ קיינער, וועמען כ'זאָל זײַן אָנגעלייגט. אַנגעלייגט? פּוסטע דיבורים. שאַלעכץ אַן אַ יאָדער. האָסט מיך אָבער פאַרט דערקענט. פײַן, פײַן! שיין, ווען דערקענסט מיך ניט. די שווערסטע מינוטן איבערגעלעבט צוזאַמען, זאָל מען זיך ניט דערקענען...

— אַזאַ איבעראַשונג! ווי'סטו געפונען?

— פאַראַן, גאָט צו דאַנקען, אַ טעלעפאָן־בוך. טאַקע אַ צרה מיט אײַער העברעיִש, ווי איר שרײַבט די פאַמיליעס. אָבער גאָט איז אַ פאָטער. דורכגעקראָכן. געפונען, אָנגעקלונגען. און אַ טאַקסי דערפירט.

— וואָס שטייען מיר בײַם אַרײַנגאַנג? דײַן באַגאַזש בלײַבט דאָ, אין גאַרדעראָב, און לאָמיר...

— דאָס טשעמאָדאַנדל קען בלײַבן. די טעקע איז מיר בײַטיק מיט זיך.

— ביטע, ביטע, זאָל זײַן אַזוי. קום זשע ווײַטער.

— זאָג: "קומט ווײַטער". פֿאַרשטייסט, כ'בין ניט אַליין.

— ???

— מיט מיר איז ליִנע. שטענדיק, אייביק איז זי מיט מיר.

.2

— געמיטלעך בײַ דיר. געשמאַקע פֿאָטעלן, אַן אָריגינעל סאַלאָנטישל. אַ שיינעם קאַבינעט האָסטו. ווי איך זע — אַ שיינע דירה. קענטיק, שיינע דירות האָט איר דאָ, אין ישראל.

— און בײַ אײַך, פֿון וואַנען דו קומסט?

— פֿון קאַנאַדע. בײַ אונדז? ווי — ווו, ווי בײַ ווועמען.

— גלייב מיר, אויך דאָ איז ווי — ווו און ווי בײַ ווועמען. די זעלבע וועלט.

— אַזוי גאָר, די זעלבע וועלט. די זעלבע, די אַמאָליקע? אַ סקרוך בעמט מיך אַדורך. פֿאַרשטייסט, פֿון דער "זעלבער וועלט" בין איך געלאָפֿן, אַנטרונען. צוזאַ־מען מיט ליִנען. כ'פֿיל, איר קול רעדט אין מיר, רעדט פֿון מיר, רײַסט זיך צו אונדז:

"כ'פֿריי זיך מיט אײַער באַגעגעניש. מער אײַך ביידן. זײַט ווערט אײַער געפֿינס צי געווינס אין שפּיל אויף לעבן און טויט".

— זעסט, פֿאַרשטייסט, שטענדיק איז ליִנע אַן אויסנעם. אירע אײַנפֿאַלן! פֿאַרשטייסט — אונדזער געפֿינס צי געווינס אין אָט דער שפּיל!... קענסט אפשר מאַכן ווייניקער ליכט. פֿאַרלעש די אייבערשטע פּלאַפֿאָנען. לאָז ברענען דעם לאָמפּ אויפֿן שרײַבטיש. זײַן טונקעלער אַבאַזשור, מײַנע טונקעלע ברילן... פֿאַרשטייסט, אַלץ באַוואָרעניש. אין דער שניי־ווײַסער, אין דער פּראָסטיקער פֿאַרפֿאַלנקייט, פֿון וואַנען איך קום, און אויך אין דײַנע זוניקע קאַנטן — צו פֿיל שײַן פֿאַר אויגן וואָס זוכן אַן אויסבאַהאַלט. פֿאַרשטייסט, אַנטלויפֿנדיק פֿון דער פֿריִערדיקער, פֿאַרשאָלטענער וועלט, האָב איך זיך אַליין פֿאַרשיקט אַהין... אין אַ קאַלטער אויסרײַסעניש. און דער פֿאַרפֿרעמדקייט צווישן גויִים — קאַלטבלוטיקע עסקימאָסן, כמורע אינדיִאַנער, וואַגאַבונדן־אייראָפּייער, וואָס יאָגן זיך נאָך אַ פֿעטער מטבע... און אַזוי שוין... אַיאַ, באַלד פֿערציק יאָר?

— כ'מוז דיך איבערשלאָגן. רעדסט וועגן אַ פֿאַרפֿאַלנקייט צווישן גויים אין אַ שיינעם ייִדיש.

— פֿאַרשטייסט, ניט דערלאָזט מײַן נשמה זאָל פֿאַרפֿרוירן ווערן אין דעם עלנטן און פּראָסטיקן אינדערפֿרעמד. אויסגעשריבן אַ טעגלעכע ייִדישע צײַטונג פֿון ניו־יאָרק... אגב, געלייענט דאָרטן וועגן דיר. און אויסגעשריבן ייִדישע ביכער. פֿאַרשטייט זיך, אויך דײַנע.

— אַזוי גאָר! אַ שרײַבער טוט עס הנאה, אַז מ'לייענט אים.

— פֿאַרשטייסט, געלייענט דיך און טאָקע צוליבן לעצטן בוך דײַנעם... אויך ער האָט מיך אַ הייב געטאָן אין אַזאַ ווײַטן וואַיאַזש. און אויך ווײַל ליִנע... ניט איין מאָל איז זי אַרויס מיט טענות צו דיר. ווייל איך דיך פֿרעגן אויג אויף אויג: סטײַטש? מיט ליִנען האָבן מיר די גאַנצע צײַט געוואָרט, געווען זיכער, ווועסט

עפּעס אָפּדרוקן וועגן אונדזער בשותּפֿותדיקער איבערלעבונג. און וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט! אַנשטאָט דעם — מילא, נאָסטאַלגיע. קוויקסט זיך מיט מעשׂיות פֿון אַמאָליקן קליינשטעטל. אָבער גאָר באַזונדערש סמאַקעוועסטו זיך... אַ הײַנטצײַטיקע ליבע־אַוואַנטורע, אַ געביפּטע קרימינאַל־געשיכטע, צוגעווירצט מיט קיצלדיקער עראָטיק, מיט רויען, מיט נאַקעטן סעקס...

— אַנטשולדיק, אָן דעם גייט עס הײַנט ניט. אויך די איבערזעצונגען... דער הײַנטיקער לייענער פֿאַרלאַנגט עס.

— כ'פֿאַרשטיי, ס'איז דײַן מלאָכה, און יעדער בעל־מלאָכה זוכט אַ וואָס גרעסערן אָפּזאַץ פֿאַר זײַן סחורה. כ'פֿאַרשטיי... דערלויבט בײַ דיר צו רייכערן?

— אַוודאי. איך כאַפּ אויך... זעסט די פּיפּקעס אויפֿן שרײַבטיש. אמת, דאָקטוירים וואָרענען...

— מילא. אַ ראַק, וואָס? פֿאַרשטייסט, ס'רייכערן איז מײַן איינציקע הנאה...

— הער אויס, קאַפּל, מוזסט מיר מוחל זײַן. כ'וועל דיך אויף אַ רגע איבערלאָזן אַליין. אָט, קאָנסט אַרײַנקוקן אין אַ פּאָר פֿרישע ייִדישע ביכער.

— אַליין מיט ייִדישע ביכער. בײַ מיר איז עס קיין נײַעס ניט. קימער זיך ניט. כ'בין קיין מאָל ניט אַליין. ליבע איז מיט מיר און זאָגט:

„דער מענטש איז אַזאַ באַשעפֿעניש וואָס קען אַליין ניט עקסיסטירן. ראָבינזאָן קרוזאָ האָט אויפֿן וויסטן אינדזל געמוזט זיך אויסגעפֿינען, צי אויסטראַכטן אַ חבֿר — 'פֿרײַטיק'".

3.

— און איצט, קאַפּל, כ'פֿאַרבעט דיך אין קיך אַרײַן. צום עסטישל. אָן אימפּראָוויזירטע וועטשערע. מײַן צווייטע העלפֿט איז בײַם ים־המלח. אַ מעשׂה מיט ווייטיקן אין די געלענקען. די דאָרטיקע בעדער טוען איר גוט. אונדזערע צוויי קינדער, אַ זון און אַ טאָכטער, לעבן שוין פֿאַר זיך. חתונה געהאַטע... אין גימנאַזיע האָט אַ לערער אײַנגעקנעלט מיט אונדז די אַזוי גערופֿענע אינטעליגענץ־לערע — מאַנירן בײַם טיש, אין דער געזעלשאַפֿט. האָט ער אויסגעבראַכט: ווילסטו האָבן מיט עמעצן אַ שמועס אין גוטן מוט, צי ווילסט בײַ אים עפּעס פּועלן, זײַ אים מכבד, שטעל עפּעס איבערצובײַסן. אַ הונגעריקער איז אומגעדולדיק, שווער מיט אים אויסצוקומען. מיר'ן עפּעס איבערבײַסן...

— זײַ מוחל, כ'האַק דיך איבער. ס'איז מסתּמא קעגן די דינים פֿון דער אינטעליגענץ-לערע, נאָר, פֿאַרשטייסט, כ'בין נאָך סאָפּער. אַבסאָלוט זאַט. ווילסטו דורכויס מכבד זײַן אַן אורח, שטעל דאָ, אויפֿן טישל, צוויי כּוסות און עפּעס שטאַרקס, ס'זאָל אַ סמאַליע טאָן. ס'זאָל אויסברענען... ווי מיינסטו, ס'לאָזט זיך אויסברענען? יאָרן, יאָרן, ווי כ'פּרוביר, און ס'העלפֿט ניט, אפֿשר צו קליין די דאָזעס, און כ'היט זיך פֿון נאַרקאָטיק. פֿאַרשטייסט, בײַ אונדז דאָרטן — ביטערע פֿרעסט, פֿאַרביסענע שנײַ ווינגעס, מוז מען זיך דערוואַרעמען, אונטערהייצן דעם אָרגאַניזם מיט קאַלאָריע־קאָנצענטראַטן. שטעל עפּעס האַרבס, אויב האָסט אין שטוב.

— געוויס, געוויס! צום אויסקלײַב: אַלטער ישׂראלדיקער בראַנדי, עכטער פראַנצייזישער קאָניאַק, סקאָטישער וויסקי. געבן מיט אײַז? קאַקאַאָס-קיכעלעך, ניס, מאַנדלען צום פאַרבײַסן.

— מײַנע צײַנפּראָטעזן. זיי גלײַכן ניט ס׳דאָזיקע פאַרבײַסן. אַ שטיקל ביטערן שאָקאָלאַד, אויב פאַראַן.

— פאַראַן, פאַראַן. מיטן גרעסטן פאַרגעניגן.

— פאַרגעניגן. פאַרשטייסט, לינע פרעגט מיך אָפט:

״לעבט דער מענטש צוליב פאַרגעניגן? און וואָס איז פאַרגעניגן? הוליען? געניסן? ס׳איז אַלץ —עגאָיִזם. אַן עגאָיִסט איז גרייט צו פאַרברענען דײַן שטוב, בכדי אָפּצוקאָכן פאַר זיך אַ פּאָר אייער״.

4

— וויפל כוסות האָב איך שוין אַרײַנגעקערט?

— ווער ציילט עס? זאָל דיר ווויל באַקומען, אויב פאַרטראַגסט.

— געטרונקען און געשוויגן. ווי לאַנג שווײַגן מיר? פאַרשטייסט, פון דעם לײַד איך די גאַנצע צײַט. דאָרטן איז אָבער, אויסער לינען, ניטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן... זאָל בלויז זיך אײַנשטילן די זאָווערוכע אין קאָפּ. און די קינגבאַקן זאָלן זיך באַרויִקן, ניט אַרויספּרעסן קיין געלעכטער. פונעם אַלקאָהאָל איז עס. און איך וויל פאַרפירן אַן ערנסטן שמועס.

— פאַרבײַסן איז נייטיק.

— נייטיק איז איצט שטאַרקע קאַווע. עכטע, אַקערשט צעמאָלענע קאַווע-בעבלעך, גוט פאַרבריטע. פאַרשטייסט, כ׳אָנערקען ניט די כלעררליי נעס-קאַפעען מיט די בעמישע קונצן. לאָכן ווילט זיך און ווײנען דאַרף מען. וועל איך וואַרטן צוזאַמען מיט לינען אויף דער שוואַרצער קאַווע. ברענג צוויי פולע טעפּלעך, כ׳וואַרט — — — און זיך דערוואַרט. די קאַווע איז טאַקע אויסגעצייכנט. זופּ ביי זופּ, אַז מע טרינקט... ווי דו זעסט, אויך לינעס פּאַרציע איז פאַרשוווּנדן. צו ביסלעך, צו ביסלעך ווערט אַרויסגעטריבן דער טשאַד פון קאָפּ. פאַרשטייסט, מיר מוזן פאַרענדיקן מיטן שווײַגן. פאַרשטייסט, כ׳מוז זיך איבערצײַגן, צי אַלץ האָב איך ריכטיק פאַרגעדענקט. אַגב, וואָס איז מיט די אַנדערע דרײַ, כ׳מיין די דרײַ... נו, די וואָס האָבן צוזאַמען מיט אונדז אַרויסגעצויגן דעם לאָטעריע-בילעט פון בלײַבן לעבן?...

— ליידער. קיינער פון זיי איז שוין ניטאָ.

— אַזוי גאָר. פאַרשטייסט, ביסט געווען דער איינציקער, פון וועלכן איך האָב געוווּסט. פון די צײַטונגען, פון די ביכער דײַנע. ווײַזט זיך אַרויס, אַז ביסט בכלל דער איינציקער. מוז מען זיך אונטעראײַלן, קוים זענען מיר בלויז צוויי געבליבן. פאַרשטייסט, אַז עמעצער פון אונדז וועט שוין אויך ניט זײַן, ווי ט׳מען קאָנען פעסטשטעלן?... כ׳וויל חלילה ניט צוטראַכטן און ניט פעלשן אויף קיין האָר. אָט, ווי דו זעסט, נעם איך אַרויס פון מײַן טעקע אַ טייפּ-רעקאָרדערל. אַ ברעקל,

האַ? אונדזערער, ווו כ׳אַרבעט, דער נײַסטער מאָדעל. געקענט האָב איך אים האַלטן אין קעשענע, זאָלסט ניט וויסן און ניט פילן. אָבער ניין, זײַ וויסן, אַז דאָס ממזרל, ווי אַ פּאַפּיראָסן־שאַכטל די גרייס, פאַרהיטן וועט ער אונדזער הײַנטיקע באַגעגעניש מיט אַלע פּישטשעווקעס, וואָרט אין וואָרט. פיר שעה פאַרשרײַבט ער אויף איין מיני־קאַסעטע. צוויי אַזעלכע וועלן מסתמא קלעקן. און אויטאָמאַטיש גייט עס. אַ חכמה, האַ? אַלץ פון אונדזער פּראָדוקציע. פאַקטיש — בײַ־פּראָדוקציע. סע־מעטשקעס. די עיקרדיקע... אַהאַ!

— ???

— כ׳פיל, ווילסט פרעגן, צי כ׳בין אפשר גאָר אַ שותף צום עסק. ניין׳ און אפשר אַ שטיקל שותף... נאָר... פאַרשטייסט, אַ מאָל זענען מיר זיך פונאַנדער־געלאָפן אַן אַ זײַ־געזונט. געלאָפן פון די קאַנטן, ווו מיר האָבן אַלץ פאַרלוירן, אַלעמען פאַרלוירן. געבליבן נאַקעט־הויל, אָפּגעשונדן און חסר־דעהדיק. געלאָפן, געבליבן שטעקן אין מערב־דײַטשלאַנד. און אין הארץ, מסתמא אויך בײַ דיר האָט אין האַרץ געברענט אַ שריפה; און די פיס, זיי האָט געסמאַליעט אַ פײַער און געצווונגען ווײַטער צו לויפן, אַנטלויפן פון די פאַרשאָלטענע מקומות... אפשר געדאַרפט זיך רײַסן אַ הער צו. פאַרשטייסט, ס׳האָט דעמאָלט געשמעקט מיט שוואַרצן גרענעצן, זיך אַרײַנגנבענען אויף שיפלעך, אויסגעשטעלט זײַן אויף באַגנעטן. ווידער, אַז גאָט גיט — פאַרשפּאַרט ווערן הינטער שטעכלדראָט. וואָלט מיך עמעצער געשלעפּט אַהער צו... כ׳האָב אָבער פון קיינעם וויסן ניט געוואָלט, קוים איז לינע... האָבן מיך גאָר קרובים אויפגעזוכט און פאַרמאָניעט צו זיך, קיין קאַנאַדע. געוואָלט פאַרשדכנען מיט זייערער אַן אייגענער. צוגעזאָגט אונדז צו שטעלן אויף די פיס. און איך האָב געזאָגט — ניין! כ׳בין דאָך געווען פאַרקנסט צו לינען און צוזאַמען מיט איר אין האַרצן געלאָפן און לויפנדיק צופעליק אָנ־געשפּאַרט קיין קאַנאַדע... איין מאָל אַרומבלאָנקענדיק איבער מאָנטרעאָל, האָט מיך אָפּגעשטעלט אויף דער גאַס אַ מענטש פון אַן אָפּיש אַראָפּ. צילנדיק אין מיר מיט אַ ווײַזפינגער האָט ער פעסטגעשטעלט אין עטלעכע שפּראַכן, אַז איך וועל מסכים זײַן אויסצובילדן זיך אין עלעקטראָניק און וועל דער נאָך אַרבעטן אין אַ גרויסער אונטערנעמונג, וואָס ווערט פאַרלייגט אין... אפשר לייענט עס זיך אַ ביסל אַנדערש, נאָר איך האָב איבערגעלייענט איין און פאַר אַלע מאָל — לינאַלײַק... לינאַלײַק! פאַרשטייסטו שוין, אַז דער נאָמען האָט מיך אַרײַנ־געכאַפּט אין צוואַנגען. קענסט אוודאי ענגליש און כ׳דאַרף דיר ניט פאַרטײַטשן...

— איך גלײַך, כ׳האָב ליב לינאַן.

— שטימט! פאַרשטייסט, דער נאָמען האָט מיך אָוועקגעצויגן אין ווערביר־ביוראָ. ווען כ׳האָב זיי דאַרטן ווי ניט איז דערקלערט, אַז פאַר דער מלחמה בין איך געווען אַ מעכאַניק פון רעכן־ און שרײַב־מאַשינקעס, אַז כ׳האָב קיינעם ניט אין ערגעץ, אַ חוץ די קרובים אין קאַנאַדע, און בין מסכים צו אַלע זייערע באַדינגונגען, האָבן זיי מיך טאַקע אָנגענומען און צוגעזאָגט אַלע גליקן. אַן קווענקלעניש האָב איך מיך אונטערגעשריבן דאָס אָרט ניט צו פאַרלאָזן צען יאָר, און, ווי דו זעסט,

געבליבן עד־היום — כמעט פיר מאָל צען... די קרובים מײַנע האָבן געקערט וועלטן, געהאַלטן עס פאַר אַ משוגעת. ניט געווען קיין דאגה צו קריגן אַרבעט אויפן אָרט — אין אַ גרויסער שטאָט, צווישן ייִדן. און איך קלײַב זיך אין אַן אויסרײַסעניש אויפן צפון, אַן אמתער סיביר אין דר'ערד אויפן דעק... און אַז כ'בין געבליבן אײַנגעשפּאַרט, האָבן זיי געטענהט, אַז כ'דאַרף גאָר צו אַ נערוון־דאָקטער, ווײַל כ'שלאָף ניט די נעכט; כ'דאַרף צו אַ פּסיכיִאַטער, צי גאָר צו עפּעס אַ נײַעם רופא־חולים — אַ רעפלעקסאָלאָג. געהאַלטן האָבן די דאָקטוירים און די קרובים מײַנע, אַז מיך טאַטשען נערוון, פּסיכן, כ'בין באַזעסן פון רעפלעקסן, פון קאָמפּלעקסן און נאָך אַזעלכע קלינגעדיקע ווערטער, און כ'מוז זיך היילן. און איך, ווי דו פאַרשטייסט, האָב זיך געטראַכט: זאָלן עס זײַן נערוון, פּסיכן, רעפלעקסן צי קאָמפּלעקסן, זיי זענען מײַנע, קערן זיך אָן מיך, און שוין. ליבע האָט ערנסט שווײַגנדיק געוואָרט צו זען, וואָס כ'וועל טאָן. פאַרשטייסטו שוין, אַז כ'האָב איר דערוויזן מײַן אייביקע געטרײַשאַפט. ביידע האָבן מיר זיך אָפּגעטראָגן קיין ליִנאַלײַק. טאָקע אַ ווײַסע, אַ קאַלטע פאַרפאַלנקייט, און עק־וועלט וואָלט איך ניט געפלויגן צו הערן ליבעס אָפּגהאַרציקייט:

״דו רעדסט מיט מײַנע ליפּן, אָטעמסט מיט מײַנע לונגען, פילסט מיט מײַנע חושים, און מײַן האַרץ קלאַפּט פאַר דיר. זײַ מוחל, קאַפּל, וואָס אַ ביסל צו שפּעט, בעת מיר ביידע האָבן אונדזער לעבן פאַרלוירן. דער זייגער פון אונזער לעבן איז געבליבן שטיין״.

— פאַרשטייסטו שוין? איצט, איצט... כ'האָב אָוועקגעלאָזן דעם טייפּ. זאָל ער, ווי ס'הייסט דאָרטן, פאַראייביקן וואָס מיר'ן הײַנט זאָגן צום ענין...

חיים קעניגער / פּאַריז

אין ליכט פון באַגינען

די פריידי

די פרייד איז גענוט און אַלט
און ווייסט אַלע זייטיקע וועגן:
זי קומט, און איר געשטאַלט
איז ווי די זון נאָכן רעגן.

און היטן דאַרפסטו זי אין דיין גבול
מיט אָפענע אויגן שײַנענדיק,
ווו זי אַנטפּלעקט זיך פול
ווי דאָס ליכט פון רעגנבויגן.

ס׳האָט זײַדענע פליגל די פרייד,
איר פּלי איז פּײַל-פון-בויגן;
זי קומט, גיט אַ בליץ און פאַרגייט
פאַר דײַנע פאַרחלומטע אויגן.

און דו וועסט מיט האָפנונג דערמאָנען,
דאָס ליכט פון באַגינען באַגערן,
און ווידער וועט שטראַלן דײַן פנים,
מיט בלענדיקער זון און מיט שטערן.

מען רופט

פאַרבײַ מײַנע טירן שלאָגן זיך דורך שטראַלן.
די טירן זײַ זענען צעעפנט און ברייט
אויפצונעמען אין מײַנע שטאַרע, ווײַסע זאַלן
די איינזאַמקייט פון גאַסן, וואָס קומט און וואָס ווײַטער גייט...

מײַנע טירן שטייען אָפֿענע צעפּראַלטע,
זיי וואַרטן אויפֿן צוגעזאָגטן וואָרט.
אַט הילכט עס אינעם ווידערקול צעשאַלטן
אויפֿצולעבן אין מיר דעם פֿאַרשווונדענעם דאָרט.

ליאַרעמען די קולות איבער ברעגן און טײַכן,
און ס׳קלינגען די גלאָקן צו תּפֿילהדיקער שעה.
. . . .
נאָר קיינער איז נאָך דערווײַל נישטאָ.

דער טאָג

לעש אויס די ליכט,
צינד אָן די בלומען;
דער טאָג קומט אומגעריכט,
ער האָט נאָך נישט קיין נאָמען
נאָר ס׳ליכטיקט זײַן געזיכט
אין הענט אַ קאָסע זינגט,
פֿון רײַפֿן שניט זי קלינגט.

לויטערע בלענדיקייט

כמאָרנער טאָג שפּילט אויף מײַן ברעם
און פֿאַרוויגט אין שטילקייט מײַנע רעיונות,
פֿאַרקליידט אין תּפֿילהדיקע מלבושים.
אין אויפֿגאַנג פֿון טאָג ליגן זיי ווי אין וויקעלער
פֿון אויסגעחלומטן פֿרימאָרגן,
גרייט אין די הימלען אָפּצופֿליִען,
ווו שוואַלבן פֿלאַטערן אין זיגזאַגן
אין אויפֿגעפֿלאַמטער לײַדנשאַפֿט,
ליבן זיך אין די הייכן
אין געסלעך פֿון שערי-רחמים,
ווו די זוניקייט טריפֿט מיט גאָלד
און גרינע טײַכן — אַלייען
אין לויטערער בלענדיקייט פֿאַרגייען.

אין געפאַר (בראָנדז) — קאָמפּאָזיציע : מיכאל מילבערגער

אפרים שעדלעצקי

1. אונדזער וואַלד און דער מענטש הינטער אים

צום נײַעם באַוואַלדונגס-סעזאָן — אין צייכן פֿון פֿערציק יאָר מדינה

דער הײַיעריקער סעזאָן פֿון ביימער־פֿלאַנצן איז שוין אין פֿולן ברען — נישט בלויז וואָס דער הײַנטיקער ווינטער איז געבענטשט מיט אַ סך רעגן און די שטחים, ווו עס קומען פֿאַר די פֿלאַנירטע פֿלאַנצונגען זענען באַצײַטנס ווי געהעריק צוגעגרייט געוואָרן און האָבן אײַנגעזאַפּט פֿריִער אַ גענוגנדיקע מאָס פֿײַכטקייט וואָס איז לברכה פֿאַר די יונג־פֿאַרזעצטע פֿלאַנצונגען; דער עיקר איז דער סעזאָן אין סאַמע ברען מחמת דעם וואָס די הײַ־יעריקע פֿלאַנצונגען שטייען אין צייכן פֿון פֿערציק יאָר מדינה — און דאָס שליסט אויך אײַן אַ גאַנצע ריי עפֿנטלעכע פֿײַער־לעכקייטן, וואָס ווערן באַזונדערס געגרייט אויף חמישה־עשר בשבט, צום טאָג און נאָענט צום טאָג פֿון די טראַדיציאָנעלע פֿלאַנצונגען.

באַוואַלדונג אין די ערשטע פֿערציק יאָר מדינה שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ רײַך קאַפּיטל פֿול מיט דערגרייכונגען פֿאַר קרן קיימת, דערגרייכונגען, וואָס האָבן ווײַט איבערגעשטיגן אַלע ראַמען און דערוואַרטונגען. דאָס איז נישט בלויז די שאַפֿונג פֿון אַ גרויס וואַלד־פֿאַרמעגן אין דער מדינה, נאָר אויך די בילדונג פֿון פֿאַרקן אין אַלע לאַנד־טיילן וואָס זענען אין שטענדיקן דינסט פֿאַר דער באַפֿעלקערונג — פֿון פֿיל ביימער זעט מען שוין דעם וואַלד אין ישראל. שיינע גוט־געפֿלעגטע פֿאַרקן, צוזאַמען מיט געדיכטע וועלדער, זענען מער נישט קיין חלום נאָר אַווירקלעכקייט, וואָס רופֿט מער נישט אַרויס קיין שום חידוש און פֿאַרוווּנדערונג. דער בירגער אין לאַנד נעמט דאָס אויף ווי אַ נאָרמאַלע טאָגטעגלעכע דערשײַנונג וואָס מ׳קען גאָרנישט אָן דעם, און — אויך אויפֿן געביט פֿון אָפּהיטן דעם וואַלד זענען דער־גרייכט געוואָרן גוטע רעזולטאַטן: דאָס, וואָס מיר באַצייכענען ווי אַ פֿאַרשטאַרקונג פֿונעם באַוווּסטזײַן פֿאַר אַ קולטורעלער אויפֿפֿירונג אין וואַלד, אַחריות־באַוווּסטזײַן פֿאַר דער אויפֿהיטונג פֿונעם דאַזיקן וויכטיקן רשות הרבים...

דער וואַלד אין ישראל, וואָס איז תּחילת געווען אָרעם און קליין, איז מיט דער צײַט געוואָרן אַ יש, איז אַרײַנגעדרונגען אין אַלע צווײַגן פֿון לעבן און שטייגער. אין מזרח־אייראָפּע געדענקען מיר למשל די געשטאַלט פֿונעם וואַלד־מענטש, דער „לעשניק", דער מאַן וואָס האָט געהיט און געלעבט מיטן וואַלד. אויך פֿאַר אונדזערע אויגן בילדעט זיך הײַנט אונדזער אַזאַ שבט, הגם די אויפֿגאַבן זענען גאַנץ אַנדערש. בעת אין מזרח־אייראָפּע איז די אויפֿגאַבע געווען אָפּצוהיטן דעם

וואַלד קעגן געהילץ־רויב, איז די עיקרדיקע אויפגאַבע פונעם וואַלד־מענטש ביי אונדז — זאָרגן דער וואַלד זאָל וואַקסן און פאַרגרעסערן זיין שטח און נישט פאַלן קיין קרבן פון שריפות און אַנדערע נאַטור־פּלאָגן.

וועגן איינעם אַזאַ וואַלד־מענטש ווילן מיר היינט רעדן, און דאָס איז נישט קיין אַנדערער ווי דער אָנפירער פון דער באַוואַלדונגס־אָפּטיילונג פונעם קרן קיימת — מרדכי רוח.

אַלע געדענקען מיר דעם ערשטן בירגערמייסטער פון תל־אביב מאיר דיזנגאָף וואָס האָט אַ מאָל געזאָגט, אַז אין ארץ־ישראל, אויב עמיצער וויל דאָ זיין אַ שטאָט־פּרעזידענט, טאָ זאָל ער זיך מטריח זיין און אויפבויען פריִער פאַר זיך אַ שטאָט, ווי ער האָט דאָס געטאָן מיט זיין תל־אביב. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט מרדכי רוח. כדי צו ווערן דער ראָש פון דער באַוואַלדונגס־אָפּטיילונג פון קרן קיימת האָט ער פריִער זיך געמוזט מיִען און עטלעכע און דרייסיק יאָר צייט דורכמאַכן אַלערליי וואַלד־אַרבעטן, אָנהייבנדיק פון צוגרייטן דעם באָדן און די ביימלעך מיט זיינע אייגענע הענט...

געקומען אין לאַנד אַריין איז מרדכי רוח ווי אַ נייער עולה פון עגיפּטן באַלד נאָך דער גרינדונג פון דער מדינה. פאַר זיין עליה האָט ער קוים געהאַט באַוויזן צו ענדיקן אַ מיטלשולע און דערצויגן ווערן אין אַ ציוניסטיש־חלוצישער יוגנט־באַוועגונג. אין לאַנד איז ער אָנגעקומען אין קיבוץ בארת־יצחק. אַ יאָר שפּעטער איז ער פון דאָרט אַריבער אין ניי־געגרינדעטן מושב בית־זית אין די ירושלימער בערג. דאָ האָט ער אָנגעהויבן שטעלן זיינע ערשטע שריט אין די באַוואַלדונגס־אַרבעטן וואָס דער קרן קיימת האָט דעמאָלט אָנגעהויבן אויף די נאַקעטע בערג פון ירושלים. אויף זיינע הענט זענען עד היום געבליבן נישט ווייניק מאָזאָליעס פון יענער שווערער פיזישער אַרבעט ביים אויסהאַקן די גריבלעך אין די פעלדזן פאַר יונגע ביימלעך־פלאַנצן און אַרבעט וואָס ער טוט מיט גרויס ליבשאַפט ביזן היינטיקן טאָג, כאָטש ער איז שוין איצט אַ גרויסער ספּעציאַליסט פון וואַלד־וועזן מיט אַ דערפאַרונג פון איבער דרייסיק יאָר. מרדכי דערציילט:

— געאַרבעט האָב איך דעמאָלט אויף די בערג דרום פון מבשרת ציון. מיט אַ האַק אין דער האַנט אויפגעבראָכן טיפע גריבלעך אין די פעלדזן — 80 אַזעלכע גריבלעך יעדן טאָג — נישט קיין לייכטע אַרבעט געווען, אָבער מיר האָבן דאָס געטאָן מיט אַ סך ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט, און אויב דער גאַנצער שטח אַרום איז היינט בליענדיקער וואַלד, איז דאָס נאָר צוליב דער איבערגעגעבענער אַרבעט פון יענעם דור עולים פון די אָריענטאַלישע לענדער, וואָס האָבן אין די פופציקער יאָרן געשאַפן מיט זייער שווערער מי אַ גרויס פאַרמעגן פאַרן לאַנד — גרינע וועלדער. איך אַליין בין געווען איינער פון זיי און מיין אַרבעט געמאַכט מיט גרויס פרייד און טרייִשאַפט. מיין אינסטרוקטאָר האָט דאָס מסתמא באַמערקט און מיר פאַרגעלייגט איך זאָל אויך ווערן דער אינסטרוקטאָר פון אַ גרעסערער גרופּע און זיי לערנען די אַרבעט מאַכן ספּריטנע און געשיקט. שוין אין 1951 בין איך

געוואָרן אינסטרוקטאָר, און זינט דעמאָלט בין איך געשטיגן יעדעס יאָר אויף אַ העכערן אַמט, אָבער אַלץ אויפן געביט פון פלאַנצן וועלדער — — —

מיט יאָרן צוריק איז מרדכי רוח געוואָרן דער לייטער פון באַוואַלדונג אינעם צענטער פונעם לאַנד, וואָס איז כולל אויך ירושלים מיט איר אומגעגנט. דאָס גאַנצע גרינע הינטערלאַנד פון דער הויפטשטאָט איז געשאַפן געוואָרן אונטער זיין אָנפירונג און הדרכה. "ביימער זענען ווי מענטשן — זאָגט מרדכי — זיי מוזן באַהאַנדלט ווערן אינדיווידועל — מען מוז זיי ציכטלען און קעכלען, אַרויסוויַיזן זאָרג און קימער. דער וואָס פלאַנצט וואַלד מוז האָבן אַ סך ליבשאַפט פאַר דער אַרבעט — אָן דעם איז נישט גענוג אפילו גאָר הויכע בילדונג"...

מרדכי רוח איז באַשאַנקען ביז צו היַינט מיט פיל ליבשאַפט פאַרן וואַלד און וועגן דעם זאָגן עדות די גרויסע דערפאָלגן זיַינע אַלס הויפט-אינספעקטאָר פאַר באַוואַלדונג אין צענטער לאַנד. פון דאַנען איז שוין געווען אַ קורצער וועג צו דער נאָמינאַציע אַלס גענעראַל-דירעקטאָר פון דער באַוואַלדונגס-אָפטיילונג אינעם גאַנצן לאַנד — אַן אַמט, וועלכן ער פאַרטרעט מיט גרויס געניטקייט די לעצטע פאַר יאָר. ער איז אָבער מודה, אַז כאָטש זיַין זאָרג איז איצט באַוואַלדונג איבערן גאַנצן לאַנד האָט ער זיַין ערשטע ליבע נישט פאַרגעסן, און אין צענטער פון זיַינע זאָרגן איז די פאַרווירקלעכונג פון דעם דורך אים פלאַנירטן אַנטוויקלונגס-פּראָיעקט צו פאַרענדיקן די קייט פון וועלדער אַרום גרויס-ירושלים. נישט בלויז "יער ירושלים", נאָר "יער ירושלים רבה" — אַ וואַלד וואָס זאָל פון ירושלימער וואַלד אין מערב זיך ציִען אויף דרום — אַרומרינגלען די ניַיע דרום-קוואַרטאַלן מיט גילה און פון דאָרט זיך ציִען צום יער השלום, פון דאָרט — קיין מעלה אדומים, דורך ענתות, נוה-יעקב, עטרות און הר הצופים, און פון דאָרט — נאָך מער אויף צפון ביז רמות, און אַזוי אַרום בילדן איין וואַלד אויף אַ שטח פון בערך 11 טויזנט דונאַם וואָס זאָל איַינהילן גאַנץ ירושלים אין אַ גרינעם גאַרטל פון בליִענדיקע וועלדער.

וואָס ווינטשט ער זיך צום ניַיעם פלאַנצונגס-סעזאָן? — מרדכי רוח ענטפערט קורץ און שאַרף:

— וויַיטער ליב האָבן אונדזער וואַלד און בוים, פאַרזעצן די פלאַנצונגען, וואָס מער ניַיע בליִענדיקע וועלדער...

2. אויף באר שבע ווערט אָנגעטאָן אַ "גרינעם גאַרטל"

דערנענטערן דעם וואַלד צו די צענטערס מיט אַ גרויסער באַפעלקערונג, צו די שטעט און אַנטוויקלונגס-ישובים — דאָס איז איינע פון די הויפט-פּלענער און פּראָיעקטן אין דער באַוואַלדונגס-טעטיקייט פון קרן קיימת אין די לעצטע יאָרן. די דאָזיקע אַרבעט ווערט דורכגעפירט סיַי אין שכנות פון ירושלים און סיַי אין שכנהשאַפט מיט תל-אביב, און אַזוי אין פיל קלענערע ישובים און אַנטוויק-

לונגס־שטעטלעך. איצט קומט די ריי אויך אויף באר־שבע. אין היינטיקן פלאַנצונגס־סעזאָן האָבן זיך אָנגעהויבן אינטענסיווע אַרבעטן בײַם פאַרווירקלעכן דעם פּראָיעקט אַרומצוריגלען די הויפּט־שטאָט פונעם נגב מיט אַ ״גרינעם גאַרטל״ — דאָס הייסט מיט יונגע בליִענדיקע וועלדלעך. ביז איצט איז שוין פאַרענדיקט געוואָרן די פלאַנצונג פון אַן ערך פינף טויזנט דונאַם וואַלד אין דער געגנט. אין משך פון די קומענדיקע דריי־פיר יאָר וועט דער באַוואַלדערטער שטח אַרום באר־שבע פאַרברייטערט ווערן ביז 20 טויזנט דונאַם.

אַט דער גראַנדיעזער באַוואַלדונגס־פּראָיעקט פאַר באר־שבע פאַלט צוזאַמען מיט נאָך אַ וויכטיקן ציל וואָס שטייט די לעצטע יאָרן אין צענטער פון דער באַוואַלדונגס־פּאָליטיק פון קרן קיימת: דאָס אַרויסשטויסן דעם מידבר, פאַרטרײַבן אים וואָס מער אויף דרום, דורך פאַרברייטערן דעם גרינעם בליִענדיקן שטח, אויך צו ראַיאָנען ווו עס פאַלן כלל קיין רעגנס נישט, אָדער עס רעגנט דאָרט גאָר זעלטן און ווו עס קען קיין גרעזל נישט וואַקסן און קיין גרינס נישט געדייען.

דאָס אַרומנעמען באר־שבע מיט אַ גרינעם וואַלד־גאַרטל דינט בכן צוויי הויפּט־צילן פון קרן קיימת היינט־צו־טאָג: דערנענטערן דעם וואַלד צו דער שטאָטישער באַפעלקערונג און פאַרטרײַבן דעם מידבר וואָס ווײַטער פון אַ מענטשלעכן ישוב, דורך פאַרברייטערן דעם גרינעם שטח פון דער מדינה.

פּרטים וועגן דעם דאָזיקן באַוואַלדונגס־פּראָיעקט, וואָס איז שוין אין סאַמע מיטן פון זײַן פאַרווירקלעכונג, האָט איבערגעגעבן דער אָנפירער פון באַוואַלדונג פאַרן דרום דוד נחמיאַס. דאָס איז געווען בעת אַ פּרעסע־אויספלוג אין די באַוואַלדונגס־צענטערס פון דאָזיקן ראַיאָן, וואָס ציט זיך כמעט איבער אַ העלפט פון דער מדינה־טעריטאָריע. דער ראַיאָן הייבט זיך אָן אין ניצנים—בית־גוברין אין צפון און ציט זיך איבערן נגב און ערבה ביז אילת. אויף אַט דעם ריזיקן שטח איז דער קלימאַט נישט איינהײַטלעך. אין צפון דערגרייכן די רעגנס אַ כמות פון 450 מילימעטער יערלעך, בעת אין דרום דערגרייכן די רעגנס בלויז צו עטלעכע צענדליק מילימעטער (היינטיקער ווינטער איז אַן אויסנאַם, בעת אין אילת זענען שוין ביז מיטן יאַנואַר געפאַלן 500 פּראָצענט מער רעגן ווי אין אַ דורכשניט־יאָר). דאָס רוב וואַלד־פלאַנצונגען ביז היינט זענען אָבער דורכגעפירט געוואָרן דאָרט ווו די רעגנס דערגרייכן איבער 250 מילימעטער יערלעך. אויף די שטחים, ווו די רעגנס דערגרייכן נישט אַזאַ כמות מוזן דיביימער באַקומען אַ צוגאָב וואַסער וואָס ווערט געבראַכט פון דער ווײַט, און דאָס איז פאַרבונדן מיט גרעסערע אויסגאַבן.

אינעם צפונדיקן נגב גייט אָן די באַוואַלדונגס־אַרבעט האַנט־בײַ־האַנט מיט פאַרצווײַגטע דרענאַזש־אַרבעטן פון די וואַדיס. אָן אַזאַ באָדן־רעגולירונג איז כלל נישט געמאָלט קיין נאָרמאַלע באַאַרבעטונג פון די פעלדער.

די אָנטיילנעמער אינעם דאָזיקן פּרעסע־אויספלוג האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט צו זען די נײַ־פאַרפלאַנצטע שטחים. אויך האָבן זיי זיך באַקענט מיט פאַרפלאַנצטע שטחים אין געגנטן, ווו דער דורכשניט־רעגן באַטרעפט נישט מער ווי 200 מילימעטער יערלעך. דאָס איז בעיקר אינעם ״יער הדודאים״ — צפון באר־שבע, אויף

ביידע זײַטן פֿונעם שאָסיי באר־שבע—בית־קמה. דרײַ עקספּערימענטאַלע שטחים זענען פֿאַראַן אינעם דאָזיקן וואַלד — עקספּערימענטאַל סײַ וואָס שייך דעם מין בוים און סײַ לויט די סיסטעמען ווי די ביימער ווערן געפֿלאַנצט. מערב־זײַט פֿונעם דאָזיקן שאָסיי, למשל, איז די פֿלאַנצונג אַ ״שיטערע״ — בלויז צען ביימער אויף יעדן דונאַם, בעת דער פֿרײַער שטח ווערט פֿאַרפֿלאַנצט מיט קוסטעס און גראָזן, וואָס דינען אַלס קאָרמע (פֿאַשע פֿאַר רינדער און שאָף), וואָס ווערט פּלאַנירט אין אַ ברייטער פֿאָרם צו אינטעגרירן מיט באַוואַלדונג. גאָר אַנדערע מיטלען ווערן אָנגענומען אויפֿן שטח מזרח־זײַט פֿון דער באַן־ליניע קיין קריית־גת, ווו דער באָדן איז צעריסן מיט אַ סך בערגלעך און אָפּגרונטן. אין דער ערשטער ריי איז דאָ געמאַכט געוואָרן אַ גרויסער טעראַקער פֿונעם גאַנצן שטח וואָס איז באַשטימט פֿאַר דער הײַיעריקער ביימער־פֿלאַנצונג. דער ציל איז, אַז די רעגנס וואָס וועלן דאָ פֿאַלן, זאָל די ערד גוט אײַנזאַפּן אין זיך נאָך איידער די ביימלעך וועלן פֿאַרזעצט ווערן.

די ״אַטראַקציע״ פֿונעם דאָזיקן זשורנאַליסטן־אויספֿלוג איז געווען דער באַזוך אין גילת — ווו עס געפֿינט זיך זינט יאָרן די אָראַנזשעריע פֿון קרן קיימת, ווו ס׳ווערן צוגעגרייט די יונגע ביימלעך פֿאַר די באַוואַלדונגס־אַרבעטן. ווי יעדעס יאָר איז אויך הײַ־יאָר דאָ צוגעגרייט געוואָרן נישט ווייניקער ווי אַנדערהאַלבן מיליאָן יונגע ביימלעך פֿון קרוב הונדערט באַזונדערע מינים, בעת דער רוב געהערט צו פֿאַרשידענע מינים עקאַליפּטוסן און נאָדל־ביימער, ווי סאָסנעס און ציפּרעסן. חוץ די ביימלעך ווערן דאָ אויך צוגעגרייט פֿאַרשידענע מינים קוסטעס, כדי צו פֿאַרזעצן זיי אויף די זאַמד־דיונעס, ווי אויך פֿאַרשידענע מינים דעקאָראַטיווע געוויקסן, וואָס ווערן דורכן קרן קיימת פֿאַרברויכט פֿאַר די אַנטוויקלונגס־פּלענער פֿון די פּאַרקן, ווי אויך כדי צו פֿאַרשענערן די וווין־באַדינגונגען אין די מיליטערישע מחנות אינעם נגב.

גילת איז געווען צווישן די ערשטע עטלעכע פּלאַנצונג־שולעס פֿון קרן קיימת אין די באַזונדערע לאַנד־טיילן, און איז ביז הײַנטיקן טאָג די איינציקע וואָס באַזאָרגט דעם גאַנצן דרומדיקן טייל לאַנד מיט אַלע מינים ביימער און געוויקסן. אַלץ וואָס איז גרין און וואַקסט אין דרום — פֿון באר־שבע ביז אילת — איז צוגעגרייט און אויסגעוואַרעמט געוואָרן אינעם דאָזיקן צענטער וואָס דינט דעם גאַנצן ראַיאָן אין דרום, און פּאַסט זיך צו אַלע נײַע באַדינגונגען און נײַע עקספּערי־מענטן וואָס ווערן כסדר אַפּליקירט, כדי וואַלד אינעם נגב און מידבר זאָל זײַן נישט בלויז אַ שיינער חלום נאָר אויך אַ רעאַלעווירקלעכקייט.

גילת וועט אויך שפּילן די הויפּטראָל בײַם פֿאַרווירקלעכן דעם איצטיקן פּראָיעקט פֿון שאַפֿן אַ גרינעם גאַרטל אַרום באר־שבע, — די שטאָט פֿון די אבות און די הויפּט־שטאָט פֿונעם נגב.

שמואל האַלקין

פון די טורמע-לידער *

אין איינצלקאַמער

און אויף צו להכעיס — שפּילט ערגעץ מוזיק
און פון די גראַטעס כ׳רײַס ניט אָפּ מײַן בליק ;
ווי פון אַ ברונעם-טיף איך קוק אַרויף,
אַ פּיצל הימל אָפּזוכן איך פּרוּוו —
ניטאָ און ס׳פּאַלט דער קאָפּ אַראָפּ צוריק, —
און ערגעץ דאָרטן, דאָרטן שפּילט מוזיק . . .

אין אַלע קאַמערן איז טויט, איז שטיל,
נאָר אונטער מײַנע טריט עס קרעכצט דער דיל ;
פון טיר צום פענצטער כ׳שפּאַן אַ לאַנגע צײַט,
שוין לאַנג דער טראַט מײַן מענטשלעך קול פאַרבײַט
און צו די ווענט איז צוגעווינט מײַן בליק,
נאָר ערגעץ דאָרטן, דרויסן, שפּילט מוזיק
און ס׳טוט דאָס האַרץ זיך דורך די גראַטעס רײַסן . . .

ניין, קאַטעוועז מע דאַרף דיך, האַלקין, שמײַסן,
אַרויסצושלאָגן דיר פון קאָפּ דעם טירוף,
דעם שיינעם חלום : אָט זיך מאַכט די טיר אויף,
און דאָרט — דער גוטער מלאך וועט זיך ווײַזן
דיך נעמען בײַ דער האַנט און זאָגן : גיי,
צעאַקער ווידער אויף דײַן פעלד און זיי

ווײַל אויסגעצײַטיקט-רײַף עס וואַרט דער זאַמען,
ווײַל צווישן זייער לעבט ביז הײַנט דײַן נאָמען,
און ניט, ווי קיין געדעכעניש, אַ קלאַנג,
וואָס אין געוויש פון טאָג ער לעבט ניט לאַנג,

* פון בוך וואָס דאַרף בקרוב דערשיינען.

נאָר ווי פֿון יענעם מענטשן דאָס געדאַכט,
וואָס האָט פֿאַר זיך אויף זיך דעם קרייץ געבראַכט,
און, אין די ווונדן מענטשלעכע פֿאַרטיפֿט
ער האָט פֿאַרזען זײַן אייגן בלוט וואָס טריפֿט
און טריפֿט פֿאַר דיר, פֿאַר זיי, פֿאַר גאַר דער וועלט . . .
צעאַקער ווידער אויף, וועק אויף דאָס פֿעלד —
די קערנער וועלן איצט דעם באָדן רײַסן . . .

ניין, קאַטעווען מע דאַרף דיך, טרוימער, שמײַסן
אַז וויסן זאָלסט: דער מלאך זאָגט אַ ליגן!
דײַן קרייץ וועט אויף אַ בוידעם ערגעץ ליגן
דורך זיי פֿאַרשעמט; דער באָדן טראָגט קיין פֿרוכט, —
דעם גוטן מלאך האָט זיך אויסגעדוכט!
ניטאָ מער קיין צוריק — פֿאַרברענט די בריק . . .

נאָר ערגעץ דאָרטן, דרויסן, שפּילט מוזיק
און ווידער ציט צום פֿענצטער, ווי מיט שטריק,
און ווידער לעבט, און ווידער וועבט זיך יענע בריק . . .

לוביאַנקע. אויגוסט 1953, אין אַ זונטיק

ווייזט אויס איך בין נאָר בלינד

ווײַזט אויס, איך האָב זיך נאָך ניט אויסגעניכטערט
פֿון יענעם — דעם פֿאַרפֿירערישן טרוים:
דאָס פֿאָלק איז נאָך אַ פֿאָלק, און איך — זײַן דיכטער,
ווי ניט געווען וואָלט צווישן אונדז קיין צוים
פֿון שטעכעדיקן דראָט, פֿון וויסטער טונדרע
און פֿון אַזוינס, וואָס האָט קיין נאָמען ניט,
נאָר האָט אונדז שאַרף צעשיידט און אָפּגעזונדערט —
אויף אַלע מאָל געבונדן מיר די טריט . . .

ווײַל ניט דערוואָרבן שוין, ווײַל ניט דערגרייכן,
ווײַל ניט צו אויפֿלעבן שוין מער דעם שוווּנג
אין דעם, וואָס לעבט אונטערן שוואַרצן צייכן
און ס'הענגט זײַן גורל אָפּ פֿון עמיצס ווונק,

וואָס שפּירט אים נאָך אויף אַלע זײַנע וועגן,
אויך דאָ, אין אָפּגרונט פֿינצטערן . . . און דאָך —
איך הייב דעם קאָפּ נאָך אויף דעם טאָג אַנטקעגן,
און ס'טרעפֿט בײַנאַכט איך שלעפֿער אײַן מײַן בראָך
און כ'זע: דאָס פֿאָלק זיך פֿרייט נאָך מיט זײַן דיכטער,
און צו זײַן ברוסט זיך טוליען פֿרוי און קינד . . .
ניין, ניין — איך האָב זיך נאָך ניט אויסגעניכטערט,
איך בין נאָך אַלץ, ווי אַלע בלינדע בלינד . . .

אינטאַ, 1954



יוסף קערלער

די ירידה פון אָסיף אַוואַקומאַוויטש קראַסאָווסקי

(דערציילונג)

1

ער איז שוין, דאַכט זיך, גלייַכגילטיק געוואָרן צו זייַן ענגער באַגראבעניש, צו אירע דיקע שטיינערנע ווענט, באַדעקטע מיט גליטשיק־פייַכטער קלעפּיקייַט, ס'האָט אים שוין אויך נישט געאַרט דאָס ליגן פון קעלט אַ צונויפגעקאָרטשעטער אויפן צעפוילטן מאַטראַצל, פון וועלכן ס' האָט זיך דורכגעשלאָגן צו אים די נעץ פון דער צעמענטענער פּאָדלאָגע. ר'האָט זיך שוין איינגעוווינט מיט דער האַלב־פינצטערניש, מיטן שאַרפן עיפּוש. ס'האָט שוין אויך אפילו נישט געערגערט די טויב־שטומע איינזאַמקייט זייַנע... פשוט — ער, יעקב זאַבאַראַוו, האָט שוין אויפגעהערט צו קלערן וועגן אָט די נאַרישע זאַכן.

יעקב האָט זיך איבערצייַגט, אַז יאָ, זייַן "בירגער־אויספאָרשער", דער זייער העפלעכער פּאָדפּאָלקאָווניק לאַווּרענטיעוו איז גערעכט געווען:

— ס'איז מיר אַ שאָד, מייַן חשובער יעקב נאומאָוויטש — האָט ער דאַן מיט רחמנות געשמייכלט, — ס'איז מיר אַ גרויסער שאָד, וואָס מיר דאַרפן זיך שיידן מיט אייַך, כ'מוז אייַך, צום באַדויערן, אַראָפּשיקן אין אונדזער לוביאַנקע־קאַרצער, דאָרטן וועט איר זיך שוין אויסטשוכען — איר זענט בייַ מיר נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער... דאָרטן וועט איר גוט איבערקלערן ווי אַזוי צו פאַר־וואַנדלען אונדזערע ווייַטערדיקע באַגעגענישן אין געמיטלעכע נעכט, אין אַ האַר־מאָנישער, אַזוי צו זאָגן, פאַרשטענדעניש צווישן צוויי עכטע אינטעלעקטואַלן... און ווייַטער:

—איך גלויב, אַז איר זייַט עס בכוח... איר זייַט געגוג קלוג און איר זייַט נאָך גענוג יונג, און איר וועט נישט וועלן פאַרבלייַבן דער זעלבער נאַרישער עקשן ווי ביז אַצינד.

פּאָדפּאָלקאָווניק לאַווּרענטיעוו האָט זיך אויף אַ ווייַלע שטאַרק פאַרטראַכט און דערנאָך, מיט אַ ווייטיקלעכן זיפץ געוואָרנט:

— טאָמער וועט, גאָט באַהיט, זיך פאַרציִען אייַער איינגעשפּאַרטקייט, קען זיך עס ענדיקן פאַר אונדז אַלעמען זייער טרויעריק: דאָרטן איז ניט קיין גרויסער קונץ אָדער אויסציִען די פיס פאַר הונגער, אָדער פאַרקאַליִעט ווערן פון קעלט...

אָנקוועטשנדיק דאָס קנעפּל — אַ סיגנאַל, אַז די קאָנוואָירן זאָלן קומען נעמען, — האָט ער אַ פאַרקלערטער געפרעגט:

— איר האָט מורא פאַר שטשורעס ?... איך, למשל, פאַרטראָג זיי נישט, ניט אַזוי אויס פחד, נאָר פאַר זייער העסלעכקייט. ברר — ס'ווילט זיך מיר ברעכן. דאָרטן, אין די קעלערן שווימלט עס מיט אָט די ברואים... אָט אַזעלכע... — האָט ער צענומען מיט די הענט. — — — — — — — —

איצט, ליגנדיק אויפן צעפוילטן שעניק, איז ער געקומען צום אויספיר, אַז די דאָזיקע "ברואים" זענען ווײַט נישט פון די סאַמע שרעקלעכסטע און העסלעכסטע באַשעפענישן אויף דער וועלט... זיי פישטשען בלויז אַ ביסל צו פיל ביז ער וואַרפט זיי פאַנאַנדער די ברעקלעך — אַ טייל פון זײַן מאַגערער ברויט-פּאַרציִע... דערנאָך צעלויפן זיי זיך פריילעך צו זייערע מיט בלעך אַרומגעקלאַפּטע לעכער...

יאָ, צו אַלץ קען אַ בן-אדם געוווינט ווערן, אפילו ווען ס'איז געבליבן די ברירה: "אָדער אויסציִען די פיס פאַר הונגער, אָדער פאַרקאַליִעט ווערן פון קעלט"...

יעקבס גוטער מלאך האָט אָבער ווײַזט אויס, נישט געוואָלט, סע זאָל זיך אַזוי באַנאַל ענדיקן זײַן שטיקל לעבן...

נאָך צוויי וואָכן לוביאַנקע-קאַרצער, האָבן זיך פּלוצעם צעגרילצט די שווערע שליסלען אינעם שלאָס פון דער געפּאַנצערטער קעלער-טיר, אַ שטראָם לופט געמישט מיט ליכט האָט אַ שפּאַר געטאָן פון דער צעעפנטער לאָך...

אויפן שוועל פונעם ערשטן טרעפּל, וואָס אַראָפּ צו זײַן קעלער-צעלע, האָט ער סמוטנע דערזען איבער זיך דעם אויספאָרשער אין דער באַגלייטונג פון צוויי טורמע-וועכטער... אָבער לאָמיר, ווי זאָגט מען דאָס, נישט פאַרכאַפּן די פיש פאַר דער נעץ — צוערשט האָט יעקב נישט דערזען, נאָר ער איז ממש פאַרשיכורט געוואָרן ביז צו קאָפּ-דרייעניש פון דעם דערשטוינענדיקן, דעם דאָן יענוועלטיקן ריח פאַר אים — דעם שאַרפן גערוך פון אָדעקאָלאָן, וואָס האָט זיך געטראָגן פון זייערע גוט אויסגעגאָלטע גאָמבעס, דערנאָך האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אין די אויגן לאַוורענטיעווס, ביז צו שפּיגל-גלאַנץ אויסגעפּוצטע, אָפיצירסקע שטיוועלעך און שפּעטער האָט ער שוין דערזען די אַלע דרײַ פּײַנע לײַט.

— דו זשיפּעסט נאָך דאָרטן, היי דו?... — האָט אַראָפּגעשריגן איינער פון די וועכטער.

אָבער דער איידעלער פּאָדפּאָלקאָווניק האָט יענעם בייז אַ צופּ געטאָן פאַרן אַרבל און נישט גאָר איידל אים אָפּגעשטויסן. איבערבאַרענדיק דאָס איבלעניש פון דעם קאַרצער-געשטאַנק האָט ער זיך אַראָפּגעבויגן און גערופן:

— בירגער חשובער, אויב איר קענט, זײַט אַזוי גוט און קומט צו אונדז...

מיט אָפּגעשוואַכטע טריט האָט יעקב גובר געוווען די עטלעכע טרעפּלעך און, זשמורענדיק די אויגן, אַרויף צום קעלער-קאָרידאָר פון דער לוביאַנקע.

— אײַ, אײַ, אײַ — צו וואָס איר האָט זיך דערפירט! — האָט באַדויערנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ זײַן "בירגער אויספאָרשער"... האָט איר זיך דאָרט כאָטש צו עפּעס דערטראַכט? — האָט לאַוורענטיעוו פאַרטריילעך אַרײַנגעשעפּטשעט אין יעקבן.

— איך האָב שוין בכלל פֿאַרגעסן ווי צו טראַכטן, בירגער אויספֿאָרשער — האָט ער קוים צוריקגעשעפּטשעט.

— נו, נעמט דיך דער טײַוול, יאַקאָוו נאַומאָוויטש — יאָ אַנערקענט צי ניט אַנערקענט זיך — דײַניקס ווסטו אַלציינס באַקומען! נאַטשאַלסטוואַ האָט באַשטימט איבערגעבן דײַן ענין צו דער טרויקע [1].

ווען די קאַרצער־טירן האָט מען שוין צוריק פֿאַרהאַקט און צוגעשלאָסן האָט לאַווורענטיעוו באַפֿוילן צו די וועכטער: פֿירט אים צוריק אין זײַן פֿריִערדיקער קאַמער, אין דער זעכצנטער, אויפֿן דריטן ... און — טשאַרט ס טאַבוי [2] — האָט ער נישט פֿאַרגעסן זיך צו געזעגענען...

2

איידער וואָס האָט מען יעקבן שוויַגנדיק אַרײַנגערוקט אַ שטיקל זייף אין האַנט, באַפֿוילן אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך די ברודנע און דורכגעגעצטע בגדים, כדי זיי דורכזשאַרען בלע״ז — דעזינפֿעקצירן — ״סאַנאָבראַבאָטקע״ האָט דאָס געהייסן...

דערנאָך — פֿאַרשפּאַרט אין באָד־צימערל פֿון דער טורמע, ווו ער האָט דורכגעלעבט דעם סאַמע ליכטיקסטן פֿאַרגעניגן, די סאַמע זיסטע צוואַנציק מינוט פֿאַר אַלע זײַנע יאָרן: ער האָט זיך גוט אָרומגעזייפֿט, אָרומגעוואָשן און אָרומגעשטשאָבעט זיך, געפּליושקעט זיך אין קאַלטע און זודיקע וואַסערן און ר׳האָט, דאַכט זיך, דערפֿילט דעם חיותדיקן טעם, וואָס עס וואָלט געוויס באַדאַרפֿט שפּירן אַ צוגעפּלעטשטער צו דער ערד וואָרעם, וועלכער וואָלט פּלוצים באַקומען... פֿליגל צום פֿליִען.

און אַט פֿירן אים שוין זײַנע מונדירטע צוויי זשלאָבעס מיט די שטום־געשלאָסענע פּנימער איבער דעם לאַנגן, ווייך אונטערגעבעטן און קלאַנגלאָזן טורמע־קאָרידאָר פֿון דריטן שטאָק. אַט פֿירט מען אים שוין אַ פֿריש אויסגעצוואָגנעם און פֿריש־געגאָלטן, אין דעם באַנײַטן, דערוואָרעמטן אַנטועכץ, וואָס שמעקט נאָך מיט זיסלעכן רויך פֿון דער ״פֿראָזשאַרקע״. מע פֿירט אים ווי להבדיל, אַ חתן־בחור צום גן־עדן־טיש, צוריק אין דער ״היימישער״ זעכצנטער קאַמער ווו ס׳וואַרט אויף אים געוויס זײַן גוטער שכן מאַידאַטשעווסקי, אַ גאַנץ ווויל גויעצל, וועמענס טרויעריקע געשיכטע ס׳לוינט זיך באַזונדער דערציילן, אָבער וועגן דעם — בײַ אַנדערע אומשטענדן...

נאָר אַט, האָט מען אים שוין אַרײַנגעשפּאַרט אין זײַן היימישער זעכצנטער. די שווערע טיר האָט מען שוין צוגעהאַקט און צוגעשלאָסן און שטאַט מײַדאַטשעווסקין שטייט פֿאַר אים אַ ווילד־פֿרעמדער פֿאַרשוין. אויף יענעמס לענגלעך אויסגעדאַרט פּנים — טיף־אַרײַנגעזעצטע אויגן, וואָס ברענען מיט עפּעס אַ מין פֿאַר־

1 אַ געהיימנישספֿולע קאָמיסיע פֿון דריי פּערזאָן, וואָס פֿלעגט נאָך אַלע ענדגילטיקע פֿאַרשונגען אַרויסטראָגן דעם פּסק דין איבער דעם באַשולדיקטן.

2 דער טײַוול זאָל דיך נעמען! (רוסיש).

צערנדיקן און דאַרשטיק־טרוקענעם פלאַם. אַזעלכע אויגן האָט יעקב אַ מאָל געזען ביי די "הייליקע" און "מאַרטירער" אויף די בילדער פון מיטלאַלטערלעכן רוסישן קינסטלער און "איקאָנאָפּיסיעץ" [3] אַנדריי רובליאָוו...

דער פאַרשוין קוקט אויף אים שווייַגנדיק און ס'איז שווער צו פאַרשטיין וואָס באַטייַט דער דאַזיקער בליק. שפּיגלען זיך אָפּ יענעמס אויגן שרעק און מיטלייד, (זעט ער טאַקע אויס אַזוי שרעקלעך און... נעבעכדיק?), אָדער פּייַנלעכע נייַגעריקייט צו אַן ערשט געקומענעם נייַעם קאַמער־חבר?... צי האָט יעקב זיך ערשט געקליבן, צי ער האָט שוין באַוויזן עפּעס צו זאָגן, נאָר ס'האָט זיך אויף אים פּלוצים אַרויפגעוואָלגערט אַ מוראדיקע מידקייט, אַ קאָפּ־דרייעניש... און ווער קען וויסן, ווי ער האָט זיך צוגעשלעפּט צו דער אונטערשטער נאַרע, זיך אויסגעצויגן און אַרייַנגעפאַלן אין טיפן שלאָף. דאָס איז געשען, ווי ער האָט שפּעטער פאַרשטאַנען, אַ זייגער צוועלף ביי טאָג. דורכן שלאָף האָט זיך צו אים דערטראָגן אַ פאַרזיכטיקער שאָרך פון טריט און שליסל־געקלאַנג. ווען יעקב האָט געעפנט אַ ווײַלע די אויגן איז שוין זייַן שכן ניט געווען. דער עלעקטרישער לאָמפּ פון הויכן סופיט האָט שאַרף געבלענדט...

— קענטיק — האָט ער אַ קלער געטאָן, — מע האָט אים, דעם שכן, ערשט אוועקגענומען אויפן פאַרהער — אויף אַ נאַכט־"דאָפּראָס" (לויט זייַן אייגענער דערפאַרונג — פון פינף אַזייגער אין אָוונט בין דריי־פיר גאַנצפרי).

אויפן אייַנגעשרויפטן צום דיל מעטאַלענעם טיש האָט געוואַרט אויף אים דער אויסגעקילטער מיטאָג, דער טראַדיציאָנעלער לוביאַנקער הערינג־זופּ און אַ ביסל הירזשענע קאַשע, צוזאַמען שוין מיט אַן אָוונטברויט — ווידער די זעלבע קאַשע און אַ טשאַשקע מוטנע לעבלעכע נאָך טיי, ס'האָבן זיך אויך געשוואַרצט אויפן טיש די דרייַ רייפטלעך ברויט — די געוויינלעכע טורמע־פּאַרציע. ווי סע זאָל אים נישט געווען קלעמען דאָס האַרץ, נאָך אַ פּאָר וואָכן אויסהונגערן זיך, בעתן קאַרצער־רעזשים, איז יעקב פּאָרט נישט בכוח געווען צו זעצן זיך צו אָט דער מלכותדיקער סעודה — ס'האָט אים ווידער אַ פאַרפּענטעטן אַרייַנגעשלעפּט אין די טיפענישן פון שלאָף...

ס'איז שוין געווען גרויסער טאָג, ווען יעקב האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ ביסל אַ דערפרישטער. זייַן נייַער קאַמער־חבר איז געזעסן קעגנאיבער ביים טיש. דעם קאָפּ איןביידע הענט, האָט ער זיך געשאָקלט, ווי להבדיל ביים דאַווענען, אָדער גאָר ווי אַ מענטש בעת אומדערטרעגלעכן ציין־ווייטיק. ער איז קענטיק פאַרזונקען געווען אין זייַנע גאָר נישט פריילעכע מחשבות...

ווען יעקב האָט זיך אַ הייב געטאָן פון געלעגער, האָט זייַן שכן אויפגעצאַפּלט ווי פון שרעק, ער איז אָבער תיכף געקומען צו זיך און האָט שטיל און ווי פאַר־שולדיקט געזאָגט:

— זיי האָבן באַפוילן מע זאָל אייַך ניט וועקן. דאָס נעבעכטיקע עסן אייַערס

3 אַ מאָלער פון "הייליקע בילדער" (איקאָנעס).

האָבן זיי ערשט צוגענומען... אָבער זאָרגט ניט — האָט ער אים פּאָרטרויט — מיר איז דערלויבט באַקומען איינגעקויפטס פון "לאָריאַק". כ'וועל מיט פרייד זיך טיילן מיט אײַך און כ'וועל אפשר אויך זיך פאַרדינען אַ מיצווה. זאָל דער מלך־מן־השמים זיך אַ ביסל מרחם זײַן אויף זײַן, אין זינד פאַרזונקענעם, קנעכט — האָט ער זיך פרום איבערגעצלמט.

ער האָט אײַליק צעבונדן אַ ריינע לײַוונטענע טאָרבע, אַרויסגענומען פון דאָרט און אַרויסגעלייגט אויפן טיש עסנוואַרג, וועגן וועלכע יעקב האָט שוין לאַנג אפילו אין די זיסטע חלומות נישט געחלומט: וווּרשט און וווּרשטלעך, קעזן און קעזלעך, פּוטער־קיכלעך און ביסקוויטן...

פאַרשטייט זיך, אַז יעקב האָט אים געטאָן די טובה און געהאָלפן אים זיך ריינוואַשן פון זינד... און למען־האמת — דער מענטש האָט זיך נישט געקאַרגט און בפירוש זיך געקוויקט פון גאַנצן האַרצן מיט זײַן אַפּעטיט, קיין עין־הרע... יונג איז ער דאָן געווען, יעקב, כמעט אויף אַ יאָר צען ייִנגער פון דעם גוטהאַרציקן שכן און קיין גרויסע חרטה־פּײַניקונגען האָבן אויך נישט צו פיל דאָן פאַרפאַלגט זײַן זינדיקע נשמה — פאַר וואָס טאַקע נישט הנאה האָבן פון אַזאַ מין פרעס? אמת, דערבײַ האָט ער אויך אַ קלער געטאָן: דער אויספאָרשער דערלויבט זײַן קרבן אויסשרײַבן זיך פּראָדוקטן פון טורמע־לאָריאַק, פאַרן געלט וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך, אָדער וואָס זײַנע קרובים טראָגן אַרײַן פאַר אים — מע דערלויבט עס אָבער נאָר אין דעם פאַל, ווען ער, דער קרבן "שפּאַלט זיך", דאָס הייסט ער "אָנערקענט זיך" אין זײַנע "חטאים" און הייבט אָן אַרויסגעבן זײַנע "מיטפאַרברעכערס"...

מען מוז אָבער מודה זײַן, אַז בײַ דעם געדאַנק האָט יעקב זיך נישט אָנגעהויבן צו וואָרגן מיטן ביסן, — ווײַל ווער ווייסט — האָט ער דערבײַ געקלערט — ווער ווייסט, וואָס דער מענטש האָט געהאָט אויסצושטיין אין די נעכט בעת די "דאָפּראָסן"[4]! נישט יעדן, סוף־כל־סוף, פאַלט אויס אַזאַ מזלדיקע קאָרט ווי בײַ אים, נישט יעדן איז באַשערט אַרײַנצופאַלן אין די הענט פון אַזאַ מין אויספאָרשער ווי לאָווורענטיעוו! נישט איין מאָל, בעת די לאַנגע אויסמאַטערנדיקע נודנע דאָפּראָסן, פלעגט יעקב אויפציטערן, דערהערנדיק טויבע קלעפּ, גראָבע זידלערייען און האַרץ־רײַסנדיקע געשרייען, וואָס האָבן זיך דערטראָגן צו לאָווורענטיעווס שטילן צימער פון די אַרומיקע קאַבינעטן. דאָס פלעגט, אמת, געשען ווען די דיקע, מיט דערמאַטין באַדעקטע, טיר האָט עט־וואָס, אויף אַ שפּאַרונקעלע זיך צעעפנט.

זײַן פאַדפאַלקאָווניק פלעגט אין אַזעלכע פאַלן מיט גרויס פאַרדראָס זיך אַפּרײַסן פון די פּאַפּירן, שווערלײַביק זיך אויפהייבן פון טיש און אַוועק צושפּאַרן די טיר און שטענדיק מיט איינער און דער זעלבער טענה:

— אַזעלכע קרעטינען... אין דער מוטערס מאַמען אַרײַן!... מענטשן זאָלן נישט קענען רעכט צומאַכן אַ טיר!

4 פאַרשונגען (רוסיש).

פאַרשטייט זיך, אַז אויך זײַן לאָורענטיעוו איז ווײַט ניט געווען קיין מלאך... אָבער וועגן דעם בײַ אַן אַנדער געלעגנהייט...

דערווײַל האָט יעקב ענדלעך געשטילט דעם הונגער און מיט אָפענע אויערן גע־הערט ווי זײַן נײַער שכן גיסט אויס פאַר אים דאָס פאַרביטערטע האַרץ. בעת די טורמע־אַפּקומענישן, צי שפּעטער אין די צוואַנגס־לאַגערן האָט יעקב זיך ניט אָנגע־טראָפן אויף קיין אַנדער מענטש אַזעלכן, וואָס זאָל אַזוי געפּלאָגט זײַן, וועלכער זאָל זיך אַליין אַזוי פּײַניקן, גלײַך ער וואָלט אויף זיך אַליין אָנגערייצט אַ גאַנצע כאַפּטע בייזע צעיושעטע יאָגד־הינט, זיי זאָלן אים יאָגן און רײַסן פון אים שטיקער.

אַזוי טאָקע האָט ער, דער שכן זײַנער געזאָגט: — מײַנע פינצטערע חטאים פאַרפאָלגן מיך ווי, ווי דעם ניט־גוטנס כלבים...

און ווײַטער:

— איך הער נישט אויף צו זאָגן ווידוי און וואָס מער כ׳בין זיך מתוודה, וואָס מער כ׳פאַל מיט פּנים צו דער ערד פאַר אונדזער ליכטיקן יעזוס דעם באַרמהער־ציקן — אַלץ מער צעוואַקסן זיך מײַנע גרויסע זינד קעגן גאָט און לײַט...

קראַסאָווסקי, אָסיפּ אַוואַקומאָוויטש, — אַזוי האָט מען אים גערופן, יעקבס שכן, — האָט שוין געדאַרפט פאַרענדיקן די גלחים־סעמינאַריע, וואָס אין דער אַלטער און באַרימטער קלויסטער־שטאָט זאַגאָרסק, ניט ווײַט פון מאָסקווע... אָבער אין איינער אַ פינצטערער ווינטער־נאַכט האָט מען זיך אַרײַנגעריסן צו זיי אין הויז, אַרויסגעשלעפּט אים פון זײַן וואַרעם געלעגער... ער איז דאַן געשטאַנען אין איינע וועש, אַ פאַרשטאַרטער און ווי פּרילישעט פון אַט דעם אומגעריכטן און ברוטאַלן איבערפאַל. איינער פון די געזונטע חברהלײַט האָט זיך אָוועקגעשטעלט אים היטן, די איבעריקע צוויי האָבן עפּעס געזוכט: איבערגעטרייסלט דאָס בעט־געוואַנט, איבערגענישטערט די בגדים און דאָס וועש, געקלאַפּט אין די ווענט, געבלעטערט ביכער און הייליקע ספרים און זיי געשלײַדערט אויפן דיל, אַרײַנ־געקוקט איבער און אונטער די שאַפעס, געפּויזעט, זוכנדיק עפּעס אונטער די בעטן...

ער האָט דאַן געלעבט צוזאַמען מיטן פאָטער (די מוטער איז צוריק מיט אַ יאָר אַוועק אויף דער גוטער וועלט...). זײַן טאַטע איז געווען אַ באַשיידענער מענטש — די רוסן זאָגן: "שטילער פון וואַסער, נידעריקער פון גראָז" — כאָטש ער, דער פאָטער זײַנער האָט זיך גערעכנט און געשעמט צווישן די ווייניק פאַר־בליבענע האַלצשניצערס און פאַלקס־מאַלערס, ווי איינער פון די בעסטע, איידלסטע פאַכלײַט בײַם אויסמײַסטערעווען די זאַגאָרסקער פאַלירטע שקאַטולקעס און חריפות־דיק־באַמאַלטע קעסטעלעך, די פריילעך קאָלירטע און קונציק אויסגעשניצטע שפּילצײַג, באַרימטע אויף גאָר דער וועלט. איצט איז ער אויך געשטאַנען, אַן אַרויסגעריסענער פון שלאָף, געפּינטלט מיט די קורצזיכטיקע אויגן. ער האָט קיין זאַך נישט באַנומען פון דעם וואָס דאָ טוט זיך אָפּ. ער איז כמעט ווי זיכער געווען, אַז דאָס איז נישט מער ווי זייער אַ שלעכטער חלום, פון וועלכן מע דאַרף זיך אַרויספּלאָנטערן און אַז אָט־אָט כאַפּט ער זיך אויף און אָטעמט אַרויס מיט פאַר־

געניגן דעם דאָזיקן קאַשמאַר, צו אַלדי שוואַרצע יאָר. אָבער דאָס פּאַטערלעכע האַרץ זײַנס איז אַלץ מער און מער פאַרלאָפן געוואָרן מיט גרויס פּחד פאַר זײַן איין־און־איינציקן נחת אויף די עלטערע יאָרן — זײַן געראַטענעם בן־יחיד, וועמען גאַטספאַרכטיקע טאַטע־מאַמע האָבן אין די ביטערסטע צײַטן אויסגעקעכלט און מיט מסירות־נפש אויסגעהיט פון אַ בייז אויג, מיט גרויס געפאַר פאַרן אייגענעם לעבן, אַרויסגעראַטעוועט אים, אויסבאַהאַלטן פון די גאַטלאָזע שקאַלעס און קאָמסאָמאָליעס.

די ק.ג.ב.־לײַט האָבן אַקוראַט פאַרפאַקט דאָס אויסגעזוכטע אויף צו נעמען מיט זיך: אַ פּאָר נאַטיץ־ביכלעך, אייניקע דינע העפטלעך מיט קאָנספּעקטן אויף טעאָסאָפישע טעמעס, פּערזענלעכע דאָקומענטן און צײַגענישן און, פאַרשטייט זיך, זײַן ניט פאַרענדיקטע דיפּלאָם־אַרבעט „צו דער געשיכטע פון דער פּראַוואָסלאַווי־שער קירך אין רוסלאַנד". דערנאָך האָבן זיי אים באַפוילן זיך אָנטאָן און גיין מיט זיי „נישט מער ווי אויף אַ פּאָר שעה, כדי אויסצוקלאָרן אייניקע קלייניקייטן". דער פּאַטער האָט זיך כליפּענדיק געוואָרפן צום זון מיט אויסגעשטרעקטע הענט, אָבער די לײַט האָבן, זידלענדיק מיט די גראָבסטע ניבול־פּה־רייד, אים אָפּגעשטויסן און ער איז הילפלאָז געפאַלן צום דיל ווו ס'האָבן זיך געוואַלגערט די ספרים. — —

— — — — — — — — — — — — —

יעקב נאַומאָוויטש זאַבאַראָוו האָט זיך געהאַלטן בײַ אַ כלל: צו קיינעם, מיט וועמען ער זאָל זיך ניט טרעפן אין טורמע־צעל, צי שפּעטער אין די לאַגערן — צו קיינעם ניט צושטיין מיט קיין איבעריקע שאלות, נישט קריכן יענעם אין דער נשמה, כאָטש ער אַליין בטבע איז משונה־ווילד נײַגעריק געווען צו נײַע מענטשן. . .

טאָמער אָבער פלעגט מען צושטיין צו אים, האָט עס אים לגמרי ניט גערעגט — ער האָט רויִק און קורץ געענטפערט דאָס וואָס ער אַליין האָט געוווּסט וועגן זיך און וועגן זײַן „ענין", דאָס האָט אייגנטלעך אויך זײַן „בירגער אויספאָרשער" שוין אויך געוווּסט אויף אויסנווייניק; און יעקב האָט געהאַט פון אים געבראַטענע צרות. „יעקב נאַומאָוויטש — האָט ער געטענהט — ביסט דאָך ווי כ'האָב געהערט אַ גאַנץ פיינער זשורנאַליסט און ס'קלעקט בײַ דיר נישט קיין ברעקל פאַנטאַזיע כדי דו זאָלסט דערציילן עפּעס מער פון דעם וואָס דו אַליין ווייסט וועגן זיך, צי וועגן אַנדערע . . .".

בקיצור, אויב עמעצער האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט פלעגט יעקב ענטפערן און ס'האָט זיך באַקומען בערך אַזאַ מין שטיקל דיאַלאָג:

— פאַר וואָס האָט מען דיך אַרײַנגעזעצט ?

— כ'ווייס ניט.

— וואָס האָט מען אינקרימינירט ?

— שפּיאָנאַזש, בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישע גרופּן־אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנ־דע . . . שפּיאָנאַזש איז אָפּגעפאַלן.

— אַגיטאַציע . . . פּלאַפּלערײַ, הייסט עס . . . האָסט ערגעץ, צי פאַר עמעצן אויסגעדריקט אומצופרידנקייט מיט דער פּאָליטיק ?

— וואַרשײַנלעך . . . ווען אַרום און אַרום זעצט מען דײַנע באַליבטע לערער,

דיינע טרייע חברים און פריינט — טאַנצט מען נישט פון שמחה און מע פּאַטשט ניט קיין בראַוואָ...

ווי ס'וויַיזט זיך אַרויס, האָבן די דאַזיקע, ווי וויַיט מעגלעך קורצע און מער ווייניקער פּאָדראָבנע, ענטפערס שטאַרק אויסגענומען בייַ זיַין נייעם שכן־לצרה קראַסאָווסקין. ס'האָט ביַי אים אַרויסגערופן עפּעס אַ מין באַזונדער חשיבות און צוטרוי צו יעקבן... זיין פריִערדיקער שכן מאַידאַטשעווסקי האָט, לויט קראַסאָווסקיס רייד, זיך געפירט מיט אים אינטעליגענט אָבער ביז גאָר קאַלט און אָפּגעפרעמדט...

ווען מע פלעגט קראַסאָווסקין ברענגען פון די דאָפּראָסן אַ זייגער פינף פאַרפרי, אַ בלייכן, אַ געהויקערטן און ווי אין גאַנצן אָן אויסגעקוועטשטן, פלעגט ער קוים פלאָנטערן מיט די פיס און די ניט באַזיניקטע אויגן האָבן געבלאַנדזשעט ווער ווייסט וווּ...

ס'איז נאָך דערלויבט געווען צו שלאָפן אַ גוטע פיר שעה, זיך אַ ביסל אויסרוען און קומען צו זיך, אָבער ער פלעגט זיך זעלטן באַנוצן מיט אָט דער "פּריווילעגיע", וויפל יעקב זאָל אים נישט געווען אייַנגערעדן דערצו — נישט מיט גוטן און נישט מיט שלעכטן.

ער פלעגט זיך זעצן אויפן געלעגער, דעם קאָפּ פאַרגראָבן אין די הענט און שאָקלען זיך ווי אַ זייגער־אומרו און אויך די ליפּן האָבן אָן אויפהער עפּעס געמורמלט... ווען יעקב האָט זיך איין מאָל אויפגעוועקט פון שלאָף האָט ער אים דערזען אויף די קני, ער האָט זיך פיבערהאַפט געציילעמט און געשלאָגן זיך מיטן קאָפּ אין דיל... אַ גליק וואָס דער טורמע־וועכטער, וואָס פלעגט צייטנוויַיז אַריַינקוקן אין דעם "וואָלפן־אויג" פון דער געקאָוועט־פאַרשפּאַרטער טיר, האָט אים קיין איין מאָל נישט געכאַפּט ביַי די דאַזיקע "מאָליטוועס". אַנדערש, וואָלט ער זייער שלעכט אָפּגעשניטן...

נאָך איינעם פון די דאָפּראָסן האָט ער יעקבן פאַרטרוילעך אַריַינגעפּליסטערט אין אויער:

— היַינט האָב איך אָנגערעדט שרעקלעכע זאַכן אויף מיַין נאָענסטן חבר פון סעמינאַריע־קורס...

יעקב האָט אויפגעציטערט... קראַסאָווסקי האָט אָנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר מוטנע בעטלענדיקע אויגן, גלייך ער וואָלט געוואָלט ביַי יעקבן אַרויסקריגן פאַרשטענדעניש און... רחמים. — "וואָס וויל ער פון מיר ?" — האָט יעקב כמעט מיט שרעק און מיט ווידערווילן געקלערט — "צו וואָס דאַרף איך דאָס וויסן ?"

— — — — — — — — — — —

ער האָט שוין באַגעגנט מענטשן וואָס האָבן זיך "געשפּאָלטן", אייַנגעבראָכענע, וואָס האָבן זייער בראָך געטראָגן, אויסבאַהאַלטן טיף אין זיך און זייער זעלטן, ווען זיי האָבן דאָס פאַרטרויט אַ צווייטן, אַנדערע ביַי וועמען מע פלעגט אויך דורך מערדערלעכע פּיַיניקונגען, אויספּרעסן "אָנערקענונג" אין שרעקלעכע זינד, אויסקוועטשן נעמען פון "מיטבאַטייליקטע", האָבן, ווי ס'דאַכט, אויסבאַהאַלטן זייער

שוואכקייט און אומבאַהאָלפנקייט נישט נאָר פאַר יענעם, נאָר אויך פאַר זיך אַליין, פאַר אַזעלכע איז די ערגסטע שטראָף געווען איינזאַמקייט, זיי האָבן מורא געהאַט פאַרבלייַבן אויג־אויף־אויג מיט זיך אַליין. ס'פלעגן זיך טרעפן אויך ציניקער. ציניקער געווינלעכע און ציניקער "אידעאָלאָגישע". די ערשטע פלעגן אויסגעפינען פאַרשידענע פאַרענטפערונגען פאַר זייער שוואַכקייט, ווי למשל איינעם אַזאַ: "וואָלט איך נישט אָנגערופן דעם נאָמען פון מייַן חבר, וואָלט יענער אָנגערופן מייַן נאָמען און מיר וואָלטן במילא ביידע געמוזט אָנערקענען זיך אין די פאַרברעכנט"...

די "אידעאָלאָגישע" האָבן זיך געשפּירט נאָך פעסטער. איינער אַן אַלטער באָלשעוויק, אפילו אַ געוועזענער מיטגליד פון צ.ק. האָט יעקבן אַ מאָל געגעבן צו דערקלערן:

— איר פאַרשטייט, מיר זענען געניויגט געווען צו דערפירן סטאַלינס רע־פּרעסיעס ביז צום אַבסאָלוטן אַבסורד, דעריבער האָבן מיר באַשטימט זיך אָנער־קענען אין פאַרשידענע שווערע זינד און בעיקר אָנרופן וואָס מער נעמען, וואָס מער — הונדערטער, טויזנטער, אפילו — מיליאָנען! — איז ער אַרייַן אין עקסטאַז — זאָל מען דערקלערן פאַר פאַרברעכער, שעדיקער, קאָנטר־רעוואָלו־ציאָנערן, שפּיאָנען, פאַררעטער דרייַ פערטל פון די פאַרטיי־מיטגלידער, זאָל מען אָנרופן פאָלקס־שונאים העכער האַלב פון פאָלק! זאָל די וועלט פאַרשטייען, זאָל די פאַרטיי, זאָל דאָס לאַנד ענדלעך קומען צו זיך און אַראָפּשלייַדערן דעם "געניאַלן" מטורף, דעם גרויסן מענטשנפרעסער מיט זייַנע בלוטיקע משרתים!...

"זאָל מען" — ס'האָט זיך אָבער נישט געזאָלט... יאָ, געווען אויך אַזעלכע.

פיל אַנדערע און פאַרשידענע האָט יעקב באַגעגנט איבער זייַנע טורמע־און גולאַג־וואָגלעניש, אָבער אַזאַ אויסטערלישער פאַרשוין ווי אָט דער קראַסאָווסקי איז פאַר אים געווען גאָר אַ באַזונדער מין אַנטפּלעקונג.

— צו וואָס דאַרף איך דאָס וויסן? און וואָס ווילט איר פון מיר, אָסיפּ אוואַקומאָוויטש, מיט וואָס קען איך אייַך טרייסטן אין אַזאַ פאַל?

— איר דאַרפט גיט, טייַערינקער, און ס'איז נישטאָ פאַר מיר קיין טרייסט... איך מוז מיך פאַר אייַך מתוודה זייַן... — האָט ער זיך מיט שווייסיקע דלאָניעס אייַנגעקלאַמערט אין יעקבס הענט... — פאַר קיין אַנדערן וואָלט איך דאָס נישט געטאָן...

"ער טוט מיר נאָך אַ גרויסע טובה!..." — האָט יעקב מיט עקל אַ קרומען שמייכל געטאָן אין זיך.

— כ'בין דאָך אָבער נישט קיין גלח, באַטיענקע, כ'בין אויך נישט קיין קריסט, כ'בין אַ פּשוטער ייִד און אפילו נישט קיין פרומער...

יאַקאָוו נאַומאָוויטש, טייַערינקער... — האָט ער זיך נאָך מער געקלאַמערט און שטיל־סקאַווטשענדיק זיך צעכליפּעט ווי אַ קינד.

יעקב האָט קיין מאָל נישט געקענט פאַרלייַדן דאָס אומגליקלעכע געוויין פון קליינע קינדער, ער ווערט אויך איבערפולט מיט ווייטיקלעכן רחמנות, ווען עס סקאַווטשעט עפּעס אַ געשלאָגן הינטל. . וואָס האָט ער געקענט טאָן? פון יענעם

פרימאָרגן האָט ער שוין נאָך יעדן דאַפּראָס געהאָרכזאַם געהערט קראַסאָווסקעס ווידוי זאָגן...

אָסיפ אוואַקומאָוויטש איז נישט שטענדיק געווען קיין גוט קינד ביַי זיַינע טריַיע גאָטספאָרכטיקע טאַטע־מאַמע און ביַי דער רוסיש־פּראַוואָסלאַוונע צערקווע. ערגעץ אין די צוואַנציקער יאָרן איז ער יינגלוויַיז געשטרויכלט געוואָרן: ער איז מגולגל געוואָרן אין אַ הייסן "חסיד" פון דעם אַרכיערייִ אַלעקסאַנדער וויעדיענ־סקי — דעם גרינדער פון דער באַוועגונג "אָבנאָווליענטשעסקאַיאַ צערקאָוו", דאָס הייסט — "די באַניַיטע פּראַוואָסלאַוונע (רעכטגלויביקע) קירך".

מעגלעך, אַז אַלעקסאַנדער וויעדיענסקי, איינער פון די קליגסטע, געלערנסטע און שאַרפזיניקסטע גלחים (קראַסאָווסקי האָט געזאָגט אַפילו, אַז ער איז פון אַ יידישן אָפּשטאַם), מעגלעך, אַז ער האָט געהאַט אַ גוטע כוונה! ראַטעווען פון אונטערגאַנג די רוסישע פּראַוואָסלאַוויע, וועלכע האָט אויסגעזען דאַן גאַנץ נעבעכ־דיק: פיל פון אירע פירער, אירע הייליקע פּאַסטעכער, האָבן די באָלשעוויקעס אָדער אומגעבראַכט אָדער פאַרטריבן אין אַזעלכע וויַיטן, פון וועלכע מע קומט שוין זעלטן צוריק. די גרעסטע סאָבאָרן, קלויסטערס און מאָנאַסטירן האָט מען פאַר־מאַכט אָדער פאַרוואַנדלט אין סקלאַדן און אַנדערע "נוצלעכע בנינים", די גלעקער האָט מען אַראָפּגעשליַידערט, כדי זיי איבערשמעלצן אין "נוצלעכע מעטאַל" פאַר דער רעוואָלוציאָנערער מאַכט...

דאַן טאַקע איז צווישן אַנדערע אויך אויפגעשווומען דאָס פּאַטערל וויעדיענסקי און אָנגעהויבן צו פּריידיקן, אַז די קאָמוניסטישע אידעאַלן פאַלן זיך פּינקטלעך צונויף מיט די הייליקע רייד און שריפטן פון יעזוסן און זיַינע טריַיע אַפּאָסטאָלן.

דער יונגער קראַסאָווסקי איז געוואָרן אַ באַגיַיסטערטער תלמיד פון דעם ניַיעם "נביא", אויסגעוועון אויף אַלע זיַינע פיַיערדיקע דרשות פאַר די פּראַ־וואָסלאַוונע, אויף אַלע שטורמישע דיספּוטן מיט די גרעסטע באָלשעוויסטישע אַטעיִסטן־"קולטורטרעגער", איַינגעשלאָסן דעם פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר בילדונג אַלעקסאַנדער לונאַטשאַרסקי, און אויך אים אַפילו, אים — דעם הויך־אינטעלעקטו־עלן דעמאַגאָג פון דער "פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע", האָט קראַסאָווסקיס "נביא" נישט איין מאָל פאַריאָגט אין אַ טעמפּן ווינקל מיט זיַינע טאַקטישע, אָבער שאַרפ־זיניקע דערווידערונגען לטובת דער רעליגיע. צווישן דעם שטורמיש־אַפּלאָדירנדיקן עולם, האָט, דאַכט זיך, מער פון אַלע היתלהבותדיק געיובלט דער יונגער אָסיפּ.

אָבער צו אַלץ נעמט אַ סוף און גיכער פון אַלץ — אין סאָוועט־רוסלאַנד.

אַלץ ווייניקער און ווייניקער זענען פאַרבליבן מתפללים אין די "אָבנאָוו־ליענטשעסקע" קלויסטערס — מען איז זיך צו ביסלעך צעקראָכן און אַוועק פון די "רויטע גלחים" צוריק אַהין, צו די אַלטע נאָך פאַרבליבענע צערקווס. קראַ־סאָווסקי, שוין דאַן אַ שטיקל "רויטער פּאָפּ", איז פאַרבליבן צווישן די לעצטע "כהנים" אין איינעם פון די "ניַיע" טעמפּלען...

אַלעקסאַנדער וויעדיענסקיס שטערן איז שטיל און כמעט פון קיינעם נישט באַמערקט, אונטערגעגאַנגען. ער אַליין איז אַ פאַרגעסענער געשטאָרבן אין מאָסקווע,

אין יאָר 1942, ווי אפשר שפּעטער, מע זאָגט אַז ער איז פּלוצים געפאַלן, בעת ער האָט געפּריידיקט פאַר אַ שיטער געזעמל אָנהענגער אין זײַן קלויסטערל אויף נאָוואָסלאָבאָדסקי־גאַס. דאָס דאָזיקע איינציקע קלויסטערל בשכנות מיט דער באַרימטער בוטירקע־טורמע, האָט סטאַלין, ווײַזט אויס צוליב חוזק אויף אַ ווײַלע נאָך איבערגעלאָזט פאַר יענער אַ מאָל מעכטיקער פּראַוואָסלאַווונער רעפאָרם־באַוועגונג . . .

און טאַקע בעת יענע מלחמה־יאָרן האָט דער אַמאָליקער סעמינאַריסט יאָסיף סטאַלין פּלוצים אַרויסגעוויזן שטאַרקע סענטימענטן צו דער טראַדיציאָנעלער רוסיש־פּראַוואָסלאַווונער קירך, גענומען זי אונטער זײַנע "פאָטערלעכע פליגל" און אומגעקערט צו איר ניט ווייניק פון דעם, וואָס לעניִן האָט בײַ זיי צוגערויבט . . . די "אַבנאָוולענצעס" האָט מען ענדלעך צעטריבן און געהאַלטן זיי אויפן אויג . . . ס'איז פאַרבײַ אַ שטיק צײַט . . .

שוין לאַנג ווי אָסיפּ קראַסאָווסקי האָט זיך שוין אויפגעהערט צו שלאָגן על־חטא פאַר זײַנע יוגנט־זינד, טאַטע־מאַמע האָבן אים שוין אוודאי מוחל געווען און זיך געשפּיגלט אין זייער בן־יחיד, וואָס ענדיקט שוין באַלד די סעמינאַריע . . . ווי פּלוצים, אין איינער אַ פינצטערער ווינטער־נאַכט . . . אָבער וועגן דעם, אויב ס'געדענקט זיך אײַך, איז שוין דערציילט געוואָרן. — — — — — — — — — —

ווי יעקב זאַבאַראָוו האָט פאַרשטאַנען פון קראַסאָווסקיס "ווידוי זאָגן", האָט זיך זײַן אויספאַרשער פון סאַמע אָנהייב נישט צו פיל באַדאַרפט באַמיִען, כדי ער, קראַסאָווסקי, זאָל "באַקומען לשון", בפרט, אַז פון סאַמע אָנהייב האָט זיך דער ענין געדרייט אַרום דער טעטיקייט פון זײַן אַמאָליקן פּאַלשן נביא אַלעקסאַנדער ווידיענסקי, וועגן וועמען ער האָט אַליין פאַרצייכנט גאַנץ שאַרפע קריטישע באַמערקונגען אין די נאָטיץ־ביכלעך, וועלכע זענען איצט געלעגן בײַ דעם אויספאַרשער אויפן טיש.

דער מאַיאָר ליפּאַטאָוו, וועמען ס'האָט, אגב, פאַטראַנירט "יעקבס" פאַדפאַל־קאַוונינג לאַוורענטיעוו, איז געווען אַ קליינוווקסיק מענטשל. זעלטן, ווען ס'איז שטאַרק נייטיק געווען, פלעגט ער זיך אַרײַנזעצן און ווי פאַרלירן זיך אין זײַן פאָטעל בײַם גרויסן שרײַבטיש, מייסטנס אָבער האָט ער ליב געהאַט אַרומדרייען זיך מיט לײַכטע קעציִשע טריטעלעך איבערן קאַבינעט — אַ מאָל נעענטער און אַ מאָל ווײַטער פון זײַן קרבן, וואָס פלעגט זיצן אַ פאַרחלשטער אין אַ ווינקל.

בלעטערנדיק קראַסאָווסקיס אַ נאָטיץ־ביכל, האָט ער, דרך אגב, פרידלעך אַ פרעג געטאָן יענעמס מיינונג וועגן זײַן "פאַרגעטערטן קומיר", דעם "רויטן אַרכיערײַ" אַלעקסאַנדער ווידיענסקי, דערבײַ איז ליפּאַטאָוו צו צום טיש, זיך באַקוועמלעך פאַרלאָרן אין פאָטעל און ווי אַ געניטער אָנטרײַבער אויף זײַן קעלניע, נאָכגעלאָזט די לייצעס, זיכער זײַענדיק, אַז דאָס פערדל וועט שוין אַליין דערפירן וווהין ס'איז נייטיק . . .

בײַ אָסיפּ אָוואַקומאָוויטש האָט נודאַטנע אָנגעהויבן צו קלעמען בײַם האַרץ און ער איז קוים בכוח געווען אָפּצושטעלן די קני־טרייסלעניש, ווען ער האָט

דערהערט די ווערטער: "אײַער פאַרגעטערטער קומיר". אַ ווײַלע האָט געדויערט ביזן איבערכאַפּן דעם אָטעם, כדי כמעט ווי געלאָסן צו ענטפערן:

— ס'איז אמת, בירגער אויספאָרשער, אַז בעת מײַן נאַרישער ייִנגלשאַפט, בין איך אַ קורצע צײַט אַראָפּ פון דרך הישר... אָבער... אָבער איר קענט זיך איבערצײַגן, לייענענדיק מײַנע פאַרצייכענונגען, אינעם נאָטיץ־ביכל, ווי כ'פּײַניק מיך דאָס גאַנצע לעבן איבער דעם וואָס כ'האָב אַ מאָל אַ נאַריש, אַ ניט געניט ייִנגל, כמעט אַ קינד, זיך געלאָזט פאַרפירן פון אָט דעם פאַרשאָלטענעם אַנטיכריסט, זאָל מען דאָרטן נישט אויפהערן צו פּרעגלען און בראָטן אים אויף די גיהנום־פלאַמען, גאָט מײַן באַרמהערציקער!...

קראַסאָווסקי האָט זיך אָפּגעשטעלט, וואַרטנדיק, ווײַזט אויס, אויף צוגאָב־פראַגן.

דער "בירגער אויספאָרשער" האָט אָבער ווי נישט געהערט דאָס, וואָס קראַסאָווסקי האָט דאָרטן געבעבעט און דאַכט זיך אויך נישט קיין פּינטל געטאָן מיט קיין אויג, ווען יענער האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט. ליפּאַטאָוו איז אין גאַנצן פאַרטאָן געווען בײַם פּוצן זיך די נעגעלעך מיט אַ בלישטשענדיק שאָב־מעסערל. ער האָט עס געטאָן מיט אַזוי פיל פלײַס און פאַרטיפטקייט, גלײַך אַל דאָס איבעריקע אינעם לעבן וואָלט איצט בכלל פאַר אים קיין שום ווערט נישט געהאַט...

אָסיף אָוואַקומאָוויטש האָט אַ צעטומלטער צוגעוואַרט אַ ביסל, דער נאָך, ווײַזט אויס, אָנגענומען זיך מיט מוט — ווי ס'ניט איז געבן צו וויסן, אַז אויך ער, קראַסאָווסקי, געפינט זיך דאָ אין אַ ווינקל פון גערוימען קאַבינעט — האָט ער נישט גאָר זיכער און פאַרזיכטיק זיך צעהוסטלט... אָבער מאַיאָר ליפּאַטאָוו איז ווײַטער מיט גרויס התמדה פאַרנומען געווען בײַ זײַן וויכטיקער "עבודה" פון נעגל־פּוצעניש. די פּאַוזע האָט זיך שטאַרק פאַרצויגן. געהערט האָט זיך בלויז די רעגלמעסיקע ווייכע שאַרכעניש פון עלעקטרישן ווענטילאַטאָר, דאָרט, ערגעץ פון הויכן סופיט... צו קראַסאָווסקין אין זײַן טונקל ווינקל האָט זיך צוזאַמען מיט אָט דער שאַרכעניש פאַרגנבעט אַ זיסער דרימל און ווי צעפּענטעט, אַנגענעם לויז געמאַכט די מידע גלידער זײַנע און... אַ שאַרפע פּראָזשעקטאָר־שײַן האָט ביז ווייטיק אַ שניט געטאָן איבער קראַסאָווסקיס אויגן און מיט כוח זיי פאַנאַנדער־קלעפּט און אויפגעריסן.

ס'האָט זיך ווי פון זייער ווײַט דערטראָגן צו אים דאָס שטרענגע קול פון אויספאָרשער:

— נו? וואָס זשע זענט איר אַנטשוויגן געוואָרן? כ'הער אײַך זייער אויפמערקזאַם...

קראַסאָווסקי איז געזעסן מיט אויפגעריסענע אויגן און געאָטעמט מיט אַן אָפן מויל ווי אַ פיש, אַן אַרויסגעשלײַדערטער אויף דער יבשה... ער האָט פּײַנלעך זיך באַמיט צו באַזיניקן ליפּאַטאָווס ווערטער. און ווען ער איז נאָך אַלץ נישט געקומען צו זיך, האָט זיך מיט זײַנע ווייכע קעצן־טריטעלעך גאָר נאָענט

ווי צוגעשאַרט, דער אויספאַרשער. ער האָט מיט שטוינונג און מיט וואַקסנדיקן צאָרן זיך איינגעקוקט אין קראַסאָווסקיס געזיכט:

— וואַ־אַ־אַ־סס?! איר שלאָפט גאָר בעת דער פאָרשונג?! — האָט ער מיט כעס און גאָר אויף אַ הויכער נאָטע אַרײַנגעפּאַלצעטעוועט גלײַך אין די אויערן פון צעשראָקענעם אַסיפ אוואָקומאָוויטשן. — ביי אונדז זענען אַזעלכע זאַכן קאַ־טע־גאָריש פאַרבאָטן, שטרענג און קאַ־טע־גאָריש! פאַר אַזוינע "קליייניקייטן" — האָט זײַן פאַלצעט געניִדערט אויף אַ פאַר טענער — פאַר אַזוינס, זײַט וויסן, פאַרמאָגן מיר אַ פאַר פײַנע חברהלײַט, וואָס קענען גוט אָנבויקערן די ביינער און זענען פעיִק ווייניקסטנס אָפּצושלאָגן די לונגען!... נו, גוט — איז ער פלוצים מילדער געוואָרן — איר זײַט נאָך אַ "פרישינקער", צום צווייטן מאָל אויף אַ דאַפראָס, דעריבער בין איך דאָס מאָל מוחל, דערציילט, דערציילט מיר וועגן אײַער אַרכיִערײַ. כ'האָב זיך זייער אַ סך אָנגעהערט וועגן אים און מיר וויסן אויך וועגן זײַן פאַר־ברעכערישער טעטיקייט.

— יאָ, יאָ — איז קראַסאָווסקי געקומען צו זיך — איר האָט טרעפלעך באַמערקט: "זײַן פאַרברעכערישע טעטיקייט"... דער דאָזיקער טײַוול אין גע־שטאַלט פון אַ ליכטיקן מלאך האָט זיך געפּרוווט מיט זײַנע שיינע געקליגלטע דרשהלעך פאַנגען און פאַרשלעפּן אין זײַן פינצטערער נעץ יונגע ריין־קריסטלעכע נשמהלעך, אויך מײַן זינדיקע נשמה... און כ'האָב טאַקע אַ שטיקל צײַט אויפריכטיק געקלערט, אַז ער איז כלומרשט באַרופן צו ראַטעווען דעם רוסיש־פּראַוואָסלאַווישן גלויבן, ווען אין דער אמתן האָט דער דאָזיקער מאָנסטער־אַנטיכריסט געפּרוווט זיך העלפן חרוב צו מאַכן און דעמאָראַליזירן אונדזער הייליקע מוטער — די רוסיש־רעכטגלויביקע קירך...

דאָ האָט זיך שוין ליפּאַטאָוו גאָר ברייט צעשמייכלט:

— ווי זאָגט איר: "ראַטעווען"? "העלפן חרוב מאַכן"?... "ראַטעווען" — פון וועמען? פאַרשטייט זיך — פון די באָלשעוויקעס! כע־כע, "העלפן חרוב מאַכן?" וועמען העלפן? ווידער טאַקע, דער סאָוועטישער אָרדענונג, וואָס וויל כלומרשט "חרוב מאַכן" די קירך... אָט דאָס הער איך ענדלעך אויפריכטיקע ווערטער פון אַ פאַרביסענעם אַנטיסאָוועטישן רכילות־טרײַבער. אָט דאָס לוינט זיך שוין אַרײַנשרײַבן אין פּראָטאָקאָל! — האָט ליפּאַטאָוו, אַ צופרידענער, כיכיקעט און זייער שנעל אָנגעהויבן צו פאַרצייכענען.

"פאַרפאַלן... כ'האָב זיך שוין אַליין אַרײַנגעפּאַקט" — האָט קראַסאָווסקי אַ קלער געטאָן אין גרויסער דערשלאָגנקייט. דאָך האָט ער נאָך געפּרוווט דער־ווידערן:

— איר האָט נישט אַזוי פאַרשטאַנען מײַנע רייד, בירגער אויספאַרשער... ווען כ'האָב געזאָגט "ראַטעווען" האָב איך...

— אַזוי גאָר?! האָט ליפּאַטאָוו, ווי אַ טשערעפּאַכע, אַרויסגערוקט זײַן קעפּל אַריבער די פּאַפּירן און אַרויסגעפּלאַצט: — דו! דו, פון גאָטעניו געבאָרעטער

מודאַק[5] איינער, דו וואַג נאָר אַפּלייקענען כאָטש איין וואָרט, כאָטש איין אות פון דעם, אין וואָס דו האָסט זיך נאָר־וואָס אָנערקענט... מיר'ן דיך אויף שטויב צערײַבן!

פון אומפאַרשטענדלעכער רציחה האָט זיך פּלוצים זײַן קײַלעכיק פּענעמל אָנגעגאָסן מיט אַ מין קרענקלעכער רויטקייט:

— "ראַטעווען" — האָט ער איבערגעקרימט קראַסאָווסקין — די רעוואָלוציע האָט, דאַכט זיך, באַפרײַט יענע נאַציע, וועגן וועמען די רעאַקציאָנערע שוואַרצ־מאהניקעס האָבן אַ מאָל געשריגן "ביעי זשידאָוו — ספּאַסאַי ראָסיִו"[6]... איז וואָס? זענען זיי, די כיטריאַקעס, כדי צו אויסהיטן די אייגענע שקורע, אַליין געוואָרן די גרויסע "רעטערס" פון רוסלאַנד און פון גאָר דער וועלט, מיר קענען זיי שוין גוט די טראָצקיס, די זינאָוויעווס, די ראַדעקס און אַנדערע שלעק... אַציִנד קומסטו מיד דערציילן וועגן נאָך איינעם אַ זשידאָווסקי "וויקרעסט", וואָס איז געקומען "ראַטעווען" די פּראַוואָסלאַוונע רעליגיע...

קראַסאָווסקי, וואָס איז געזעסן ווי אין געהאַקטע ווונדן און ממש געשפּירט ווי ס'באַדעקט אים אַ קאַלטער שווייס וואָס צעטריפט זיך נודאַטנע איבערן ציטערנדיקן לײַב, האָט דאָך מיט שטוינונג זיך אײַנגעהערט אין דעם לעצטן ווערטער־אויסברוך פון ליפּאַטאָוון. אין די דאָזיקע ווערטער פון אויספאַרשער האָט ער דערשפירט עפּעס גאָר קרובישעס מיט זײַנע אייגענע געדאַנקען, אויסגעטראָגענע און פאַרבאָרגענע אין די טיפסטע טיפענישן פון דער נשמה. אמת, נישט אַזוי ווולגאַר און פּרימיטיוו, ווי בײַ אָט דעם פאַרגרעבטן פּויער — דער הייליקער מאַן פון נצרת איז דאָך אויך געווען פון יידישן אָפּשטאַם און אויף געוויס און אָן שום ספק, האָט ער געבראַכט דער מענטשהייט אויסלייזונג פון טויט, ער איז דאָך געווען דער אמתער גואל... דאָך מיט אַלדעם איבעריקן איז ער מסכים געווען מיט ליפּאַטאָוון. און דאָס האָט אַרײַנגעטראָגן אַ מאָדנע מין רויִקייט אין זײַן פאַרטומלט־צעשראָקענעם געמיט, עפּעס אַ מין שטיקל טרייסט...

אָבער נישט לאַנג איז אים באַשערט געווען צו געניסן פון אַזאַ ביסל רויִקייט און טרייסט. אַ קלאַפּ אין טיש, אַזאַ מוראדיקער טראַסק, וואָס האָט פאַרטויבט די אויערן און ס'האָבן זיך צעקלונגען, אונטערשפּרינגענדיק, די מעטאַלענע געציאַצקעטע שרײַב־מכשירים, די פּרעס־פּאַפּיע — דער שווערער קלעקער, האָט זיך רעשיק אַראָפּגעקײַקלט צו דער פּאָדלאָגע.

— "גאָטעניו, אין אַזאַ קליין פויסטל — אַזוי פיל כוח! — האָט מיט פאַרכטיק־אַבערגלויבערישן פּחד זיך בגניבה געציילעמט קראַסאָווסקי.

— צום טײַוול! — האָט געגוואַלדעוועט ליפּאַטאָוו — צו אַלדי רוחות דײַן מיט ווײַרעך פאַרשטונקענע פּראַוואָסלאַוויע! דײַן רוסישע יעוואַנגעליע מיטן פאַרשמאַלצענעם פּסאַלטיר איז פּונקט אַזאַ געקנאַבלטער אַפּיום ווי דער זשידאָווסקער תלמוד...

5 אַ זידלוואָרט אין רוסיש.

6 שלאָג יידן — ראַטעווע רוסלאַנד.

דער אויף טויט איבערגעשראָקענער קראַסאָווסקי, האָט דאָך נישט געקענט פאַרשווייַגן אַזאַ פאַרשוועכונג פון דער רוסישער קירך.

— בירגער אויספאַרשער — האָט ער אויסגערופן — פאַרגעסט נישט, אַז אַליין דער גרויסער יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלין האָט אָפּגעמערקט די פּאַטריאָטישע אויפטוען פון דער רוסישער רעכטגלויביקער קירך בעת דער מלחמה און אויף די אָקופּירטע דורך די דייַטשן געביטן!...

ווייַזט אויס, אַז ליפּאַטאָוו האָט זיך אַ ביסל פאַרלוירן אָבער נישט אויף לאַנג און ער האָט זיך מיט אַ באַנייַטער קראַפט צעצאַרנט:

— ווי וואַגסטו גאָר, ווי וואַגסטו, אין דייַן מוטערס מוטער, אַרויסברענגען אויף דייַנע טריפענע ליפּן דעם הייליקן נאָמען פון אונדזער גרויסן פירער?!...

דו, וואָס דייַן פאַרגעטערטער קומיר, דער פּאָפּ וויעדיענסקי, און דאָס האָבן מיר שוין אויסגעקלאָרט, איז געווען אַ לאַנגיאָריקער רעזידענט בייַ דעם באַוווסטן ייִדיש־אַמעריקאַנישן שפּיאָנאַזש־צענטער „דזשוינט"! וואָס דרייסטו זיך אויפן קאַרעק, ווי אַ קורווע אויף אַ צעגליטער סקאָווראָדקע — פאַר וואָס דערציילסטו נישט וועגן דעם?...

— כ'האָב נישט געוווסט, בירגער אויספאַרשער — האָט געשטאַמלט דער בלייך געוואָרענער קראַסאָווסקי.

ליפּאַטאָוו האָט מיט זייַנע ווייכע טריטעלעך זיך צוגעשאַרט צום סאַמע ווינקל, וווּ קראַסאָווסקי איז געזעסן:

— אויפשטיין! — האָט ער אַ באַפעל געטאָן אויף דער העכסטער נאָטע. און ווען יענער איז אויפגעשפּרונגען, האָט ער מיט זייַן שטאַרק פויסטל אַ זעץ געטאָן אים אין ברוסט אַזוי, אַז אָסיפּ אַוואַקומאָוויטש האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און איז ווי צוגענאָגלט געבליבן אַ צוגעשפּאַרטער צו דער וואַנט.

— האָסט, נעבעך, נישט געוווסט... דו, אין מויל געבאַרעטער פּאַפּיק! האָסט נישט געוווסט און אַזוי פיל צייַט האָסטו זיך געדרייט, געריבן זיך אַרום אים, דעם געפייגערטן הונט און נעבן זייַן שוואַרצער גלחים־סוטע. וועסט זיך נישט אַרויס־דרייען, דו הערסט, פאַררעטער איינער! אַלעמען האָסטו געקענט, מיט יעדן איינעם ביסטו אויסגעקאָכט געווען. וועגן יעדן איינעם וועסטו מוזן פּאַדראָבנע דערציילן אַלץ וואָס דיר איז באַוווּסט וועגן זייערע פאַרברעכערישע טעטיקייטן קעגן דער סאָוועטישער מדינה, וועגן אַלע אייַערע שמועסן און קאָנספּיראַציעס...

מיר ווייסן זייער גוט — איז ליפּאַטאָוו ווייכער געוואָרן — מיר ווייסן, אַז דו ביסט געווען צווישן זיי דער ייִנגסטער צוציק און אויך ווייניקער שולדיק פון זיי... דעריבער גיבן מיר דיר אַ גוטן שאַנס זיך רייניצווואַשן פון די אייגענע זינד און באַקומען אַ מילדערע שטראָף, פאַרשטייסטו, סוואָלאַטש איינער?

אַצינד וועט מען דיך אָפּפירן אין דייַן קאַמער — האָט פּלוצים ווייך און כמעט גוטברודעריש אַ שמייכל געטאָן ליפּאַטאָוו — אַ גאַנצן מעת־לעת וועסטו זיך אָפּרוען... שלאָף זיך גוט אויס, זאָלסט האָבן אַ קלאָרן קאָפּ, כדי אויפסנייַ זיך גוט באַקלערן...

אַנקוועטשנדיק דאָס סיגנאַל־קנעפּל כדי אַרויסרופן דעם קאַנוואָי, האָט ליפּאַטאָוו זיך פּלוצים דערמאָנט:

— יאָ, הײַנט איז דאָרט פון אונטן געווען אויף אַ באַזוך דײַן טאַטע און איבערגעגעבן פאַר דיר געלט. וויי, וויי, וואָס פון דעם אַלטן איז, נעבעך, געוואָרן. און אַלץ איבער דיר — האָט ער מיט פאָרוואורף געזאָגט — כ׳ווייס, אַז דו ביסט אַן איבערגעגעבענער זון, און ער, ממש ער צאַנקט. טאָג ווי נאַכט זאָרגט ער פאַר דײַן געזונט — — — — — — — —

יאָ, וועדליק יעקב האָט פאַרשטאַנען פון יענעמס ווידוי־זאָגענישן, האָט זיך בערך טאַקע אַזוי אָנגעהויבן די שרעקלעכע ירידה פון אַסיפּ אַוואַקומאָוויטש קראַסאָווסקי — — — — — — — —

״וואָס טיפער אין וואַלד — זאָגט מען — געדיכטער דיביימער״. צו ערשט איז דאָס געגאַנגען ווי ס׳פאַרט אַ טרוקן־סקריפּענדיקער וואָגן מיט ניט געשמירטע רעדער, דערצו נאָך מיט שלעכט געקאָוועטע טלאָען אונטער דעם פערדלס פיס, וואָס הייבן זיך פוילבלעך און נישט זיכער איבער דעם גליטשיקן וועג. אַ געניטער אָנטרײַבער וויאָקעט נישט צו פיל, פאַרקערט — ער איז מער נאָכגעביק און צוגעלאָזן צום בידנעם פערדל. ער ווייסט: מע דאַרף פּאַמעלעך איבערקומען דאָס שטיקל גליטשיקע וועג און ווי נאָר ס׳מאַכט זיך די ערשטע מעגלעכקייט מוז מען אוודאי גוט אָנשמירן די רעדער־אַקסן.

מאַיאָר ליפּאַטאָוו איז טאַקע געווען, ווי קראַסאָווסקי האָט געקלערט, אַ פאַרגרעבטער פּויער, אָבער געניבט קלוג און פויעריש־כיטרע איז ער אויך געווען...

מיר, דאָס הייסט, איך, דער מחבר פון אָט דער געשיכטע, און מײַן פרײַנד, וואָס האָט זי מיר דערציילט — יעקב בן נחום זאַבאַראָוו, מוזן פאַרבײַלאָזן פיל זאַכן צי געשעענישן, וואָס זענען פאַר זאַבאַראָוון אַליין ביז הײַנט נישט אויס־געקלאָרט און זיי קענען דעריבער שווער מאַכן דעם אַזוי אויך ניט געמיטלעכן גאַנג פון מײַן סיפּור המעשה. אַזוי, למשל, קען מען נישט דערציילן ווי אַרום איז קראַסאָווסקי, איינער פון די ייִנגסטע און די לעצטע צווישן די באַגײַסטערטע תלמידים פון רויטן רעפאָרמאַטאָר וויעדיענסקי, ווי אַרום, האָט ער זיך אַזוי שווער אַנטוישט אין דער ״נײַער לערע״ און געקומען צוריק אַ טיף־געשלאָגענער בן־סורר אין שויס פון דער טראַדיציאָנעלער רוסיש־רעכטגלויביקער קירך...

פאַר, אונדז, דאַכט זיך האָט זיך שוין אַסיפּ אַוואַקומאָוויטש אַנטפּלעקט ווי אַ נפש אַן איבערגעפּולטער ביז צום גאָרגל־קנאָפּ, מיט פאַרשידנאַרטיקע, ווי זאָגט מען דאָס הײַנט, קאָמפּלעקסן. צווישן דעם אַלגעמיינעם כאַאָס פון געדאַנקען און שטימונגען, וואָס האָבן געבושעוועט אין קראַסאָווסקין האָבן צו מאָל צוויי קעגנ־זעצלעכע געפילן אַזוי לאַנג און עקשנותדיק זיך געבאָרעט איינס מיטן צווייטן, ביז זיי האָבן זיך, צוזאַמענגעפּלאָכטענע, פאַרוואַנדלט אין איינס עפּעס אַ מגושמ־דיקס...

אַסיפּ אַוואַקומאָוויטש האָט זייער טיף און אויפריכטיק חרטה געהאַט, ער האָט פיל מאָל אין צער תשובה געטאָן פאַר זײַנע חטאת־נעורים און דאָך און בײַ אַלעם

דעם, האָט ער נישט אַזוי זיך באַשולדיקט, ווי אים, זײַן פאָרפירער, דעם יודאַ — אַלעקסאַנדער וויעדיענסקי. ער האָט איצט זײַן "אַמאָל פאַרגעטערטן קומיר" באַקלערט ווי דעם גרעסטן שונא זײַנעם אפילו אויף יענער וועלט, און אַ מוראדיקע שינאה האָט ער געטראָגן אויף אים און אויף זײַנע מקורבים. אינקוויזיטאָרישע נקמה־פלאַמען האָבן אים געוואָרעמט דורך שלאָפלאָזע אומרויִקע נעכט, פלאַמען, וואָס האָבן געזאָלט פאַרצערן די לעצט־פאַרבליבענע צעזייטע איבערן לאַנד אַנ־הענגער פונעם "רויטן אַרכיִערייי"...

אַלץ האָט ער געקענט גלייבן אויף אָט דעם רויטן אַנטיכריסט — אַלץ, אָבער פון דעסטוועגן האָבן זיך אים צועדרשט שווער געלייגט אויפן שׂכל ליפּאַטאָווס רייד, וועגן דעם, אַז אַלעקסאַנדער וויעדיענסקי איז גאָר יאָרנלאַנג געווען רעזידענט פון אַן אויסלענדישן שפּיאָנאַזש־צענטער.

— ווי קען דאָס געמאָלט זײַן? — האָט ער געטראַכט — האָט ער, וויעדיענסקי, דען נישט דער ערשטער און אפשר דער איינציקער דאָ, צווישן הויכן פּראַוואָסלאַווישן קלער נישט געפּריידיקט אין זײַנע פלאַמיק־איבערצײַגעוודיקע דרשות, אַז צו דער רעוואָלוציע און צו אירע סאָוועטן דאַרף מען זיך באַציִען לאָיאַל, מע דאַרף זיי אויפנעמען מיטן גאַנצן הארצן און בענטשן, ווײַל — נישט געקוקט אויף זייער ציִטווײַליקן אַטעיִזם, פאַרווירקלעכן זיי דאָך, — די רעוואָלוציע און איר פאָלקס־מאַכט, — די שענסטע פאָסטולאַטן פון קריסטנטום?!

— וויעדיענסקי — אַן 'אָבער־שפּיאָן'?! — און קראַסאָווסקין האָט אָנגעכאַפּט אַ קאַלטער שוידער בײַם טיפן תהום איבער וועלכן ער אַליין איז איצט געשטאַנען... — גאָט מײַן באַרמהערציקער, בין איך דאָך אויך... — אָבער פאַר וואָס טאָקע ניט? — האָט אים געמונטערט דער צד שכנגד: — דו האָסט טאָקע קיין זאַך נישט געוווּסט, אָבער דווקא דאָס, וואָס ער "דײַן פאַרגעטערטער", האָט אַזוי שיין געפּריידיקט לאָיאַליטעט און ליבשאַפט צו דער מאַכט, דווקא דאָס איז דאָך אַ בפירושער באַווײַז אויף וואָס דער שטן איז פעיִק. הײַנט זעסטו שוין סאָראַטײַוואָלאַנישער צוואָק, דער דאַזיקער אַנטיכריסט איז געווען?!

— גאָט מײַנער, גאָט מײַנער — האָט זיך קראַסאָווסקי נישט אויפגעהערט צו צלמען — באַהיט זאָל מען ווערן, באַהיט זאָל מען ווערן!...

...און אַ באַהויכטער פון הימליש־געזעכטן צער־און־צאָרן, איז שוין קראַסאָווסקי צום וויפלטן מאָל ווידער געזעסן פאַררוקט אין זײַן געווייגלעך־צוגעטונקלט ווינקל פון דעם גערוימען אויספאָרשונגס־קאַבינעט.

דאָס מאָל האָט שוין ליפּאַטאָוו ניט געפּוצט די נעגעלעך, ניט געשמועסט דורכן טעלעפאָן שעהנווײַז מיט זײַן געליבטער, אַרײַנוואָרפנדיק פּריוואַליש־אינטימע חכמהלעך, ניט געזעסן פאַרטיפט איבער די פּאַפּירן, אַרײַנדרינגענדיק אַלץ מער אין דעם ענין פון אַסיף אָוואָקומאָוויטש קראַסאָווסקי, בעת יענער האָט, נעבעך, ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן אָדער ער פלעגט צו לאַנג פאַרציִען מיט זײַנע אָנמערקונגען.

ניין, דאָס מאָל האָט שוין ליפּאַטאָוו קוים באַוויזן צו פאַרשרײַבן דאָס, וואָס אסיפ אוואַקומאָוויטש האָט דערציילט.

און וואָס האָט אייגנטלעך געהאַט צו דערציילן קראַסאָווסקי?

געווען איינס אַ פּאַטערל אילאַריאָן, וואָס האָט זיך צו נאָענט געשאַרט נעבן דעם "הויך־געזאַלבטן" אַלעקסאַנדער וויעדיענסקי, מען פלעגט אפילו אונטער־מורמלען, אַז דער דאָזיקער אילאַריאָן, כאָטש פון נידעריקן גלחים־ראַנג, איז שיער נישט געווען פון די ערשטע פאַרטרויונגס־לײַט בײַם "אַלטן", מיט וועמען ער פלעגט זיך טאַקע צו אָפט אָן עצה האַלטן.

אויפן פּאַטערל אילאַריאָן האָט שוין פון לאַנג קראַסאָווסקי געטראָגן אַ בייז האַרץ, ווײַל יענער האָט קיין מאָל נישט געהאַט צו אים קיין צוטרוי און נישט צוגעלאָזט אים אפילו אויף דער שוועל צו דעם "קדוש".

אָבער נישט דערפאַר, חלילה, האָט אָסיפ אוואַקומאָוויטש אים אָנגערופן דעם ערשטן בעת די פאַרהערן, נאָר פּשוט און ס'איז דאָך אַ קלאָרע זאַך, אַז אויב אַ מענטש שושקעט זיך עפּעס כסדר און פאַרשפּאַרט זיך צו אָפט אין די חדרי חדרים מיטן רעזידענט אַליין, איז ער דאָך אוודאי אויך נישט פון די לעצטע שפּיאָנען...

וועגן אָן אַנדערן, וואָס, צו זײַנער צײַט איז ער אפילו געווען זײַנס אַ גוט־ברודערל, האָט זיך קראַסאָווסקי דערמאָנט, אַז נאָך איינעם פון די באַרימטע דיספּוטן אין מאָסקווער פּאָליטעכנישן מוזיי, האָט יענער מיט אַ גליקלעכן שמייכל אים פאַרטרויט אַז:

— "לונאַטשאַרסקי וואָלט געמעגט פּוצן די פּאַנטאָפל בײַ אונדזער פּאַטער אַלעקסאַנדער, וואָס מיט זײַן גאָטס־געבענטשטער חכמה און קענטענישן — סײַ רעליגיעזע און סײַ וועלטלעכע — קען ער בכלל פאַרשטעקן אין גאַרטל אַלע קאָמיסאַרן צוזאַמען גענומען..."

וועגן אַ דריטן...

אָבער צו וואָס אויסרעכענען די אַלע באַווײַזן, אָנערקענונגען און באַשטעטי־קונגען, וואָס בײַ אַ מער נאָרמאַלן מענטשן, אין אַ מער נאָרמאַלער סביבה, קען עס אַ מאָל אַרויסרופן שרעקלעכע שטוינונג, און אָפּטער פון אַלץ, וואָלט ער, אַט דער מער פרײַער מענטש, בכלל אונדז נישט געטרויט קיין וואָרט, דרייענדיק מיט ווײַזפינגער בײַם שטערן, ווי מען טוט עס, געוויינלעך, נישט אָנרופנדיק דיך מיטן נאָמען: "מטורף!" יאָ, אַזעלכע באַווײַזן, אַזעלכע, מיט צוואַנג אַרויסגעקלאַפּטע מסירות אויף זיך און בעיקר אויף אַנדערע, זעען איצט אויס, איצט אויף דער העלער שײַן ווי נאַרישלעך און אפילו לעכערלעך, אָבער פאַר אַזעלכע נאַרישע לעכערלעכקייטן פלעגן אָפט די ק.ג.ב.־מײַסטערס לעכערן דעם קאָפּ מיט אַ קויל, אָדער פאַרשיקן אויף אומקום "צו די ווײַסע בערן" מיט לאַגער־טערמינען פון פינף־און־צוואַנציק, פופצן און אין בעסטן פאַל — פון צען יאָר (אַ "קינדער־טערמין" פלעגט מען דאָס רופן)...

יעקב האָט זיך געטראָפן מיט קראַסאָווסקין נאָך דעם, ווי ער, קראַסאָווסקי, האָט שוין פאַרן אויספאַרשער אַרויסגעלייגט אַלץ וואָס ער האָט געוווּסט, וואָס ער

האָט פאַרגעדענקט, אָדער, וואָס עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער ווייסט און געדענקט וועגן זײַנע אַמאָליקע מיטגייער־אַבנאַוולײַענצעס. די אינקוויזיטאָרישע נקמה־פלאַמען, וועגן וועלכע ער האָט אַ מאָל געחלומט, האָבן שוין איצט אויף דער וואָר אָנגעהויבן צו סמאָליען זײַנע אייגענע בגדים... אָבער נישט איבער דעם איז ער איצט געווען אַזוי נידערגעשלאָגן און זיך געקאָרטשעט אין אַנגסט. ס'איז פאַראַן אַזאַ ווערטל: "ווער סע זאָגט אַרויס דעם אות 'אלף' מוז שפּעטער אויך אָנרופן דעם אות 'בית'..."

ליפּאַטאָוו האָט זיך מיט קיין 'אלף' נישט באַנוגנט: נישט נאָר די פּערזאָן און די סביבה פון אָסיפּ אוואַקומאָוויטש קראַסאָווסקי אין דער פאַרגאַנגענהייט האָט אים אינטערעסירט. ווײַזט זיך אַרויס, אַז דאָס אַלץ — האָט ער געזאָגט — איז פאַר זיי גאָרנישט שבגאָרנישט, דאָס אַלץ איז פאַר זיי שוין פון לאַנג נישט קיין סוד. נישט מער — דאָס, וואָס קראַסאָווסקי האָט ריכטיק טרײַ און פּרטימדיק איבערגעגעבן, דאָס וואָס זיי האָבן שוין פון פריִער אַליין געוווּסט, האָט אים, ליפּאַטאָוון איבערצײַגט אַז ער האָט דאָ צו טאָן נישט נאָר מיט עפּעס אַ פאַרדריפּעטן פּאַפּיק, נאָר אויך מיט אַ סאָוועטישן בירגער וואָס קען אַמאָל פּעיִק זײַן אויף פּאַטריאָטישע מעשים...

ליפּאַטאָוון האָט זיך שוין בעיקר געוואָלט וויסן וועגן די איצטיקע פאַרשידענע פאַרברעכעריש־אַנטיסאָוועטישע ריידערײַען, כלומרשט רעליגיעזע דרשות, אַרויס־זאָגונגען פון גלחים, סעמינאַריסטן, סתם מתפּללים... — — — — — — — — — —

...און ווען דאָס פערדל האָט מיט די לעצטע כוחות געפּרוּווט זיך אַ שטעל טאָן "דיבאָם", האָט דער אָנטרײַבער שוין גוט געוווּסט ווי צו פאַרציִען די לייצעס אַזוי, אַז דאָס ציימל זאָל ביז בלוט זיך אַרײַנשנײַדן אין די מויל־ווינקלען — סע זאָל אַ זעץ טאָן אַ רויטער שוים פון די פערדישע לעפצן... און אָן רחמנות וועט שוין אַ שניט געבן די סווישטשענדיקע בײַטש און טרײַבנדיק — שינדן, שינדן די צעקאָרדאַטשעטע פעל פון ווילד־געוואָרענעם פערדל...

ס'וועט שוין אונטעריאָגן דער טרעשטשענדיקער וואָגן, די רעדער וועלן אַראָפּ פון דער אַקס און זיך צעשפּרינגען אין אַלע פיר זײַטן... און איינס אַליין וועט שוין פליִען משוגענערווײַז דאָס פאַרפאַרעטע פערדל אַלץ טיפער און טיפער אַהין, צום סאַמע כף הקלע...

— הײַנט האָב איך אָנגערעדט שרעקלעכע זאַכן אויף מײַן נאָענטסטן חבר פון סעמינאַריע־קורס...

אַזוי, אויב ס'געדענקט זיך אײַך, האָבן זיך אָנגעהויבן די ווידוי־זאָגענישן פון אָסיפּ אוואַקומאָוויטש קראַסאָווסקי.

און פון דאַן — יעדעס מאָל, ווען מען האָט אים ווידער געבראַכט צו שלעפּן פון דאַפּראָס:

נאָך אַ חבר פאַרשיט... נאָך אַ פרײַנד באַגראָבן... נאָך אַ שכן... אַ קרוב... ביז — — —

מיט אַ שוואַרץ געוואָרענעם פּנים, ווי פון אַן אַלטער איקאָנע אַרויס און מיט טיף־אַרײַנגעזעצטע בלוט־פאַרלאָפענע אויגן, האָט ער גלײַך ווי מען האָט פאַרהאַקט הינטער אים די שווער־געקאָוועטע טיר, צוגעפויזעט און איז צוגעפאַלן צו יעקבס הענט... דאָס מאָל נישט מיט קיין כליפּערײַ, נאָר מיט אַן אומגעריכטער כיכיקעניש:

— כי־כי־כי... מײַן גאָטזעליקן פאָטער... דעם אייגענעם טאַטן... כי־כי — אַליין איבערגעגעבן, כי־כי איז זייערע רוצחישע הענט...

דאָס כיכיקעניש איז איבערגעוואַקסן אין אַ שטיל און שרעקלעך דינעם געוווי, ווי פון אַ שטערבלעך געראַניעטער מאָדנע מין חיה, דאָס געוווי האָט זיך ווי אַרײַנגעשרויפט אין אויער און, דאַכט, געשניטן זיך ווײַטער — ביז אין סאַמע מאַרך אַרײַן...

זאָל גאָט אײַך אויסהיטן פון הערן ווען עס איז אַזאַ מין געוווי! — — — — — —

שווער איז אין אַן איינצל־קאַמער, ווײַל מע קען דאָרט אויף קיין רגע נישט אַנטרינען פון זיך אַליין.

צײַטנווײַז איז נאָך ערגער, ווען מען זיצט אין צווייען און ס׳איז לחלוטין נישטאָ וווהין זיך אַהינצוטאָן איינס פון צווייטן... בפרט נאָך ווען דאָס בלינדע גורל שיקט דיר אַרײַן אַזאַ מין שכן ווי דער אומגליקלעכער קראַסאָווסקי.

ס׳האָט זיך מיר נישט געוואָלט איבערגעבן גענוי און מיט אַלע "פּישטשעווקעס" וועגן די פאַרשידענע מדריגות פון אָסיפ אָוואַקומאָוויטשעס אַרונטערפאַלן, און כ׳בין אפשר אויך נישט מסוגל דאָס צו טאָן; כ׳וויל נישט און כ׳קען אפשר אויך נישט עפּעס אָפּטאָן אַזוינס, איר זאָלט זיך, חלילה, דערשפּירן אַזוי ווי מײַן פרײַנד יעקב אַליין האָט זיך דאַן, נישט פאַר אײַך געדאַכט, געשפּירט...

וווהין האָט ער זיך דען געקענט אַהינטאָן פון קראַסאָווסקין, וואָס האָט אַרויסגערופן בײַ אים מיט זײַנע ווידוי׳ס אַ מין זייער פּאַסקודנע איבלעניש בײַם סאַמע האַרצן, אַן איבלעניש, געמישט מיט ווייטיקלעכן רחמנות, יאָ, מיט רחמנות צו אַ סקאָווטשענדיק שווער־צעטראָטן הינטל...

... זענען זיי אין איינעם אַ טאָג געזעסן ווי תמיד אין זייער זעכצנטער קאַמער. יעקב האָט געלייענט עפּעס אַ ביכל פון דער טורמע־ביבליאָטעק און קראַסאָווסקי האָט ווי שטענדיק זיך געשאָקלט ווי פון גאַר־שאַרפן ציינווייטיק. יעקב האָט זיך אָפּגעריסן פון ביכל, ווען אָסיפ האָט קוויטשיק אַרויסגעקרעכצט:

— וויי, וויי, פאָטער באַרמהערציקער, האָסט אוועקגענומען פון מיר ביידע וועלטן — סײַ די, סײַ יענע וועלט...

— נו, נו, פאָטערל — האָט יעקב געפּרוווט, מ׳שטיינס געזאָגט, טרייסטן — געגוי וועגן יענער וועלט, זײַט איר, אָסיפ אָוואַקומאָוויטש, געוויס אַ גרעסערער מומחה פון מיר, אָבער וואָס שײַך דער וועלט, דאַכט מיר, אַז איר זײַט זיך טועה: איר זענט נאָך געווג יונג, איר וועט נאָך פיל איבערלעבן. איר וועט זיך, מיין איך, נאָך אַרויסרײַסן אויף דער פרײַ...

אָסיפ אָוואַקומאָוויטש איז פּלוצים אַ צערייצטער פלינק אויפגעשפּרונגען.

זײַן צאָרן און זײַן פּלוצימדיקע פּלינקשאַפט האָט יעקבן שטאַרק איבעררײַשט. מיט גרויס חידוש האָט ער נאָכגעשפּירט, ווי יענער לויפט פון וואַנט צו וואַנט און פון וואַנט צו דער שווער־געקאָווועטער טיר און ווידער צו דער וואַנט און אומעטום פּרוווט ער מיט אַלע כּוחות ווי אָוועקרוקן סײַ די טיר און סײַ די ווענט...

דערנאָך האָט ער זיך פּונקט אַזוי האַסטיק אַ קער געטאָן צו אים און פון די אײַנגעפאַלענע אויגן זײַנע האָבן, דאַכט זיך, געשפּריצט פײַערדיקע פונקען. פול מיט סאַרקאַסטישן חוזק און נישט פאַרשטענדלעכער פאַר יעקבן שינאה האָט ער אַרויסגעכריפּעט:

— איר זעט? איר האָט געזען, יעקב גאָמאָוויטש? די ווענט האָבן זיך אַ ריר געטאָן? זיי וועלן אַזוי אייביק שטיין! און זיי וועלן אַלץ שטאַרקער ווערן! און איר... איר באַלעבעטשעט וועגן פרײַהײַט!

אײַך, די ייִדן, וועט קיינער, אפילו נאָכן טויט, ניט איבערמאַכן... אַ גוטע פאַר טויזנט יאָר, ווי איר טרעט נישט אָפּ פון אײַער "לשנה הבא בירושלים", "לשנה הבא"... געווען איז ירושלים, געווען איז רוים און איצט און אויף שטענדיק — שטייט מאָסקווע מיט אירע... ווענט!...

יעקב איז שוין טאַקע אויף אַן אמת און צום ערשטן מאָל שטאַרק אַרויס פון די כּלים, אַ בלייך געוואָרענער אָבער מיט נאָך שטאַרקערער געצווימטקייט, האָט ער קוים צו הערן אַרויסגעשעפּטשעט:

— ווען איך, באַטיושקאַ, איך אַ ייִד, וואָס האָט נאָך דערצו זיך דערצויגן אין די סאָוועטישע גאַטלאָזע שקאָלעס, ווען איך וואָלט אַזוי געקלערט, וואָלט איך בײַ דער ערשטער געלעגנהײַט זיך תּיכף אויפגעהאַנגען אויף דער ערשטער קראָקווע!... אָבער איר, אַ "פּרומער" און אַ "גאַטספּאַרכטיקער" קריסט, כּמעט אַ גײַסטלעכער... אין וואָס גלייבט איר? — אין דעם וואָס לעבט אייביק, צי אין די דאָזיקע ווענט וואָס קענען אויך פאַלן און צעשטויבט ווערן ווי פיל אַנדערע אַזעלכע פאַר זיי?...

— זײַ מוחל מיר, אייביקער, זײַ מוחל מײַן זינדיקע נשמה... — האָט קראַסאָווסקי זיך ווידער צעשקאָווטשעט.

יעקבס גאַנצער מיטלייד האָט זיך שוין אָבער אויסגעוועבט. ער האָט זיך סוף־סוף באַפרײַט, אַראָפּגעשלײַדערט פון זיך דעם שווערן הויקער פון רחמנות צו אָט דער אומגליקלעכער באַשעפעניש מיטן נאָמען קראַסאָווסקי.

און ער האָט זיך פּלוצים דערפילט אפשר פרײַער ווי אַלע מאָל דווקא אין אָט דער ענגער טורמע־שטײַג...

אויף דעם האָט ער זיך צעשיידט מיט אָסיפּ אָוואַקומאָוויטשן, ווײַל טאַקע דעם זעלבן טאָג האָט מען אים, יעקבן, אַרויסגערופן "מיט די זאַכן", כּדי אויפסנײַ אַנהויבן פאַרשן אין אַ מער פּאַסיקן מקום — מען האָט יעקבן איבערגעפירט אין דער טרויעריק־באַרימטער טורמע "סאָכאַנאָווקע".

יוני 1987, אָקספאָרד—ירושלים

יאָסל לערנער

פון הערן און געדענקען

(גלײַכווערטלער)

— אַ מאָל מעג מען נעמען אַ בײַשפּיל פון אַ נאַר. —
— אויב ער איז גוט און ערלעך —
און איז קיין נאַר נישט...

*

— דאָס וויסן איז אַ קרוין אויפן קאָפּ, דאָס רײַכטום — אַ יאָך אויפן האַלדז. —
— האָט ער אויסגעקליבן דווקא דעם יאָך...

*

— דער וואָס וויל זײַן רויִק, דאַרף שטענדיק זײַן טויב, בלינד און שטום. —
— האָט ער דווקא פֿאַרמאָגט אָט די אַלע דרײַ מעלות, נאָר קיין רויִקייט נישט געהאַט...

*

— צוויי אויגן, צוויי אויערן און איין מויל. —
— זען, הערן און שווײַגן...

*

— נישט שטענדיק איז אַ וואָרט אַ רענדל, און שווײַגן — צוויי. —
— אַ מאָל איז דאָס שווײַגן אַ רענדל און דאָס וואָרט — פיל מער.

*

— דער אמת האָט נישט קיין פרײַנד. —
— דעריבער גייט ער איינער אַליין און צופוס...

*

— וויל נאַר, וועסטו קענען, — זאָגט דאָס ווערטל.

— מע דאַרף נאָר קענען וועלן
און וועלן קענען...

*

— פאַר וואָס האָט מען דעם נאַר געלויבט, און דעם חכם — געטאַדלט ?
— ווייל דער נאַר האָט דערציילט דאָס וואָס ער האָט געזען, און דער חכם האָט פאַרשוויגן דאָס וואָס ער האָט געוווּסט. —

*

— דעם שכל איז לייכט צו פאַרלירן. —
— די נאַרישקייט האָט מזל,
מ׳פאַרלירט עס נישט...

*

— גאָט אַליין הייסט אויך קיין נאַר נישט זיין. —
— ווער הערט אים ? ! —

*

— ער זעט אויס צו זיין אַ דאָקטער. —
— פון וואַנעט נעמסטו דאָס ?
— ווייל וועגן אַלץ און אַלעמען ווייסט ער אַ קרענק. —

*

— מיט אַ צרה דאַרף מען זיך נאָר איבערשלאָפן. —
— די צרה — אָבער — לאָזט דיך נישט שלאָפן...

*

— דאָקטער, — אַ רפואה קעגן "מורא" איז פאַראַן ? —
— איך האָב מורא אַז ניין. —

*

— פאַר וואָס האַלט מען אים פאַר אַ נאַר ? —
— ווייל ער איז אַ גוטער, און אַ גוטער בלייבט שטענדיק צום נאַר...

*

— שלימזל — וווהין גייסטו ? —
— צום שלים — שלימזל. —

*

— ווענט האָבן אויערן — וויַיזט אויס טויבע. —

— דעריבער זאָגט מען: טויב ווי די וואַנט. —

*

— צײַט און ווײַטקייט מאַכן שוואַכער די פרײַנדשאַפט. —

— די שוואַכע פרײַנדשאַפט...

*

— מ'האָט איינעם געפרעגט: בײַ וועמען האָסטו זיך אויסגעלערנט חכמה?

— האָט ער געענטפערט: בײַ די בלינדע.

מחמת דער בלינדער מאַכט נישט קיין איין טריט, ביז ער טאַפּט נישט אָן דאָס פּלאַץ וווּהין ער גייט. —

אַרקאַדי תימור

דער ערשטער

נתן שטשעראַנסקי, אידאַ נודעל, וויקטאָר בראַילאָווסקי, יוסף בעגון, וולאַדימיר סליעפּאַק און אַ גאַנצע שורה אַנדערע לאַנגיאָריקע אַסירי ציון, מאַרטירער און העראָישע קעמפער פאַר אַ פרייַער עליה פון די סאָוועטישע ייִדן קיין מדינת ישראל, זיי אַלע האָבן ענדלעך זיך דורכגעבראָכן אַהיים און דאָס ייִדישע פאָלק אין שפּיץ מיט זייַנע וויכטיקסטע מנהיגים האָט זיי מיט שמחה און יובלעניש באַגעגנט אויף דער ערד פון ארץ־ישראל...

מיר דאַרפן אָבער געדענקען, אַז דאָרט, אין דער סאָוועטיש־רוסישער אימפּעריע, זענען נאָך אַלץ פאַרבליבן און ווערן גערודפט צענדליקער עליה־אַקטיוויסטן, לערער פון עברית און לויט די לעצטע ידיעות — אויך ייִדיש־לערער, פאַרשפּרייטער פון דער העברעיִשער און ייִדישער קולטור־געשיכטע, און אַז הינטער זייערע פּלייצעס שטייען פיל צענדליקער טויזנטער ייִדן, וואָס וואַרטן אויף דער פרייַער מעגלעכקייט פון רעפּאַטריאַציע און אַנדערע טויזנטער, וואָס ווילן זיך אויסלעבן טאַקע דאָרט אין לאַנד ווי גלייַכבארעכטיקטע בירגער. מיט גלייַכע געזעצלעכע רעכט אויף אייגענער נאַציאָנאַלער שפּראַך, קולטור, רעליגיע און דערציִונג.

לאָמיר אויך פאַרגעדענקען די ערשטע שוואַלבן וואָס האָבן אויף זייערע פליגל געבראַכט דעם פרילינג פון דעם ייִדיש־נאַציאָנאַלן רענעסאַנס פון סאָוועטישן ייִדנטום.

וועגן איינעם אַזאַ העלדישן אָנהייבער פאַרעפנטלעכן מיר הייַנט די פאַרצייכענונג פון אַרקאַדי תימור.

9טער יוני 1967, יעקב (יאשא) קאַזאַקאָוו, געבוירן אין יאָר 1947 אַ מאָסקווער תושב האָט, נאָך פילצאָליקע ווענדונגען צו די "אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען", אַרייַנגעשיקט אַ מעלדונג אין פּרעזידיום פון אויבער־סאָוועט פון פ.ס.ר.ר. וועגן דעם, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון סאָוועטישער בירגערשאַפט מיט אַ בקשה מען זאָל אים דערלויבן אַרויספאָרן "אין ייִדישן היימלאַנד — מדינת ישראל".

9טער יוני 1967 — דער לעצטער טאָג פון דער זעקסטאָגיקער מלחמה. "זייַן אָדער ניט זייַן אַ בירגער פון דער אָדער פון אַן אַנדערער מדינה איז אַ פּערזענלעכער ענין פון יעדן איינעם, איז דאָס לעגיטימע רעכט פון יעדן מענטש באַזונדער"

— אַזוי האָט געשריבן דאָן אין זײַן מעלדונג צום אויבער־סאָוועט יאַשאַ קאַזאַקאָוו.

9טער יוני 1967 — די סאָוועטישע רעגירונג האָט אין דער סאַמע פאַרגרעבסטער פאָרם איבערגעריסן אירע דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען מיט ישׂראל.

אין דעם זעלבן טאָג האָט יאַשאַ געשריבן צום אויבער־סאָוועט:

„איך בין אַ ייִד. כ'בין געבוירן געוואָרן אַ ייִד און כ'וויל זיך אויסלעבן ווי אַ ייִד.

...איך בין אַ ייִד און אַלס אַזעלכער בין איך איבערצײַגט אין דעם, אַז מדינת ישׂראל איז מײַן אמת היימלאַנד. דאָס היימלאַנד פון מײַן פאָלק... ישׂראל איז דאָס איינציק־מעגלעכע אָרט אויפן ערד־קײַלעך, ווו ייִדן קענען לעבן אומאָפּהענגיק און געפּאַרלאַז"...

אין יענע טעג האָט די סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע־מאַשין „פון ראַנד ביז ראַנד", אײַנגעשלאָסן „מאַסן־מיטינגען און דעמאָנסטראַציעס פון די אַרבעטנדיקע", אויסגעדריקט כעס און צאָרן, געשיט פעך און שוועבל אויף דעם „ישׂראלעדיקן אימפּעריאַליזם און דעם שרעקלעכסטן שונא פון דער מענטשהייט — דעם ציוניזם".

די סאָוועטישע רעגירונג האָט געמאָלדן וועגן איר פולער סאָלידאַריטעט מיט דער „דעמאָקראַטישער און פרײַער אַראַבישער וועלט" און אויסגעדריקט איר הילפס־גרייטקייט פאַר אָט דער „פרײַער וועלט"...

און קאַזאַקאָוו איז דאָן דער ערשטער צווישן די ערשטע, איינער אַליין, אָן קיינעמס הילף און פון קיינעם ניט באַווירקט, אַרויף אויפן וועג וואָס ווייסט נישט פון קיין צוריקצוג, אַרויס אין אָפענעם קאַמף פאַר זײַנע רעכט זיך אומצוקערן אויף דער ערד פון זײַנע אבות, צו די מאַכטהאָבער פון רוסלאַנד האָט ער געשריבן:

„דאָס ייִדישע פאָלק ווי יעדער אַנדער פאָלק האָט דאָס רעכט אויף זײַן אומאָפּהענגיקער רעגירונג, אויף זײַן נאַציאָנאַלער היים. דאָס דאָזיקע רעכט איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער אָנגענומענער רעזאָלוציע פון דער אוּנאָ דעם 29טן נאָוועמבער 1947, און צווישן די לענדער, וועלכע האָבן דאָן געשטימט פאַר אָט די רעכט פון אונדזער פאָלק איז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד געווען צווישן די ערשטע.

בײַם לייזן די פראַגע וועגן דער רעפּאַטריאַציע פון ייִדן אין זייער איינציק־היסטאָריש היימלאַנד קענען ניט האָבן קיין שום שייכות די פּראָבלעמען פון אינערן־ און אויסערן־פּאָליטיק פון ישׂראל, זײַן מלוכישע אָרדענונג א.ד.ג.

ישׂראל איז אַ פרײַע ייִדישע מדינה און בלויז די בירגער פון אָט דער מדינה באַשטימען און וועלן באַשטימען זײַן גורל. דאָס גורל פון ישׂראל איז אין אונדזערע הענט און איז אָפּהענגיק פון אונדז, ייִדן, און נאָר פון אונדז".

דער סטודענט יאַשאַ קאַזאַקאָוו איז דאָן אַלט געווען 20 יאָר.

אין צוויי יאָר אַרום נאָכן אָנהייב פון געראַנגל צווישן דוד און גלית, ווען די וועלט האָט שוין געוווּסט וועגן קאַזאַקאָוון און האָט פּאַסיוו צוגעקוקט, וואַרטנדיק מיט וואָס וועט זיך עס ענדיקן (און מיר? מיר האָבן אויך געשוויגן...) אין צוויי יאָר אַרום האָט מען יאַשען געגעבן דאָס רעכט „תיכף ומיד פאַרלאָזן ס.ס.ס.ר.".

...די באַגעגעניש אויפן לודער פלי־פּאַרט, עטלעכע ווערטער אויף עברית: ער וויל זיך תיכף פאַרנעמען מיט צוויי ענינים (ווי ער האָט געזאָגט) "...איך מוז אַרויסרײַסן פון דאָרטן מײַן משפּחה — די באָבע, טאַטע־מאַמע, מײַן שוועסטערל מיט מײַן ברודערל און... כ'וויל אַוועק אין דער אַרמיי!!!"

אַלע האָבן זיך געחידושט. אייניקע האָבן אים ניט געגלויבט, און ער האָט דערוויזן מיט טאָט די טרײַהייט צו זײַן וואָרט. קען מען דען פאַרגעסן זײַן באַרימטן פּילאָטאַגיקן הונגער־שטרייק אין די פאַראייניקטע שטאַטן? די וועלט האָט זיך דאַן איבערצייגט: דאָס רוסלענדישע ייִדנטום איז אויף צום קאַמף!

...די דינסט אין צה"ל. יאַשאַ זאָגט זיך אָפּ קאַטעגאָריש פון פאַרשידענע הינטערלאַנד־אַמטן, נאָר אין אַ שלאַכט־איינהייט האָט ער געוואָלט דינען.

קאַזאַקאָוון איז באַשערט געווען אַרײַנצופאַלן אין פאַלק, ווו דער פאַלקן־קאָמאַנדיר איז געווען מײַן אַלטער פרײַנד, אַ דורותדיקער ווײַנגערטנער, אַן אויסער־געוויינלעך געוואַגטער און געניטער אָפיציר — אלוף גדעון אַלטשולער (דער זעקסטער דור אין ארץ־ישׂראל, זײַנע אור־אור עלטערן זענען אויך אַ מאָל געקומען פון רוסלאַנד...).

אין אָקטאָבער 1973 איז אַלטשולער געווען צווישן די ערשטע, וואָס האָבן פאַרסירט דעם סועצער קאַנאַל און צו דער באַוואָפענונג פון פאַלק זענען צוגע־קומען פאַרכאַפּטע אין שלאַכט סאָוועטישע טאַנקען, טשעכישע "אַמפיביעס", פּוילישע זעניט־אינסטאַלאַציעס, סאָוועטישע אויטאָ־מאַשינען "זיס", האַרמאַטן פון אוראַל און אַנדערע טראָפייען "שפּילעכלעך".

אָט אַזאַ באַגעגניש איז באַשערט געווען קאַזאַקאָוון: דאָס גורל האָט געוואָלט אַז ער, יאַשאַ, זאָל דינען אין איין פאַלק מיט די סאָוועטישע טאַנקען...

נאָך דער מלחמה זעצט פאַר קאַזאַקאָוו זיך לערנען, דערנאָך האָט ער חתונה. ס'וואַקסן בײַ אים צוויי וווּנדערלעכע סאַברעלעך און ער אַליין אַרבעט דאָרט, ווו ער דאַרף טאַקע, לויט דער לאָגיק, אַרבעטן — אין אַן אַנשטאַלט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט די גורלות פון ייִדן, וואָס ווילן עולה זיין פון סאָוועט־רוסלאַנד קיין מדינת ישׂראל.

אין סטאַטיסטישן אַמט פֿון אַבסאָרבציע-מיניסטעריום

באַריכט וועגן דער עליה פֿון סאָוועטן-פֿאַרבאַנד

די עולים פון ס"פ, וועלכע זענען געקומען אין לאַנד צווישן 1970 און 1983 יאָרן, צייכענען זיך אויס מיט דעם, וואָס די מערהייט פון זיי פאַרמאָגט הויכבילדונג, אַ נידעריקער פּראָצענט פון זיי האָט עמיגרירט פון ישראל און זייערע פאַרדינסטן זענען אויף אַ מיטעלן ניוואָ אין לאַנד.

די פאַקטן און ציפערן, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט אין באַריכט באַזירן זיך אויף די רעזולטאַטן פון דער לעצטער פאָלקס־ציילונג, וועלכע ס׳איז דורכגעפירט געוואָרן אין 1983טן יאָר.

לויטן באַריכט געפינען זיך צווישן די רוסלענדישע עולים 4010 אינזשענערן (18% צווישן אַלע ייִדן־אינזשענערן אין לאַנד), 2510 דאָקטוירים־מעדיקער — 22% פון דער אַלגעמיינער צאָל אין לאַנד. 3000 מעדיצינישע שוועסטער — 10% פון דער אַלגעמיינער צאָל ייִדישע שוועסטער.

92% עולים פון דעם פעריאָד זענען פאַרבליבן אין ישראל.

די עולים פון רוסלאַנד קלייַבן זיך אויס וווינערטער אין די צענטראַלע שטעט. 42% פון די עולים לעבן און אַרבעטן אין קרייַז פון תל־אביב און אין אַנדערע צענטערס פון לאַנד, 8% — אין ירושלים. מער ווי אַ העלפט פון אַלע עולים פאַרמאָגן אייגענע דירות. אַ דורכשניטלעכע משפחה פאַרדינט דעם חודש 949 דאָלאַר, עט־וואָס ווייניקער וויפל ס׳פאַרדינט אַ הי־געבוירענע משפחה (סאַברעס) — 989 ד׳.

38% פון די רוסלענדישע עולים באַזיצן אייגענע אויטאָ־מאַשינעס (דורכשניטלעך אין לאַנד — 46%) און 56% פאַרמאָגן אין זייערע היימען קאָלירטע טעלעוויזאָרס (67% — צווישן די ותיקים).

לויטן באַריכט, באַנוצן זיך מער געערן מיט עברית ווי מיט דער רוסישער שפּראַך דער יונגער און מער געבילדעטער דור פון צווישן די עולים. 40% באַנוצט זיך מיט עברית ווי זייער הויפּט־לשון און בלויז 29% ווי מיט דער צווייטער שפּראַך.

ק. יוד.

לזכרון

א. פודה

1. 40 יאָר זינט דעם מאָרד פון שלמה מיכאָעלס

"דינען דעם פֿאָלק"

א.

מיט פערציק יאָר צוריק, דעם צוועלפטן יאַנואַר 1948, איז אין סאָוועט־רוסלאַנד דערמאָרדעט געוואָרן די סאַמע אַנזעעוודיקע פערזענלעכקייט פון דעם יידיש־סאָוועטישן שבט, דער געניאַלער שלמה מיכאָעלס, וואָס האָט אין זיינע דערגרייכונגען אַריבער געשפרייזט די גרענעצן פון אָט דעם שבט און זיך דערהויבן צו דער הייך פון אַלפאָלקישן כאַראַקטער.

ש. מיכאָעלס אין דער ראָל פון "טביה דער מילכיקער"

צוויי סימבאָלישע מאָמענטן דאַרף מען אויסטיילן אין שייכות מיטן מאָרד און לוויה פון שלמה מיכאָעלס, סימ־באָלן וואָס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אויסנעמלעכער יידישער מיסטעריע...

דאָס גורל האָט אַזוי גורם געווען, אַז שלמה בן מיכאל וואָפסי, זאָל דער־מאָרדעט ווערן און אויסהויכן זיין גייסט אויפן שטח פונעם געוועזענעם מינסקער געטאָ. דאָס גורל האָט אויך געוואָלט, אַז מיכאָעלסעס פריש פאַרגאָסן בלוט זאָל זיך צונויפמישן מיטן בלוט פון די אין געטאָ פאַרמוטשעטע יידן, וואָס די ערד פון מינסק האָט אין זיך איינגעזאַפט. דאָס גורל האָט אויך באַשטימט, אַז אַרום מיכאָעלסעס צעקאַליעטשעטן גוף, זאָל זיך דאָ און דאָרט נאָך וואַלגערן אַן אבר מן החי פון אַ דערמאָרדעט יידיש קינד אָדער זקן. אפשר, אפשר זענען געדעכט געווען אונדזערע אבות, וואָס האָבן געגלויבט, אַז מען גייט אַנטקעגן

דעם מת, כדי אויך מיר זאָלן קענען גלויבן, אַז די קדושים פונעם מינסקער געטאָ האָבן באַגעגנט דעם דערמאָרדעטן שלמה מיכאָעלס און זײַן פאַרפּײַניקטע נשמה אָוועקגעטראָגן צום כסא הכבוד. אפשר!!!

דער צווייטער סימבאָלישער מאָמענט אויף דער לוויה איז באַשטאַנען אין דעם: בעת מען האָט זײַן טויטן קערפּער אַרויסגעטראָגן פון דער טעאַטער־געבײַדע, אויפן וועג צו דער קרעמאַטאָריע, האָט זיך אויף דעם אַקעגנאיבער זיך שאַקלענדיקן פּאַרקן, באַוויזן אַ מיסטעריעזע געשטאַלט מיט אַ הדרתדיקער באָרד און פּיאות. פון אונטער זײַן טראַדיציאָנעל ייִדישער קאַפּאָטע האָט ער אַרויסגענומען אַ ייִדיש פידעלע און אָנגעהויבן שפּילן אַ ניגון — געווען אייניקע וואָס האָבן געהערט אין זײַן ניגון דעם טראַדיציאָנעלן ייִדישן קדיש, אַנדערע — דעם פאַרביטערטן שפוך חמתך.

די גאַנצע דערשײַנונג איז געווען פול מיט אייביקייט, פול מיט סוד און רמז. עס האָט מעגלעך געאָנט יענער מיסטעריעזער זקן, אַז דער הרוג מלכות שלמה מיכאָעלס איז דערמאָרדעט געוואָרן ווײַל ער איז אַ ייִד, האָט ער באַשטימט אים באַגלייטן אין דער אייביקייט מיט מסורותדיקע ייִדישע תפילה־ניגונים.

ווי אַן איבערוף מיט יענע ניגונים קלינגען די שורות פון פּרץ מאַרקישעס רעקוויעם "שלמה מיכאָעלסן אַ נר־תמיד":

אונטער די קלאַנגען, אַנגעזויגענע מיט טרערן און מיט ליכט,
גיי אין דער אייביקייט אַרײַן מיט ניט דערמאָלטע פאַרבן — — —
און שעם זיך ניט מיט דײַן געלעסטערטקייט און מיט דײַן פּײַן, — —
זאָל די אייביקייט זיך שעמען.

ב.

דער מאָרד איבער שלמה מיכאָעלס, איז געווען נישט נאָר די ערשטע מערדערישע אַקציע, דער טראַגישער עפּילאָג פון דעם אכזריותדיקן פּאָגראָם אויף דער ייִדישער פאָלקסקולטור און אירע שעפער, נאָר אויך דער פּראָלאָג פון אַ נײַער דערוואַכונג בײַ די סאָוועטישע ייִדן. שוין דעמאָלט האָבן זיך באַוויזן די ערשטע קנאָספּן פון וועלכע ס'האָט מיט יאָרן שפּעטער אַרויסגעפּלאַצט די העראָיִשע עליה־באַוועגונג.

מיט זײַן גאַנצער יצירה האָט שלמה מיכאָעלס געוועקט און געשטאַרקט דעם נאַציאָנאַלן זעלבסט־באַוווסטזײַן בײַ די סאָוועטישע ייִדן.

אַ באַזונדערע היסטאָרישע שליחות — שטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן זכרון בײַ די סאָוועטישע ייִדן — איז אויסגעפאַלן אויף זײַן טעאַטער, אויף זײַנע עכט־ייִדישע פאַרשטעלונגען. זיי זענען אין לעצטן סך־הכל געווען אַ מין עפּאָפּייע וועגן ייִדישן גלגול און גורל אין דער געשיכטע. לשם אילוסטראַציע וועלן מיר דערמאָנען "מסעות בנימין השלישי", וואָס איז פון שלמה מיכאָעלסן באַטראַכט געוואָרן ווי "אַ רירנדיקע עפּאָפּעע".

אין זײַנעם אַ וווּנדערלעכן עסיי "בײַ מענדעלען אין בויד" האָט מיכאָעלס

געשריבן: „וואָס איז עס? מענדעלע — אַ ליריקער? האָט זיך עפּעס געטומלט אין קאָפּ, און ס'איז אַנטשטאַנען ביי מיר זיין העלד בנימין. ער איז געגאַנגען, מענדעלעס העלד, און ס'האָט זיך געפּילט, אַז ער שפּאַנט מיט ריזן־טריט"...

די גייסטיקע לופט און די יידישע רחבותן וואָס שלמה מיכאָעלס האָט אַריינ־געאָטעמט אין זיין בנימין־געשטאַלט, זענען אַריבערגעוואַקסן די ראַם פון דער קליינער טעאַטער־בינע. זיי האָבן אַרויסגעשפּראַצט פון דעם אונטערטעקסט און פון די היסטאָרישע אַסאָציאַציעס וואָס זיי האָבן אויפגעוועקט. דער הלל פון דער בינע איז געווען איינגעהילט אין אַ מין פּילפּאַרביקן יידישן פּרוכת. דאָס האָט גלייך אָוועקגעפּירט דעם צושויער אין דער טרוימערישער וועלט, צו וועלכער די צוויי מחשפים, מיכאָעלס און זוסקין, אין די מאַסקעס פון בנימין און סענדערל, האָבן זיך אַוועקגעלאָזט זוכן אַ גאולה פאַר זייער דורות לײַדנדיק יידיש פאָלק.

דער קולמינאַציע־פּונקט פון זייער גאולה־עקספּעדיציע איז געווען זייער באַגעגעניש מיט אַ גוי און זייער סימבאָלישע פראַגע: „קאַזשי נאַ טשעלאָוויטשע, קודי דאָראַגי אין ארץ־ישראל?" און דער גוי האָט זיי דעמאָלט געענטפערט: אַ פּיעס וואָס זשידקי זנאַיע, עטאָ דאָראַגי דאַ פּיעווקי, אַ וואַני — עלעסלאַל.

די פראַגע איז געבליבן ווי קול קורא במדבר. די צייט איז דעמאָלט נאָך ניט רייף געווען פאַר אַן ענטפער. אויך פאַר די צוויי ראָמאַנטיקער, מיכאָעלס און זוסקין, איז עס געבליבן בלויז אַ טרוים, וואָס זיי האָבן אים אויסגעדריקט אין אַ טרויעריק ליד „איי אַ חלום"... עס איז נויטיק געווען איבער אַ האַלבן יובל, וואָס נישט נאָר האָבן אַ סך סאָוועטישע יידן זיך דערוווּסט „קודי דאָראַגי אויף ארץ־ישראל", נאָר אויך יעדער גוי ווייסט היינט אַז „עלעסלאַל" איז מדינת ישראל...

אין זיינע זכרונות וועגן שלמה מיכאָעלס דערציילט אברהם סוצקעווער וועגן דעם רושם וואָס ס'האָט געמאַכט אויף שלמה מיכאָעלסן י. ל. פּרצעס אַ בריוו צו יהואשן ערב זיין אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל. באַזונדערס איז מיכאָעלס גערירט געוואָרן פון די דאָזיקע שורות: „עס פרייט אונדז וואָס דו פאָרסט אַרויס צום לאַנד, פון וועלכן מיר זענען אַזוי אָפּגעריסן קערפּערלעך און אַזוי גייסטיק פאַר־בונדן... נעם אונדז מיט אין דיין הארצן, אין דיין געדאַנק... זאָג די בערג פון יהודה, דעם לבנון און וואָס געבליבן: מיר וועלן זיך אין אַן אַנדער לאַנד נישט אַריינפלייצן"...

די ווערטער „מיר וועלן זיך אין אַן אַנדער לאַנד נישט אַריינפלייצן", דער־ציילט אברהם סוצקעווער, האָט שלמה מיכאָעלס עטלעכע מאָל איבערגעחזרט און צוגעגעבן: איר ווייסט, אַז איך בין געפלויגן יולי 1943 קיין אַמעריקע, האָב איך פליענדיק איבער ארץ־ישראל — געקושט די לופט" („די גאָלדענע קייט", 43, ז' 164).

ג

אויב זיך באַפרייען פון אויסערלעכע און עמפּירישע פאַקטן און אַריינדרינגען

אין די איינגעווייד פון דער מעטאַפיזישער דערשיינונג וואָס עס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט שלמה מיכאָעלס, קאָנען מיר, אָן איבערטרייבונג אים באַטראַכטן ווי דעם גרויסן מרגל אין די גייסטיקע שינוים וואָס זענען פאָרגעקומען ביי די סאָוועטישע ייִדן. מיר וועלן עס אילוסטרירן מיט אייניקע שורות פון זיין ״ברידער־לעכן גרוס צו די ייִדן אין פאַלעסטינע״, אין שייכות מיט גרינדן אין ארץ־ישראל דעם וועד צבורי פון דער ״ליגע ווי״: ״אויף דער פאַלעסטינער ערד האָט אונדזער געניאַלער דיכטער יהודה הלוי אויסגעזונגען זיין שוואַנען־ליד, וועגן נישט אויס־שעפּלעכער ליבע צום היימלאַנד און אומשטערבלעכקייט פונעם פאָלק... מיר שעצן הויך די באַגייסטערטע ווערטער, וואָס עס האָט צו אונדז געווענדט דער גרויסער דיכטער שאול טשערניכאָווסקי: ״די באַריערן זענען געפאַלן, מיר האָבן זיך ווידער פאַראייניקט, איין נשמה, איין האַרץ, איין ווילן און איין האָפענונג... צוזאַמען, ייִדן אין פאַלעסטינע, האַנט ביי האַנט, אַקסל צו אַקסל פאַרן טריומף פון פריינטשאַפט און ברידערלעכקייט״... (״אייניקייט״, פינפטער סעפטעמבער 1942).

שלמה מיכאָעלס האָט אין אַן אַרט אַנגעוויזן, אַז זיין אורטיילן און שאַפן שטאַמען פון זיין דענקען: ״איך פליייס מיך אַריינדרינגען אין דעם מאַטעריאַל פון דעם שטאַנדפּונקט ווי ווייט ער קאָן מיר דינען כדי אויסצודריקן מיינע אידעען״.

ווי אַזוי האָט שלמה מיכאָעלס באַטראַכט זיין קינסטלערישע און היסטאָרישע מיסיע? וועלכע אידעען האָט ער פּראָפּאַגאַנדירט?

אויף דעם וועלן מיר אים לאָזן ענטפערן אַליין. אַ פּאָר חדשים פאַר זיין טראַגישן טויט האָט די רוסישע צייטשריפט ״אָגאָניאָק״ זיך געווענדט צו אים מיט אַ פראַגע, ווי ער זעט דעם תוכן פון זיין לעבן און שאַפן? שלמה מיכאָעלסעס ענטפער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן קורץ פאַרן מאָרד, אַזוי אַרום אַז מען קען עס באַטראַכטן ווי זיין צוואה.

און אָט וואָס מיכאָעלס האָט, צווישן אַנדערן, געענטפערט: ״צום סוף פון זיין לעבן האָט מיין פאָטער זיך געווענדט צו מיר מיט אַזעלכע ווערטער:

— קינד מיינס! — האָט ער געזאָגט, און זיין בליק איז געווען אי מילד, אי אַ ביסל שטרענג, ווען מען זאָל אויסמאָלן דאָס לעבן ווי אַ מין אלף־בית, בין איך, אַ פּשוטער בשר ודם, זוכה געווען אויסצולערנען בלויז אַ טייל פון אָט דעם א״ב, נאָך די אויגן דיינע זע איך, אַז דו וועסט וועלן אָנהייבן פון אָנהייב אָן, וועסט אָבער אויך נישט אַלץ ביזן סוף תופס זיין. פאַרגעס זשע נישט דאָס, וואָס איך האָב געוווּסט, וועסטו אפשר אָוועק ווייטער פון מיר...

פון פּראָפּעסיעס — האָט ווייטער מיין פאָטער געזאָגט, זענען מיר צום האַרצן בלויז צוויי, מעדיצין און יוריספּרודענץ, אַ דאָקטער און אַן אַדוואָקאַט, די צוויי, האָבן ביד ראַטעווען אַ מענטש פון טויט. קלייב אויס דעם וועג...

אין דעם באַרוף וואָס איך האָב אויסגעקליבן האָב איך געפונען פיל מער ווי דאָס, וועגן וואָס עס האָט געטרוימט מיין פאָטער. ס׳האָט אפשר אויך באַדייט היילן, דערציִען גרויסע מאַסן מענטשן, זייערע נשמות, זייער גייסטיק וועזן״...

און שלמה מיכאָעלס האָט געענדיקט זיין צוואה מיט די ווערטער:

— הער מיך אויס, טאַטע! מיט דער גאַנצער נשמה, מיטן גאַנצן הארצן, מיט יעדן געדאַנק מײַנעם, מיט אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג, דין איך דעם פאָלק״.

״דין איך דעם פאָלק״! — דאָס איז דער אינהאַלט פון שלמה מיכאָעלסעס לעבן און דער זין פון זײַן טויט. און דער פאַר וועט אים דאָס פאָלק אייביק געדענקען, ווי איינעם פון זײַנע גרויסע גײַסטער, ווי איינעם פון זײַנע גרויסע מאַרטירער, וואָס איז געפאַלן אַ קרבן על קידוש העם ועל קידוש פון ייִדישן מענטש.

2. אַ וואָרט וועגן דוד האָפשטיין

אויפן אָוונט פון צוטראָגן דעם ערשטן
דוד האָפשטיין-פּרייז —
אברהם סוצקעווערן

אין דעם מדרש בראשית־רבא שטייט געשריבן: ביימער האָבן אַ זכרון. געדענקען מסתמא די פּאַלמעס אין דרום תּל־אביב, אַז זיי האָט פאַרפלאַנצט אין מיטן פון די צוואַנציקער יאָרן — דוד האָפשטיין.

און פאַרפלאַנצט האָט זיי דוד האָפשטיין געגנוי לפּי מצוות חז״ל: אין חודש ניסן, וואָס איז לויט דער ייִדישער מסורה, דער חודש פון בריאת העולם.

פאַר די דאָ פאַרפלאַנצטע פּאַלמעס האָט דוד האָפשטיין פאַרהיט אַ באַזונדער אָרט אין זײַן געמיט. אין די בריוו צו זײַנע נאָענטע פרײַנד אין תּל־אביב, דעם יוסף־חיים ברענער פאַרשער מנחם פּאָזנאַנסקי און דעם בעל־הקונטרס, מיטגרינדער פון דעם ״דבר״ — יצחק יציב, האָט דוד האָפשטיין שטענדיק צוגעשריבן אַזאַ מין עיקר — שכחתי:

״זײַט אַזוי ווילגינציק און טוט אין מײַן נאָמען אַ מילדן בליק צו אײַערע טיפע הימלען און אַ צניעותדיקן גלעט מײַנע צאַרטע פּאַלמעס״...

אויב עס איז נאָך ניט געגעבן געוואָרן קיין צוו (באַפעל) פונעם ראש העיר זיי עוקר מן השורש זײַן, בליִען זיי נאָך, אפשר, די פּאַלמעס און יונגע פייגל פלאַטערן איבער זיי, ווי זיי וואָלטן צוויטשערן: רחוב דוד האָפשטיין! רחוב דוד האָפשטיין!

נישט נאָר מיט פלאַנצן פּאַלמעס האָט דוד האָפשטיין זיך דעמאָלט פאַרקנסט מיט ארץ־ישראל, זײַן וארשתיך לי צום לאַנד פון די אבות האָט ער אויסגעדריקט אין איינעם פון זײַנע שיינע שירים אין העברעיִש ״בדרך״, וואָס אין אַ ווערטלעכער איבערזעצונג אין ייִדיש לייענט זיך עס אַזוי:

בלוט־טראָפּן אין ריף פון באַרג,
בלוט־טראָפּן אין פלייש פון שטיין, —
דאָרטן, דאָרט אויף שנייען פון צפון,
טראָפּנס פון מײַן בלוט...

מײַן לאַנד, מײַן מאַמע,
ניט קײן שווערד, ניט קײן שפּיז
געבראַכט האָב איך דיר;

מײַן בלוטיקן זכּרון,
די וואַרעמקײט פֿון הארץ
האָב איך דיר — מײַן מוטערלאַנד געבראַכט.
באַוויליק — מײַן מתּנה!

דוד האַפּשטײן האָט דעמאָלט געשריבן העברעיִשע שירים וועגן די באַוואַלדיקטע שטחים אין ארץ־ישראל. „יער, יהי יער!" — הײסט אײנע פֿון זײַנע פּאַטעטישע אָדעס צום דומם און צומח אין לאַנד.

אַ דורכזיכטיקע העלקײט און שטראַלונג שטראָמט אין דעם ציקל העברעיִשע שירים, וואָס דוד האַפּשטײן האָט געשאַפֿן, זײַענדיק דאָ אין לאַנד: „אור בארץ, שפע של אור הולך ומתגבר מיום ליום; מציף על ההרים, ממלא את העמקים על גדותיהם. זרמי זוהר משתפכים ועוברים מבקעה לבקעה ומעל ההרים — אור שקוע בקרקע וכל אשר עליה ומעליה". טײַטש: דאָס לאַנד שײַנט. אַ שפע ליכט מערט און שטאַרקט זיך, הילט אײַן די בערג, פֿאַרפֿולט די טאָלן. גלאַנציקע כוואַליעס — כוואַליען פֿון טאָל צו טאָל, פֿון באַרג צו באַרג. אָנגעזאַפּט מיט ליכט און שײַן איז די ערד און אַלץ וואָס אויף איר און איבער איר...

אָט אַזוי האָפֿערדיק האָט געקלונגען דוד האַפּשטײנס לשון קודש דאָ אין תּל־אָביב מיט איבער זעכציק יאָר צוריק אויף רחוב בצלאל, הײַנט רחוב שאול טשערניכאָווסקי.

און נישט נאָר דאָ אין תּל־אָביב, אויך דאָרט אין די באַדינגונגען פֿון דער סאָוועטישער אינקוויזיציע, מיט אירע גרויליק גורלדיקע פּורעניות'ן האָט דוד האַפּשטײן, אין אַ היפּשער טײל פֿון זײַן גרויסער דיכטונג, פֿאַרהיט דעם לשון־קודש גײַסט...

— „הערט זיך דען ניט אין מײַן דיכטונג דער ווידערקול פֿון לשון־קודש — האָט בשער בת רבים, דוד האַפּשטײן, דאָרט געפֿרעגט און געענטפֿערט — מיר דאַכט זיך לבה המה בה. איך האָב דאָך אין איר אַרײַנגעוועבט אַ שפע פֿון לשון־קודש פֿאַרבן, ריטמען און מחשבות"...

און אויף שפּורן און אויף זוכן
אפשר טויגן אַלטע שפּרוכן —
אויך אַ שפּריכוואָרט האָב איך מיר,
אַלטע, אַלטע ווערטער פֿיר,
כ'האָב אַמאָל זײ זיך פֿאַרצײכנט
(כ'וועל זײ ברענגען, זײַט מיר מוחל),

אויב ס׳וועט קיינער ניט פאַרשטיין,
וועט פאַרשטיין האַפשטיין אַליין.
כ׳האָב געווענדט זיך צו די ביימער:
יום ליום יביע אומר — — —

ניט פאַרשטאַנען האָבן זיי,
ניט פאַרשטאַנען האָבן זיי — — —

*

דאָס קאַפּיטל, דוד האָפשטיין אין ארץ־ישראל, איז אַ קרקע בתולה, אפילו קיין אויספירלעכע ביבליאָגראַפיע איז נאָך ניט פאַראַן; און דוד האָפשטיין האָט דאָ ניט נאָר העברעיִשע שירים געשריבן, נאָר אויך דראַמעס און עסייען.

וועגן זײַן באַגײַסטערונג פון דער אויפקומענדיקער נײַער ייִדישער רעאַליע אין ארץ־ישראל זענען מעיד זײַנע בריוו פון יענער צײַט.

צו זײַן פרײַנט אין קיִעוו, דעם שרײַבער אברהם קאַהאַן, האָט דוד האָפשטיין געשריבן: ״דאָ (אין ארץ־ישראל) בין איך דער פאַרטיידיקער פון אַלץ, וואָס איך פלעג זיך אַמאָל קלאָגן. דאָס הייסט ניט, אַז איך באַרעכטיק אַלץ. אָבער די פּראָבלעמען וואָס ווערן דאָ געשטעלט, זײַנען אַזוי גרויס און אַזוי פיל, אַז זיי דעקן זייער אַ סך״...

און צו זײַן פרײַנט אין ניו־יאָרק, דעם שרײַבער אברהם ליעסין האָט דוד האָפשטיין מיט התלהבות געמאָלדן: ״איך בין אין ארץ־ישראל! דאָס אַליין איז פאַר מיר אַזוי פיל, אַז איך בין גרייט די ווערטער איבערחזרן טויזנט מאָל! און כ׳האָב קיין אַנדערע ניט, און כ׳זוך קיין אַנדערע אויסצודריקן אין גאַנצן מײַן איבעראַשונג״...

דאָס קאַפּיטל דוד האָפשטיין און ארץ־ישראל, איז מכמה וכמה טעמים וויכטיק ועל כולם מיט זײַנע אויסווירקונגען אויף זײַן דרך אין דער ליטעראַטור און אין לעבן ווי אַן אַנפּאַן טעריבל, אַדער ווי יעקב שטערנבערג האָט אים גערופן ״דער אויף גאָטס באַראָט גייער צווישן די ייִדיש־סאָוועטישע שרײַבערס״...

דוד האָפשטיינס גייען אויף גאָטס באַראָט, איז ניט שטענדיק געווען אין אוניסאָן מיט די דאַרטיקע אידעאָלאָגישע נאָרמעס. איך וועל איצט דערציילן וועגן איין אויסגעמלעכן פאַל, וואָס איך בין געווען דערבײַ. געשען איז עס פרילינג 1944, בעת דעם קבלת פּנים פאַר אברהם סוצקעווערן, ווען אַ ספּעציִעלער עראָפּלאַן האָט אים פון די נאַראָטשער וועלדער געבראַכט קיין מאָסקווע.

אַ גרויסער עולם, אַלע ייִדיש שרײַבערס, בתוכם דוד האָפשטיין, זײַנען געקומען מקבל פּנים זײַן דעם פּאָעט־פּאַרטיזאַן. מיט אַ רעליגיעזן ציטער האָט מען זיך אײַנגעהערט אין אברהם סוצקעווערס געטאָ־לידער. דעם זאַל האָט באַהערשט אַ מיסטישע שטימונג. אברהם סוצקעווערן האָט מען אויפגענומען ווי אַ מיסטעריעזן שליח פון אַן עזאָטערישער וועלט. די מאַגיק פון זײַן קול האָט אויפגעציטערט די

הערצער פון די פאַרזאַמלטע... פלוצעם איז די פאַרכטיקע שטילקייט איבער־געריסן געוואָרן... דוד האָפשטיין האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט, זיך דערשלאָגן צו דער טריבונע און בקול רם מכריז געווען: לכבוד דעם ייִדישן פּאָעט, וואָס איז געווען אין גהינום, וויל איך לייענען מײַנס אַ ליד. אין זײַן מעלאָדישער שטים האָט געקלונגען מעטאַל און ווי פּריטשמעליעט די פאַרזאַמלטע.

היות דאָס דאָזיקע ליד איז אין דעם נוסח ווי ד׳ האָפשטיין האָט עס דעמאָלט געלייענט אין סאָוועטרוסלאַנד ניט געדרוקט געוואָרן, וועל איך ברענגען אַ פראַג־מענט פון דוד האָפשטיינס מערקווערדיקן פּאָעטישן מאַניפעסט, באַווירקט פון אברהם סוצקעווערס געטאָ־לידער:

און דאָך מײַן פאָלק נאָך גלייבט,
און, איך בין גרויס דערמיט,
וואָס איך געהער צום פאָלק,
וואָס ווערט ניט מיד און בויט און גלייבט...
כדי אומשטערבלעך זײַן,
ניט אומבאַדינגט איז זײַן שוין טויט,
עס קען צום אומעטום אַן ערגעץ זײַן!
און גראַד אין סאַמע מיט פון וועלט!
דער זעלבער ערגעץ, דער, וואָס אים געדענקט

די גאַנצע וועלט,

נאָר פון דער וועלט, נאָך מער,
מײַן פאָלק געדענקט אויף יעדן קער,
דער אָנדענק גליט אין יעדער טרער...

— — — — — — — — —

אַזוי פיל ערגעצן האָב איך געזען ביז הער
און יענעם ערגעץ אויך,
אַט דעם וואָס גלאַנצט אין יעדער טרער...

— — — — — — — — —

און איך, בין גרויס דערמיט,
וואָס איך געהער צו די,
וואָס לעבן מיט דעם פלאַמיקן באַגער...

דוד האָפשטיינס ליד האָט אויפגערודערט די פאַרזאַמלטע. מען האָט פאַרשטאַנען זײַן רמז, זײַן גרויסן זיך מיט דעם, וואָס עס געהערט צו די וואָס לעבן מיט דעם פלאַמיקן באַגער צו אַן אויסגעבענקטן, אייגענעם ערגעץ־ווו... מען האָט האָפ־שטיינען פאַרשטאַנען און אים און זײַן ליד מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן באַגעגנט.

דוד האָפשטיינס ליד האָט מיט זײַנע היסטאָרישע שליחותן אינעם סאָוועטישן

דזשונגל אַרויסגערופן געדאַנקלעכע אַסאָציאַציעס צו ח. נ. ביאַליקס ליד „אל הצפור", וואָס האָט בשעתו אויך געוועקט בענקשאַפטן צו אַ ראָמאַנטישן ערגעץ־ווו. אָדער ווי ביאַליק האָט אים אָנגערופן: „ארץ מרחקים נפלאות". בעת אָבער ביאַליק האָט אין צאַרישן רוסלאַנד געקענט בפרהסיא פרעגן: „התשאי לי שלום מאחי בציון, מעמק, מגיא, מראש הרים?" איז דוד האָפשטיין אין סאָוועטישן רוסלאַנד געצוווּנגען געווען ריידן בלשון רמז, בלשון סגינהור...

*

איך האָב באַשטימט דערמאָנען וועגן דעם, מחמת אויפן היינטיקן חג אברהם סוצקעווער ווערן מקוים דוד האָפשטיינס נבואה ווערטער: „און גרינגער איז שפּינען און וויסן: עס האָט זיך מיין ליכטיקער פאָדעם ניט איבערגעריסן"...

לאָמיר אַ רגע אַ קלער טאָן, מאי קאַ משמע לן „מיין ליכטיקער פאָדעם"? דוד האָפשטיין האָט עס אַזוי פּותר דעה געווען:

> נישט פאַרשעמט כ'האָב מיין אוראַלטע ערע,
> מיין ליד איז אין ווייטן געווענדט
> און ביז „האזינו" דערגרייט...

דוד האָפשטיינס פּאָעזיע איז בפירוש אַ המשך פון תנכישן „האזינו"; זי איז אָבער ניט געווענדט צום עבר, זי האָט געבראַכט מיט זיך די נייע זוימען פאַר דעם גרויסן אויפבלי פון דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע, וואָס איר העכסטע דער־גרייכונג אין דער געשטאַלט פון אברהם סוצקעווער ווערן מיר פריזן היינט.

דוד האָפשטיין איז פון די ערשטע מאָדערנע יידישע פּאָעטן וואָס, אויב זיך באַנוצן מיט זיין פּאָעטישן לעקסיקאָן, האָט „דערפילט דעם פאַרלאַנג מיט ווייטע אויסוועלטן זיך העפטן"... די בילדער־וועלט אין דער יידישער פּאָעזיע בעת דוד האָפשטיינס אויפשיינען אין אירע האָריזאָנטן האָט, חוץ געציילטע אויסנאַמען, ניט אַריבערגעשפּרייזט דעם יידישן תחום־המושב. דוד האָפשטיין האָט אים אַריבער־געשטיגן, ווייל ייד האָט גענערט דעם מענטש אין אים, און מענטש — דעם יידן. אָט דער ייד־מענטש סינטעז איז דער גרונט־שטריך פון דוד האָפשטיינס אוניווער־סאַלער פּאָעזיע.

„דוד האָפשטיינס פּאָעטישע וועלט־אויפפאַסונג, האָט שוין בשעתו באַצייכנט יחזקאל דאָברושין, שטאַמט פון דער אַלעגמיינער קולטור־פּאָעזיע, און ווי די בעסטע פאָרשטייער פון דעם מאָדערנעם אייראָפּעישן קונסט־וואָרט באַלייכט אויך ער זיינע לירישע אָביעקטן מיט דער אַלגעמיינער וועלטישער שיין...".

דוד האָפשטיינס מאָדערניסטישע פּאָעזיע, איז ניט נאָר אַ פּועל־יוצא פון אויסערלעכע השפּעות. זיין פּאָעטישע נאַטור האָט זיך אויסגעוואָרעמט אין די אינטימיטעטן פון יידישן עטאָס, אין וועלכן עס איז צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע באַשאַפן געוואָרן דער באַגריף מענטש ווי דער תכלית פון דער וועלט־באַשאַפונג. און דאָס מענטשלעכע איז די קרוין פון דוד האָפשטיינס קלאַסישער

פּאָעזיע, איבער וועלכער עס פלאַטערן זײַנע באַפליגלטע ווערטער: ״ווי טרויעריק זיס איז מענטש צו זײַן״.

מײַן דיכטונג, מײַן בענטשונג מײַן פרייד!
וויל שטענדיק נאָר איינס,
און איין זאַך איז זי אויסן,
און גליט נאָר אין לײַדנשאַפט איינער:
פאַרלינדערן מענטשלעכע לייד.

אויך די טאָנאַציע, ״דער קלינג-קלאַנג און קלאַנג-קלינג״ פון דוד האָפשטיינס ליריק איז פון אַ באַזונדערן זגאַל. זײַן זכרון אפילו איז אַ קלאַנגלעכער: ״און הילכיק לאַכט אין מיר מײַן מענטשלעכער, מײַן מעכטיקער זכרון...״.

מער פון אַנדערע ייִדישע פּאָעטן אין ראַטנפאַרבאַנד האָט דוד האָפשטיין גערופן אין זײַן פּאָעזיע צו ״ייִדיש יחידישן חסד״, צו ״גרינע געדעכענישן פון דעם פאָלקס זכרון״, זײַן דעוויז איז געווען: ״נעם דײַן ביסל קראַפט און היט עס, ניט פאַרגעס אין דײַן יחידות״.

דער פאָלקס זכרון, אַליבא ד׳האָפשטיין, קאָן דינען, דאַרף דינען, ווי אַ באַריער קעגן ״פרעמדע אַרומען״ מיט זייערע ״שטומע באַפעלן: פאַרענדער זיך, ענדער...״.

די פרעמדע, אָפט מאָל פײַנטלעכע אַרומען, האָבן גורם געווען טרויעריקע טענער אין דוד האָפשטיינס אין תוך האָפערדיקן וועלט-געפיל. און ער האָט וועגן דעם געקלאָגט אין זײַן באַרימט ״ליד פון מײַן גלײַכגילט״:

איך בין מיד שוין פון שוועבן,
פון שווינדלען,
פון שווימען,
פון ווייקן אין וואַסערן פרעמדע,
און אייגנס זאָל מיך נאָר רייצן...

דוד האָפשטיין האָט געגלייבט אין נצח-ישראל. און גלויבן איז אַ ביאָלאָגישע נויטווענדיקייט — לויט אנרי בערגסאָן.

די דאָזיקע ביאָלאָגישע נויטווענדיקייט האָט דוד האָפשטיינען געגעבן דעם כח פאַרהיטן אין זיך דעם גלויבן אין נצח, טראָץ די נגישות פון אויסערלעכע פײַנד און רדיפות פון אינערלעכע אומפרײַנד און פאַרלוימדער.

דוד האָפשטיינס דיכטונג, געשאַפענע אונטער דער אימה פון דער סאָוועטישער חרב-פּיפיות, זענען ניט נאָר בלעטער פון זײַן אינטימער וועלט, זי איז אויך אַ דראַמאַטישער טאָגבוך, אַ באר מים חיים פאַר דעם ייִדיש סאָוועטישן שבט מיט זײַן פּחד געהיימען אין פײַנטלעכע היימען, ווי מיר לייענען עס אַרויס אין זײַן קלאַסיש ליד ״בײַ וועגן, בײַ ווײַטע״:

מיט עלנט געבעט, מיט פּחד געהיימען,
געזייט האָב איך זוימען בײַ ווילד פרעמדע היימען.

דוד האַפשטיינס שאַפן, וואָס איז פריַי פונעם סאָוועטישן שעטנז, קעלטערט זיך איַין אין די ייִדישע אייביקייטן, סימבאָליזירט מיט זיך דעם טראַגישן ״פון ירדן ביז וואָלגא איז פאַלג מיך אַ גאַנג״... וואָס טיפער מיר לעבן זיך איַין אין דעם גייַסט פון זיַינע עפּאָסן, אַלץ מער באַוווּנדערן מיר זיַין שטאַרקן גלויבן אין אייגע־נעם אייביקן דויער:

אַ וועלט דו מיַינע, וועלט דו מיַין,
מיַין זיַין וועט קיינער נישט צעשטערן,
וויַיל אויך דאָס כלומרשטיק ניט ווערן,
וועט אויך באַשטעטיקן מיַין זיַין.





לזכר שלמה מיכאָעלסן — צייכענונג פֿון וו. סאַנין

יצחק יאַנאַסאָוויטש

דער שרייבער און מענטש לייב ראָכמאַן

(צו זײַן צענטער יאָרצײַט)

מיט ראָכמאַנס אַוועקגאַנג אין דער אמתער און בעסערער וועלט האָט די ייִדישע ליטעראַטור פאַלוירן נישט נאָר אַ שרײַבער פון אַ באַדײַטנדיקער מדרגה, נאָר זי האָט אויך פאַרלוירן אַ מענטש וואָס איז געווען אַ יחיד במינו אין דער דאָזיקער סביבה; אַ מענטש וואָס מען האָט אויף אים, אין אַ געוויסן זין, געקענט זאָגן דאָס וואָס באָריס פּאַסטערנאַק האָט געזאָגט אויף זײַן העלד ד״ר זשיוואַגאָ: ער האָט נישט בלויז אַנטדעקט די שיינקייטן פון לעבן, ער האָט זיי אויך געשאַפן. ווײַל — אויב מען זאָל דאָס וואָרט ״שיינקייטן״ איבערזעצן אויף ״מאָראַלישע ווערטן״, דאַן קאָן מען אָננעמען אַז לייב ראָכמאַן האָט געשאַפן די דאָזיקע ווערטן צוליב וועלכע מיר, זײַנע נאָענטע פרײַנד, האָבן אים אַזוי הויך געשאַצט.



ער, ראָכמאַן, האָט פאַרמאָגט אַ סך מעלות, אָבער צוויי פון זיי האָבן זיך באַזונדערס אָנגעזעען, ער איז געווען אַ מענטש פון התלהבותדיקן גלויבן און איז דאָך נישט געווען קיין פאַנאַטיקער. ער האָט אויך געקענט מענטשן און זייערע שוואַכקייטן און איז דאָך נישט געוואָרן קיין ציניקער. און אַט וועגן דעם איז אפשר כדאי צו זאָגן נאָך עטלעכע ווערטער.

לייב ראָכמאַן איז געווען ווי מיר האָבן אָקאָרשט באַטאָנט דער מאַן פון טיפן גלויבן. מיט זײַן גלויבן און מיט זײַן טעמפּעראַמענט האָט ער אָנגעשטעקט די אַלע וועלכע זענען געקומען מיט אים אין באַריר. ער האָט חוץ דעם ליב געהאַט מענטשן און געהאַט אַ טיפע פאַרשטענדעניש פאַר זײַנע שוואַכקייטן. און כאָטש די דאָזיקע פאַרשטענדעניש

ברענגט אָפּט די סקעפּטישקייט און פון סקעפּטישקייט איז שוין אַ קורצער און גלײַכער וועג צו ציניזם, איז אָבער ראָכמאַן קיין ציניקער נישט געווען, ווײַל ער האָט זײַנע אידעען, זײַן אמונה גענומען זייער ערנסט און האָט פאַר זיי געקעמפּט מיטן גאַנצן פײַער פון זײַן נשמה. איך האָב פריִער דערמאָנט זײַן טעמפּעראַמענט־פולקייט און זײַן שטרעבן צו אידעאַלקייט, צו שלימות. דאָס האָט אים געקענט ברענגען צו אַ מין פאַנאַטיזם וואָס פאַרטראָגט נישט קיין אַנדערע דעות און אַנ־שויונגען, אָבער פון פאַנאַטיזם האָט אים אויסגעהיטן זײַן אָרגאַנישע איידלקייט און זײַן דרך ארץ פאַר ווערטן און איבערצײַגונגען, אפילו ווען זיי זענען געווען אין היפוך צו זײַנע. חוץ מזה האָט ער פאַרמאָגט אַן אײַנגעבוירענע אייגנשאַפט צו העלפן מענטשן אין זייער נויט און דאָס האָט אים געבראַכט צו דעם אַז ער זאָל דאגהן וועגן מענטשן, אַז ער זאָל זיך באַמיען פאַר מענטשן, אפילו ווען די דאָזיקע מענטשן האָבן נישט געהערט צום קרײַז פון זײַן גלויבן, צו דער סביבה אין וועלכער עס האָט געבליט זײַן אמונה.

מיר האָבן אים ליב געהאַט. מיר האָבן געוווסט וועגן די ליידן, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט שוין נאָכן היטלער־גיהנום און אין רעזולטאַט פון דעם היטלער־גיהנום. אָבער עס האָט אונדז פאַרכאַפּט זײַן גרויסער לעבנס־ווילן, זײַן עקשנות און זײַן מוט בײַם שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם טויט וואָס האָט אויף אים געלויערט אַזוי פיל יאָרן. פאַקטיש האָט ער בײַם טויט אַרויסגעריסן די גאַנצע 33 יאָר, זײַט ער איז אַרויס פונעם גרוב אין דעם דאָרף ווו ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון די היטלער־מערדער. אַ צײַט־לאַנג איז ער געלעגן אויפן שפּיטאָל־בעט אין דער שווייץ. עס זענען געווען קנאַפּע שאַנסן, אַז ער זאָל מיט זײַן ביינער־שווינדזוכט בלײַבן לעבן. אָבער ער איז געבליבן. ער איז געקומען קיין ישראל און דאָ באַוויזן אויסצובויען אַ היים אין פולן זין פון וואָרט און ער האָט אויך באַוויזן עפּעס, וואָס נישט יעדער שרײַבער באַווײַזט עס טאָן, דאָס איז: זיך ליטעראַריש פולשטענדיק איבערצובויען אָדער איבערצושיכטן. ס׳מיינט: זיך אָפּצוזאָגן פון אַ דעראָבערטער ליטעראַרישער פּאָזיציע און צו דערגרייכן אַ נײַע פּאָזיציע, — אַ שווערערע, ווי די פריִערדיקע. דעם דאָזיקן ענין וועלן מיר נאָך שפּעטער ווידמען עטלעכע ווערטער, אָבער דערווײַל ווילן מיר זאָגן, אַז לייב ראָכמאַן איז געווען אַ שרײַבער וואָס האָט דעם ענין פון שרײַבן נישט גענומען גרינג און ער האָט דאָס שרײַבן נישט גענומען גרינג, דערפאַר ווײַל ער האָט עס באַטראַכט ווי אַ שליחות צו וועלכן דער שרײַבער דאַרף ראוי זײַן.

לייב ראָכמאַן האָט מיט זײַן לעבן און מיט זײַן שאַפן באַוויזן אַז ער איז ראוי צו זײַן שרײַבערישער שליחות און כאָטש מיר האָבן אים ליב געהאַט, האָבן מיר נישט פאַרלוירן די דיסטאַנץ צו אים און מיר האָבן אים אויך פאַרערט.

*

דער וואָס שרײַבט די דאָזיקע ווערטער האָלט פאַר אַ זכות דעם פאַקט וואָס ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געשריבן וועגן ראָכמאַנס בוך "אין דײַן

בלוט זאַלסטו לעבן" אַ וואָך נאָך דעם ווי דאָס דאָזיקע בוך איז דערשינען אין פּאַריז, ווו מיר האָבן דעמאָלט געוווינט אין שכנות אין דעם הויז אויף רי פּאַטען 9.

איך וועל פּרווון איבערגעבן שטאַרק בקיצור כאָטש עפּעס פון דעם וואָס איך האָב דעמאָלט געשריבן וועגן דעם דאָזיקן אײַנדרוקספולן ווערק וואָס האָט ראַכמאַנען אַרײַנגעפירט אין דער יידישער ליטעראַטור. איך האָב געזאָגט, אַז הגם אויפֿטרייסלענדיקע ביכער וועגן יידישן פּײַן אין דער תּקופה פון דער אַזוי גערופענער שואה, האָבן מיר אַ סך, אַזוי אַז אַ סך אַלטע און באַרימטע ליטעראַטורן קענען זיך נישט פאַרגלײַכן מיט אונדזער יידישער ליטעראַטור אין פּרט פון גרויל און מאַקאַברישער פּײַן־אַנלאָדונג, איז דאָך דאָס בוך "אין דײַן בלוט זאַלסטו לעבן" פון לייב ראַכמאַן אַ בוך וואָס טרייסלט אויף יעדן לייענער מיט דער טיפער וואַרהאַפטיקייט פון די געשילדערטע פּײַן־איבערלעבונגען און עס מאַכט אויפֿציטערן די נשמה פון יעדן לייענער מיט דער אמתדיקייט פון די איבערדערציילטע לײַדן.

עס איז וואָר, האָב איך דעמאָלט געזאָגט, אַז דאָס ווערק וואָס איז געשריבן ווי אַ טאָגבוך, איז פאַר אונדז באַזונדערס וויכטיק ווי אַ דאָקומענט וואָס שטעלט פעסט דאָס אַלץ וואָס מיר האָבן דורכגעלעבט און דורכגעליטן אין די שוידער־יאָרן פון דער דײַטשער הערשאַפט, אָבער נישט ווייניקער וויכטיק אין דעם דאָזיקן בוך איז אויך דער קינסטלערישער מאָמענט וואָס באַווירקט אונדז אַזוי שטאַרק און מאַכט אונדז מיטלעבן מיטן מחבר און איבערלעבן דאָס וואָס לייב און זײַנע נאָענטע האָבן איבערגעלעבט אין דער אָדיסייע פון זייער רעטונג בעת די יאָרן פון טויט און סכנה, אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

עס איז בשעתו אָנגעגאַנגען אַ שטרײַט אין דער יידישער ליטעראַטור וועגן דעם צי מען מעג פון דער חורבן־טעמע שאַפן קונסט־ווערק, ווײַל קונסט פאַרשאַפט דאָך, אין לעצטן סך הכל, הנאה און ווי אַזוי מעג מען הנאה האָבן פון דעם חורבן? די דאָזיקע קשיא איז אין אַ געוויסער מאָס פאַרענטפערט געוואָרן דורך אַ רייי יידישע שרייבער וועלכע האָבן דערוויזן אַז אפילו מגילת איכה וואָס געהער צו ירמיהו הנביא, איז אויך אַ קונסט־ווערק און געשריבן מיט די כללים פון קינסטלערישן שאַפן, און ס'איז דאָך קיין שום ספק נישט, אַז "איכה" איז דאָס גרעסטע חורבן־ווערק פון אונדזער ערשטן חורבן; אַז ירמיהו איז געווען דער גרעסטער יידישער מקונן פון אונדזער ערשטער פאָלקס־טראַגעדיע.

דאָס וואָס מאַכט דעריבער אַזוי ווערטפול ראַכמאַנס בוך, — האָב איך דאַן געשריבן, — איז דווקא זײַן קינסטלערישע קוואַליטעט, הגם עס איז אַ ביסל אומהיימלעך צו רעדן וועגן ליטעראַטור און קונסט אין אָנגעזיכט פון אַזאַ גרויסער און אויפשוידערנדיקער טראַגעדיע ווי די וואָס אונדזער פאָלק האָט איבערגעלעבט.

ווען מען לייענט ראַכמאַנס בוך "אין דײַן בלוט זאַלסטו לעבן" פילט מען אַז דער מחבר איז באַרוישט פון דער טראַגישער דערציילונג, פון וועלכער ער אַליין איז דער הויפּט־העלד, אָבער די דאָזיקע באַרוישונג טעמפּט אויף אַ רגע נישט אָפּ זײַן קינסטלערישע אָבסערוואַציע. און די אָבסערוואַציע איז דאָס סאַמע גרעסטע

װוּנדער אין דעם דאָזיקן סכנהדיקן מאָמענט. דאָס איז דער ערשטער סימן, נישט בלויז פון ראַכמאַנס טאַלאַנט, נאָר אויך פון זײַן שרײַבערישער שליחות. ראַכמאַן פאַרמאָגט ביידע זאַכן — טאַלאַנט און שליחות־באַוווּסטזײַן — אין אַ גרויסער מאָס און פון דאַנען נעמט זיך זײַן כח צו אָבסערווירן דעם אַרום, צו אָבסערווירן זיך אַליין אפילו אין די מינוטן װען עס דאַכט זיך אויס, אַז זיי זענען די לעצטע.

ראַכמאַן איז בעת ער האָט געשריבן די טאָג־בוך נאָטיצן פאַר זײַן ערשטן ווערק נאָך געווען אַ גאָר, גאָר יונגער מענטש, אָבער ווען ער וואָלט אפילו געווען אַ זקן ורגיל אין דער שרײַבערישער עבודה וואָלט ער נישט געקענט געפינען קיין מער פּאַסיקע פאָרם און פאַקטור פאַר זײַן טעמע. ראַכמאַן האָט מיט זײַן שרײַבן געצילט איבערצוגעבן די גרויסקייט, אָדער טיפקייט פון דער יִדישער מאַר־טיראָלאָגיע. דאָס איז אים געלונגען, אָבער געלונגען דער פאַר ווײַל ער האָט זיך נישט פאַרלאָזט בלויז אויף דער ווירקונג פון נאַקעטן פאַקט, נאָר דער פאַר וואָס ער האָט די געשעענישן רעפּראָדוצירט אין קינסטלערישן בילד. ער האָט אויפגעלעבט זייער אַטמאָספער, ער האָט אונדז געוויזן די פּסיכישע רעאַקציע פון דעם ייִדישן מענטש אויף די געשעענישן און דערמיט האָט ער ווידערגעשאַפן דאָס גאַנצע בילד פון גרויל וואָס ער האָט דורכגעלעבט און דערמיט האָט ער אויך אונדז, די וואָס זענען "אין טרעבלינקע נישט געוועזן", באַווירקט און אונדז געצוווּנגען איבער־צולעבן.

אין ראַכמאַנס בוך פילן מיר נישט בלויז דעם ריח פון פאַרגאָסענעם ייִדישן בלוט, מיר דערזעען אויך די וועלט אין וועלכער דאָס יִדישע בלוט גיסט זיך. צוליב דעם ווײַזט אונדז ראַכמאַן דאָס פּוילישער דאָרף אין וועלכן ער און זײַנע נאָענטע באַהאַלטן זיך אויס. ראַכמאַן האָט זיך געפונען און דעם מאַזאָווישן דאָרף אין דער ראָל פון אַ רואה ואינו נראה, ער האָט די מענטשן פון דאָרף געזען און געהערט, אָבער זיי האָבן אים נישט געזען און האָבן נישט חושד געווען אין זײַן אָנוועזנהייט. ער האָט דעריבער געהאַט די מעגלעכקייט צו זען דאָס באַהאַלטנסטע פון דער פּויערישער אויפפירונג, פון דער פּויערישער פּסיכיק. דערביַי איז כדאַי אונטער־צושטרײַכן אַז נאָר דאָס אויג פון אַ שרײַבער האָט געקענט אַזוי אמתדיק זען די פרעמדע וועלט, וואָס איז געווען אַזוי פײַנטלעך געשטימט צו דעם באַהאַלטענעם אָבסערוואַטאָר. ראַכמאַן האָט געזען און אונדז געוויזן דאָס פּוילישע דאָרף אין דער טאָג־טעגלעכקייט, וואָס איז ווי יעדע טאָג־טעגלעכקייט פול מיט אכזריות, מיט קליינלעכקייט, מיט קינאה, מיט גיריקייט, אָבער אויך מיט קליינע שוואַכע אויפ־בליצן פון מענטשלעכקייט. אויפן פאָן פון דעם דאָזיקן תוהו ובוהו וואָס איז פול מיט חיהשקייט פון איין זײַט און מיט טראַגיזם פון דער צווייטער זײַט, ווײַזט אונדז דער שרײַבער פאַרשידענע טיפּן און כאַראַקטערן — ווי פּעלעק, ווי די טשאַטקע, ווי שובע, קוטשאַך און פיל פיל אַנדערע; טיפּן און געשטאַלטן, וואָס זענען געשילדערט מיט דעם אמת וואָס שטעלט זיי פאַר אונדז אַוועק ווי רעטענישן, וועלכע מיר מוזן לייזן אויף וויפל מיר ווילן בכלל אַ מאָל לייזן דאָס רעטעניש פון דעם מין מענטש וואָס זײַן נשמה איז — לויט דעם גאַניאַלן וואָרט פון דאָס־

טאַיעווסקין — דאָס שלאַכטפעלד ווו עס קעמפן צווישן זיך גאָט און דער טײַוול.

אָבער די עיקרדיקע באַדײַטונג פון ראַכמאַנס ווערק איז באַשטאַנען דערין וואָס ער האָט פאַר אונדז אַנטפּלעקט נישט בלויז די מחנה פון די פּײַניקער, די מחנה פון די אכזרים, נאָר אויך די מחנה פון די געפּײַניקטע, פון די לײַדנדיקע, די מחנה פון די ייִדן אין דער דאָזיקער גרוילּיקער צײַט. ער האָט פאַר אונדז אַנטפּלעקט וויכטיקע און עיקרדיקע כאַראַקטער־שטריכן פון דעם ייִדישן מענטש און דעם דאָזיקן שווערן נסיון. און עס איז פאַר אונדז אַ גרויסע טרייסט, וואָס מיר קענען מיט דעם דאָזיקן כאַראַקטער שטאָלצירן, הגם מיר ווייסן אַז נישט אומעטום און נישט תמיד האָבן ייִדן אויסגעהאַלטן דעם פּרווו און נישט אַלע געליטענע זענען ראוי געווען צו דער דאָזיקער הייליקער דערהויבנקייט וואָס מיר זעען אָפט בײַ ראַכמאַנען. ראַכמאַן האָט אויך אין גרוב פון טויט, איין שפּאַן פאַרן לויערנדיקן אומקום, נישט פאַרלוירן זײַן גלויבן אין לעבן, זײַן גלויבן אין מענטש, זײַן גלויבן אין ייִדישן נצח. ווער עס לייענט ראַכמאַנס בוך קען נישט בלײַבן גלײַכגילטיק צו דעם קאָנטראַסט וואָס ער שילדערט. פון איין זײַט — אַ וועלט פון רשעות, מערדעריי, גזילה און זנות און פון דער צווייטער זײַט — אַ הייפל קרבנות, שוואַכע און אומבאַשיצטע און דווקא זיי — די שוואַכע און אומבאַשיצטע קרבנות טראָגן אויף זיך דעם חותם פון מענטשלעכקייט, זיי העלפן איינער דעם אַנדערן, זענען זיך מקריב איינער פאַרן אַנדערן, ציִען ווײַטער דעם פאָדעם פון זייערע אמונה, אַז דאָס שלעכטס וועט אייביק נישט דויערן, אַז די וועלט וועט ווײַטער האָבן אַ קיום, אַז דאָס ייִדישע פאָלק וועט דערלעבן צו בעסערע צײַטן, וועט ווײַטער ממשיך זײַן זײַן גאַנג איבער דער ערד און דערגרייכן אַן אייגן ווינקל אין דעם היימלאַנד פון די אבות.

לייב ראַכמאַן איז, ווי געזאָגט, מיט זײַן שיינעם ווערק אַרײַן אין דער ייִדישער וואָרט־שאַפונג און פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט אין דער חורבן־ליטעראַטור. עס איז געווען פאַרויסצוזען, אַז ראַכמאַן וועט גיין אויפן וועג פון זײַן דערפאָלגרײַכן אָנהויב, אַז ער וועט ווײַטער שאַפן ווערק אין זעלביקן רעאַליסטיש־פּסיכאָלאָגישן נוסח, וואָס האָט אים געברענגט אַזאַ גרויסע אָנערקענונג. אָבער געשען איז אַנדערש און אָט די אַנדערשקייט איז געווען פאַר אונדז אַ גרויסע איבעראַשונג.

קנאַפּע 20 יאָר האָט געדויערט ביז לייב ראַכמאַן איז געקומען מיט אַ נײַ בוך — זײַן ווערק „מיט בלינדע טריט איבער דער ערד" און דאָס דאָזיקע ווערק איז אַזוי אַנדערש פון זײַן ערשטן בוך „אין דײַן בלוט זאָלסטו לעבן", אַזוי אַנדערש, אַז מיר האָבן ממש געשטוינט און ס'האָט זיך קוים געגלויבט אַז איינער און דער זעלבער מחבר האָט זיי אָנגעשריבן; אַז צווישן די צווי ווערק איז פאַראַן אַ קינסטלערישער גלײַכצייכן...

איך האָב שוין אַ מאָל געזאָגט, אַז סע זענען פאַראַן שרײַבערס און קינסטלערס, וואָס אין זייער אָנהייב איז שוין פאַראַן דער גאַנצער וועג פון זייער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג און פאַראַן שרײַבער און קינסטלער, וואָס זייער אַנטוויקלונג איבער־ראַשט אונדז תמיד מיט אַזעלכע נײַע ווענדונגען, אַז עס דאַכט זיך אונדז אויס אַז

זייער פריִער און זייער שפּעטער האָבן צווישן זיך גאָר קיין שייכות נישט.

ווי אַ בײַשפּיל וועלן מיר דאָ נעמען צוויי גרויסע וועלט־קינסטלער: מאַרק שאַגאַל און פּאַבלאָ פּיקאַסאָ. שאַגאַל איז פון זײַנע ערשטע יוגנט־ווערק ביז די בילדער, וואָס ער האָט געמאָלט צו זײַנע 90 יאָר, געבליבן דער זעלביקער. ס'איז גענוג צו האָבן געזען דרײַ שאַגאַל־ווערק, פון וועלכער עפּאָכע עס זאָל נאָר נישט זײַן, כדי מען זאָל אים תיכף און תמיד דערקענען. גאַנץ אַנדערש איז דער ענין מיט אַזאַ ריז ווי פּיקאַסאָ. ווער עס קען זײַנע ווערק פון דעם ״בלויען פּעריִאָד״ אָדער פון ״ראָזן פּעריִאָד״, וועט זיך קוים קענען פאָרשטעלן, אַז דאָס איז דער זעלבער קינסטלער, וואָס האָט שפּעטער רעוואָלוציאָניזירט די קונסט מיט ריינע קוביסטישע און אַנדערע עקספּערימענטאַלע פאָרמען. מען דאַרף שוין טיף, טיף אַרײַנדרינגען אין די ווערק פון אָט דעם מאָלער, כדי צו דערזען דאָס קינסטלעריש־אייגנאַרטיקע, דאָס מענטשלעך־אויטענטישע און שטענדיקע פּנים פון דעם דאָזיקן פּיקאַסאָ וואָס איז אומפאַרענדערלעך אין אַלע זײַנע גרויסע פאַרענדערונגען.

לייב ראָכמאַן האָט אין זײַן ערשטן ווערק שוין געהאַט אויסגעפאָרמירט זײַן אייגן ליטעראַריש פּנים און עס איז געווען פאַר אים גאָר נישט גרינג דאָס דאָזיקע פּנים צו בײַטן... ער האָט עס אָבער געטאָן דעמאָלט, ווען ער האָט דערפילט, אַז זײַן פריערדיקער ליטעראַרישער סיגנון איז מער נישט ביכולת איבערצוגעבן זײַן אינער־לעך וועלט־בילד, זײַן אינערלעכע שואה־עמפּינדונג, זײַן גרויל־וויזיע פון דעם קאַטאַקליסטישן מאַסן־טויט, וואָס האָט פאַרשניטן אַ דריטל פון אונדזער פאָלק. ראָכמאַן איז דאַן אַוועק זוכן אַנדערע וועגן פון קינסטלערישער געשטאַלטיקונג, פון איבערגעבן זײַנע קאָשמאַרן, פון רעפּראָדוצירן די מוראַדיקייט פון זײַנע געפילן, פון זײַנע אַנונגען און פון זײַן צעשאַרפטן, צעלעכערטן געמיט.

קאָשמאַרן, דאָס איז, לויט מײַן באַנעם, דער סימן מובהק פון דעם אַלעם, וואָס דער שרײַבער לייב ראָכמאַן געשטאַלטיקט אין זײַן ״מיט בלינדע טריט איבער דער ערד״ און אין זײַן בוך ״דער מבול״ — אַ זאַמלונג דערציילונגען, דערשינען האַרט פאַר זײַן פּריצײַטיקן טויט. דער דאָזיקער קאָשמאַר, וואָס מען זאָגט, אַז פראַנץ קאַפקאַ האָט אים פאַרויסגעזען און פאַרויסגעפילט, ווען ער האָט וויזיִאָנירט וועגן דער צוקונפט, דעם דאָזיקן קאָשמאַר האָט ראָכמאַן אַנטפּלעקט אין זײַנע דערמאָנטע צוויי ווערק, וואָס רופן זיך אָפּ אויף די אמתדיקע געשעענישן און איבערלעבונגען פון אָט דער תקופה, פאַר וועלכער קאַפקאַ האָט זיך אַזוי געשראָקן.

פאַראַן שרײַבער און לייענער, וואָס פאַר זייער אויפנעם איז נעענטער דער סיגנון, וועלכן ראָכמאַן האָט באַנוצט אין זײַן ערשטן בוך. צווישן די דאָזיקע שרײַבער און לייענער געהערט אויך מײַן ווייניקייט. איך מוז אָבער צוגעבן, אַז עס זענען פאַראַן אַ סך וויכטיקע שרײַבער און ליטעראַטור־קריטיקער, וואָס שאַצן אָפּ זייער הויך ראָכמאַנס נוסח פון זײַן צווייטער עפּאָכע און זיי האַלטן פאַר אַ באַזונדער געווינס פאַר אונדזער ליטעראַטור דעם פאַקט, וואָס ראָכמאַן האָט באַוויזן מיט זײַן סטיל זיך צו פאַראייניקן מיט די סאַמע מאָדערנע שטראָמען אין דער וועלט־ליטעראַטור.

איין זאַך איז פּאַר אונדז קלאָר: ווען מיר לייענען איבער די ביכער פון לייב ראַכמאַן, האָבן מיר דאָס געפיל אַז מיר האָבן געמאַכט אַן עקסקורסיע אין אַ וועלט פון פּײַן, אין וועלכער די רעאַליטעט איז אירעאַל. מיר האָבן דערקענט אַ שטיק פון דעם גרויל־כאַאָס, וואָס געפינט זיך אין אונדז גופא און וויל זיך באַזיניקן דורך קינסטלערישער דערקענונג. דאָס לעצטע איז געטאָן געוואָרן דורך אַ טאַלאַנטירטן שרײַבער, וואָס האָט פאַרמאָגט שעפערישע פּערזענלעכקייט און ער איז געגאַנגען אויף אַן אייגענעם וועג.

אַ שאָד, וואָס מיר האָבן אים אַזוי גיך פאַרלוירן. זײַן טויט איז פאַר אונדזער ליטעראַטור אַ גרויסער פאַרלוסט און תמיד, ווען מיר וועלן אים דערמאָנען וועלן מיר דערמאָנען דאָס, וואָס ער האָט אונדז געגעבן, כאָטש זײַן לעבן איז געווען אַזוי אָנגעפּראָפּט מיט פּײַן און האָט זיך פאַרענדיקט אַזוי פּריצײַטיק.

יוסף ראָגעל / מאָנטרעאָל (קאַנאַדע)

דער טאַטע האָט מיך געפירט ביי דער האַנט

דער טאַטע האָט מיך בײַ דער האַנט געפירט,
אַזוי גיך, גיך.
איך, אין צעריסענע שיך,
האָב זיך געבעטן: —
טאַטע, וואַרט אַ ווײַל,
לאָז מיך אַ ביסל רוען,
געציטערט אַז דאָס זײַנען
מײַנע לעצטע שעהן...

נאָר געשפּרייזט האָט דער טאַטע
ביז שפּעט אין דער נאַכט,
ווו די לבנה האָט מער נישט געוואַכט...
נישט געוווּסט, אַז ס׳טוט אים ציִען
דאָרט, צו אַ וויסט אָרט,
ווו זיין געביין וועט בלײַבן רוען...

(פון דער סעריע: "געוויין פון אַ געטאָ־שאָטן")

ל. פּאַדריאַטשיק

רעפלעקסן און זכרונות

(וועגן גזרות תש״ח אין סאָוועט-רוסלאַנד)

א

מיר באַזיצן אַ פאָטאָ־קאָפּיע פון אַן אָפיציעלן דאָקומענט, אין וועלכן די קריגס־קאָלעגיע פון העכסטן געריכט אין סאָוועט־רוסלאַנד באַשטעטיקט, אַז דער אַזוי גערופענער משפט איבער די יידישע שרייבער מיט 35 יאָר צוריק, האָט זיך געצויגן איבער אַ וואָך צייט; אָנגעהויבן האָט ער זיך דעם 11טן יולי, דעם גזר־דין האָט מען מודיע געווען דעם 18טן יולי, אויסגעפירט דעם מאָרד האָט מען ערשט דעם 12טן אויגוסט. אַזוי אַרום אַז פון 18טן יולי ביזן 12טן אויגוסט האָבן די 24 צום טויט פאַראורטיילטע יידישע גייסט־מענטשן זיך געפונען אין אַ טויטן־קאַמער. לאָמיר אַ רגע זיך פּרווון איינלעבן אין זייער חיבוט־הקאַמער, אין דעם גרויל וואָס האָט געפּייניקט זייערע נשמות און מחשבות אין משך פון די 24 מעת־לעת וואַרטן אויף דעם מלאך־המוות, ווען דער טויט האָט ווי אַ חרב־פיפיות געשוועבט פאַר זייערע אויגן.

מען דערציילט אַז נאָך פריער האָט בנימין זוסקין זיך גערירט און איציק פעפער האָט אָנגעהויבן דאַווענען פרום. און דעם נסתר, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן עט־וואָס שפּעטער, האָט דאָס געמוטשעטע זיין געוויסן, עס האָט אים פאַרפאָלגט אַ שולד־געפיל: פאַר וואָס קומט עס אים וואָס ער איז נאָך אויף דער פריי? נאָך אַ מינוט שווייגן האָט ער, דערציילט מען, צוגעגעבן: איך וואָלט שוין געוואָלט איבערקומען די שבעה־מדורי גהינום, זיך געפינען דאָרט ווו עס געפינט זיך האָפשטיין, האַלקין און אַלע, אַלע די, וואָס זענען איצט אין לאַנד פון שניי און וויי.

און ווען מען איז אים געקומען נעמען אַ היין, האָט ער "זיי" באַגעגנט מיט אַ "גאָט צו דאַנק". "זיי" האָבן אים גיך פאַרשיקט אין אַ לאַגער, ווו ער איז אין אַ קורצער צייט אַרום אַריינגעפאַלן אין דאָרטיקן שפּיטאָל. געוועזענע אסירים ווייסן צו דערציילן, אַז זיין דאָקטער האָט אַרומגעזוכט עמעצן, וואָס זאָל ביי אים פועלן ער זאָל עסן. קיינעם האָט זיך עס ניט איינגעגעבן און דער נסתר האָט אין הונגער אויסגעהויכט זיין פאַרפייניקטע נשמה אויף דעם אַרעסטאַנטסקע שפּיטאָל־בעטל דעם 4טן יוני 1950.

בעת די גזרות תש״ח—תש״ט איז אויך דער אוד מוצל מאש, די לעצטע האָלוועשקע פון דער העברעיִשער ליטעראַטור אויסגעלאָשן געוואָרן. אין דער זעלבער נאַכט ווען מען האָט אין קיִעוו אַרעסטירט דעם יידישן קלאַסיקער דוד

האַפּשטיין, האָט מען אין סימפּעראָפּאָל אַרעסטירט דעם העברעיִשן דיכטער און דענקער יצחק כהן (קאַהאַנאַוו) און אין די זעלבע טעג ווען מען האָט אויף דער גאָרקי־גאַס פאַרכאַפּט פּרץ מאַרקישן האָט מען פון אַן אַנדער מאָסקווער גאַס אויך אַרויסגעכאַפּט דעם העברעיִשן שרײַבער צבי פּרייגערזאָן, וועגן וועלכן דער פאַר־פּײַניקטער העברעיִשער פּאָעט חיים לענסקי האָט געשריבן, אַז זײַן שאַפן איז "אַ דירעקטער אויסדרוק פון אונדזער דראַמאַטישער תקופה".

ווילן מיר אויך זיי, די פאַרפּײַניקטע העברעיִש־שרײַבער געדענקען און דער־מאָנען, אויך זיי זענען קרבנות פון דער טראַגעדיע וואָס דער 12־טער אויגוסט סימבאָליזירט.

צוליב היסטאָרישער פּינקטלעכקייט דאַרף פאַרצייכנט ווערן, אַז די העברעיִש־שרײַבערס דאָרט זענען ניט געווען קיין האָמאָגענע גרופּע. געווען צווישן זיי אויך אַזעלכע, וואָס זענען דערשינען מיט אַ דרײַגאַרנדיקן "אַנטי": אַנטיטראַדיציע, אַנטי־ציוניזם, אַנטי־ביאַליק־אחד־העם. זייער אידעאָלאָג צבי ברוין האָט געשריבן: "די רעוואָלוציע איז די איינציקע רעאַליטעט, דאָס ממשות פון אונדזער לעבן און קיין אַנדער לעבן איז פאַר אונדז ניט פאַראַן, נאָר אין איר וועלן זיך אונדזערע מוסקולן באַוועגן. אַן אַנדער לופט איז בלויז שטיק־שטאָף פאַר אונדזערע לונגען" (העברעיִש־באָלשעוויסטיש זאמלבוך "בראשית", מאָסקווע 1926).

און אַ צווייטער פאָרגעגענער פון דער גרופּע, דער שרײַבער שמעון הבונה, האָט זיך באַגײַסטערט פון די העברעיִשע שרײַבער, וואָס האָבן געמאַכט די ערשטע פּרוּוון אַרײַנברענגען די אָקטאָבער־מאָטיוון אין דער העברעיִשער ליטעראַטור: "נאָך די ראשונים, — האָט ער פּאַטעטיש דערקלערט, — וועלן קומען די נאָכ־גייער, זייער האַרץ וועט צוגעבונדן זײַן צו די פּיאָנערן פון דער רעוואָלוציע און... זייער ליד וועט זײַן נאַציאָנאַל־קאָמוניסטיש" (בראשית, ז' 183).

אין אַ ציקל פאַרצייכענונגען, וואָס שמעון הבונה האָט געדרוקט אין תל־אביב (כתובים, ל"ט, 1930), האָט ער זיך פאַרגעשטעלט אַזוי: "אני שמעון הבונה, משורר עברי לרסיה, רסיה הקומוניסטית".

כדאַי אויף דעם אָרט צו פאַרצייכענען דעם היסטאָרישן פאַקט, אַז גראָד אין דער צײַט ווען אין סאָוועט־רוסלאַנד האָבן העברעיִשע שרײַבערס אַרויסגעלאָזט באָלשעוויסטישע מאַניפעסטן און זאַמלביכער: אין כאַרקאָוו "צלצלי שמע" (1923), אין מינסק "השופר" (1923), אין אָדעס "הקומוניסטון העברי" (1919), אין מאָסקווע "בראשית" (1926), און ס'האָט זיך אויך געגרייט אַן ענלעכער זאַמלבוך מיטן נאָמען "תקופתינו" אין לענינגראַד; גראָד אין דאָזיקן פּעריאָד, ווען די דערמאָנטע באָלשעוויסטישע העברעיִשע זאַמלביכער זענען דערשינען, זענען די באַדײַטנדיקסטע יידישע שרײַבערס דוד בערגעלסאָן, דער נסתר, לייב קוויטקאָ, אַנטלאָפן פונעם באָלשעוויסטישן גן־עדן. דער קלאַסיקער דוד האָפּשטיין, איז אפילו דערלאָפן ביז תל־אביב און דאָ געשריבן און געדרוקט שירים און דראַמעס אין עברית. איינע פון זײַנע דראַמעס איז געשפּילט געוואָרן אין דעם תל אביבער גנעסין־טעאַטער (1928).

די צוגווינטן פון דער געשיכטע האָבן דעמאָלט דערטראָגן קיין ארץ־ישראל אויף דעם מעטעאָר — פרץ מאַרקיש. ווען ער האָט געשטעלט זײַנע ערשטע טריט אויף דער ישראל ערד האָט ער, פרץ מאַרקיש, אין זײַנער אַ פּאָעמע "צום האָפן 'רו'" דערקלערט:

איך בין ניט געקומען פרעגן אײַך וווּהין און ניט פון וואַנען,
איך בין געקומען אונטערגיין מיט אײַך און אויפגייען צוזאַמען...

פרץ מאַרקיש האָט אויסגעשפּאַנט דאָס לאַנד אין דער לענג און ברייט, באַזונגען די בערג פון גליל, די הייליקייטן פון ירושלים און צפת. לאָמיר אַ רגע זיך אײַנהערן אין מאַרקישעס אייניקע סטאַקאַטאַ־טאַקטן צום ארץ הקודש:

פיר מיך, טאָג, ווי ס'פירט מײַן הארץ דעם טרויער!
פיר מיך, פיר, דורך פעלדער טאַטוירטע, גרינע,
מיר וועלן זיך אין ערגעץ דאָ ניט הײַען...
דײַן ערד דײַן געטלעכע זיך לוינט ירושלים,
אײַנײַנעם מיט די קנעכט און מיט די שאָף און מיטן שטײַער
און מיט די לאַגלען הייליקן געבראַכטן פלאַם...

עס עפענען זיך הימלען אויף, ווי בלויע האָפנס רונדיקע,
די ווײַטן וויקלען זיך אין גאָלדיק־גליִענדיקן לײַן:
און ווי אַ שיף־געשפּענסט אַ לאַנג דערטרונקענע,
גייט אויף מיט שופרות אין דער הויך — ירושלים!

דער שר פון דער געשיכטע האָט אָבער צוגעגרייט פאַר מאַרקישן און פאַר די שרײַבער פון זײַן דור אַן אַנדער גורל, אַ גורל וואָס פרץ מאַרקיש האָט אין יאָרן אַרום ביטער באַקלאָגט. און זײַן קינה איז חל אויך אויף אַלע זײַנע אחים לצרה:

...ס'קומען שאָטנס שוואַרצע שטײַער בײַ מיר מאָנען,
זיי לאָזן אומבאַמערקט אַראָפּ זיך נאַכט נאָך נאַכט
ווי זײַלן רויך געדיכטע נאָך אַ שריפה, — — —
ניט זיי לאָזן מיך אין ערגעץ ניט אַנטלויפן,
און ניט זיי לאָזן מיך זיך צוטוליען צו ווענט,
ווי אין אַ באַלאַגערונג באַזעצן זיי זיך אין מײַן הארצן,
ווי וואַכערניקעס — נעמען אויס מיט מיר אַ תנאי:
פאַר יעדן טראָפּן פרייד, וואָס ערגעץ בלויז מיר דאַכט זיך
זאָל איך זיי צאָלן זיבן מאָל אַזוי פיל פּײַן...

ב

אָנגעהויבן האָט זיך די רויטע אינקוויזיציע מיט די העברעיִשע און געענדיקט מיט די יידישע שרײַבערס. ניט די ערשטע און אויך ניט די צווייטע האָט געהאָלפן

זייער איבערגעטריבענער סאָוועטישער פּאַטריאָטיזם, וואָס האָט זיי צײַטנווײַז דערפירט צו נאַציאָנאַלן ניהיליזם. און געשען איז עס איןביידע לשונות, אין העברעיִש און יִדיש. אויך דער העברעיִשער פּאָעט י. ל. צפּתמן האָט בשער בת רבים דערקלערט: "ירושה־מײַז האָבן צעפרעסן מײַן לעבעדיקן גוף... אַ דורות־דיקע קייט פון ניט גוטע האָבן געפּענטעט דעם שוווּנג פון מײַן טראָט... (בראשית, ז' 58).

דער צוועלפטער אויגוסט, וואָס סימבאָליזירט דעם טאָטאַלן מאָרד איבער דער יִדישער קולטור אין סאָוועט־רוסלאַנד, איז לויטן יִדישן לוח אויסגעפאַלן אין חודש אָב, כ"א אָב.

איז עס געווען בלויז אַ פּאַטאַלער צופאַל וואָס די דאָזיקע דראַמע איז פאָר־געקומען אין דעם חודש ווען דאָס יִדישע פאָלק קלאָגט אין משך פון דורות אויף פאַרשיידענע יִדיש נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפעס? די געשיכטע ווייסט ניט פון קיין צופאַלן. פאַראַן אין איר אויפטרייסלענדיקע אַנאַלאָגיעס. אַזוי למשל, די גזרות ת"ח—ת"ט, די פּאָגראָמען פון באָגדאַן כמעלניצקי, זענען אויסגעפאַלן האַרבסט 1648. און פּונקט אין 300 יאָר אַרום, האַרבסט 1948, האָבן זיך אָנגעהויבן די גזרות תש"ח—תש"ט — סטאַלינס פּאָגראָם אויף דער יִדישער קולטור און אירע שעפער.

דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו הי"ד האָט בשעתו אָנגעוויזן, אַז אין רוס־לאַנד באַמערקן מיר אַ באַזונדערן טיפּ פון רציחות אויף יִדן, וואָס געדויערט שוין כמעט 300 יאָר אונטער פאַרשיידענע פאָרמען. איין מאָל אין איטלעכן יאָרהונדערט רײַסט זיך די רציחה אַרויס ווי אַ חיה־רעה, פאַרגיסט יִדיש בלוט, מאַכט חרוב יִדישע קהילות און דער נאָך — אָפּגעטאָן די מלאכה — גייט זי זיך אוועק אין איר גרוב, ביז צו אַ "נײַעם אויפרײַס" אין אַן ענלעכער געשטאַלט.

אויב שמעון דובנאָווס היסטאָרישער אויספיר איז אַ ריכטיקער — ווער ווייסט סאָראַ "נײַעם אויפרײַס" עס דערוואַרט אונדז נאָך דאָרט. ווער ווייסט סאָראַ "סורפּריזן" גרייט פאַר אונדז די אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציע "פּאַמיאַט", וואָס איר מאַניפעסט איז שוין ניט דער קאָמוניסטישער, נאָר די "פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון". לויט זייערע תקנות קען אין זייער געזעלשאַפט זײַן אַ מיטגליד נאָר אַ רוס. אַ רוס וואָס קען דערווײַזן אַז פאַר די לעצטע פיר דורות פליסט אין די אָדערן פון זײַן משפּחה נאָר רוסיש בלוט. זייער טעאָרעטיקער איז דער פּסיכאָפּאַט, "פּראָפעסאָר" וואַלערי יעמעליאַנאָוו, מחבר פון אַ נאַציסטישן בוך "דעציוניזאַציע". דער צו איז ער נאָך דער מערדער פון זײַן פרוי. ער האָט זי צעשניטן אויף שטיקער און געפּרוווט אַרײַנוואַרפן אין מיסטקאַסטן. מען האָט אים דער פאַר ניט געמשפּט, נאָר אָוועקגעשיקט אין אַ משוגעים־הויז. לאָמיר אים לאָזן אין משוגעים־הויז, דאָס ריכטיקע אָרט פאַר אַזעלכע "פּראָפעסאָרן", און זיך צוריקקערן צו אונדזער ענין.

ג

פּונקט ווי מיר געפינען אויס אין דער געשיכטע פאַרהוילענע אַנאַלאָגיעס,

טרעפן זיך אין איר אויך פאַרבאַרגענע פּאַראַדאָקסן, וואָס זענען, לויט דער פּינקט־לעכער דעפיניציע פון דעם קבלה־פאָרשער ג. שלום "איינע פון די א מ ת סימנים". מעגלעך אַז אין די פּאַראַדאָקסן, וואָס איך וועל וויַיטער ברענגען, אַנטפּלעקט זיך דער אמתער כאַראַקטער פון דעם ייִדיש־רוסישן שבט. און אפשר זענען עס ניט געווען קיין פּאַראַדאָקסן וואָס גראָד אין ערשטן שוואַרצן יאָר פון גזירות תש"ח, אין 1948, זענען פאָרגעקומען דריַי סטיכישע ייִדישע מאַניפעסטאַציעס; מאַניפעס־טאַציעס וואָס האָבן סיגנאַליזירט אַ ניַיעם אויפגאַנג און באַוויזן דאָס סאָוועטישע ייִדנטום אין גאָר אַן אַנדער שיַין ווי מען איז געוווינט געווען עס צו זען.

די ערשטע מאַניפעסטאַציע — בעת דער לוויה פון ערשטן קרבן־ציבור אין תש"ח, בעת דער לוויה פון שלמה מיכאָעלס, ווען, ניט איבערטריבן, — פאַרשטייער פון גאַנצן ייִדישן פאָלק, — פון מאָסקווע, מינסק, קיִעוו און טשערנאָוויץ, זענען געקומען ניט נאָר אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד זיַין גרויסן זון, נאָר אויך אויסדריקן זייער צער־און־צאָרן קעגן די שוואַרצע כוחות וואָס האָבן אים פאַרטיליקט.

צענדליקער טויזנט, ייִדן פון אַלע פּראָפעסיעס, דורות האָבן מיט אָפענעם ווײ און גרימצאָרן באַגלייט מיכאָעלסן אין זיַין וועג צו דער אייביקייט...

אַ צווייטע, ווייניקער באַקאַנטע און ווייניקער אויסגעפאָרשטע מאַניפעסטאַציע פון די סאָוועטישע ייִדן, איז פאָרגעקומען מיט עטלעכע חדשים שפּעטער. לויט איר גיַיסט און זין, אינהאַלט און באַגער, איז דאָס געווען אַ דירעקטער המשך פון דעם אויפברויז בעת דעם מאָרד און לוויה פון שלמה מיכאָעלס. נעמלעך: בעת דער באַפריַיונגס מלחמה אין ארץ־ישראל האָבן, אַן גוזמא, טויזנטער ייִדישע בחורים און מיידלעך זיך געווענדט צו פאַרשיידענע מלוכהשע און געזעלשאַפטלעכע אינ־סטיטוציעס מען זאָל זיי שיקן קיין פּאַלעסטינע ווי פריַיוויליקע קעמפער. דאָס האָט אָנגענומען אַזעלכע גרויסע מאַסשטאַבן, אַז ווען עס איז דערגאַנגען צו סטאַלינען, זאָל ער האָבן געווען זאָגן: "איך האָב ניט געוווסט, אַז אַזוי פיל פרעמדע אויס־לענדער זענען פאַראַן ביַי אונדז"... דער סוף איז געווען — מען האָט די "פרעמדע אויסלענדער" פאַרשיקט אויף פּלאַג און מאָרד קיין סיביר.

וועלן מיר אויך יענע אַנאָנימע קדושים, די העלדישע פאָרגייער פון די היַינטיקע סירובניקעס געדענקען און דערמאָנען, מחמת אויך זיי זענען אַן אבר מן החי פון דער דראַמע, וואָס דער 12טער אויגוסט סימבאָליזירט.

און דריטנס: באַזונדערס האָט אויפגעוואַכט דער ייִדישער גיַיסט בעת דער דריטער מאַניפעסטאַציע אין דעם יאָר תש"ח, ווען טויזנטער מאָסקווער ייִדן זענען אַרויס אויף די גאַסן מקבל פנים זיַין גאָלדע מאיר. אַרויס מיט לאָזונגען: עם ישראל חי! לשנה הבאה בירושלים!

דאָס איז געווען די ערשטע עפנטלעך גרויסע ייִדישע דעמאָנסטראַציע, ווען אין סאָוועט־רוסלאַנד האָבן מאַסן ייִדן בפרהסיא זיך סאָלידאַריזירט מיט דער ייִדישער מדינה. גאָלדע מאיר האָט זיי, אין נאָמען פון דער מדינה, געזאָגט די באַפליגלטע ווערטער: "אַ דאַנק וואָס איר זענט געבליבן ייִדן, וואָס איר האָט זיך פאַרהיט ווי ייִדן"... און דאָס פאָלק האָט איר אַנטקעגן געשאָלט: שלום, שלום! הידד, הידד!

אָט די דרײַ מאַניפעסטאַציעס דאַרפן באַטראַכט ווערן ווי די קנאַספּן פון דעם היסטאָרישן זיכרון בײַ די סאָוועטישע ייִדן. די קנאַספּן פון דער נאַציאָנאַלער דערוואַכונג בײַ דער דאָרטיקער יוגנט.

...ווער ס'איז אין יענע ימים נוראים ניט געווען אין דעם מקדש מעט, אין מאָסקווער שול בעתן זאָגן יזכור, ווער ס'האָט ניט געהערט די פּאַרכטיקע פּסוקים, וואָס אַן אַנאָנימע האַנט האָט מוסיף געווען צום טראַדיציאָנעלן יזכור: "לזכר הקדושים של לוחמי צבאות ישראל, הגבורים שנפלו על חרות העם"... ווער ס'האָט דאָס ניט געהערט האָט קיין פֿאָלקס־יזכור ניט געהערט.

ד

צו דעם ביז איצט געזאָגטן וויל זיך צוגעבן אַ פּאָר קורצע הערות; ראשית באַטאָנען די פּאָזיטיווע ווערטן מיט וועלכע פאַרפּײַניקטע העברעיִשע און ייִדישע שרײַבער האָבן באַרײַכערט די נאַציאָנאַלע ייִדישע קולטור. שנית, אַרום די ייִדישע שרײַבער, זענען פאַרשפּרייט אַ סך מיסטיפיקאַציעס, מען האַלט זיי אין איין משפּטן און פאַרמשפּטן. ווילט זיך ברענגען אייניקע פאַקטן, אפשר וועט עס העלפן זיי דערזען אין דער ריכטיקער שײַן.

אויב פּלײַסיק נאָכשפּירן די נאַציאָנאַלע קוואַלן פון וועלכע די שרײַבער האָבן געשעפּט גײַסטיקע חיונה, קענען מיר דערגיין ביז צום בראשית פון אונדזער געשיכטע. מיט אַ באַזונדערער דיכטערישער אויפריכטיקייט האָט וועגן דעם דער־קלערט דוד האָפשטיין:

ביז וואַנען נאָר דיכטונג בײַ מענטשן וועט בליִען
און ס'וועט נאָך געזאַנג עקזיסטירן,
וועט יעדער געפינען מײַן שפּור:
ווײַל ניט פאַרשוועכט כ'האָב מײַן אוראַלטע ערע,
מײַן ליד איז אין ווײַטן געווענדט
און ביז "האזינו" דערגייט

די נאַציאָנאַלע טענדענצן אין דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַטור האָבן זיך באַזונדערס פאַרטיפט בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער שפּעפערישער גאַנג פון אַ טייל שרײַבער האָט זיך געשטאַלטיקט אונטערן צייכן פון צוריקקערן זיך אין שויס פון אייגענעם פאָלק. דער גרויסער פאָלקס־חורבן האָט אויפגעטרייסלט די שרײַבער. זיי האָבן אָנגעהויבן טיפער זיך דערגרונטעווען צו די אייביקע נאַציאָנאַלע פאָלקס־ווערטן, וועגן וועלכע פּרץ מאַרקיש האָט פּאַטעטיש דערקלערט:

פאַרפאָלגטע טראָגן מיר זיי שטאָלץ איבער דער ערד,
דורך אַלע אַרבע מיתות בית־דין.

אין די חורבן־יאָרן איז בײַ אַ סך ייִדיש־סאָוועטישע שרײַבער פאָרגעקומען אַן

איבערראַשונג פון ווערטן. זיי האָבן אָנגעהויבן זיך טוליען צו דער יידישער שכינה...

ניט אַנדערש ווי זי, די שכינה, האָט גערוט אין דעם געמיט פון לייב קוויטקאָ, ווען ער האָט געהאַט מוט, בעת דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה אין ארץ־ישראל צו מעלדן:

דאָס בלוט אין פּאַלעסטינע — —
דאָס גייט אונדז אָן,
דאָס האַלט אונדז וואַך —
דאָס פּלאָגט די שכינה.

(אייניקייט, מאָסקווע 1/1 1948)

און ווען סאָוועט־רוסלאַנד האָט די ערשטע אָנערקענט די יידישע מדינה, האָט דוד האָפשטיין אָנגעשריבן אַזעלכע שאַלנדיקע שורות:

מײַן לאַנד, מײַן מעכטיק לאַנד, האָסט אָנערקענט
דאָס לאַנד ישראל אויף אַלטע ערדן.
האָסט אָנערקענט די דורותדיקע ווערטן,
די מי די ערלעכע פון יונגע הענט,
וואָס האָבן וויסטעס לעבעדיק געמאַכט...
ווו אין מויל פון עוללים ויונקים בליִען
די שפּרוכן פון די יידישע נביאים...

(פייגע האָפשטיין: מיט ליבע און ווייטיק, ז׳ 38)

דער נאַציאָנאַלער פּאַטאָס וואָס שרײַבערס האָבן, בנגלה צי בנסתר, אַרײַנגע־וועבט אין זייערע שאַפונגען, קעלטערט זיי אײַן אין די יידישע אייביקייטן. שמואל האַלקין האָט וועגן דעם אַזוי געשריבן:

אונדז דאַכט, ס׳איז צווישן אונדז פּאַרהיט דער שליסל
אַזאַ, וואָס, קיין שום פײַערדיקע האַנט
אים אָפּנעמען בײַ אונדז איז ניט אין שטאַנד,
די הייליקייטן מיט קיין פײַער ניט פאַרברענען — —
ווער ס׳איז ניט ווערט — צו איר ווערט ניט געגעבן,
ווײַל ביז דער שליסל איז אין דײַנע הענט,
פּאַרברענט ווערן דאָך קענען נאָר די ווענט
און ניט די שכינה וואָס האָט דאָרט גערוט.

ה

און צום סוף אַ באַמערקונג וועגן אַ וויכטיקן ענין: מיר באַזיצן ידיעות, אַז ווערק פון דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור האָבן געהאַט אַ פּאָזיטיווע אויס־

ווירקונג אויף דער אונטערערדישער ציוניסטישער באַוועגונג. איך וויל דערמיט ענדיקן מחמת דרײַ טעמים: ערשטנס, צוליב דער גרויסער חשיבות פון דעם פאַקט; צווייטנס, ווײַל דאָס איז אַ ווייניק באַקאַנטער פאַקט; און דריטנס, אונטערשטרײַכן מיט דעם, אַז גײַסטיקע השפּעות זענען ניט שטענדיק אויף דער אויבערפלאַך, זיי גיבן זיך איבער דורך פאַרהוילענע קאַנאַלן און דאָס באַשטימט צומאָל דעם זין פון דער געשיכטע.

איך וועל זיך באַנוגענען איצט נאָר מיט איין גבית־עדות. מיט דער גבית־עדות פון דעם חבר קיבוץ נר־דוד, דעם פאָרשער שלמה קלעס. אין זײַן וויסנשאַפטלעכער שטודיע: ״מחתרת ציונית חלוצית בברית המועצות״, זיך סומך זײַענדיק אויף דער אונטערערדישער ציוניסטישער צײַטשריפט ״ממעמקים״ שרײַבט שלמה קלעס: ״שמואל האלקינס דראַמע ׳בר כוכבא׳ האָט געמאַכט געשיכטע אין דער ייִדישער גאַס בכלל, און בײַ דער ציוניסטישער יוגנט בפרט. אַלע עקזעמפּלאַרן פון דער דראַמע, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין די קראָמען זענען אויסגעכאַפּט געוואָרן. מען האָט געזאָרגט, אַז אין יעדן קעמערל פון דער באַוועגונג זאָל זיך געפינען כאָטש איין עקזעמפּלאַר פון דער דראַמע. האַלקין, דער סאָוועטישער שרײַבער הייבט אַרויס פאַר אַ מוסטער אַ ייִדישן נאַציאָנאַלן קעמפער, דעריבער האָט זײַן דראַמע אויפגעוועקט האָפענונגען אין אַ סך הערצער און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרונט־ווערק פון דער גאַנצער באַוועגונג״. (ילקוט מורשת, יולי 1970, ז׳ 45).

דאָס גבית־עדות פון שלמה קלעס וועגן האַלקינס ״בר־כוכבא״ קאָן אויך חל זײַן אויף די אַנדערע היסטאָרישע געשטאַלטן אין דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַטור. אויף דוד בערגעלסאָנס דוד ראובני און שלמה מולכו, אויף דניאלס שלמה מײַמאָן, אויף דעם נסתרס נחמן בראַסלאַווער, אויף אהרון קושניראָווס הירש לעקערט, אויף פּרץ מאַרקישעס הירש גליק א״א. אָבער דאָס וואָס עס האָבן געוווּסט די ציון־קעמפער פון דער צײַטשריפט ״ממעמקים״ (אין וועלכער אגב, אבא קאָוונער ז״ל האָט געדרוקט זײַנע ערשטע לידער), ווייסן ניט פיל פון די הײַנטיקע סירובניקעס. אייניקע פון זיי, צום באַדויערן, זענען מער באַהערשט פונעם אינסטינקט און ווייניקער פון וויסן. דערפון — זייער ניהיליזם, נישט נאָר צו דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַטור, נאָר אפילו צו דער ייִדישער קלאַסיק.

״דער יונגער דור סאָוועטישע ייִדן, האָט אַנומלטן געשריבן דער פּראָפעסאָר־עולה אַלעקסאַנדער וואָראָנעל, אינטערעסירט זיך מיט דער אַלטער געשיכטע, מיט דער תנ״ך־תקופה, מער ווי מיט דער קולטור פון נאָענטן עבר... דער הײַנטיקער רוסישער ייִד האָט לחלוטין ניט קיין אינטערעס אין שלום עליכמען, אין דער קולטור וואָס איז געשאַפן אין ייִדיש״... (ציטירט לויט דעם זאַמל־בוך ״הגות עברית בברית המועצות״, ירושלים 1976).

אין זײַן מאמר טײַלט פּראָפ. וואָראָנעל באַזונדערס אויס די נטיה בײַ די סאָוועטישע ייִדן צום, וואָלט איך עס אָנגערופן, כנעניזם, צום ביבלישן פּעריאָד פון ייִדישער געשיכטע.

וואָלט, ווי געזאָגט, דער יונגער דור רוסישע ייִדן געוווען באַוואָפנט ניט נאָר

מיט אינסטינקטן, נאָר אויך מיט וויסן, וואָלט ער געוווּסט, אַז שפּורן פון דעם אַלעמען קען ער געפינען ביי געוויסע שרייבער אויך פון דער העברעיִשער ליטעראַטור אין סאָוועט־רוסלאַנד...

זעט אויס, אַז דער יונגער דור דאָרט, איז צו דעם קאַפּיטל אין דער יידישער יצירה ניט דערגאַנגען. פּונקט ווי ער איז ניט דערגאַנגען צו עזרא פינינבערגס באַפליגלטע שורות:

מיין פאָלק, מיין יידיש פאָלק, דו האָסט דאָך מיר דעם גלי,
די פיין, די שיין, דעם טיפן מוט געגעבן;
בדמייך חיי, בדמייך חיי!...
אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן, אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן...

— — — — — — — — —

ניט דו ביסט אומריין, פאָלק, דיין פיינט איז קויט און ברוד,
ביסט ריין מיין יידיש פאָלק, און הייליק איז דיין בלוט!

— — — — — — — — —

מיין פאָלק, מיין יידיש־פאָלק, אין זיידן, אין פאַרבלוטיקט העמד,
פון וויטסטע צוקונפטן די פעלקער דיך באַגריסן,
כ'בין שטאָלץ, איך זאָג עס איבער אַלע, אַלע שחיטות:
ס'איז מיין געזיכט, און ס'איז מיין גאַנג, און ס'איז מיין האַרץ — סעמיטיש!

די צווייטע אויפלאַגע פון

"אַ שפּיגל אויף אַ שטיין"

אין דער ביכער־סעריע "יידישע ליטעראַטור", וואָס ווערט אַרויסגעגעבן דורך דער יידיש־אָפּטיילונג פון העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים און דער געזעלשאַפט פאַר פאָרשונג פון די תפוצות, איז דערשינען די צווייטע פאַרבעסערטע אויפלאַגע פון "אַ שפּיגל אויף אַ שטיין" — אַנטאָלאָגיע — פּאָעזיע און פּראָזע פון צוועלף פאַרשניטענע יידישע שרייבערס אין ראַטן־פאַרבאַנד. דאָס איז אַ פּראַכטפול אַרויסגעגעבענער סאָלידער באַנד פון העכער 800 זייטן. פאַרלאַג א. נ. פון י. ל. מאַגנס, ירושלים תשמ"ח.

רעדאַקציע, אַריינפיר און הערות: חנא שמערוק; צונויפשטעל: בנימין הרו־שאָווסקי, אברהם סוצקעווער, חנא שמערוק; ביאָגראַפיעס און ביבליאָגראַפישע מיטאַרבעט: מענדל פּיעקאַזש.

די ערשטע אויסגאַבע איז דערשינען אין יאָר 1964—תשכ"ד. תל־אביב, פאַרלאַג "די גאָלדענע קייט" און י. ל. פּרץ.

צום ניט פאַרגעסן...

א גרופּע ייִדישע שרײַבער, געקומענע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד פּראָיעקטירן אַ בוך וועגן כמעט ווי פאַרגעסענע ייִדישע פּען־מענטשן, קינסטלער און בויער פון דער ייִדיש־סאָוועטישער קולטור, וועלכע זענען געפאַלן אין די שלאַכטן קעגן נאַציזם און אויך אַזעלכע וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין די סאָוועטישע טורמעס און צוואַנגס־לאַגערן.

מיר פאַרעפנטלעכן הײַנט צוויי אינפאָרמאַטיווע אַרטיקלען פון געפּלאַנטן בוך.

גרשון שפּיראָ

וואָראָבייטשיק אהרן (1895 ? — 1947)

קינדער־שרײַבער, ליטעראַטור־פאָרשער, פּעדאַגאָג פון ייִדישער ליטעראַטור. געאַרבעט אַלס לערער אין ליטע, אַריבערגעפאָרן קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד, געווען לערער פון ייִדישער ליטעראַטור, פריִער אין כאַרקאָוו, דער נאָך אין אָדעסער ייִדישן פּעדאַגאָגישן טעכניקום. באַשטימט געוואָרן אַלס וויסנשאַפטלעכער אָנפירער פונעם אָדעסער ייִדישן מוזיי אויפן נאָמען פון מענדעלע מוכר ספרים. פּובליצירט אין פאַרשיידענע וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבעס אַ ריי וויכטיקע מאַטעריאַלן וועגן די ייִדישע קלאַסיקער מענדעלע מוכר ספרים און שלום עליכם.

ניט לײַכטע זענען פאַר וואָראָבייטשיקן געווען די באַדינגונגען פון אַרבעט אינעם מוזיי. אינעם מענדעלע־מוזיי האָבן זיך קאָנצענטרירט מאַטעריאַלן פון ייִדישער געשיכטע. פאַרשטייט זיך, צוגלײַך מיט דאָקומענטן וועגן אָנטייל פון די ייִדן אין געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, און באַזונדערס — אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אויף אוקראַיִנע. אין מוזיי זענען אויך געזאַמלט געוואָרן עקספּאָנאַטן פונעם אַלגעמיינעם ייִדישן לעבן, בתוכם רעליגיעזן, ווי פּרוכת צו אָרן קדשן, מענטעלעך צו תורות, כתר צו זיי, ספרים, אגדות, חנוכה־לעמפּלעך וכדומה. דאָס האָט שוין באַדײַט — בײַ דעם אײַזנפעסטן סטאַליניסט, דעם פאַרוואַלטער פון דער ייִדסעקציע בײַ דעם אָדעסער געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט לייב אבראם, — כלו

נאַציאָנאַליזם און זיין גאַנצן פײַער קעגן דעם חילול הקאָמוניזם האָט ער געווענדעט קעגן וואָראַבייטשיקן. און ניט גרינג איז וואָראַבייטשיקן אויסגעקומען אַנטקעגן שטיין דעם דרוק פון אַבראַמען, כדי ניט דערלאָזן, אַז דער מענדעלע־מוזיי זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פּשוט ווינקעלע פון "באַוויַזן", ווי אַזוי די באָלשעוויס־טישע אידייען האָבן באַהערשט די ייִדישע אַרבעטער־מאַסן. וואָראַבייטשיק האָט אַ דעם דרוק אַנגערופן: "מיט שטיוול אויף גאַרדינען".

אין די ערשטע שעהן ווען היטלער־דײַטשלאַנד איז אַנגעפאַלן אויפן סאָוועטנ־פאַרבאַנד, האָט די דײַטשישע אַוויאַציע באַמבאַרדירט אָדעס. באַלד, אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה, האָט אהרן וואָראַבייטשיק געהײַלט זיך אַנשליסן אין קאַמף קעגן בלוטיקן שונא. אין זײַן בריוו קיין מאָסקווע פונעם 5 יולי 1941 צום ליטעראַטור־פאַרשער אהרן גורשטיין (וואָס איז אויך אין גיכן אומגעקומען אין שלאַכט), האָט וואָראַבייטשיק געשריבן פון אָדעס:

"באַ אונדז איז שטיל. די מלחמה פילן מיר, לויט דעם ווי אַלע גרייטן זיך צום ווידערשטאַנד דעם בלוטיקן שונא און לויט די צײַטונגען. אָדעס האָט ניט געליטן. מיר לעבן אַנגעשטרענגט, אָבער רויִק. מיר גרייטן זיך צו דער שלאַכט. די שרײַבער, און אויך איך מיט זיי, האָבן דערלאַנגט אַ מעלדונג אין קריגס־קאָמיסאַריאַט וועגן אונדזער גרייטקייט פרײַוויליק אַרײַנצוטרעטן אין דער אַרמיי. צי וועט מען אונדז נעמען — ווייס איך ניט. אויב ניט, מיין איך, וועט מען דאַרפן זוכן אַן אַרבעט, וואָס איז איצט צוועקמעסיקער פון די ליטעראַריש־פאַרשערישע. עס ווילט זיך ניט בלײַבן אין דער זײַט פון "דער לעצטער און אַנטשיידענער שלאַכט". דער ווײַל וואַרט איך אויס.

וואָס טו איך מיט דער "קליאַטשע"? (פון מענדעלע מוכר ספרים — ג.ש.). אָפּשטעלן אין גאַנצן די אַרבעט, צי פאַרזעצן זי, אויב מ'וועט מיך ניט רופן אויף אַנדער אַרבעט. זאָל אײַך ניט פאַרקומען לעכערלעך אַזוינע פראַגעס. איך ווייס, אַז איצט מוזן מיר אין גאַנצן איבערבויען אונדזער אַרבעט. מיר איז אָבער דער ווײַל ניט קלאָר, ווי דאַרף מען זיך באַציִען צו וויסנשאַפטלעך־פאַרשערישער אַרבעט אויפן ליטעראַרישן געביט, און וואָס טראַכטן טאָן די פאַרלאַגן. וועלן זיי באַגרענעצן זייער אַרבעט נאָר מיט אַרויסגעבן ביכער אויף שוץ־טעמאַטיק, אָדער ניט נאָר אין גאַנצן?..."

וואָס עס איז געשען ווײַטער מיטן צוגרייטן דעם באַנד "די קליאַטשע" קען מען זיך בלויז אַנשטויסן. אהרן וואָראַבייטשיק איז, ווי באַוווסט געבליבן דער היטער פון אָדעסער מענדעלע־מוזיי. אין אַ חודש אַרום נאָך דעם, ווי ער האָט אַנגעשריבן דעם אויבן ציטירטן בריוו פונעם 5 יולי 1941, איז דעם 8טן אויגוסט אין אָדעס פּראָקלאַמירט געוואָרן קריגס־צושטאַנד. ס'האָבן זיך פאַרמירט טיילן פון דער פאָלקס־אָפּאָלטשעניע. דעם 10טן אויגוסט האָבן זיך אַנגעהויבן פאַרביטערטע שלאַכטן מיטן שונא, וועלכער האָט זיך געריסן קיין אָדעס. דער ליטעראַטור־פאַרשער אהרן וואָראַבייטשיק האָט שוין ניט געהאַט קיין צײַט צו קלערן וועגן דעם אָרט, וואָס ער

דאַרף פאַרנעמען אין דעם דאָזיקן קאַמף, — ער גייט אַוועק אין דער אָפּאָלטשעניע (פרײַוויליקע פאָלקס־אײנהייט).

„איינער פון מײַנע אָדעסער פרײַנט — שרײַבט חייםביידער — האָט מיר דערציילט, אַז דעם לאַנגיאָריקן היטער פונעם מענדעלע־אַרכיוו, אהרן וואָראָ־בייטשיק, האָט מען דאָס לעצטע מאָל געזען אין אָנהייב יולי. אויף אָדעס האָבן זיך שוין דעמלט געשאָטן פאַשיסטישע באָמבעס. און אהרן וואָראָבייטשיק, שוין אַ באַיאָרטער מאַנצבל, האָט אָנגעטאָן אַ מיליטערישע אוניפאָרם. פאַרן אַוועקגיין אויפן פראָנט, האָט ער ניט פאַרקערעוועט צו זיך אַ היים, נאָר אויף דיעכטיאַרנע, 14, און אײַנגעבונדן אַ היפשן פּאַק מענדעלעס ירושה־כתבים, די טײַערסטע, על כל פּנים, פונעם זיידנס כתב־ידן, כדי זיי באַשטאָטן ערגעץ אין אַ זיכער אָרט — פּונקט ווי ער זאָל האָבן געוווסט, אַז אין אַ מעת־לעת אַרום וועט פון דעם דאָזיקן הויז, צו וועלכן ער פלעגט קומען טאָג טאָג אין משך פון לאַנגע יאָרן, בלײַבן בלויז אַ הויפן שטיינער און שטויב. עס האָט אין אים געטראָפן אַ פאַשיסטישע באָמבע...

אָט אַזוי, מיטן פּאַק כתבים פונעם מענדעלע־מוזיי אונטערן אָרעם איז אין שלאַכט קעגן נאַציסטישן שונא אַוועק אין דער אייביקייט דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור־פאָרשער, קריטיקער, מוזיי־וויסנשאַפטלער און קינדער־דיכטער אַהרן וואָראָבייטשיק".

ביבליאָגראַפיע: "קינדער־דערציילונגען", כאַרקאָוו, 1925. "פאַרוואָס און ביז וואַנען", קינדער־מעשה, כאַרקאָוו, 1926. "שנייעלעך־חברטעס", קינדער־מעשה, כאַרקאָוו, 1927. פּובליקאַציעס פון מענדעלעס און שלום־עליכעמס ליטעראַרישער ירושה, פּובליקירט אין זאַמלביכער "מענדעלע און זײַן צײַט", פאַרלאַג "דער עמעס", מאָסקווע, 1940. "שאָלעם־אַלייכעם", קריטישע אַרטיקלען און מאַטעריאַלן, קיִעוו, 1940. געזאַמלטע ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים, באַנד 6, "שלוימע רעב כאַימס", מאָסקווע, "עמעס", 1935.

ק. יוד.

יאַנקעלעוויטש יאַנקל

געבוירן אין יאָר 1905 אין שטעטל גאַנעשטי (איצט — קאָטאָווסק) אין מאָלדאַוויע. שפּעטער האָט זיך די משפּחה אַריבערגעקליבן אין אַן אַנדער מאָלדאַווישער שטאָט — קיין דובאָסאַרי, ווו זיין פֿאָטער אהרן יאַנקעלעוויטש האָט פֿאַרמאָגט אַ קלייטל פֿון פּאַפּיר און שרייַב־מכשירים. דער טאַטע איז פֿרי געשטאָרבן. די מוטער איז איבערגעבליבן מיט 12 קינדער. יאַנקל איז געווען דער ייִנגסטער...

י. יאַנקעלעוויטש האָט נאָך פֿון דער קינדערהייט אָנגעהויבן צו שרייַבן לידער און מאָלן. איין צייַט האָט ער אַפֿילו פֿאַרדינט צום לעבן מאָלנדיק וויוועסקעס.

פֿון די צוואַנציקער יאָרן האָט ער הייס געגלויבט אין דער פֿרייַהייט און גערעכטיקייט פֿון דער סאָוועטישער אָרדענונג, באַזונגען די רעוואָלוציע און אירע העלדן. זייַנע אָנפֿאַנגע־רישע לידער זענען געווען יוגנטלעך־ראָמאַנטישע און שטאַרק פּאַטריאָטיש. געלערנט און פֿאַרענדיקט פֿילאָלאָגישן פֿאַקולטעט פֿון דעם אָדעסער ייִדישן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט (1928—1932).

אין יאָר 1932 שיקט מען אים אויף פּעדאַגאָגישער אַרבעט אין דער דעמלטיקער הויפּט־שטאָט פֿון מאָלדאַוויע — טיראַספּאָל.

אין יענע יאָרן ביזן 1938 איז יאַנקעלעוויטש לערן־פֿאַרוואַלטער און פּעדאַגאָג פֿון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור אין דער היגער ייִדישער מיטלשול. ער דרוקט אויך לידער און דערציילונגען אין דער ייִדיש־סאָוועטישער פּעריאָדיק און פֿאַרעפֿנטלעכט עטלעכע זאַמלונגען.

אין די דאָזיקע יאָרן אַנטוויקלט ער אויך זייַן אַקטיווע ליטעראַריש־געזעלשאַפֿטלעכע קולטור־טעטיקייט: אָרדנט איין אָוונטן, אויף וועלכע ער לאַדט איין באַוווּסטע ייִדיש־סאָוועטישע שרייַבער פֿון כאַרקאָוו, קיִעוו און אָדעס. טרעט אַרויס אין דער היגער ראַדיאָ, פּראָפּאַגאַנדירנדיק די ייִדיש־סאָוועטישע ליטעראַטור.

אין 1935 ווערט ער אָנגענומען ווי אַ מיטגלידער פֿון סאָוועטישן שרייַבער־פֿאַראיין.

אין 1938 אַרעסטירט מען אים. מען דערציילט, אַז מע האָט אים צוגענומען נאָך דעם, ווי ער האָט זיך קעגנגעשטעלט די ייִדן־קאָמוניסטן, וועמען דער פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט באַאויפֿטראָגט צו גיין פֿון הויז צו הויז און איבערצייַגן די טיראַספּאָלער ייִדן — זיי זאָלן צונעמען זייערע קינדער פֿון דער ייִדישער שול. "ס'איז דאָך קעגן דער לעניִן סטאַלינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק" — האָט ער געטענהט...

דעם 31 מאַרץ 1938, פֿאַרמשפּעט מען אים אויף צען יאָר צוואַנג־לאַגער אָן רעכט

זיך איבערצושרײַבן מיט קרובים און פרײַנט. פון דאַן האָט קיינער נישט געוווּסט וווּהין זיין געביין איז פאַרפאַלן געוואָרן . . .

אין 1956 האָט די משפּחה באַקומען אַן אָפיציעל פּאַפּירל, אַז זיין ענין האָט מען געשלאָסן "ווײַל די פּראָקוראַטור האָט נישט אויסגעפונען דאָרט קיין שום פאַרברעכן־שולד" . . .

ביכער פון יאַנקל יאַנקעלעוויטש :

"זאַפּט" — לידער. פאַרלאַג "ליטעראַטור און קונסט", כאַרקאָוו 1931.

"לאַגערן" — לידער. מלוכה־פאַרלאַג פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, כאַרקאָוו 1934.

"חברים" — דערציילונגען פאַר קינדער. אין זעלבן פאַרלאַג, קיִעוו 1937.

"פרײַנט" — לידער. אין זעלבן פאַרלאַג, קיִעוו 1938.

נײַע ביכער

יונה בערקמאַן — "נאָך טליעט דער סנה", לידער, אייגענע און איבערגעזעצטע פון עברית. מיט אַ וואָרט פאַרויס פון יצחק יאַנאַסאָוויטש: "דער פּאָעט יונה בערקמאַן", און אַ שליס־וואָרט פון שמעון קאַנץ: "יונה בערקמאַן: דיכטער — איבערזעצער". פאַרזען מיטן בילד פון מחבר. פאַרלאַג "ישראל־בוך" תל־אביב, תשמ"ח—1988. 208 זײַטן. האַרטער אײַנבאַנד.

רבקה באַסמאַן — "אַנרירן די צייט". לידער. צייכענונגען און פּאָרטרעט פון דער דיכטערין — מולאַ בן־חיים. פאַרלאַג "ישראל־בוך" תל־אביב, תשמ"ח—1988. 144 זײַטן. ווייכער אײַנבאַנד.

רבקה קאָפּע — "דאָס ברויט פון מײַן באַגער". לידער פון אַלע צײַטן. פּאָרטרעט פון דער דיכטערין — בען. דאָס איז דער מחברינס 9טע בוך. פּאַריז 1987. 132 זײַטן, ווייכער אײַנבאַנד.

משה קאַלכהיים (רעדאַקטאָר) — "עקזאָדוס 1947" (יציאת אירופּה תש"ז). דאָס איז אַ בינטל מאמרים־זכרונות פון יענער גרויסער געשעעניש, פאַרזען מיט אַ סך אויטענטישע פאָטאָ־בילדער פון דער "יציאת־אייראָפּע־עפּאָפּיי". פאַרלאַג "פאָלק און ציון" מיט דער הילף פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. תל־אביב 1987. 100 ז"ז. ווייכער אײַנבאַנד.

יאַנקל יאַנקעלעוויטש

דריי לידער

1. פֿון דער זאַמלונג "זאַפּט" (1931)

פייוול סיטאָ'ן — מיט חברשאַפט.

שטיי איך נאָך אין ליקן אויף דער וואָך
ווי אַזוי זאָל איך ניט ליבן יעדן דאָך,
פֿאַר אַלע טעג, פֿאַר זוניקע, פֿאַר בלינדע . . .
ווען כ'האָב צו אים אַליין געטראָגן שינדל ?

ווי אַזוי זאָל איך ניט ליב האָבן דעם שטעג,
וווּ כ'האָב צעלאָזט די ערשטע מײַנע בליטן ?
נאָך אַצינד בײַ ביימער אויפֿן וועג
לערן איך זיך זאַפּטיקער צעצוויטען.

1927

2. פֿון ביכל "פֿרײַנט" (1938)

בײַ אײַך פֿון הינטער שטוב גערוימער
האָט זיך צעוואַקסן ברייט אַ סאַד,
און גראָבער ניסנבוים און פֿלוימען
געדרייט האָבן אַ גרינע ראָד.

און יעדן פֿרי דו ביסט געלאָפֿן
אַ באָרוועסע אין פֿײַכטן גרינס.
דערנאָך איז שוין אַ טוי געשלאָפֿן
אַ זויבערער אויף דײַנע פֿיס.

די פֿרישקייט פֿון אַט יענעם טאָגן,
די זאַפּטיקייט פֿון יענעם סאָד,
דו האָסט אַהער צו אויך פֿאַרטראָגן
אין גרויסער רוישנדיקער שטאָט.

און ווען דו קומסט צו מיר אין צימער
עס ווערט דער צימער מײַנער פֿול
מיט גרינגער בלויקייט פֿונעם הימל,
מיט ביימער הינטער יעדן שטול.

און גרינע בלעטער זיך צעראַשן,
עס וואַקסן גראָזן אויפֿן דיל,
עס ציט מיט עפּל און מיט קאַרשן,
און ס׳ציט מיט שאָטנדיקער קיל.

.3 * * *

אַז וועסט קומען און כ׳וועל פֿרעגן:
וואָס האָסטו געבראַכט?
זאָלסטו זאָגן — שטערן-וועגן,
זומערדיקע נאַכט.

— הויכע טאָפּאָלן-אַלייען
יום טובדיקע געסט.
אַ לבנה. ווינטלעך ווייען
שטיל איבערן דניעסטער.

ברייטן רוישיקע פֿון פֿעלדער,
פֿײַערדיקע שטאָט,
פֿולע גאַסן, מענטשן-וועלן
דרייען זיך אַ ראָד.

וועל איך זיך פֿון טיש אַ ריס טון —
ווי פֿון הייך אַ בליץ,
כ׳וועל, מײַן ליבע, גאָר ניט וויסן,
ווי דיך בעטן — זיץ!

כ׳וועל צעפּראַלן מײַנע פֿענצטער,
עפֿענען מײַן טיר.
און באַגעגענען מײַן שענסטע,
ווי עס פּאַסט פֿאַר איר.

רעפּליקעס...

א. ציוני

צוויי הערות

אין ״מעריב״ פון 20 און 27סטן נאָוועמבער האָט דער באַקאַנטער שרײַבער חנוך באַרטאָוו געדרוקט אַ רעפּאָרטאַזש וועגן זײַנער אַ באַגעגעניש און שמועס מיט אהרון ווערגעליס.

דעם אמת געזאָגט אינטערעסירן אונדז ווייניק אַ. ווערגעליסעס פּלוידערײַען. מיר באַדויערן נאָר דאָס, וואָס דער געשעצטער חנוך באַרטאָוו האָט יענעמס יאַבעדן, נישט נאָר אויף די שרײַבערס־עולים, נאָר אויף דעם גאַנצן ייִדישן שבט דאָרט, נישט דערווידערט. בכל אופן פון דעם רעפּאָרטאַזש איז עס נישט צו זען. ווילט זיך אַרום דעם מאַכן אייניקע הערות.

א. אויף חנוך באַרטאָווס אַ פראַגע וועגן דער ליקווידאַציע פון דעם ייִדישן שול־וועזן, האָט א. ווערגעליס געענטפערט בזה הלשון: ״די ייִדישע שול האָט די סאָוועטישע מאַכט ניט ליקווידירט. שוין אין די 30קער יאָרן האָט זיך פאַרענדיקט איר אויפגאַבע. די ייִדישע מאַמע האָט געוואָלט, אַז איר קינד זאָל באַקומען העכערע בילדונג, ווערן אַן אינזשינער, קאָנסטרוקטאָר, פּליִער, דעריבער האָט זי געשיקט איר קינד אין דער רוסישער שול״.

צי איז עס טאַקע בלויז אַזוי געווען?

די אויטאָריטעטע יעווסעקציע־טוערין, די אין די 30־ער יאָרן דערמאָרדעטע אסתר פרומקין, האָט וועגן דעם געהאַט אַן אַנדער ענטפער:

״מען זאָגט זיך אָפּ שטיצן ייִדישע שולן — האָט זי געשריבן אין מינסקער ׳דער וועקער׳ — מען פאָדערט רוסישע אונטעריכט־שפּראַך, און מ׳זאָרגט ניט און מ׳גייט ניט אַנטקעגן די קולטורעלע באַדערפעניש פון די ייִדישע מאַסן. פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרטרעטער פון דער מאַכט מאַכן אַרויסטרעטונגען קעגן נאַציאָנאַלע שולן״...

אפשר האָט מען זי טאַקע אויך פאַר די דאָזיקער רייד אומגעבראַכט, די ייִדיש־קאָמוניסטישע קולטור־טוערין?

אויך דער הײַנטיקער ״פאַרטרעטער פון דער מאַכט״ א. ווערגעליס האַלט, אַז דאָס וואָס ״בײַ הונדערטער טויזנטער ייִדן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ווערט דער גאַנצער

סכום קולטור־באַדערפעניש און קולטור־שעפערישקייט באַפרידיקט ניט אין יידיש, איז נישט קיין רעזולטאַט פון צוואַנגס־אַסימילאַציע, נאָר אַ היסטאָריש באַדיי־טונגספולער ביישפיל פונעם פאָלקס־גורל״. [סאָוועטיש־היימלאַנד 3, 1973].

סאַראַ וווּלגאַר־פּרימיטיווער באַנעם פונעם יידיש היסטאָרישן גורל!

ב. וועגן דעם זשורנאַל און דעם אמתן פּרצוף פון זיין רעדאַקטאָר, וואָלט חנוך באַרטאָוו מער זיך געקענט דערוויסן נישט נאָר דאָ אין דער היים, אין ישראל, נאָר אויך דאָרט, ביי די דאָרט נאָך פאַראַנענע עטלעכע יידיש־שרייבער. ער האָט זיך ניט באַדאַרפט מטריח זיין צום הויפּט־רעדאַקטאָר אויף קיראָוו גאַס 17, ווייל ווי זאָגט דאָס פאָלק ״אז מען וויל וויסן וואָס עס טוט זיך דאַרף מען פרעגן ביי לייטן״...

איך בין אין גאַנצן נישט זיכער צי פאַר עלי שעכטמאַן איז אַ גרויסער כבוד דאָס, וואָס א. ווערגעליס האָט אים געלויבט, גוטברודעריש אָנגערופן ״עלינקע״ און מיט קראָקאָדיל־טרערן באַוויינט זיין ביטערן גורל אין מדינת ישראל. פּונקט ווי זיינע זידל־ווערטער אויף רחל בוימוואַל, יוסף קערלער, זיאַמע טעלעסין, מאיר חרץ פאַרמינערן אויף קיין האָט נישט זייער בכבודיק אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור.

אהרן ווערגעליס האָט זיך באַרימט פאַר חנוך באַרטאָוון, אַז ״סאָוועטיש היימלאַנד״ דערשיינט הייטצוטאָג ביי 25 טויזנט עקז׳, פון זיי בלייבן 18 טויזנט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און אַז די צאָל לייענער איז דריי אָדער פיר מאָל אַזוי גרויס, דאָס הייסט — האָט ער אויסגערעכנט — פון עטלעכע און פופציק ביז עטלעכע און זיבעציק טויזנט לייענער. פון גוט אינפאָרמירטע קוואַלן וויסן מיר אָבער, אַז שוין אין סוף 60־קער יאָרן איז דער זשורנאַל דערשינען קוים אין 6—7 טויזנט עקז׳.

מילא, נישט אין דער צאָל גייט עס, נאָר אין דעם, וואָס דער אַזוי צו זאָגן יידישער זשורנאַל צייכנט זיך אויס מיט זיינע שמוציקע אַנטי־ציוניסטישע פּאַש־קווילן, מיט זיין גיפטיקער שנאה צו מדינת ישראל און זיין הויפּט־רעדאַקטאָר איז אַ מאַדים אין דעם. אין אַרטיקלען און נאָוועלן ווייסט ער צו דערציילן, אַז בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן די ציוניסטן מיטגעאַרבעט מיט די היטלעריסטן, אַז ציוניסטישע אַגענטן האָבן פאַבריצירט פאַלשע דאָקומענטן וועגן צוואַנגס־לאַגערן און פלאַנירט פאַרשלעפּן און פאַרניכטן יידישע קאָמוניסטישע טוער...

וועגן אָט דעם זשורנאַל, אין וועלכן עס דרוקן זיך אַזעלכע שונדישע פּאַש־קווילן שרייבט חנוך באַרטאָוו: ״אין דעם אַרויפגעצווונגענעם, אויף די סאָוועטישע יידן, קולטור־חשכות, זעט אויס אפילו דער אָרגאַן פון דעם שרייבער־פאַראיין אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אין יידיש, ווי אַ ליכט״.

בשעתו האָט באַמערקט משה נאַדיר, אַז אַזאַ מין ליכט האָט אים בלינד געמאַכט...

משה אייזענבוד / מעלבורן (אויסטראַליע)

ער איז זיך מודה...

ווערגעליס איז אָן שום ספק אַן אַלטער סטאַליניסט. נאָך יאָרן לאַנגער אינדאָקטרי־נאַציע האָט זיך אין מוח פון יעדן אַלטן סטאַליניסט אויסגעפּאַרעמט אַ קעמערל וועלכער נעמט פונקציאָנירן אומאָפּהענגיק פון דעם, וואָס דער רעשט פון מוח טראַכט. דער צענטראַלער מוח שטעלט פעסט, אַז אַלע באַשולדיקונגען זענען פאַלש, אויסגעזויגן פון פינגער, אַז אַזאַ זאַך האָט קיין מאָל נישט פּאַסירט און אין קיין שום קעמערל אין מוח איז נישט פאַררעגיסטרירט יענער פאַררעטערישער געשפרעך, וואָס ליגט דאָ — ביַים אויספאָרשונגס־ריכטער — אַנגעשריבן שוואַרץ אויף וויַס.

אָבער דאָס איינגעפלאַנצטע קעמערל טוט ס׳זייניקע: זיי זיך מודה! — זאָגט עס — און דער אַלטער סטאַליניסט איז זיך מודה...

די וואָס זוכן אַ זכות אויף רוסלאַנד, זאָגן אונדז, אַז מען צווינגט שוין מער נישט זיך מודה צו זיין...

טאָ, וואָס, צו אַלדע גוטע יאָר, האָט פּאַסירט מיט אָרן ווערגעליס? פון דער העלער הויט האָט ער זיך מודה געווען אין דעם, וואָס מען וואַרפט אים שוין פאַר 25 יאָר (זינט דער אַנטשטייונג פון „סאָוועטיש היימלאַנד״), אַז ער איז אַ קאָמיסאַר מיט אַלע נעגאַטיווע שטריכן פון אַ קאָמיסאַר. ער האָט זיך געפּרוווט אַרויסדרייען פון דעם קאָמיסאַרישן מאַנטל, וואָס מען האָט אים געוואָלט אָנטאָן, און דאָ מיט אַ מאָל טוט ער אַ שריַיב:

„יאָ, אַ קאָמיסאַר בין איך — דאָס אָנטאָן מיַינס פון לעדער״.

ווייסן מיר שוין מיט וועמען מיר האָבן צו טאָן. און ער רעדט פאַרשטייט זיך, מיטן לשון פון אַ קאָמיסאַר, אַ בויאָן, מען זאָל חלילה אים נישט באַשולדיקן אין איידלקייט, אין דער צעקראַכנקייט פון אַ פּאָעט:

„די בלאָפערס, פּאַראַזיטן, פּוסטעפּאַסטניקעס, שעלמאַקעס, דאַווראַכערס, אַראָפּ־ברענגען מיט האַק און פּאַק כ׳וועל אויפן פּלאַץ, זיי פירנדיק אונטער די פּאַכוועס״.

דאָס איז פאַר אונדז ייִדן נישט קיין נייעס. מיט וויפל יאָר צוריק איז עס געשען אין וואַרשע, ביאַליסטאָק, באַראַנאָוויטש אָדער מינסק, ווען די ליַיט, אָנגעטאָן אין לעדער, האָבן אַראָפּגעבראַכט די ייִדן אויפן מאַרק־פּלאַץ מיט האַק־און פּאַק? וואָס עס איז יאָ אַ נייַעס, איז — דאָס מאָל האָט אויף זיך די דאָזיקע פונקציע גענומען דער „פּאָעט״ און רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד״, דער זעלבער געקרוינטער קאָמיסאַר.

און וויַיל מיר האָבן דערמאָנט, אַז ווערגעליס אין אויך אַ „פּאָעט״ (ער שריַיבט זיין

קאַמיסאַרישע רעדע אין גראַמען), דאַרף מען ברענגען עטלעכע "אָריגינעלע" שורות. אַזעלכע האָבן מיר ביז איצט נישט געטראָפן בײַ די גרעסטע פּאָעטן אונדזערע:

"און אויב איר וועט אַ פּיפּס טאָן קעגן דעם,
איך וועל אײַך פּוסטעפּאַסניקעס און דאַווערעכערס
(ער איז פאַרליבט זעט אויס — אין דאַווערעכערס . . . — מ.ב.)
אַרײַנטרייבן אין היץ און אָנרוקן די יאַלעמס אײַך איבער די פּאַרכעס!
יאָ, אַ קאָמיסאַר בין איך!
איר האָט נישט איין מאָל מיך געשטעלט צום ווענטל."

איך בין נישט זיכער, אַז ווען ווערגעליס טוט אַ זונג: "בײַ מיר אין אַרסענאַל שטייט נאָך אַלץ דער אַלטער בראַניעוויק", מיינט ער טאַקע דעם בראַניעוויק, אָדער זײַן אַלטע פאַרזשאַווערטע פּעדער, וועלכע ער טונקט אין פּאַמויניציעס און שאַפט "פּאָעטישע" ניבול פּה?

אַ באָלשעוויק (ווי אַלט ער זאָל נישט זיין), ווען ער גייט אַריין אין קאָמיסאַרישן "ראַזגאַר" — פאַרגעסט אָבער קיינמאָל נישט (אָדער דאַרף נישט פאַרגעסן) ווו ער האַלט אין דער וועלט. אָבער ווערגעליס איז אַזוי פאַרכלינעט אין זיין אייגענער בלאָטע, אין וועלכער ער טאָפּטשעט, אַז ער שלעפּט אַריין אין פּאָעטישן געמויזעכץ אפילו לענינען.

"יאָ, אַ קאָמיסאַר בין איך.
איך הער אויך היינט,
ווי לענין האַלט פון בראַניעוויק
זיין פײַערדיקע רעדע".

לענין — גלויב איך — וואָלט באמת ווערגעליסן מוחל געווען דעם "כבוד" . . . דאָס דאָזיקע "ווערק" איז אָפּגעדרוקט אין אַ קליין ביכעלע־ביבליאָטעק פון "סאָוויעטיש היימלאַנד", נר. 62, 1986, וואָס טראָגט דעם אַלגעמיינעם נאָמען "אונטער דעם רויטער פאָן" און איז דערשינען צום 27טן צוזאַמענפאָר פון דער ק.פּ.ס.פּ. אין דער זאַמלונג זעענען פּאָרטראַטן 26 סאָוויעטישע ייִדישע דיכטער.

עס איז כדאי, ווי אַ בײַשפּיל, זיך אָפּצושטעלן אויף אַ דיכטער אין אָט דעם ביכעלע. ער הייסט וולאַדימיר דאַנקאָ. און כאָטש עס זאָגט זיך אין פאָרוואָרט, אַז אַלע דיכטער זענען ייִדן, טיילט זיך דער דאַנקאָ אויס דווקא מיט זיין נישט־ייִדישן סטיל — ער קריכט ניט פון דער אייגענער הויט שרײַען "הוראַ", און דערקלערן זיך אין ליבע ביז עקלדיקייט (ווי אין די אַלטע "גוטע" סטאַליניסטישע צײַטן — אַ קאָמפּלעקס, פון וועלכן די דאָרטיקע ייִדישע שרײַבערס האָבן זיך נאָך אַלץ נישט באַפרײַט). מעגלעך, אַז וולאַדימיר דאַנקאָ איז טאַקע אַ רוס און ער קען זיך פאַרגינען צו שרײַבן ווי אַ פּאָעט:

אַ היים

וווהין עס וועט דיין וועג ניט פאַרגיין
צי פאָרסטו, צי שווימסטו, צי פליסטו;

עס ברענט אין דעם חושך געדיכטן
דאָס אייביקע פײַער :
— אַ היים !

אַ יאָר —
עס פאַרגעסט זיך דאָס קול . . .
אַ יאָר —
עס פאַרגעסט זיך דאָס פּנים.
זיי נעמען, די יאָרן, נקמה,
די היים שווימט אַוועק מיטאַמאָל.

און בעסערע ערטער געפינסטו,
נאָר ס'לעבט אין דײַן בלוט,
אין דײַן ביין,
נאָר ס'וואַקסט אין דײַן טיפעניש טיפסטער,
דער אייביקער אָטעם
— אַ היים !

יאָ, ס'ווייזט אויס, אַז מען קאָן אין סאָוויעט־רוסלאַנד שרײַבן גוטע פּאָעזיע אויך אָן "דאָווראַכערס" און אָן "פּאַרכעס" . . . ווי בײַ דעם "יידישן" רעדאַקטאָר, וואָס טיילט זיך אויס מיט זײַן ציניש־ צעבראָסטעטער קאָמיסאַרסטווע.



ליטעראַטור און לשון

יוחנן ארנון

מיט זעכצן יאָר שפּעטער...

(זכרונות וועגן ייִדיש)

דער דיכטערין קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — לזכרון.

כ׳האָב קיין מאָל נישט געטראַכט צו שרייַבן אַן אַרטיקל אויף ייִדיש און נאָך ווייניקער — צו שרייַבן זכרונות אין ייִדיש. אָבער סע זאָגט זיך: "רבות מחשבות בלב־איש ועצת ה׳ היא תקום". און הייַנט, אין מיטן דער נאַכט, ווען איך בין אויפגעשטאַנען פון בעט, כדי צוצודעקן מייַנע קינדערלעך, זיי זאָלן לעבן און געזונט זייַן, האָב איך מיט אַ מאָל אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן ייִדיש. אָבער לאָזט מיך דערציילן מייַן מעשה פון אָנהייב.

כ׳בין געבוירן מיט עטלעכע און דרייסיק יאָר צוריק אין באַזעל, דער שטאָט פון אייניקע ציוניסטישע קאָנגרעסן, כ׳בין אַן אייניקל פון אַ פּראָטעסטאַנטישן גלח. די ערשטע צוועלף קינדעריאָרן האָב איך געלעבט בייַ טאַטע־מאַמען אין שוויץ (Schwyz) אַ קליין שטעטל פון קוים צען־טויזנט איינוווינער צווישן די הויכע אַלפּן־בערג.

דאָרט זענען ניט געווען קיין ייִדן. איך געדענק צוויי נעמען פון משומדים; ס׳האָט געלעבט דאָרטן אַ משפחה שאַפּס. מייַנע באַציִונגען צו מאַקס, דעם זון פון יענער משפחה, זענען ניט געווען קיין גאָר גוטע. ער איז געווען אַ שתלטן (מען האָט אין יענע יאָרן נאָך ניט געהערט פון גענעראַל דע־גאָל און זייַן הגדרה וועגן "עם שתלטן"!). מאַקס איז געווען אַ גוטער פרומער קאַטאָליק, ווי זייַנע עלטערן, די משומדים. און איך גלייב, אַז ער האָט ניט געוווּסט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ ייִדישער משפחה. חוץ זיי האָבן דאָרטן נאָך געוווינט אַן אַלטער מאַן מיט זייַן פרוי מיטן נאָמען זאַלוויי. זיי זענען, מסתמא, געווען פּליטים פון חורבן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט מיט דער הילף פון דער קאַטוילישער כנסיה און האָבן געמוזט באַצאָלן פאַר דער הילף מיט שמד.

אָבער איך האָב דאָך געקענט אַ סך גוטע כשרע ייִדן אין יענע קינדער־יאָרן

אין דעם קריסטלעכען שטעטל: אין אונדזער משפחה איז געווען אַ ביבל, אַ תנ״ך, אילוסטרירט מיט די בעסטע קופּערשטיכן פון פראַנצויזישן קינסטלער דאָרע, אַ וואונדערבאַר ספר. ווען איך בין געווען אַ קליין קינד און אויך שפּעטער, אין אָנהייב פון מײַנע שול־יאָרן, האָב איך ליב געהאַט צו לייענען יענעם תנ״ך און באַטראַכטן זײַנע בילדער, וואָס האָבן מיך זייער שטאַרק באַאײַנדרוקט. אַלע געשיכטעס וועגן די אָבות און די בני ישראל זענען געווען אַזוי פּשוט און פאַרשטענדלעך און אַזוי רירנדיק. איך געדענק אַז איך בין אָפּגעזעסן מיטן דאָזיקן ספר תנ״ך לאַנגע שטונדן.

ווען כ׳בין אַלט געוואָרן צוועלף יאָר, זענען מיר געקומען צוריק קיין באַזעל. פאַר מיר איז געווען זייער שווער זיך אײַנגעוווינען צו דער אַטמאָספער פון אַ גרויסער שטאָט. אין שטעטל האָב איך מיך געפילט אַ סך בעסער, בין געווען אַ זון פון אַ פּויער, וואָס האָט געקענט רײַטן אויף אַ פערד און אַרבעטן מיט אַנדערע בהמות. איצט, אין דער גרויסער שטאָט, האָב איך מיך געפילט ווי אַ פרעמדער.

דאָך האָב איך געפונען חברים. און דווקא ייִדן. מיט אַ מאָל האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט, אַז עס עקזיסטירן ממש ייִדן, ניט בלויז אין יענע מעשיות פון ספר התנ״ך, נאָר ממש לעבעדיקע ייִדן! איך האָב מיך אין אָנהייב באַקענט מיט ייִדישע קינדער — ווען איך האָב שפּעטער געטראָפן זייערע עלטערן, זענען דאָס מייגסטנס געווען ייִדן פון מזרח־אייראָפּע.

און דאָרטן, אין יענע טעג, האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט ייִדיש. און ניט בלויז ייִדיש רעדן, נאָר אויך זינגען ייִדישע לידער (״אין דעם בית המקדש אין אַ ווינקל חדר זיצט די אלמנה בת ציון אַליין...״, ״אַ ייִדישע מאַמע״, ״די תורה איז די בעסטע סחורה״). און איך האָב זיך אויסגעלערנט אַ סך ייִדישע ווערטער און אפילו גאַנצע משפּטים. מען האָט דאָרטן געהערט אַ סך ייִדישע פּליטן, בעיקר פון דזשיגאַן און שומאַכער, אויך פון אַנדערע ייִדישע קינסטלער פון פּאַריז און אַמעריקע.

אין יענע טעג האָב איך זיך געלערנט לייענען דעם אלף־בית. און כ׳האָב געשריבן מײַן ייִדישן חבר אין בית הספר קליינע צעטעלעך, אין אַ געמיש פון דײַטש און ייִדיש מיט העברעיִשע אותיות. און וואָלט דער מורה, דער לערער, געקענט כאַפּן די צעטעלעך, וואָלט ער דאָך קיין מאָל ניט פאַרשטאַנען קיין איינציק וואָרט!

שפּעטער האָב איך געאַרבעט ווי אַ מוכר־ספרים. איין מאָל האָב איך געלייענט, אַז די ״אונעסקאָ״ גיט אַרויס ביכער אין אַלע שפּראַכן. ס׳איז דאָרטן געווען אַ ייִדיש בוך אויכעט. איך האָב עס באַשטעלט און אין אַ וואָך אָדער צוויי אַרום איז דאָס בוך געקומען. איך געדענק נאָך זײַן נאָמען: ״דער ייִדישער געדאַנק ווי אַ פאַקטאָר פון ציוויליזאַציע״, דער מחבר איז געווען איינער אַ פּראָפעסאָר ראָט.

איך האָב דעם בוך ניט געלייענט. ס׳איז פאַר מיר געווען צו שווער. אָבער אין עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען איך האָב געטראָפן אין ישראל אַן אָרעמען עולה פון רומעניע, וואָס האָט ניט פאַרשטאַנען קיין העברעיִש וואָרט, האָב איך אים געגעבן דאָס בוך אַ מתנה. איך געדענק, אַז דער אָרעמער מאַן איז געווען אַ

פרומער ייִד, נאָר ס'האָבן די רומענער, ימח שמם, אים ניט געלאָזט מיטנעמען אפילו זײַן טלית־און־תפילין. און דאָ אין ישראל, האָט די סוכנות אָוועקגעזעצט דעם אַלטן ייִד צווישן עולים פון עיראַק, וואָס האָבן ניט פאַרשטאַנען, פאַרשטייט זיך, קיין איינציק וואָרט פון זײַן לשון. איז ער געזעסן אויף דעם סוכנות־בעט, מיט אַ היטל אויפן קאָפּ און האָט געוויינט. ווען זײַן ווײַב האָט געהערט פון מײַן פרוי, אַז איך רעד אַ ביסעלע ייִדיש, איז זי געקומען צו מיר און האָט מיך געבראַכט צום אַרעמען אַלטן מאַן. ס'איז געווען אין דער פרי און איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וועל נאָכן דאַווענען אים געבן מײַנע טלית־און־תפילין, אַ סדור און אַ חומש. דער אַלטער ייִד האָט שטאַרק געוויינט און ווען איך דערמאָן זיך הײַנט דאָס בילד, שפּיר איך אויך טרערן אין מײַנע אויגן.

דעמאָלט האָב איך דערפילט וואָס עס באַדײַט אַ ייִדיש וואָרט. דער אַרעמער ייִד האָט ממש אויפגעלעבט.

נו, איך בין שוין געווען אין לאַנד אַ גוטע פּאָר יאָר, כ'האָב געלערנט העברעיִש און האָב זיך פאַראינטערעסירט מיט דער העברעיִשער ליטעראַטור. ייִדישע ביכער האָב איך בעת מײַן אַרבעט ווי אַ מוכר־ספרים און אַ ביבליאָטעקאַר שטענדיק געזען. מיך האָט שטאַרק באַאײַנדרוקט, וואָס די גאַנצע וועלט־ליטעראַטור איז איבערגעזעצט געוואָרן אין ייִדיש, פון דעם פינישן נאַציאָנאַלן עפּאָס "קאַלעוואַ־לאַ" — ביז צו די רעדעס פון בודהא דעם אינדיִער, פון ספר תנ"ך (יהואש) — ביז צו די "בלעטלעך גראָז" פון וואָלט וויטמאַן.

שפּעטער האָב איך געזען דעם אינטערעסאַנטן זשורנאַל "די גאָלדענע קייט" און האָב געלייענט דאָ און דאָרט אַן אַרטיקל.

פיל מאָל האָב איך זיך געטראָפן מיט ייִדיש און מיט ייִדישע ביכער, און כאָטש איך האָב זיך פאַרליבט אין דער העברעיִשער שפּראַך און איר ליטעראַטור, האָב איך תמיד אַ שטוב אין מײַן הארץ פאַר מאַמע־לשון און פאַר דעם מענטש וואָס רעדט מאַמע־לשון.

אין יענע טעג האָב איך זיך באַגעגנט מיט דער גרויסער ייִדישער דיכטע־רין קאַדיע מאָלאָדאָווסקי. זי איז געקומען באַזוכן דעם "בית ביאליק", און ווען מען האָט מיך פאַרגעשטעלט, האָט זי זיך זייער דערפרייט, וואָס זי האָט באַגעגנט אַ יונגן ישראלי, וואָס פאַרשטייט ייִדיש...

אפשר זענען אָט די מחשבות אויפגעקומען, בשעת דער באַגעגעניש מיט דער דיכטערין. דעמאָלט האָב איך ניט געקענט רעדן — אָבער הײַנט אין דער נאַכט האָבן די דאָזיקע מחשבות אַרויסגעקוואָלט פון מײַן האַרצן...

*

ווײַזט אויס, אַז די דאָזיקע זכרונות האָב איך געשריבן דעם 4.5.1971, מער ווי זעכצן יאָר צוריק. איך האָב זיי עמיצן געשיקט און מער פון זיי ניט געהערט. און אַזוי ווי איך בין דעמאָלט נאָך געווען "גרין", האָב איך מיר קיין קאָפּיע ניט איבערגעלאָזט. אין דאָזיקן יאָר האָט מען מײַנע זכרונות ווידער געפונען און מיך

געבעטן זיי אָפּצודרוקן — פֿאַר וואָס טאַקע ניט? אָבער איך דאַרף דאָך נאָך אַ ביסעלע דערציילן וואָס עס האָט נאָך פּאַסירט בײַ מיר מיט ייִדיש!

*

נו, מילא, דער כּתבֿ־יד איז פֿאַרלוירן געגאַנגען. דאָס האָט מיך אַ ביסל פֿאַרדראָסן — ניט אַזוי צוליב דעם, וואָס מײַנס אַן אַרטיקל וועט ניט אָפּגעדרוקט ווערן, נאָר צוליב דעם, וואָס די דאָזיקע שורות זענען אַ טייל פֿון די זכרונות וועגן מײַן גליקלעכער יוגנט אין דער אַלטער היים. שוין — פֿאַרלוירן — אָן־עק! האָב איך געקלערט.

שפּעטער האָב איך געטראַכט נאָך אַ מאָל אָנהייבן צו שרײַבן די זכרונות אך הדבר לא יצא אל הפּועל.

פֿיר יאָר שפּעטער האָב איך זיך באַקענט מיטן גרויסן העברעיִשן און ייִדישן דיכטער אורי צבֿי גרינבערג. אָט די באַגעגעניש האָב איך באַשריבן אין מײַן צווייטן ייִדישן אַרטיקל "אַ באַגעגעניש מיט אורי צבֿי גרינבערג" וואָס איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער תל־אָבֿיבֿער צײַטונג "לעצטע נײַעס" (17.10.1975). דאָס איז געווען דאָס ערשטע און לעצטע אַרטיקל מײַנס אין ייִדיש, וואָס איז איבערגעדרוקט געוואָרן.

דאָס הייסט אָבער, חלילה, ניט אַז מײַן אינטערעס און ליבע פֿאַר ייִדיש איז קלענער געוואָרן. דער היפּוך! אין זעלבן יאָר 1971 איז אַרויס מײַן ביבליאָגראַפֿיע פֿון שמואל יוסף עגנון. דאָרט האָב איך פֿאַרנאָטירט אַלע זײַנע ווערק אין העברעיִש און, פֿאַרשטייט זיך, אויך אין ייִדיש.

פֿאַרענדיקט די דאָזיקע אַרבעט, האָב איך זיך גענומען אַרבעטן אַכט יאָר איבער אַ ביבליאָגראַפֿיע פֿון אורי צבֿי גרינבערג, וואָס מײַן פֿרײַנדשאַפֿט מיט אים האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן. פֿאַרשטייט זיך, אַז די אַרבעט מיט די כּתבֿים פֿון די ביידע גרויסע גאַליציאַנער און ריזן פֿון די ביידע ייִדישע ליטעראַטורן — העברעיִש און ייִדיש — האָט מיך נאָך מער דערנענטערט צו מאַמע־לשון.

ווען די ייִדישע כּתבֿים פֿון די ביידע זענען דערשינען (עגנון — אין יאָר 1977, און אצ"ג — אין יאָר 1979), האָב איך זיך אין זיי אַרײַנגעלייענט. אין מײַן ביבליאָגראַפֿיע פֿון אצ"ג זענען פֿאַרצייכנט, פֿאַרשטייט זיך, אַלע זײַנע ייִדישע ווערק (פּאָעמעס, אַרטיקלען), און אויך אַלץ, וואָס ס'איז געשריבן געוואָרן וועגן אים און זײַנע ווערק אין ייִדיש, און אַפֿילו אויך די ייִדישע איבערזעצונגען פֿון זײַנע העברעיִשע ווערק. אין יענע יאָרן האָב איך זיך געטראָפֿן פֿיל מאָל מיטן גרויסן דיכטער, וואָס איז געוואָרן מײַנער אַ ידיד און אויך דער סנדק פֿון איינעם אַ זונעלע מײַנס. אין זײַנע שמועסן האָט דער דיכטער פֿיל מאָל ציטירט ייִדישע ווערטער און גאַנצע משפּטים. אין די לעצטע יאָרן האָט ער אַפֿילו אָנגעהויבן צו רעדן מיט מיר ייִדיש און פֿאַרגעסן צו פֿרעגן: "דו פֿאַרשטייסט?" אַזוי האָב איך פֿאַרטיפֿט מײַנע קענטעניש פֿון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור.

ס'איז אינטערעסאַנט און גייט צום האַרץ לייענען היינט, מיט זעכצן יאָר שפּעטער די דאָזיקע "זכרונות וועגן ייִדיש". איך בין דעמאָלט געווען "נאָך" נאַיִווער ווי היינט; בין געווען בלויז אַכט יאָר אין לאַנד. היינט בין איך אַ "בעל בעמיו", אַ פּאָטער פון פינף קינדער און אַ זיידע פון אַ וואונדערבאַרן אייניקל. זאָלן זיי אַלע זיין געזונט און שטאַרק מיט אַלע ייִדישע קינדער!

לייענענדיק די זכרונות היינט, זע איך, אַז איך האָב געמאַכט אַ סך פעלערן. מיין ייִדיש איז בעסער געוואָרן און איך לייען אַפילו ייִדישע ביכער.

איך בין געוואָרן אַ שטיקל העברעיִשער שרייבער, און האָב פאַרעפנטלעכט מער ווי צוויי הונדערט אַרטיקלען אין צייטונגען, צייטשריפטן און ביכער און דריי באַזונדערע ביבליאָגראַפיעס (גרים, ש"י עגנון, א. צ. גרינבערג). לעצטנס, האָב איך גענומען לייענען ייִדישע ביכער. אין איינס פון מיינע לעצטע אַרטיקלען — "תלוש — נווד מגדות הוולגה שיישר חולות בתל־אביב" — וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער צייטשריפט עת־מול (כרך י"א, גליון 4 (66), ניסן תשמ"ו — אפּריל 1986) האָב איך געשריבן על־סמך פון די מאַטעריאַלן, וואָס איך האָב געפונען אין אַרכיוו "גנזים" און אין "לעקסיקאָן פון דער נייַער ייִדישער ליטע־ראַטור". איך בין געווען זייער איבערראַשט און גליקלעך, ווען איך האָב געפונען אין אונדזער ביבליאָטעק "שער ציון — בית אריאלה" תלושס בוך "וואָגלעניש" (וואַרשע 1938) — אַ ראָמאַן פון 560 זייטן, וואָס באַשרייבט דאָס לעבן פון די ייִדישע עמיגראַנטן אין בערן, שווייץ. אין זיין אַנדער בוך "דערינערונגען און פאַר־צייכענונגען" (1953) באַשרייבט ער זיינע באַגעגענישן מיט ייִדישע און העברעיִשע שרייבערס, ווי זלמן שניאור, יוסף חיים ברענער און אַנדערע.

איצט איז אַרויס מיין אַרטיקל "כתר במוזיאון הלובר" — וועגן דעם ייִדיש־רוסישן קינסטלער ישראל רוחמובסקי און דער גרויסער פאַלשונגס־סקאַנדאַל אין פּאַריז אין אָנהייב פון יאָרהונדערט. איך האָב דערצו געלייענט זיין בוך "מיין לעבן און מיין אַרבעט", דאָס איז דערשינען אין פּאַריז אין יאָר 1928 און זיין מחבר האָט אים געשיקט צום דעמאָלטיקן "בית אחד העם" אין תל־אביב. (עת־מול, כרך י"ב, גליון 1 (69), תשרי תשמ"ז — אָקטאָבער 1986).

איך געדענק נאָך היינט ווי איך האָב מיט פילע יאָרן צוריק געלייענט עריך רעמאַרקס בוך Arc de Triomphe. ער דערציילט דאָרטן פון ייִדישע פּליכטלינגע וואָס קומען צו פאָרן קיין פּאַריז. ביי דער באַנהויף שטייען זיי און זוכן עמעצן צו רעדן מיט אים, און שרייען: "ייִדיש! ייִדיש! אַ מענטש? אַ מענטש?!". דאָס האָט מיך זייער שטאַרק געטראָפן און איך האָב עס ניט געקענט פאַרגעסן. איך האָב פאַרשטאַנען אַז זיי מיינען: ווער עס רעדט ייִדיש, דאַרף מסתמא אויך זיין אַ מענטש...

די זכרונות וועגן ייִדיש האָב איך דעמאָלט געווידמעט דער דיכטערין קאַדיע מאָלאָדאָווסקי. זאָלן זיי איצטער געווידמעט זיין איר ליכטיקן אָנדענק...

זיאַמע טעלעסין

פֿון בוך „דער וועג פֿונעם פֿויגל"

איך האָב ניט געשטורעמט...

איך האָב ניט געשטורעמט די פֿעסטונג באַפֿאַר.
מײַן טאַנק אין צידון ניט אַרײַן איז. —
מע נעמט שוין ניט מער אויף מלחמה מײַן יאָר.
גיי האָב דאָ צו עמעצן טענות...

נאָר איך האָב באַפֿאַלן מיט יאָרן צוריק
(די צײַט איז אַ ביסעלע ווײַט שוין)
אַ צוג, וואָס געפֿלויגן איז איבער אַ בריק
מיט טאַנקען, האַרמאַטן און דײַטשן.

צו פֿוס כ׳בין דערגאַנגען כמעט ביז בערלין
דורך שטעטלעך, וואָס זײַנען ניטאָ מער.
איצט האַלטן מלחמה שוין אונדזערע זין.
עס ציט זיך נאָך אַלץ די מלחמה...

ס׳איז שטיל געוואָרן אין גליל

ס׳איז שטיל געוואָרן אין גליל,
עס בוכען מער ניט די האַרמאַטן.
מען האָט פֿאַרלאָזן די מיקלטן
און ס׳הערט זיך ווי עס גרילט דער גריל...

ס׳איז שטיל געוואָרן אין גליל.
ווו נאָך אַ גרוב פֿון די קאַטיושעס

פֿאַרצויגן מיט אַ גרינעם פּליוש איז.
פֿון די פּרדסים ווייעט קיל . . .

ס׳איז שטיל געוואָרן אין גליל.
די ווענט פֿון באַמבעס דורכגעבויערט
די מויערערס האָבן פֿאַרמויערט.
די קינדער שפּילן זייער שפּיל . . .

ס׳איז שטיל געוואָרן אין גליל.
אַליין פֿון זיך וואָלט שטיל ניט ווערן.
עס האָט געקאָסט אונדז בלוט און טרערן,
אַז אין גליל זאָל ווערן שטיל.

יולי 1982

צו איינעם אַ פריינד

איך וואָלט ניט לעבן מער אַצינד
אין קיין שום אַנדערער מדינה
ווו גאַרנישט ניט מיט איר מיך בינדט,
כאָטש פֿילסט דאָרט ניט קיין ראַסן־שינאה
און ס׳הענגט ניט איבער דיר קיין שווערד.
(נאָר זיי אַ בריה, פּרוּוו געפֿינען
אַזאַ מדינה אויף דער ערד . . .)

זאָל זײַן דיר האָט זיך אײַנגעגעבן
אַזאַ מדינה אָפּצוזוכן
און דאָרט האָסטו ״געמאַכט אַ לעבן״.
ס׳איז לײַכט באַקליידן זיך, באַשוכן,
דו האָסט אַ וווינונג אַן אַנטיק,
עסט אין דער וואָכן אייערקוכן.
אין דעם באַשטייט דאָס גאַנצע גליק ?

דײַן קינד (דער עיקר איז דאָס קינד !)
זיך נעמט פֿון דיר אַוועקצושאַרן
אַהין פֿון וואַנען ס׳בלאָזט דער ווינט,
וואָס פֿול פֿאַר אונדז איז מיט געפֿאַרן.

ס׳קאָן זײַן, דאָס טוט דיר טאַקע װײ,
ס׳קאָן זײַן, דאָס טוט דיך אַזױ אַרן
װי פּאַראַיאַרעדיקער שנײ.

אַבי דיר גײט! דיר לעבט זיך ברײט,
פֿאַר איסראַעל דו שפּענדעסט צדקה.
נאָר װעסט דערמאָנען װאָס איך זאָג:
אין אײנעם אין אַ שײנעם טאָג
דײַן ליַיכטזין װעט אַרױס דיר באָקעם...

לויטן לוח

אַזאַ מחיהדיקער זומערדיקער װעטער!
אױפֿן באַרג אַ סטאַדע שעפּסן קלעטערט.

קײן זכר שױן ניטאָ פֿון די חמסינען.
די שײַן פֿון הימל איז אַ בלױלער-גרינע.

אין אָט דער אונטערהימלדיקער רחבֿות
פֿליט אַן אָדלער מיט דער זון אונטער די פֿאַכװעס.

דאָרט, אױף די בײגעװדיקע צװײַגן פֿון פּרדסים
אַ געשאָרך פֿון גרינע בלעטער הײסע.

אַ פֿרישינק װינטעלע אי גלעט, אי מינטערט.
כאָטש לױטן לוח איז שױן ערב װינטער.

װעגן זיאַמע טעלעסין

אין אַ קלאָר־פֿליסנדיק טײַכל זעט מען די טיף און צי ס׳געפֿינט זיך עפּעס אין אָט דער קלאָרער טיפֿקײט. אין מוטנע װאַסערן זעט מען גאָרנישט, כאָטש ס׳איז אפֿשר באַקװעמער צו "כאַפּן פֿיש" פֿאַר פֿאַרשידענע ליטעראַטור־גריבלער און "אױסטײַטשער".

זיאַמע טעלעסינס דיכטונג איז קלאָר און מײנסטנס טיף און אין דער טיפֿקײט איז צו זען, ממש ביז צום סאַמע דעק, יעדעס פּײַן אױסגעשליפֿן דימענט־שטײנדעלע פֿון אונדזער ייִדיש־סלאַװישן שפּראַך־אוצר.

טעלעסין איז בטבע אַ שטיק שוויַיגער. אַ רענדל־אַ וואָרט, ניט ווי ביַי אַן אַנדער פּאָליעסער, — אַ פּראָזאַיִקער, וואָס איז באַרעדעוודיק און מעלאָדראַמאַטיש ביז צו חלשות. ער, דער דיכטער, וואָס שפּירט מיט זיַין גאַנצן וועזן דעם באַפליגלטן וועג פונעם פויגל, ביַי וועמען אויך די וואָרצלען זיַינע זענען באַפליגלט, ער, טעלעסין, איז אָבער אויך, ווי די וויַיניקסטע פון אונדז, ערדיש און שטאַמיק אין זיַין ליריש־עפּישער סטיכיִע. זיַין וואָרט און בילד איז זאַפטיק, וואַגיק און קאָנקרעט, ווי וואַגיק און קאָנקרעט ס׳איז די געאָגראַפישע מפה פון זיַין שלאַכטוועג ביז צו זיַין וועג קיין ארץ־ישראל.

צווישן די בעסטע יִדישע שריַיבער, וואָס האָבן געהאַט די זכיה זיך דורכצוברעכן אַ היים פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט טעלעסין אויף זיַין אופן געשטאַרקט זיַינע פליגל און פאַרטיפט זיַינע פּאָעטישע וואָרצלען אין שטייניקן און דורותדיק־אויסגעבענקטן באָדן פון אונדזער מדינת ישראל.

באַגריסן מיר האַרציק דעם חשובן דיכטער צו זיַין נײַעם לידער־בוך „דער וועג פונעם פויגל״.

ק. יוד.

אָנגעקומען אין רעדאַקציע:

דער אָנהייב. נומ. 11, סעפּטעמבער 1987. רעדאַקציע: **אשר שטשוטשינסקי, משה בעקער.** אַרויסגעגעבן פון קאָאָרדינער־קאָמיטעט פון יִדישע קולטור קלובן אין מיאַמי, פלאָרידאַ. 79 זײַטן, גרויסער פאָרמאַט.

יִדישע קולטור אין סקאַנדינאַוויע. נומ. 1—2, אַפּריל 1988, 12טער יאָרגאַנג. אַרויס־געגעבן ביַי דער געזעלשאַפט פאַר יִדיש און יִדישע קולטור אין שוועדן, שטאָק־האָלם. רעדאַקציע: **זעליג בערקאָוויטש** און **לענאַרט קערבעל.** אין יִדיש — 23 זײַטן, און שוועדיש — 27.

אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער. נומ׳ 193—191, 33־טער יאָרגאַנג, רעדאַקטירט פון משה קנאַפּהייס. 17 זײַטן יִדיש, 15 זײַטן שפּאַניש. בוענאָס איירעס, 1987.

חשבון. פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע ענינים. אַרויס־געגעבן פון לאָס אַנדזשעלעסער יִדישן קולטור־קלוב און שריַיבער־קרייז. נומ׳ 110, האַרבסט תשמ״ח — 1987. 96 זײַטן. רעדאַקטאָר **משה שקליאַר.**

יידיש-סימפּאָזיום אין אָקספּאָרד

(אינפֿאָרמאַציע)

דרײַסק געלערנטע אויפֿן געביט פֿון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור פֿון אַמעריקע, ישראל, ענגלאַנד, פֿראַנקרײַך און דײַטשלאַנד האָבן אָפּגעשלאָסן דעם דריטן אָקספֿאָרדער ווינטער־סימפּאָזיום איבער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור. דער ווינטער־סימפּאָזיום איז אַ יערלעכע קאָנפֿערענץ וואָס ווערט אָרגאַניזירט דורכן אָקספֿאָרדער צענטער פֿאַר העכערע העברעיִשע שטודיעס אונטער דער אָנפֿירונג פֿון ד״ר דוד קאַץ.

די טעמע הײַ־יאָר איז געווען: ״געשיכטע פֿון ייִדיש־שטודיעס״. די 21 רעפֿעראַטן וואָס זענען געלייענט געוואָרן האָבן זיך פֿאַרנומען מיט דער געשיכטע פֿון פֿאָרשער, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט ייִדיש פֿונעם 16טן יאָרהונדערט אַזש ביז די פּראָיעקטן און פּלענער וואָס ווערן איצט געמאַכט אויפֿן 21סטן יאָרהונדערט. דוד קאַץ האָט גערעדט איבער דער טעמע: ״אליה בחור, דער ערשטער ייִדישער לינגוויסט״. אליה בחור (1469—1549), דער באַוווסטער העברעיִשער מדקדק און ייִדישער פּאָעט, איז געווען דער ערשטער וואָס האָט באַשריבן ייִדישע עטימאָלאָגיעס, דעם אָרויסרייד פֿון ייִדישע ווערטער און דעם אורשפּרונג פֿון ייִדיש. אַ גאַנצע ריי קריסטלעכע געלערנטע, וואָס האָבן אין משך פֿון הונדערטער יאָרן זיך אָפּגעגעבן מיט ייִדיש זענען שטאַרק באַאײַנפֿלוסט געוואָרן פֿון זײַנע ווערק.

טייל פֿון די רעפֿעראַטן וואָס זײַנען געלייענט געוואָרן אויפֿן סימפּאָזיום האָבן אַנאַלי־זירט די אויפֿטוען פֿון די גדולי־ייִדיש פֿון 20סטן יאָרהונדערט. פּראָפֿ. ראָבערט ד. קינג, דעקאַן פֿונעם אוניווערסיטעט פֿון טעקסאַס האָט גערעדט וועגן מתתיהו מיזעס (1885—1945), וועלכער האָט דער ערשטער געשריבן אַ שטודיע וועגן ייִדיש אויף ייִדיש, וואָס ער האָט פֿאָרגעלייענט, זייענדיק 23 יאָר אַלט, אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ פֿון 1908. קלמן האַטאַן, וועלכער איז געקומען צו ייִדיש ווי אַ פֿולשטענדיקער אָנהייבער אין אָקספֿאָרד און איז הײַנט אַ פּראָפֿעסאָר פֿון ייִדיש, אויך אין אָסטין, טעקסאַס, האָט באַ־האַנדלט די אויפֿטוען פֿון נח פּרילוצקי (1882—1941), דער גרעסטער ייִדישער דיאַלעקטאָ־לאָג וועמענס פֿעיִקייט צו דערקענען באַלד אויף אַן אָרט פֿון וואַנעט ס׳שטאַמט אַ ייִד לויטן שטייגער ריידן ייִדיש איז געווען לעגענדאַריש.

12 פֿון די 21 לעקציעס האָבן געהאַלטן יונגע געלערנטע אין די 20ער און 30ער יאָרן. צווישן זיי זענען געווען: אולריקע קיפֿער (קאָלאָמביע אוניווערסיטעט, ניו־יאָרק), וואָס האָט פֿאָרגליכן ייִדישע און דײַטשישע דיאַלעקטאָלאָגיע; יוטאַ בוים (אוניווערסיטעט פֿון טריר, מערב־דייטשלאַנד), וואָס האָט גערעדט וועגן ייִדישע נוסחאות פֿון מגילת אסתר פֿון 14טן יאָרהונדערט און ווײַטער; יאָסמינקע דאָוליג (אָהײַאָ־אוניווערסיטעט) וואָס האָט אַנאַליזירט באַסטאַמסקיס ״ייִדישע פֿאָלקס־רעטענישן״.

די מערסטע יונגע פֿאָרשער וואָס האָבן געהאַלטן לעקציעס אויפֿן סימפּאָזיום, זענען סטודענטן טאַקע אויפֿן אָקספֿאָרדער אוניווערסיטעט, ווו זיי שרײַבן דאָקטאָראַטן אונטער

דער השגחה פון ד״ר דוד קאַץ. די אַלע אָקספאָרדער סטודענטן האָבן אָן אויסנאַם געהאַלטן זייערע לעקציעס אויף ייִדיש בהסכם מיטן אַרויסגעזאָגטן ציל פון דער אָקספאָרדער ייִדיש־פּראָגראַם: דאָס פאַראייביקן אַ הויכן אַקאַדעמישן ניוואָ מיט ליבשאַפט צום לעבעדיקן ייִדיש וואָס דריקט זיך אויס אַלעמערשטנס אינעם עצם באַנוצן די שפּראַך סײַ טאָג־טעגלעך, סײַ אין דער אַקאַדעמישער אַרבעט. מאַריאַן אַפּטרוט, לכתחילה פון האָלאַנד, האָט גערעדט וועגן דער לעבנס־אַרבעט פון האַרטאָך ביים, וועלכער האָט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה מסירת־נפשדיק אויסגעפאָרשט און פאַראייביקט די רעשטלעך פון ייִדיש אין האָלאַנד. ביים איז געשטאָרבן אין ראָטערדאַם צו 95 יאָר מיט עטלעכע וואָכן צוריק. דבורה אשר האָט איר לעקציע געהאַלטן וועגן דעם צוגאַנג פון מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור־פאָרשער — בתוכם מאַקס עריק, ישראל צינבערג און מאַקס ווײַנרײַך — צו די פּאָעטישע תחינות וואָס ס'האָבן געשאַפן ייִדישע פרויען, אָנהייבנדיק סוף פון 16טן יאָרהונדערט. זי האָט זיך באַמיט צו באַווײַזן, אַז דער צוגאַנג צו די תחינות בײַם רוב פאָרשער איז עמאָציאָנעל באַפאַרבט און אַז אָביעקטיוו־וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג דאַרף מען ערשט אָנשרײַבן, יאָהאַנעס בראָזי, אַ געבוירענער אין דער שווייץ, וועלכער האָט ערשט אָנגעהויבן זיין דאָקטאָראַט אין אָקספאָרד, האָט אין אַ רײַכן זאַפטיקן ייִדיש אַרומגערעדט די פאָרשונג פונעם אַמאָליקן ייִדיש אין דער שווייץ. דוד שנײַדער, דאָס אייניקל פון באַקאַנטן לאָנדאָנער ייִדישן דראַמאַטורג אַביש מייזעלס האָט אויפגעדעקט און אַנאַליזירט די געשיכטע פון דער פאָרשונג פון דער ייִדישער דראַמע אין 20טן יאָרהודערט. דוב־בער קערלער האָט רעפערירט איבער די העברעיִשע פאָרשער, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט די שפּראַכיקע השפעות אויפן מאָדערנעם העברעיִש. זיין מסקנה איז געווען אַז די גאָר שטאַרקע השפעה פון ייִדיש ווערט להלוטין ניט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט דורך אָט די פאָרשער. אָט דער רעפעראַט האָט אַרויסגערופן לעבהאַפטע דעבאַטן.

אַ רײ באַקאַנטע ייִדיש־פּראָפעסאָרן פון איבער דער וועלט האָבן אָנטייל גענומען אינעם סימפּאָזיום. פּראָפעסאָר וואָלף מאָסקאָוויטש (העברעיִשער אוניווערסיטעט, ירושלים) האָט אַרומגערעדט די געשיכטע פון די וויכטיקסטע ייִדישע ווערטער־ביכער, בתוכם דעם גרויסן ווערטערבוך פון דער ייִדישער שפּראַך, פון וועלכן ער איז איינער פון די הויפּט־רעדאַקטאָרן. פּראָפעסאָר יוסף בר־אל (בר־אילן אוניווערסיטעט) האָט אין דער טיף באַהאַנדלט די עטימאָלאָגיע פונעם וואָרט ״חוזק״. פּראָפעסאָר גרשון ווײַנער (בר־אילן אוניווערסיטעט) האָט פאַרגליכן די השפעות פון ענגליש און דעם טראַדיציאָנעלן לשון־קודש אויף ייִדיש מיט אָט־די השפעות אויפן מאָדערנעם העברעיִש. פּראָפעסאָר דוד־גח מילער (אָהײַאָ־אוניווערסיטעט) האָט פאָרגעלייענט זײַנע אַ טעאָרעטישע אַרבעט: ״די אידעאָלאָגיע פון אָביעקטיווקייט״.

ווי תמיד, האָבן די אָרגאַניזירער פונעם סימפּאָזיום זיך געסטאַרעט צו פאַראייביקן די ייִדיש־אַקאַדעמישע פאָרשונגען מיט דער לעבעדיקער ייִדישער קולטור־וועלט. דער ערן־גאַסט אויפן סימפּאָזיום איז געווען דער באַקאַנטער ניו־יאָרקער שרײַבער לייזער ראַן, וועלכער האָט געעפנט דעם סימפּאָזיום מיט אַ רעפעראַט איבער דער טאָפּאָנימיע אין דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור. דער סימפּאָזיום האָט זיך געשלאָסן מיט אַ לעקציע פונעם לאָנדאָנער ייִדישן שרײַבער א. ליסקי.

צווישן דערשינענע ווערק

מ. מ. שאַפּיר / מאָנטרעאָל.

פֿון בוך „טראָפּנס טרייסט אין דער בידע"

מיין קאָפּ זאָל זיין אַ טרערנקוואַל

מי יתן ראשי מים...

מײַן קאָפּ זאָל זײַן אַ טיפֿער טרערנקוואַל
וואָלט איך געזעסן טאָג און נאַכט און וואָלט געוויינט
אויף מײַנע ברידער, וואָס זיי טייטן זיך אַליין.

זיי לאָזן הינטער זיך דאָס היימישע געצעלט,
און בײַטן עס אויף פֿיר מגושמדיקע ווענט —
און דאָרטן קײַלט מען זיך מיט ד'אייגענע צוויי הענט.

ווער טרײַבט זיי, ווער?
קיין בליץ האָט זיי נישט אָנגערירט —
אַ נאַריש רישעות טרײַבט זיי צו דעליר.
זיי וואַרפֿן זיך אַליין אַרויס —
אַז וויי איז מיר! — פֿון אונדזער פֿאָטער יעקבס הויז.

כ'וואָלט טאָג און נאַכט דערויף געוויינט,
ווען כ'האָב נאָך טרערן אין מײַן שאַרבנביין.

אין לאַנד שאַשאַפּו

אין לאַנד שאַשאַפּו גייען מענטשן אום
פֿאַרכמורעט און אַזוי ווי שטום.
מע זעט נישט אַפֿילו קיין שמייכל כמעט —
ווי אַ שטיין — נישט קיין מאַמע — וואָלט זיי געהאַט.

פֿאַר רעדן קרום אַן איבעריק וואָרט,
באַקומט מען שמיץ, אי דאָס גלײַך אויפֿן אָרט.

פֿון צײַט צו צײַט אָבער טרעפֿט זיך פֿאַרט,
אַז אַ פֿויגל, אַ זינגער, באַווײַזט זיך דאָרט.

געווען דאָרט אַ פֿויגל נישט לאַנג צוריק,
וואָס פֿלעג אַרומפֿליען זינגענדיק.
אַזוי בײַ טאָג און אַזוי בײַ נאַכט —
די מענטשלעכע הערצער גרינגער געמאַכט.
אַזוי בײַ נאַכט און אַזוי בײַ טאָג —
מ'האָט פֿאַרגעסן דערבײַ די אייביקע פּלאָג.

די וועכטערס זעען: דער פֿויגל פֿליט
און זיי דאַכט זיך: ער זינגט זיי אין פּנים דאָס ליד.
זיי כאַפּן באַלד די ביקסן אַפֿיר:
„זאָלסט אויפֿהערן זינגען — זאָגט מען דיר!"

זיי זעען, ס'איז אומזיסט דאָס געשריי —
זיי דאַכט זיך: ער זינגט אין פּנים זיי.
זיי הייבן אָן שפּײַען און שיסן מיט שפּאָט,
נאָר די קינדער זאָגן: „ס'אַ פֿויגל פֿון גאָט".

די ביקסן צילעווען, ווי און ווינד,
און זיי טרעפֿן דעם פֿויגל — דער פֿויגל פֿאַרשווינדט.
אויף די וויסטע וועכטערס קומט אַ פֿרייד:
„נישטאָ מער קיין פֿויגל, קיין לידגערייד!"

די וויסטע וועכטערס, אַ קלאָג צו זיי,
מיט די אונטער-וועכטערס אַלערליי —
געשאָסן דעם פֿויגל, נאָר נישט דאָס ליד —
ווי קען מען עס שיסן? סע פֿלאַטערט און פֿליט,
סע פֿליט אַריבער דער גרענעצוואַנט,
וואָס רינגלט אַרום דאָס שטומע לאַנד.
סע פֿליט פֿאַרמאַטערט און ציטערט דערפֿרייט
אַזוי ווי זילבערן, דין געפֿלייט.

מע וואַרפֿט מיר פֿאָר

מע וואַרפֿט מיר פֿאָר, אַז כ'האָב אַ ביטער מויל,
איך גיי צו מאָל אַרויס פֿון ד'איידעלע האַלאַבליעס,

באַדאַרף איך זײַן אין גאַנצן שטום
בשעת אַרום מיר פּלייצט די גרויל ?

גיי, נעם באַשרײַב אַ גרויל, אַ פּחדימדיקע פּלאָג.
ווײַל וואָס האָט דאַנטע דען באַשריבן ? אויסגעטראַכטסן.
נאָר הײַנט איז אָפּן פֿאַר דער זון
אי דער וואָס וויינט, אי דער, וואָס שלאָגט.

דעם שלעגער העלפֿן אַלע הויכע כוחות מיט,
און דעם געשלאָגענעם איז אָך און ווינד אים.
זאָל איך מיך מאַכן בלינד און טויב,
די ליפּ פֿאַרבײַסן אויבעט ניט ?

בין איך אַ שטיין ? אַ שטיין אַפּילו שרײַט געוואַלד.
איז ווי זאָל איך נישט שעלטן אַלע וועלט-פֿאַרוויסטערס.
אַז קומען זאָל אויף זיי די בראָך,
אוי, גאָט געטרײַער, גיך און באַלד ?

די ניכפּה זאָל זיי כאַפּן זיבן מאָל אַ טאָג,
זיי זאָלן אויף די פֿיס זיך מער נישט קענען שטעלן,
וועט ווערן שטילער אויף דער וועלט,
אַן גרויל, און פּחדימדיקער פּלאָג.

צי : בײַ אַ פּלענום, זאָלן זיי אַראָפּ פֿון זין,
און איינס דאָס צווייטע זאָלן זיי זיך אונטערצינדן,
דאָס וועט דער גרינגסטער מישפּט זײַן,
און אויבעט דער גערעכטסטער דין.

און איר, איר — מײַנע גוטע-פֿרײַנד, דערמאָנט זיך גוט,
צי האָב איך עמעצן פֿון אײַך שוין ווען געזידלט
צי גאָר געזאָגט אַ וואָרט, אַ קרומס —
אַפּילו אין אַ כעס-מינוט ?

איך רעד נישט קעגן אײַך מיט ביטערקייט, פֿאַרקערט,
נאָר כ'בעט אײַך זייער : נעמט נישט צו בײַ מיר די פּראָווע,
מיט טויטע קללות צילעווען
אויף די פֿאַרוויסטערס פֿון דער ערד.

מ. מ. שאַפּיר

וווינט שוין יאָרלאַנג אין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע, אַ באַשיידענער ייִד פֿון דער בוקאָווינע, אַ באַליבטער ייִדיש־לערער. שוין נישט גאָר קיין יונגער און אויך נישט בײַם בעסטן געזונט און דאָך איז צו באַוווּנדערן זײַן גײַסטיקע גבורה. דאָ גייט אַ רייד וועגן מ. מ. (משה־מרדכי) שאַפּיר — איינעם פֿון די סאַמע קרעפֿטיקע און אייגנאַרטיקע פּאָעטן אין דער הײַנטצײַטיקער ייִדיש־ליטעראַטור.

וועגן שאַפּירס שפּאָגל־נײַ דערשינענער לידער־זאַמלונג שרײַבט זײַן קאַנאַדער בן עיר, דער באַוווּסטער פּראָזע־מײַסטער יהודה עלבערג: "אײנעם היכל פֿון דער ייִדישער שורה איז אָרײַנגעקומען אַ נײַ־בוך "טראַפּנס טרייסט אין דער בידע", משה מרדכי שאַפּירס זיבעצנט ביכל לידער, כמנין טוב. בײַ ייִדן פֿירט מען זיך, אַז ווען מע ברענגט אַ נײַעם ספר אין שול אַרײַן, נעמט מען אַרויס פֿון אָרון־הקודש אַלע פֿריִערדיקע ספרים און מע גייט מיט זיי אַקעגן דעם גאַסט..." ("אויפֿן שוועל" אָקטאָבער־דעצעמבער 1987 ניו־יאָרק). אַנאַליזירנדיק די פֿריִערדיקע ווערק פֿון דיכטער פֿירט אויס דער מחבר: "שאַפּירס לידער שושקען מיט אַ שטיל קול אַ קאַפּיטל תהילים־דיקע שירה בײַם בעט פֿון אַ קראַנקער וועלט"...

און ווײַטער:

"...שאַפּיר מוז זיך האַלטן געטרײַ בײַ זײַן דרך פֿון אויסגיסן דאָס האַרץ. אין איידל־קייט איז פֿאַראַן אין די שורות און אַ חן רוט אויף זיי און דאָס לשון פֿליסט ווי אַ שטיל טײַכל, אַז אַפֿילו אין געוויין איז פֿאַראַן געזאַנג..."

און לסוף — נאָך איין שטעל פֿון יהודה עלבערגס עסיי וועגן פּאָעטישן נוסח פֿון משה מרדכי שאַפּיר:

"לפֿי עניות דעתי איז תמימות די קלוגע זײַט פֿון פֿאַרשטיין, די ריינע זײַט פֿון חכמה, דער יאָדער פֿון אמת און די שירה פֿון וואָרט, די דברים היוצאים מן הלב, אין אָנשטעל, אין הינטער כוונות און אין געקינצלטקייטן אין דער תּפֿילה..."

ברענגען מיר דאָ אַ פּאָר טורעפֿלעכע דעפֿיניציעס פֿון אונדזער פֿרײַנד יהודה עלבערג ווי אַ באַשיידן נאָכוואָרט צו די געציילטע לידער, וועלכע מיר דרוקן איבער פֿון מ. מ. שאַפּירס לעצט־דערשינענער זאַמלונג "טראַפּנס טרייסט אין דער בידע" לידער און פּאָעמעס, מאָנטרעאָל 1987.

צו אונדזערע אילוסטראַציעס

פּראָפ. מ. קיוועליאָוויטש

מיכאל מילבערגער, דער אויטענטישער קינסטלער

דער וועזנטלעכער אמת אין דער קונסט איז היינט אַזוי זעלטן, אַז מען האָט בכלל פאַרלוירן די אַנונג פון דאָזיקן באַגריף.

עס איז זייער לייכט צו פאַרטומלען דעם עולם מיט אויסגעבאַרגטע אויסצוגן פון דער אַלטערטימלעכער, אָדער פון דער פּרעהיסטאָרישער געשיכטע און עטנאָגראַפיע.

אָן שום צווייפל איז אַ גרויסער קינסטלער אין יעדער עפּאָכע אַן אויסנאַם. דער אַמאָליקער עכטער סקולפּטאָר באַווייזט פון דעסטוועגן, אַפילו אין קלענערע ווערק, אַ סך אויסגעהאַלטנקייט און זאָרג פאַר סטיל, אָדער — אויב עס געפעלט אײַך בעסער — זאָרג און זין פאַר שיינער פּראָפּאָרציע, וואָס איז געוואָרן די מיסטעריע פאַר אונדזערע היינטצייטלער.

אויב דער זשעני פון ראָדען פאַרכישופט די סקולפּטאָרן פון דער פריערדיקער גענעראַציע ביז אונדזער צײַט, באַוווּנדערן אויך די שפּעטערע, די אינטראָספּעקטיווע קוואַליטעטן, וואָס פאַרמאָגן די ביוסטן און טראָגן אויף זיך די חתימה פון דעספּיאָ, אָדער ווערן באַאײַנפלוסט פון דעם שאַרם פון אַ מאַיאָל, בײַ וועמען די אינטעליגענץ פון די פאַרמען דערגרייכן די גריכיש־אַנטישע פּערפעקטע פּראָפּאָרציעס.

דעם סקולפּטאָר מיכאל מילבערגער האָט זיך אײַנגעגעבן צו אַקומולירן דעם נײַעם, מאָדערנעם פּראָגרעס, איבערהויפּט פון דער פראַנצויזישער שולע, אין וועלכן ער פאַראייניקט די דערגרייכטע ווערטן פון דער אַרטיסטישער יוגנט זײַנער אין די סלאַווישע לענדער (פּוילן און רוסלאַנד) בײַ זײַנע פּראָפעסאָרן פּאַוואַרסקי, דוניקאָווסקי און אַנדערע. אויף יעדן אופן איז דאָס אַ קינסטלער מיט אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן פּאַרנעם, וואָס איז ביכולת און באַרופן צו געבן אַן עקזאַקט־פּערזענלעכן חותם צו אַלע זײַנע ווערק.

דאָס ספּעציפישע, וואָס איך וויל אונטערשטרײַכן וועגן מיכאל מילבערגער איז זײַן טיפע אינטעליגענץ, זיין נאָבלען עספּרי, וואָס שטראַלן אויס פון אַלע זײַנע ווערק, און די אייגנאַרטיקע אויפפאַסונג, מיט וועלכער ער גייט צו צו אַלע זײַנע שאַפונגען. אָט די אייגנאַרטיקע און פּערזענלעכע אויפפאַסונג האַלטן אונטער דעם

דאָזיקן סקולפּטאָר אין זײַן דרך, אויף וועלכן אַנדערע האָבן נישט געהאַט די דרייסטקייט זיך צו אַנגאַזשירן, אין דער מורא נישט צו זיין געגוג אָריגינעל.

די צווישן־באַמערקונג איז געווען נייטיק אויף צו דערקלערן דעם צוגאַנג פון אַ סקולפּטאָר, וועלכער האָט געהאַט דעם מוט, דורך אַלע שוועריקייטן און אַלע מאָדערנע פאַנטאַזיעס, זיך דורכצוברעכן אַ וועג צו אַ קונסט וואָס איז אי אמת, אי לאָגיש.

("אונדזער קיום", פּאַריז, 1964)

קינסטלער וואַלערי סאַנין (קאַרענבליט)

געבוירן אין יאָר 1940, אין מאָסקווע, בײַ אַסימילירטע עלטערן, אָנגעהויבן צו מאָלן אין דער קינדהייט. פאַרענדיקט אין 1970 דעם מאָסקווער מלוכישן קולטור־אינסטיטוט. צווישן זײַנע ערשטע אַרבעטן איז כדאי צו דערמאָנען די פּאָרטרעטן פון איליא ערענבורג און איסאַאַק באַבעל, וועלכע זענען פאַרבליבן אין מאָסקווע צוזאַמען מיט פיל אַנדערע אַרבעטן, וואָס מען האָט אים נישט דערלויבט אַרויספירן מיט זיך. נאָך אַ לאַנגן געראַנגל פאַר אַ פרײַער עליה קיין ישראל, געקומען אין לאַנד אין 1973, זיך באַזעצט אין ירושלים. אינדיווידועלע אויסשטעלונגען געהאַט אין דער קליינער גאַלעריע "שתלים" (ירושלים, 1977), אין בית אמנים (1982, ירושלים). אָנטייל גענומען אין אַ רײַ קאָלעקטיווע אויסשטעלונגען אין בית הנשיא (1974), אין דער שווייץ (באַזעל, 1977), אין נוה יעקב און אין ירושלימער קינסטלער־הויז (בית אמנים), 1985. צייכנט און מאָלט מיט טוש, קאָלירן־בלײַערס ווי אויך אייל־בילדער.

זײַנע נאַטור־בילדער, פּאָרטרעטן און אילוסטראַציעס, האָבן, בדרך כלל, נישט קיין שייכות צום רעאַלן, נאָר צום געדאַכטן — צום וויזיאָנעלן, און באַווירקן אָפט מיט זייער שטימונגס־פולער עקספּרעסיע.

וו. סאַנין, כאָטש ער קערט זיך נישט זעלטן צו ייִדישער טעמאַטיק (ירושלימער מאָטיוון, פּאָרטרעטן פון ייִדישע שרײַבער און בינע־קינסטלער) שעפּט ער אָבער אָפטער זײַן געשטאַלטן־גאַלעריע, אילוסטרירנדיק די ווערק פון דער רוסישער ליטעראַטור־קלאַסיק (גאָגאָל, פּושקין, בולגאַקאָוו, באַבעל און אַנד.).

ק. יוד.

מאיר חרץ

פֿון בוך "נאָכן סך-הכל. איינס"

וואָס דו קענסט און וואָס דו קענסט נישט

דו קענסט מיך, גאָט מײַנער, באַשיצן
פֿון דײַנע דונערן און דײַנע בליצן

און פֿונעם שאָדן פֿון דעם שטאַרקסטן האָגל
דו קענסט פֿאַרהיטן מיך און אויך מײַן פֿערד און וואָגן.

דו קענסט אַ גאַנצן פֿון אַ פֿײַער מיך אַרויספֿירן
און פֿון אַ מבול קענסטו מיך באַשירמען

און פֿון אַן ערדציטערניש, ווען ס'טוט די ערד זיך שפּאַלטן,
דו קענסט באַצײַטנס מיך אין מיטן וועג פֿאַרהאַלטן.

דו קענסט אַ טיר פֿאַרוואַנדלען אין אַ טויער,
אַ קליינע כאַטע אין אַ הויכער מויער.

דו קענסט מיך אויף אַ בריק אַ שמאָלער
אַריבערפֿירן, ברענגען מיך בשלום.

דו קענסט אַ שמאָלן וועג פֿאַרוואַנדלען אין אַ ברייטן,
נאָר וואָס איין מענטש קאָן טאָן דעם צווייטן

און וואָס דער צווייטער טוט דעם דריטן,
קענסטו נישט, מיין גאָט, פֿאַרהיטן.

ירושלים, לטער אויגוסט, 1985

די קללה פון מיין באָבען

די קללה פֿון מײַן באָבען גייט מיר נאָך ביז הײַנט,
ווײַל נישט געוואָלט האָט זי דאָך פֿאַר אַ שנור מײַן מאַמען האָבן
און נישט געוואָלט אויך מיך, איר אייניקל, און האָט מיך פֿײַנט
ביז הײַנט צו טאָג דאָרט אין גן עדן פֿון די ראָבן.

פֿון דאָרטן, פֿון גן עדן אירן, ווו זי האַלט
איר סידור און די תחינה און די ברילן,
זיך עפֿנט אויף אַ טירל און סע ווערט מיר קאַלט
און סע שווידערט מיך פֿון איר בייזן ווילן,

וואָס גייט מיר נאָך אויף יעדן טריט און שריט
און שטרויכלט מיך און קרומט מיר אויס די וועגן
און גנבֿעט זיך אַרײַן אין די סטראָפֿעס פֿון מײַן ליד
און הערט נישט אויף צו שאַרפֿן אירע נעגל.

און שפּעט בײַ נאַכט, ווען פֿון ערשטן שלאָף
סע וועקן אויף מיך מײַנע אייגענע געשרייען,
זיי בילדן ווידער פֿאַר די לידער מײַנע שטאָף
און, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, נישט אויף זיך צו פֿרייען.

ירושלים, 22סטער נאָוועמבער, 1984

דאָס אויג, וואָס זעט

איך ווייס נישט הײַנט צי מאָרגן, צי גאָר איבער אַ יאָר,
איך ווייס נישט וויפֿל זאָרגן — אַ טוץ צי נאָר אַ פּאָר,
איך ווייס נישט, ווער וועט באָרגן און ווער וועט זאָגן ניין
און ווער וועט מיך בײַם גאָרגל אַ וואָרג טאָן שיין און ריין.

אַ וואָרג טאָן און אַ שלײַדער און אָפּוואַשן די הענט
און צוגיין און זיך פֿאַרשטעלן — צי זענען מיר באַקענט?
וואָס איז מיט אײַך, געערטער, פֿאַסירט עפּעס דען האָט?
איר האָט דאָך אַלע טעפּעבער פֿאַרדרייט מיט אײַער טראָט.

די טעפּעכער די טײַערסטע פֿון אויסלאַנד זײַ געבראַכט,
מײַן גאַסטגעבער, דער באַלעבאָס, איז זײער אויפֿגעבראַכט,
נאָר אָפּהיטן דעם שמײכל מיט גרימעניש אין בויך,
זיך אויפֿפֿירן מיט שׂכל דאָס מוז ער, נעבעך, אויך.

ס׳איז גוט נאָך, וואָס ער מוז, ס׳איז גוט נאָך, וואָס ער ווייסט
און פֿילט אויף זיך דאָס אויג, וואָס, ווו דו גייסט
און ווו דו שטייסט איז עס דאָס אויג, וואָס זעט
און נישט סע שטראָפֿט און נישט סע גלעט,
נאָר זעט און זעט און זעט.

מאיר חרץ — 75 עד מאה ועשרים

וועגן דער פּרוכטבאַרער שעפערישקייט פֿון דיכטער מאיר חרץ איז שוין פֿיל געשריבן געוואָרן און אין "ירושלימער אַלמאַנאַך" — מער ווי אין אַלע אַנדערע ייִדישע צײַטשריפֿטן אויף דער וועלט און מער ווי אומעטום ווערן טאַקע אויך בײַ אונדז פֿעריאָדיש פֿאַרעפֿנטלעכט זײַנע לידער און ליטעראַרישע פֿאַרצייכענונגען.

באַגריסן מיר האַרציק און מיט פֿרייד אונדזער דיכטער צו זײַן ווערן אַ פֿינף־און־זיבעציקער — ביז הונדערט און צוואַנציק — ווי אויך מיטן דער־שײַנען פֿון זײַן 8טן לידער־באַנד "נאָכן סך־הכל. איינס".

חזק ואמץ!

"ירושלימער אַלמאַנאַך"

ייִדיש־נייעס

יוסף קערלער און איטשע גאָלדבערג אויסגעצייכנט דורך דער פּלאָטקין־פֿונדאַציע פֿאַר ייִדישער ליטעראַטור

דער דיכטער חיים פּלאָטקין און זײַן ברודער בען פּלאָטקין, האָבן געשאַפֿן אַ פֿונדאַציע וואָס טראָגט דעם אָפֿיציעלן נאָמען „די גאָלדע־מאַשע פּלאָטקין־פֿונדאַציע פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור".

דער ציל פֿון דער פֿונדאַציע איז צו געבן יערלעכע סובווענצן („גראַנטס") צו ייִדישע שרײַבער — דיכטער, פּראָזאַיִקער, עסעיִסטן, דראַמאַטורגן — כּדי זיי צו העלפֿן אַרויסגעבן זייערע ווערק.

די פּלאָטקין־ברידער וועלן אויף אַזאַ אופֿן פֿאַראייביקן דעם נאָמען פֿון זייער מוטער. דער פֿאָנד וועט זײַן אַ דויערנדיקער, מחמת בלויז די פּראָצענטן וועלן צעטיילט ווערן.

די פֿונדאַציע האָט אָנגעהויבן פֿונקציאָנירן אין 1987. די סובווענצן פֿאַרן יאָר 1988 זענען צוגעטיילט געוואָרן דעם פּאָעט יוסף קערלער אין ישראל און דעם עסעיִסט איטשע גאָלדבערג אין ניו־יאָרק.

אונדזערע האַרציקסטע ברכות פֿאַר בנימין מיד

דעם 20טן דעצעמבער 1987 איז אין פֿאָנטעינבלאָ־האָטעל, מיאַמי ביטש, פֿאָרגעקומען דער נאַציאָנאַלער צוזאַמענפֿאָר פֿון דער שארית הפּליטה פֿאַרן ישראל־באָנד.

ערן־גאַסט פֿון צוזאַמענפֿאָר איז געווען דער באַוווסטער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכער טוער בנימין מיד, ווו ער איז אויך אויסגעצייכנט געוואָרן מיט דעם „אליעזר וויזעל מעדאַל" פֿאַר זײַנע אויסשליסלעכע פֿאַרדינסטן אין פֿאַראייביקן און אָפּהיטן דעם אָנדענק פֿון אונדזערע זעקס מיליאָן קדושים און פֿאַר מאָביליזירן די גרעסטעוועטע ייִדן פֿאַר בנין הארץ דורכן ישראל־באָנד.

גאַסט־רעדנער אויפֿן צוזאַמענפֿאָר איז געווען אונדזער פּאַרטיי־דיקונגס־מיניסטער יצחק ראַבין.

ערן־פֿאָרזיצערס: ד"ר הענרי קיסינדזשער און זובין מעטאַ.

מיר פֿאַראייניקן זיך צו אַלע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס און פֿיל הונדערטער פּערזענלעכקייטן וואָס שיקן איבער די האַרציקסטע ברכות צו אונדזער װוּנדערלעכן און באַליבטן פֿרײַנד בנימין מיד.

ירושלימער אַלמאַנאַך

צום דריטן מאָל אויסגעצייכנט מיט אַ ליטעראַטור-פּרײַז

מעכיקאָ, דעם זעקסטן אָקטאָבער 1987
הער יוסף קערלער
רעדאַקטאָר פֿון "ירושלימער אַלמאַנאַך"
טײַערער הער,

מיט אָט דעם בריוו ווילן מיר אײַך באַגריסן, און דורך אײַך אויך די אַלע פֿרײַנד, וואָס אַ דאַנק זיי ווערט דערמעגלעכט די פּובליקאַציע פֿון דעם "ירושלימער אַלמאַנאַך". מיר באַגריסן אײַך מיט אײַער באַקומען איינעם פֿון די פערנאַנדאָ כּיענאָ פּרײַזן — אין סך פֿון 500 $. דער דאָזיקער פּרײַז ווערט יערלעך פֿאַרטיילט דורך דער קולטור־קאָמיסיע בײַם צענטראַלן ייִדישן קאָמיטעט פֿון מעקסיקע.

דאָס איז די עלפֿטע פֿאַרטיילונג פֿון דעם ליטעראַרישן פּרײַז, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן אין אָנדענק פֿון פערנאַנדאָ כּיענאָ (Fernando Jeno) — געשטאָרבן אין 1975, זײַענדיק דער פּרעזידענט פֿון דער רעפּרעזענטאַטיווער קערפּערשאַפֿט פֿון מעקסיקאַנער ייִדנטום, דער פּרײַז ווערט צוגעטיילט אין צייכן פֿון אָנערקענונג פֿאַר פֿרוכטבאַרער שעפֿערישקייט אויף ייִדיש, שפּאַניש און העברעיִש, אַ דאַנק דעם צושטײַער פֿון פֿרוי ראָזיטאַ פֿליישער־כּיענאָ (Rosita Fleischer Jeno) און איר משפּחה.

מיר באַגריסן אײַך האַרציק און ווינטשן אײַך אַלדאָס גוטס, זײַט מצליח —

סערדזשיאָ נודעלשטייער
קאָאָרדינאַטאָר פֿון דער
קולטור־קאָמיסיע;
כּוליִאָ טאַרענבערג
פּרעזידענט

איבערזעצט פֿון ענגליש ב.ק.

פֿון דער רעדאַקציע

ירושלים, דעם אַכטן דעצעמבער 1987
חשובֿע פֿרײַנד הער טאַרענבערג און הער נודלשטייער,

דערלויבט מיר אײַך צו באַדאַנקען, אין נאָמען פֿון דער רעדקאָלעגיע, פֿאַר צוטיילן דעם "ירושלימער אַלמאַנאַך" דעם עלפֿטן יערלעכן פערנאַנדאָ כּיענאָ פּרײַז.

פֿאַר אונדז איז דאָס אַ באַזונדער כּבֿוד און מיר זענען ביז גאָר דאַנקבאַר סײַ פֿאַר דער גײַסטיקער דערמוטיקונג סײַ פֿאַר דער פֿינאַנציִעלער הילף, מיט וועלכע איר האָט אונדז מזכּה געווען, כּדי צו דערמעגלעכן דעם המשך פֿון אונדזער פּובליקאַציע.

אַ יישר־כּוח און אַ דאַנק אײַך פֿאַר אײַער שטיצע, כּל־טובֿ,

אײַער —
יוסף קערלער
רעדאַקטאָר

אין גערא̇נגל

יידישע ליטעראַרישע זשורנאַלן און זאַמלביכער איף דער וועלט ווערן אויסגעהאַלטן בדרך כלל, אַ דאַנק דער שטיצע פון פאַרשידענע קולטור־געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, פונדאַציעס און אויך אַ דאַנק פּריוואַטע איניציאַטיוון.

ס׳איז אונדז אָבער נישט באַקאַנט אַזאַ פאַל, אַז אַ פּעריאָדישע זאַמלשריפט זאָל מען אויסצייכענען מיט אַ ליטעראַרישן פּרייַז, ווי ס׳ווערן אויסגעצייכנט אויסנאַמלעכע ווערק פון באַזונדערע מחברים . . .

ס׳איז כדאי אָפּצומערקן, אַז דער "ירושלימער אַלמאַנאַך" ווערט שוין צום דריטן מאָל פּרעמירט — אין 1977 איז ער אויסגעצייכנט געוואָרן מיטן אַטראַן־פּרייַז פון יידישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק, אין 1984 יאָר ווערט די אויסגאַבע באַלוינט מיט דער **אברהם זאַק־פּרעמיע** בייַ דעם אַרגענטינער אָפּטייל פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס און לעצטנס, אין 1987 — באַקומט דער "ירושלימער אַלמאַנאַך" די פּערנאַנדאָ כיענאַ־פּרעמיע בייַם צענטראַלן יידישן קאָמיטעט פון מעקסיקאָ.

ס׳ווילט זיך גלויבן — דאָס איז אַ סימן אַז מיר האָבן זיך דעראָבערט אַ בכבודיקע פּאָזיציע אין אונדזער ליטעראַרישער יידיש־אימפּעריע. יעדער פּרעמיע — צי באַטרעפט זי אַ מער, צי אַ ווייניקער באַשיידענע סומע — איז פאַר אונדז טייַערער פון אַלע געלטער, זי דער־מוטיקט און שטאַרקט אונדזערע כוחות אין שווערן געראַנגל פאַרן יידישן קינסטלערישן וואָרט.
ב.ק.

וועלטראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור
פּרעסע־קאָמוניקאַט

יוגנט־פּראָגראַם — אָקספאָרד

די זיצונג פון דער עקזעקוטיווע פון וועלטראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור (דעם 22סטן נאָוועמבער 1987) מיט דער גאַסט־באַטייליקונג פון דאָצענט פאַר יידיש אויפן אָקספאָרדער אוניווערסיטעט, ד״ר דוד קאַץ מיט זייַן אַסיסטענטין דבורה אושר, האָט זיך כאַראַקטעריזירט מיט דער אָנוועזנהייט אויך פון אַן אַנגעזעענער צאָל יוגנטלעכע פון **דור המשך.**

יצחק קאָרן — עפענענדיק די זיצונג, האָט זי באַצייכנט ווי אַ ווענדפּונקט אין דער צוזאַמענאַרבעט מיטן יונגן דור פאַר שאַפן אַ נייַעם קאַדער פון יונגע אינטעלעקטואַלן, לערערס און יידיש קולטור־טוערס פאַר די תפוצות.

ער באַגריסט דעם גאַסט, אָנפירער פון יוגנט־פּראָגראַם, און באַצייכנט דעם אונ־טערגעשריבענעם אָפּמאַך צווישן ביידע אינסטאַנצן ווי אַ ווינקל־שטיין פאַרן אויסבילדן צוקונפטיקע יידיש־טוערס פאַר די תפוצות.

ד״ר דוד קאַץ — דערקלערט, אַז אָקספאָרד איז קיינמאָל נישט געווען קיין עיר ואם

בישראל, אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער פּיאָנערישער אַרבעט פון ביבליאָפיל דוד אָפּנהיימער, און דערגאַנגען היינט צו איינעם פון די וויכטיקסטע לערן־צענטערס פאַר ייִדיש, וועמעס קורסן האָבן שוין דורכגעמאַכט איבער 400 יוגנטלעכע פון 22 לענדער.

אָקספאָרדער לימודים שטייען אויף אַ ניוואָ און די ליבע צו ייִדיש פילט מען ביי אַלע סטודענטן. ער גלייבט אין אַ צוזאַמענאַרבעט פון עלטערן און יונגערן דור פאַר אַ דער־נענטערונג צו דער ייִדישער קולטור.

י. קאַרן האַלט, אַז דער פּלאַן איז איבערגעגאַנגען פון אַבסטראַקטע דיסקוסיעס צו אַ פּראַקטישן פאַקטאָר, וואָס דאַרף ווערן אָנגעפירט דורך אַ פונדאַציע און אַ קערפּערשאַפט וואָס זאָל סובסידירן די תיכפדיקע אָנווענדונג פון פּראַקטישע רעאַלע שריט. ס'דאַרף געפּאָרט ווערן אידעאַליזם מיט אַ געהעריקער דאָזע רעאַליזם.

אַברהם ליס: — דוד קאַץ איז די פאַרקערפּערונג פון אַ גענעזע פון אַ געלערנטן און אַ וואַרעמען פּראַקטישן ייִד, אַ מתמיד און אַ מלומד און אַז ס'איז געקומען די צייט צו שאַפן אַ דערציִונגס־פאָנד.

יצחק בראַט — באַגריסט דעם אָקספאָרד־פּראָיעקט און פרעגט, פאַר וואָס ווערן נישט אויסגענוצט די בר אילן דאָקטאָראַנטן? פאַר וואָס טראַכטן וועגן וויַיטע פּלענער און נישט מיט אַ רעטונגס־אַרבעט שוין, ווען דער גרעסטער פאַקטאָר פון פאַרשפּרייטן ייִדיש־קולטור — די ייִדיש־פּרעסע איז אין אַ שווערן מצב.

רפאל ברעסלער — האַלט וועגן אָננעמען אַלע פּראַקטישע מיטלען און נישט אָפּ־וואַרפן קיין איינעם וואָס קען עפּעס צוטראָגן.

מרדכי דוניץ — וואָס האָט זיך באַקענט מיטן אָקספאָרד־צענטער אין אַ לענגערן באַזוך, האָט זיך איבערצייגט, אַז ס'איז אַ פּאָטענציאַלער קוואַל פון יונגער שעפערישקייט און נייע אויפטוערס פאַר דער ייִדיש־קולטור. ער רופט אַרויסצוהעלפן מיט אַלע מעגלעכקייטן דעם פּראָיעקט.

דניאל גלאַי — שטיצט דעם פּראָיעקט, גלייכצייטיק האַלט ער אונטער אויך אַנדערע קרובישע אויפטוען. ס'דאַרף גיין פּאַראַלעל דער אָנשטרענג פון לאָקאַלע רעסורסן מיטן אויסקוק אויף וויַיט־טערמיניקע פּלענער.

מרדכי חלמיש — אָקספאָרד איז אַ דערפרייענדיקע דערשיינונג אין אונדזער געשיכטע און איינע פון די צוזאָגנדיקע גאַראַנטיעס פאַרן ווייטערדיקן קיום פון ייִדיש.

דבורה גרומאַן — אַ געוועזענע שילערין אין אָקספאָרד, היינט אַן אַקטיווע טוערין אין דור המשך ביים וועלטראַט, זאָגט, אַז אָקספאָרד מיט זיינע קורסן לערנט נישט בלויז, נאָר סטימולירט די סטודענטן, נאָך זייער גראַדואַציע, צו ווייטערדיקע שטודיעס.

חיים באַביץ — מיינט, אַז ס'איז נאָך פאַראַן אַ גרויסע דיספּראָפּאָרץ צווישן די קענטענישן פון די וואָס לערנען און די מעגלעכקייטן זיי אויסצונוצן.

פייוול זיגלבוים — איז צופרידן צו זען דעם יונגן דור המשך ביי דער אַרבעט. דער יוגנט־פּראָיעקט האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ פּיאָנער־אַרבעט פון צוויי אידעאַליסטן: ד"ר דוד קאַץ אַלס אָנפירער און דעם דאָקטאָראַנט בערל קערלער. דאָס איז אַ גרונט נישט צו זיין פּעסימיסטיש, אונדזער דור טראָגט דעם עול פאַר ייִדיש־קולטור צוזאַמען מיט אַ שולד־געפיל.

ד״ר דוד קאַץ — דאַנקט אַלעם, זאָגט, אַז ער האָט געלערנט פון אַלעמענס ווערטער און וועט אַרויסציִען די געהעריקע מסקנות.

יצחק קאָרן — שליסט מיט דער מעלדונג, אַז ס׳איז באַשטימט געוואָרן צו ענטפערן פּאָזיטיוו אויף דער ווענדונג פון אַ גרופּע סאָוועטישע עולים, זיי איינצושליסן אין די טעטיקייטן פון וועלטראַט פאַר ייִדיש.

ער גיט אַ הויכע אָפּשאַצונג דער איינהייט פון אַלע פּאָזיטיווע אַרויסזאָגונגען במשך די דעבאַטן.

דאַנקט אַלעמען פאַר דער באַטייליקונג און דריקט אויס דעם גלויבן, אַז דער ענין מיטן אָקספאָרד־פּראָיעקט וועט האָבן דעם גרעסטן דערפאָלג.

תל־אביב, 24סטער נאָוועמבער 1987

רעפלעקסן פון אַ געראַנגל פאַר ייִדיש

שוין לאַנגע צייטן איז נישט געשען, אַז אַן עקזעקוטיוו־זיצונג פון וועלטראַט פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור (נאָוועמבער 1987) זאָל אַדורך אין אַזאַ דערהויבענער אַט־מאָספער, ווי די לעצטע, אויף וועלכער יצחק קאָרן, פאָרזיצער פון וועלטראַט פאַר ייִדיש, האָט געמאָלדן וועגן דער יורידישער און פראַקטישער עטאַבלירונג פון יוגנט־פּראָיעקט אין אָקספאָרד.

דער אַנטייל פון ד״ר דוד קאַץ, אָנפירער פון פּראָיעקט, דאָצענט פון ייִדיש אויפן אוניווערסיטעט אין אָקספאָרד, זיין אַסיסטענטין דבורה אושר, און די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער פון דור המשך ביים וועלטראַט, האָבן געשאַפן דאָס געפיל, אַז ס׳זענען לסוף דערגרייכט געוואָרן נאָך צוויי מעטעס.

די ידיעות, אַז אין פיר צענדליק מלוכה־שולן איבערן לאַנד לערנט מען ייִדיש, און אין 14 מוניציפּאַלע פאָלקס־אוניווערסיטעטן פונקציאָנירן ייִדיש־קורסן פאַר דערוואַקסענע, און דער איצט פאַרפונדעוועטער יוגנטלעכער ייִדיש־פּראָיעקט אין אָקספאָרד, הויבט אָן געבן פירות — איז געווען דער פריידיקער שניט פון לאַנגן אַקערן און זייען.

דער אַקאַדעמישער אָקספאָרד־פּראָיעקט האָט פאַרלייגט די אינפראַ־סטרוקטור, וואָס האָט פאַר אַ ציל, איבערהויפּט —פּראַקטישע אָנווענדונגען — נישט בלויז טעאָרעטישע סטודיעס, נאָר אויך פאַרצווייגן די דערציִונג, פּרעסע־וועזן און כאַוועו יונגע קולטור־טוערס, ווי אַ נייעם קאָדער צו באַדינען די ייִדיש־קולטור אין די תפוצות.

דער כוח פון ייִדיש, וואָס האָט אין משך פון הונדערטער יאָרן אַרויסגעוויזן אַן עקשנותדיקן לעבנס־ווילן, האָט אויפגעוואַכט, זיך אָפּגעפונען אויף ס׳ניי אַ דאַנק דעם פעסטן פאָלקס־דראַנג זיך אויסצולעבן אין דער אייגענער שפּראַך און קולטור.

דער גליקלעכער סינטעז : נאַכוווקס און געטריישאַפט צו די ייִדיש־ווערטן באַווייזט, אַז אַ וויזיע צו דערגרייכן אַ ציל, איז נישט קיין אויסגעחלומטער מיראַזש פון לונאַטיקער, ווען ער, דער ציל, איז פּלאַנירט דורך אידעאַליזם און ליבשאַפט — די נויטיקע אַטריבוטן, וואָס ברענגען מיט זיך פּרוכטיקע הצלחה.

תל־אביב, נאָוועמבער 1987.

מ. ל.

נײַער נומער ״יוגנטרוף״

ס'איז אַנומלט אַרויס פֿון דרוק אַ נײַער נומער פֿונעם זשורנאַל יוגנטרוף״, דער איינציקער ייִדיש־זשורנאַל אויף דער וועלט געשריבן און רעדאַקטירט דורך יונגוואַרג. סע האָבן זיך דאָרטן געדרוקט אַ סך אינטערעסאַנטע אַרבעטן:

1. אַן עדיטאָריאַל ״אונדזערע 'דעמאָקראַטן', מישטיינס געזאָגט״;
2. פּסח באַלעוויטש: ״כ״ו שבט״;
3. שושנה באַלאַבאַן־וואַלקאָוויטש: ״צו מרדכי געבירטיגס 45סטן יאָרצײַט״ אין איינעם מיט געבירטיגס ליד ״מינוטן פֿון בטחון״;
4. חיה וואַלישעווער: ״מײַן אַרבעט מיט צוריקגעבליבענע״;
5. צבי קאַנאַר: ״אויף דער הפקר־וועלט״ (זכרונות);
6. גיטל שעכטער־ווישוואַנאַט, שרה־רחל שעכטער און חנה דינערמאַן מיט פּערל טייטלבוים: דרײַ נײַע זינגלידער;
7. די רובריקן ״אויפֿן עקראַן״ (וועגן קאָמפּיוטערײַ) און ״פֿאַרן אָנהייבער״ מיט נאָך נאָטיצן און מיט אילוסטראַציעס. דער זשורנאַל ווערט רעדאַקטירט פֿון הערשל גלעזער, בשותּפֿות מיט שבע צוקער, דוד בראַון און גיטל שעכטער־ווישוואַנאַט.

אַן אַבאָנאַמענט קאָסט 10 דאָלאַר אַ יאָר, 5 דאָלאַר פֿאַר סטודענטן. (פֿאַר דעם געלט ווערט מען אויך אַ מיטגלידער אין יוגנטרוף.) מע קען דעם זשורנאַל באַשטעלן פֿון:

New York NY 10023
200 West 72 Street / 40
Yugntruf Youth for Yiddish

טרויער־אַקאַדעמיע אין בית התּפֿוצות

צום אָנדענק פֿון שלמה מיכאָעלס

אין פּרעכטיקן צושויער־זאַל פֿון בית התּפֿוצות האָבן נישט געקלעקט קיין זיץ־פּלעצער פֿאַרן גרויסן עולם — יונג און אַלט — וועלכער איז געקומען אָפּצומערקן די טראַגישע דאַטע אין דער געשיכטע פֿון רוסלענדישן ייִדנטום — דעם 13טן יאַנואַר 1948. אין יענער פֿינצטערער נאַכט, אויף די חורבות פֿון מינסקער געטאָ, האָבן ק.ג.ב.־רוצחים, לויטן דירעקטן באַפֿעל פֿון סטאַלינען דורכגעפֿירט זייער בעסטיאַלישע מאָרד־אַקציע איבער דעם גאָניאַלן ייִדישן פֿאָלקס־אַרטיסט, אַנטיפֿאַשיסטישן טריבון און געזעלשאַפֿטלעכן טוער שלמה מיכאָעלס.

ווי באַוווּסט, האָבן זיך מיט דעם דאָזיקן בלוטיקן מאָרד אָנגעהויבן אין סאָוועטן־לאַנד די צעיושעטע פֿאַגראָם־רדיפֿות קעגן סאָוועטישן ייִדנטום און זײַן קולטור, אַנטיסעמיטישע מאַסן־פּראָפּאַגאַנדע, בלוט־בלבולים, אַרעסטן און צעשיסונגען (1948—1953).

מיט גרינטלעכע אָפּשאַצונגען וועגן די פֿאַרדינסטן פֿון מיכאָעלסן אין דער געשיכטע פֿון ייִדישער און אַלגעמיין רוסלענדישער בינע־קונסט, וועגן מיכאָעלסן, דעם קינסטלערישן אָנפֿירער, נאַציאָנאַלן אַרטיסט און רעזשיסער פֿון דעם ערשטקלאַסיקן מאָסקווער ייִדישן

מלוכה־טעאַטער, זענען אַרויסגעטראָטן דער פאָרזיצער פון אָוונט אליעזר פּאָדריאַטשיק און יוסף קערלער.

דער באַרימטער וואָרט־מײַסטער הערץ גראָסבאַרד האָט מיט גרויס געפיל און אייגנאַרטיק רעציטירט די פלאַמיקע שורות פון פרץ מאַרקישעס "ש. מיכאָעלסן — אַ נר תמיד בײַם ארון", אַ קאַפּיטל פון מאַרקישעס פּאָעמע "מלחמה" האָט אויך פאָרגעלייענט דער באַקאַנטער אַרטיסט פון "הבימה" שמואל עצמון.

דער עולם איז געווען טיף גערירט ווען נחמה ליפשיץ האָט אויסגעזונגען "מיכאָעלסעס ניגון" פון "פריילעכס" און געלייענט איינע פון שמואל האַלקינס טורמע־לידער.

די באַליבטע תלמידה פון גרויסן מיכאָעלסן, די טאַלאַנטפולע אַקטריסע פון מאָסקווער טעאַטער, איצט בינע־קינסטלערין אין העברעיִשן נאַציאָנאַלן טעאַטער "הבימה" עטל קאָוועןסקי האָט מיט אויסערגעוויינלעכער מײַסטערשאַפט און ליריזם "אויסגעדאַוונט" די וווּנדערלעכע ניגונים וואָס פלעגן באַגלייטן די פאָרשטעלונגען פון מאָסקווער ייִדישן טעאַטער.

דער דיכטער יוסף קערלער האָט טעמפּעראַמענטפול פאָרגעלייענט זײַנע לידער, געווידמעט דעם אָנדענק פון די פאָלקס־אַרטיסטן שלמה מיכאָעלס און בנימין זוסקין.

די טאָכטער פון שלמה מיכאָעלס — נאַטאַליע, די מחברין פון אַ טאַלאַנטפולן בוך מעמואַרן וועגן איר פאָטער, דערשינען אין עברית און אין רוסיש, האָט קאָמענטירט די סלײַדן־בילדער וואָס זענען געוויזן געוואָרן וועגן מיכאָעלסן און זײַנע מיטצײַטלער (זוסקין, דאָברושין, ערענבורג, בערגעלסאָן, מאַרק שאַגאַל, אַלבערט אײַנשטיין און פיל אַנדערע) אין פאַרשידענע לעבנס־פּעריאָדן פון גרויסן בינע־קינסטלער און זײַן טעאַטער.

אין זאַל האָט אויך דורכגעקלונגען דאָס לעבעדיקע קול פון אומשטערבלעכן שלמה מיכאָעלס פון זײַנער אַ פלאַמיקער אַנטיפאַשיסטישער רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר די אַמעריקאַנער ייִדן אין 1943.

אַלע אַרויסטרעטונגען זענען באַגלייט געוואָרן מיט הייסע אַפּלאָדיסמענטן פון דאַנקבאַרן און טיף גערירטן עולם.

נאָכן אָוונט איז פאָרגעקומען אַן אויפנאַם אין דער דירה פון נאַטאַליע מיכאָעלס, וואָס איז פילמירט געוואָרן דורכן בית התפוצות.

ב.ק.

פּייגע האָפּשטיין — 90 יאָר

אין געמיטלעכן באַנקעטן־זאַל פון תל־אביבער "תכלת" איז פאָרגעקומען דעם 30טן דעצעמבער, 1987, אַ פײַערלעכע מסיבה בײַ געדעקטע טישן, לכבוד דער טרײַער און ווירדיקער לעבנס־באַגלייטערין פון דעם אומגעבראָכטן ייִדיש־סאָוועטישן קלאַסישן פּאָעט דוד האָפשטיין, — זײַן פרוי פּייגע, זאָל לעבן, צו איר 90 יאָריקן געבורטסטאָג.

דער זאַל איז איבערפולט געווען מיט באַקאַנטע ייִדישע און העברעיִשע שרײַבער, זשורנאַליסטן, קולטור־טוער, מוזיקער און אַרטיסטן.

פיל האַרציקע און ביז גאָר אויפריכטיק־וואַרעמע לויב־ווערטער זענען אַרויסגעזאָגט

געווארן אויפן אדרעס פון דער פילגעליטענער אלמנה, וואס האט דורך די ביטערסטע יארן פון פארשיקונגען און רעפרעסיעס דאך באוויזן אויפצוהיטן די אומשטערבלעכע פאעטישע ירושה פון דעם גרויסן הרוג מלכות דוד האפשטיין, אויך זייער טאכטער לויה האפשטיין — די באגאבטע פידלערין פון ישראלדיקן פילארמאנישן ארקעסטער האט געגאסן פון א סך דאנקבארע שבחים.

וועגן דער הארציקער, קלוגער און מוטיקער פייגען און איר צענטראלער ראל אין לעבן און אין דער שעפערישקייט פון אונדזער גרויסן דיכטער, וועגן איר וווּנדערבארן מעמוארן־ביכל „מיט ליבע און ווייטיק” האבן גערעדט דער ליטעראטור־פארשער אליעזר פאדריאטשעק און דער דיכטער הירש אשעראוויטש.

יוסף קערלער האט הארציק באגריסט די יובילארין און פארגעלייענט זיין ליד „דוד האפשטיין”.

די רעדאקציע פון „ירושלימער אלמאנאך” פאראייניקט זיך צו די באגריסונגען און הארציקע ווינטשעוואניעס פאר די ליבע פייגע און לויה האפשטיין.

„צימוקים ושקדים” (ראזשינקעס מיט מאנדלען) —

פראגראם פון יידיש־געזאנג אינעם העברעישן ראדיא

שוין א שטיק צייט ווי אין ראם פון דער הויפט־כוואליע פון די העברעישע אוידיציעס פון קול ישראל (רשת ב'), ווערן טראנסמיטירט יעדער וואך צוויי שעה יידיש־לידער — וועכנטלעכער פראגראם, רעדאגירט פון משה שעדלעצקי (זון פון אונדזער מיטרעדאקטאר, דעם שרייבער אפרים שעדלעצקי). אלע צוהערער פונעם דאזיקן פראגראם (די צאל צוהערער איז אגב פיל גרעסער ווי מיר וואלטן זיך געקענט ריכטן!) געפינען פשוט נישט קיין ווערטער פון לויב און דאנק פארן דאזיקן קולטורעלן און ערנסטן פראגראם, וואס ציט צו א פארשידנארטיקן עולם — אויך מצד די סטאבילע העברעישע צוהערער פון די אוידיציעס.

די אוידיציע איז א געוואלדיקער אויפטו און קולטור־דערגרייכונג.

זי הייבט זיך אן אכט אוונט יעדן מיטוואך (נאך פינף מינוט נייעס) און גייט ביז ניין אוונט. דער טייל איז תמיד געווידמעט צו לידער אויף א באשטימטער טעמע מיט אויפקלערונגען אין העברעיש, וואס זענען באשטימט פארן כלל צוהערער, אויך פאר צוהערער, וואס זענען נישט חיימיש מיטן יידישן ליד (למשל אזא טעמע ווי „צייט” אינעם יידישן ליד, בוים און וואלד, גאלדפאדען־לידער אדג״ל). נאך אזייגער ניין איז די אוידיציע ביז צען מינוט פאר צען אוונט אפן פארן צוהערער — צו זיין דיספאזיציע. יעדער איינער קען זיך פארבינדן טעלעפאניש מיט דער אוידיציע, אריינגיין אין ראם פון דער פראגראם און פארשלאגן זיינע בקשות, איבערווייזן ברכות און באגריסונגען צו פריינט און נאענטע, אין לאנד און אויך אין אויסלאנד, ער קען בעטן געוויסע לידער, וואס זענען אים באזונדערס צום הארץ אדער נאענט צו די באגריסטע.

א צאל צוהערער פארבינדן זיך יעדע וואך אזוי ארום מיט דער פראגראם — עלטערן

באַגריסן קינדער, קינדער באַגריסן זייערע עלטערן, פּרייַנט באַגריסן פרייַנט — אַ פּרעכטיקער פאַמיליען־מאַגאַזין, וואָס פאַראייניקט דור מיט דור, פאַר וועלכן עס קומט אַן אויפריכטיקן יישר־כוח: דעם „קול ישראל" פאַרן דאָזיקן אויפטו און דעם רעדאַקטאָר פאַר זייַן געניטשאַפט, עלעגאַנץ און קולטור, מיט וועלכער דער פּראָגראַם ווערט דערלאַנגט דעם צוהערער!

ביבליאָגראַפישע רשימה פון יידישע אויסגאַבעס אין פּוילן פון 1944

דאָ האַנדלט זיך אין אַ ביבליאָגראַפישער רשימה, וואָס אַנטהאַלט 566 פּובליקאַציעס אין העברעיִש און אין יידיש, וואָס זענען דערשינען אין פּוילן אין משך פון אַן ערך 25 יאָר, ביז די זעכציקער יאָרן, אַרויסגעגעבן דורך דער שארית הפליטה. דאָס זענען פאַרשידענע אויסגאַבעס — אָנהייבנדיק פון לערנביכער ביז קינסטלערישער ליטעראַטור און פּראָפּאַ־גאַנדע־בלעטלעך.

צו אָט דער ביבליאָגראַפישער רשימה, אַרויסגעגעבן דורכן העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים, קומט אַן אַרייַנפיר, וואָס איז מסביר און אַנאַליזירט אָט די אויסנעמלעכע דערשייַנונג און די באַזונדערע מיגים פּובליקאַציעס. דער מחבר טיילט די תקופה פון אַ פערטל יאָרהונדערט אויף עטלעכע באַזונדערע עטאַפּן: אויף דער צייַט פון סוף מלחמה ביז די לעצטע פערציקער יאָרן, ווען די אַקטיוויטעטן זענען געווען פרייַ און עס האָט זיך אַנגעהויבן אַנטוויקלען אַ רייַך געזעלשאַפטלעך לעבן און אויפקום פון די באַזונדערע פּאַרטייען, דאַן די צייַט פון „שוואַרצע יאָרן", אין די ערשטע פופציקער, דערנאָך די יאָרן פון „ליבעראַליזאַציע" נאָכן קומען פון גאָמולקאַ צו דער מאַכט אין 1956, און — לסוף — די יאָרן פון 1967—1969, מיט די אַנטיסעמיטישע רדיפות און גירוש פון די לעצטע יידן פון פּוילן, וואָס האָט אַ סוף געמאַכט צו אַלע חלומות וועגן אַ יידישן ישוב אין נאָכ־מלחמהדיקן פּוילן.

הייַנט צו טאָג דערשייַנען נאָך אין פּוילן בלויז צוויי אויסגאַבעס: דאָס וואָכנבלאַט „פאָלקס־שטימע" (טיילווייַז אויך אין פּויליש) און די צייַטשריפט „בלעטער פאַר גע־שיכטע".

און לאָמיר ענדלעך דערמאָנען די, וואָס האָבן זיך געמיט בייַם צוגרייטן די ביב־ליאָגראַפיע: געזאַמלט — דבורה צייכנער און אייַזיק שעכטער, צוגעגרייט צום דרוק — דליה קאַופמאַן, רעדאַקציע און אַרייַנפיר — יעקב מ. קעלמאַן.

ד"ר יוסף קערמיש און פּראָפ' מאַרטין גילבערט — לאַורעאַטן פון ק. צעטניק־פּרייַז

צווישן די פיל פּרייַזן וואָס מיר האָבן אין ישראל, פאַרנעמט אַ באַזונדער פּלאַץ דער פּרייַז פאַר שואה־ליטעראַטור אויפן נאָמען פון ק. צעטניק. אַ פּרייַז וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך אַן אַנאָנימען ייד, וועמענס זון האָט אויפגעהערט צו נעמען נאַרקאָטיק נאָכן לייענען די ווערק פון ק. צעטניק.

דעם הײַ־יעריקן פּרײַז האָבן באַקומען צװײ היסטאָריקערס מיט גרויסע פאַרדינסטן בײַ דער פאָרשונג פון שואה: ד״ר מאַרטין גילבערט פון ענגלאַנד פאַר זײַנע װערק אויף דער טעמע אין ענגליש, און אונדזער היימישער ד״ר יוסף קערמיש פון ירושלים, װאָס איז געװען דער גרונטלייגער פונעם אַרכיװ אין יד־ושם, מחבר פון פיל װערק װעגן װאַרשעװער געטאָ, און װאָס איז איצט עוסק אין פּובליקירן דעם רינגעלבלום־אַרכיװ אין פאַרשידענע שפּראַכן.

װעגן די פּרעמירטע האָט בײַ דער געלעגנהייט גערעדט דער פאָרזיצער פון יד ושם ד״ר יצחק אַראַד. דער היסטאָריקער פּראָפ׳ ישראל גוטמאַן האָט געלייענט די מאָטיװן פון זשורי. שריפטלעכע באַגריסונגען זענען געלייענט געװאָרן פון מדינה־פּרעזידענט חיים הערצאָג און פּרעמיער יצחק שמיר.

מיר באַגריסן האַרציק די פּרעמירטע און באַזונדערס — אונדזער מיטאַרבעטער, דעם באַליבטן יוסף קערמיש.

יידישע פֿאָלקס-לידער — אַ מתנה דער שז״ר-גימנאַזיע אין בת-ים

די באַנק לאומי לישראל האָט דער שטאָטישער גימנאַזיע א״נ פון שז״ר אין בת־ים געשאָנקען אַ זעלטענע מתנה: עטלעכע צענדליק פּראַכט־ביכער פון דער אַנטאָלאָגיע פון ייִדישע פאָלקס־לידער, דערשינען אין 4 טיילן אין מאַגנעס־פאַרלאַג בײַם העברעיִשן אוניװערסיטעט אין ירושלים, אונטער דער רעדאַקציע פון אהרון װינקאָװעצקי, אבא קאָװנער און סיני לייכטער. פאַראַן דאָרט די װערטער און נאָטן פון צענדליקער מקורות־דיקע פאָלקס־לידער אין ייִדיש, מיט אַן איבערזעצונג אויף עברית און ענגליש, אײַנגעטיילט לויט פאַלגנדיקע טעמעס: לידער פון קאַמף און בונט, געטאָ־און פּאַרטיזאַנער־לידער, רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע לידער פון יואל ענגעל, משה בראַדערזאָן, מרדכי געבירטיק, אברהם גאָלדפאַדען, ה. לייװיק, איציק מאַנגער, יצחק קאַצענעלסאָן, שלום־עליכם, זלמן שניאור און פיל אַנדערע.

אַ טייל פון די ביכער האָט מען געגעבן די תּלמידים, װאָס לערנען ייִדיש אין דער דערמאָנטער גימנאַזיע.

אין פֿאַרבאַנד פֿון יידישע זשורנאַליסטן און שרײַבער א״נ

פֿון אריה צימוקי ז״ל

מאָנטיק, דעם 8טן פעברואַר איז אין לאָקאַל פון זשורנאַליסטן־פאַרבאַנד בית אגרון פאָרגעקומען אַ חברישער צוזאַמענטרעף פון ייִדישע און העברעיִשע פען־מענטשן געװידמעט די שרײַבער יעקב עדלשטיין — צום דערשײַנען פון זײַן בוך ״ימרן״ — היסטאָרישע אָפּהאַנדלונג צום 500טן געבוירן־יאָר פון הרב יוסף קארו (מחבר פון ״שולחן ערוך״). דער שרײַבער יאָסל בירשטיין איז אַרויסגעטראָטן מיט זײַנע אײַנדרוקן פון אַ באַזוך אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

דער פול־געפּאַקטער זאַל האָט מיט שטײַגנדיקן אינטערעס נאָכגעפּאָלגט די אינהאַלטס־רײַכע אַרויסטרעטונגען פון די שרײַבער און פון דעם פּאַרזיצער פון דאָזיקן אָוונט פּראָפ׳ יצחק וואַרשאַווסקי.

יום טוב פון יידישן טעאַטער

דער ייִדישער שטאַטישער טעאַטער אין תל־אביב איז דערעפנט געוואָרן זונטיק דעם 24טן יאַנואַר 1988 מיט דער פאָרשטעלונג פון דער פּיעסע "שווער צו זײַן אַ ייִד" פון שלום־עליכם, רעזשיסירט פון ישראל בעקער, וועלכער שפּילט אויך די הויפּטראָל. אויף דער פּרעמיערע־פאָרשטעלונג זענען געווען אָנוועזנד דער פּרעמיער יצחק שמיר, דער שטאָט־מער פון תל־אביב, שלמה להט און אַ סך איינגעלאַדענע געסט, וועלכע האָבן אויפגענומען מיט באַגײַסטערונג די פאָרשטעלונג און דעם נײַ־געגרינדעטן ייִדישן טעאַטער אונטער דער לייטונג פונעם "הבימה"־אַרטיסט שמואל עצמון.

פּרעמיעס פון ייִדישן קולטור־קאָנגרעס

די פּרעמיעס פון ייִדישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק זענען פאַרן יאָר 1987 אויסגעטיילט געוואָרן פאַר די פאָלגנדיקע שרייבערס: הירש אָשעראָוויטש (ישראל) — די אשר שטשוטשינסקי ליטעראַטור־פּרעמיע, פאַר זיין בוך "וווּנדיקער בטחון"; יאָסל בירשטיין (ישראל) — די אַטראַן־פּרעמיע, פאַר זיין בוך "דער זאַמלער"; שיע טענענבוים, (פאַר. שטאַטן) — פאַר זיין בוך "מיטנגאַכט אין וואַרשע"; אברהם קאַרפּינאָוויטש (ישראל) — די "נוסח ווילנע"־פּרעמיע א.נ. פון חיים גראַדע, פאַר זיין בוך "אויף ווילנער וועגן"; און יחיאל שיינטוך (ישראל) — פאַר זיין פאָרש־אַרבעט א.ד.ט. "יצחק קאַצענעלסאָן — ייִדישע געטאָ־כתבים".

די פּרעמיעס זענען פאַרטיילט געוואָרן אויף אַ פייערלעכן באַנקעט, וואָס איז פאָרגעקומען אינעם רוזוועלט־האָטעל אין ניו־יאָרק דעם 10טן יאַנואַר ד.י. מיר באַגריסן האַרציק אַלע חשובע פּרעמירטע שרײַבער.

פאַרטיילונג פון דער עמאַ שייווער־פּרעמיע

די בית שלום־עליכם שייווער־פּרעמיע פאַר ליטעראַטור און קונסט איז צוגעטיילט געוואָרן אויף אַ פייערלעכן אָוונט אין תל־אביב דעם דיכטער הירש אָשעראָוויטש, דעם העברעיִשן דראַמאַטורג און דערציילער נסים אַלוני, דער אָנפירערין פון דעם אָפּטייל פאַר

ייִדיש און ייִדישער ליטעראַטור בײַם העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים, פּראָפ׳ חוה טורניאַנסקי, און דער זינגערין נחמה ליפשיץ.

די דיכטער שמואל טאַפּ און משה גורין איז צוגעטיילט געוואָרן די הײַ־יאָריקע ליטעראַרישע פּרעמיע א״נ פון ברוך שוואַרצמאַן. אויף דעם אָוונט, וואָס איז פאָרגעקומען אין לייוויק־הויז אין תל־אביב אונטערן פאָרזיץ פון אפרים שרײַער, זענען אויפגעטראָטן מיט אָפּשאַצונגען וועגן די לאָורעאַטען פון דער פּרעמיע — שלמה וואָרזאַגער, פּנחס ערליך און דער וויצע־פאָרזיצער פון דעם שרײַבער־פאַראיין אין ישראל, שאול כרמל.

ענגליש-יידישער פילאָזאָף ישעיהו בערלין אויסגעצייכנט מיטן אַנעלי-פּריז

דער היסטאָריקער און פילאָזאָף סער ישעיהו בערלין איז געוואָרן אויסגעצייכנט מיטן אינטערנאַציאָנאַלן אַנעלי־פּרײַז פאַר זײַנע ווערק אויפן געביט פון עטיק.

דער אַנעלי־פּרײַז איז ערשט אין יאָר 1987 געשאַפן געוואָרן אויפן נאָמען פונעם פאַרשטאָרבענעם סענאַטאָר דזשאַוואַני אַנעלי, פון די פיִאַט־פאַבריקאַנטן און פּראָפ׳ ישעיהו בערלין איז דער ערשטער געווינער פון דאָזיקן פּרײַז.

ישעיהו בערלין, געבוירן אין לעטלאַנד, יאָר 1909, איז אַ צײַט געווען ענגלישער דיפּלאָמאַט אין וואַשינגטאָן אין מאָסקווע, אַ לעקטאָר אין האַרוואַרד און אַנדערע אַמע־ריקאַנער אוניווערסיטעטן. הײַנט איז ער פּראָפ׳ אין אָקספאָרד־אוניווערסיטעט.

״אידישער קעמפּער״ — 80 יאָר

דער ״אידישער קעמפּער״ — איינער פון די עלטסטע ייִדישע אויסגאַבעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז מיט אַ קורצער צײַט צוריק אַלט געוואָרן 80 יאָר. דער ״אידישער קעמפּער״ ווערט רעדאַגירט דורך מרדכי שטריגלער, וועלכער איז אויך דער רעדאַקטאָר פון וואָכנבלאַט ״פאָרווערטס״.

מיר ווינטשן אונדזער חשובן יובילאַר — ״דער אידישן קעמפּער״ — לאַנגע פּרוכט־באַרע און קעמפערישע יאָרן.

מרדכי דוניץ 65 — עד מאה ועשרים!

מיר באַגריסן מיט חברישער האַרציקייט מרדכי דוניצן — אונדזער פריַינד און באַשטענדיקן מיטאַרבעטער, דעם פאַרדינסטפולן קולטור־בויער, דעם באַגאַבטן יידיש־און עברית־לערער, אינספּעקטאָר פון דער־ציִונגס־מיניסטעריום פאַרן יידיש־לימוד אין די אָפיציעלע העברעיִשע שולן, אויך פאָלקס־און מיטל־שולן אין לאַנד.

מיר ווינטשן אים צו זיַין 65טן געבוירן־טאָג, ביז הונדערט און צוואַנציק, אַ סך געזונט, כוח און פרייד ביַים וויַיטערדיקן אָנגיין מיט זיַין אַקטיווער פרוכטבאַרער טעטיקייט לטובת יידיש און יידישער קולטור.

אַ יישר כוח, טיַיערער מרדכי דוניץ!

ירושלימער אַלמאַנאַך

מרדכי דוניץ

סעקרעטאַר פֿון דער יידישער קולטור־געזעלשאַפֿט
צוותא ביידיש אין ירושלים

די יידישע קולטור־געזעלשאַפט אין ירושלים

זיי קומען סיַי אין די קאַלטע, רעגנדיקע טעג, סיַי אין די הייסע, שטיקנדיקע נאָכמיטאָגס. יעדן מאָנטיק פילן זיי אָן דעם זאַל פון נעמ״ת, ווו די יידישע קולטור־געזעלשאַפט אין ירושלים האַלט אָפּ אירע וועכנטלעכע קולטור־אונטערנעמונגען.

פאַר די פיל צענדליקער יידיש־געברויכער פון ירושלים איז דער צוזאַמענקום אין לויף פון די יאָרן, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סטאַבילער דאַטע אין זייער קאַלענדאַר. אויסגעפּוצט יום־טובדיק, קומען זיי, כדי צו געניסן אין אַ היימיש־וואַרעמער אַטמאָספער פון זייער באַליבט מאַמע־לשון, פון יידישן קונסטלערישן וואָרט און יידישן ניגון.

שוין קרוב צו 16 יאָר, זינט איר גרינדונג, איז די קולטור־געזעלשאַפט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צענטער פון אינטענסיווער יידיש־טעטיקייט פון פאַרשידנאַרטיקן כאַראַקטער. אין דער ראַם פון די וועכנטלעכע פּראָגראַמען גייען אַריַין ליטעראַרישע אָוונטן, מוזיקאַלישע קאָנצערטן, יידיש־געזאַנג בציבור, אָפּהאַנדלונגען וועגן ניַי־דערשינענע ביכער, פיַיערונגען פון קולטור־היסטאָרישע דאַטעס און דאָס אָפּמערקן יאָרציַיטן נאָך אָוועקגעגאַנגענע שריַיבער און דיכטער. גאַר פּאָפּולער

זענען די מעדיצינישע לעקציעס אין ייִדיש, וואָס ווערן באַזוכט פֿון הונדערטער מענטשן.

די ייִדישע אָפּטיילונג אין דער שטאָט־ביבליאָטעק, געגרינדעט פֿון דער ייִדישער קולטור־געזעלשאַפֿט, איז געוואַקסן סײַ אין דער צאָל ביכער און סײַ אין דער צאָל לייענער. די אָפּטיילונג ווערט אָנגעפֿירט פֿון געטרײַע און איבערגעגעבענע חברים, בראָש מיט דער פֿאַרדינסטפֿולער קולטור־טוערין ליובא בורשטיין.

אין דעם פֿאַרגאַנגענעם יאָר האָט זיך פֿאַרשטאַרקט די מיטאַרבעט צווישן דער קולטור־געזעלשאַפֿט און דעם פֿאַרבאַנד פֿון די ייִדישע שרײַבער און זשורנאַליסטן אין ירושלים א.נ. פֿון אריה צימוקי ז״ל. אַ צאָל געמיינזאַמע אונטערנעמונגען זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן מיט גרויס דערפֿאָלג.

אַ האַרציקן יישר־כּוח די אַלע אַקטיווע חברים פֿון דער פֿאַרוואַלטונג מיט דעם חשובֿן יעקבֿ גוטפֿרײַנד בראָש, וועלכע שפּאָרן ניט קיין מי און צײַט כּדי די געזעלשאַפֿט זאָל קענען אין לויף פֿון דעם פֿאַרגאַנגענעם יאָר דערפֿאָלגרײַך אָפּ־האַלטן 57 וועכנטלעכע קולטור־אימפּרעזעס.

מיר ווילן אויסדריקן אונדזער דאַנק צו פּרײַנט עמאַ שייווער, פּראָפֿ גרשון ווײַנער, ד״ר שמואל גאָלדפֿעלד און דעם אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט אין ישׂראל פֿאַר זייער באַדײַטנדיקער פֿינאַנציעלער שטיצע פֿאַר די באַדערפֿענישן פֿון דער קולטור־געזעלשאַפֿט.

קולטור־כראָניק — צווישן אַלמאַנאַך און אַלמאַנאַך

פֿעברואַר, 1987

2.2 — אַלגעמיינע יערלעכע פֿאַרזאַמלונג פֿון דער קולטור־געזעלשאַפֿט — צוותּא בייִדיש אין ירושלים.

9.2 — לעקציע פֿון אברהם ביק א.ד.ט. ״דער זיידע פֿון אונדזער ליטעראַטור אויף ביידע שפּראַכן״. (צום 150טן געבוירנטאָג פֿון מענדעלע מוכר ספֿרים). פֿאָרזיצער אברהם בערניקער.

16.2 — שמועס פֿון אפֿרים שעדלעצקי א.ד.ט. ״פֿון פֿילביימער זעט מען שוין דעם וואַלד״ (לכּבֿוד חמישה עשׂר בשבֿט). פֿאָרזיצער: יעקבֿ גוטפֿרײַנד.

18.2 — פֿײַערונג פֿון 10 יאָר וועלטראַט פֿאַר ייִדיש. ערנגאַסט: יצחק קאָרן — פֿאָרז. פֿון וועלטראַט. רעפֿעראַט פֿון חיים פֿינקעלשטיין. פֿאָרזיצער פֿון אָוונט: מרדכי דוניץ.

22.2 — ״מרדכי געבירטיג — דער זינגער פֿון ייִדישע פֿריידן און ליידן״ — מוזיקאַלישע פּראָגראַם אין טעאַטער ״פּרגוד״, אויסגעפֿירט פֿון סימאַ סקורקאָוויץ, אריה פֿירסטענ־בערג, אברהם ווערסעס. בײַ דער פּיאַנאָ: צפּורה יוכט.

23.2 — אָפֿענער פֿאָרום — פּראָגראַם פֿון אייגענע חברים, אָנגעפֿירט פֿון סימאַ סקורקאָוויץ. בײַ דער פּיאַנאָ: צפּורה יוכט.

מערץ, 1987

2.3 — ערב־פורים־פראָגראַם: "משנכנס אדר מרבין בשמחה" מיטן אָנטייל פון קינסטלער שמעון אַסאָוויצקי. חיים פינקעלשטיין א.ד.ט. "פורים דער יום־טוב פון "ייִדישן גלות". פורים־לידער אָנגעפירט פון אריה פירסטענבערג אין היכל שלמה. פאָרזיצער: מרדכי דוניץ.

9.3 — לעקציע פון ביאַלאָג יצחק אײַזענשטיין א.ד.ט. "שמערטערלינגען איז דער נאַטור פון ישראל" (צום אָנקום פון פרילינג). געזאַנג אויסגעפירט פון רות בר־אל. בײַ דער פיאַנאָ : יונה אײַזענשטיין. פאָרזיצער: אריה פירסטענבערג.

11.3 — אָונט געווידמעט פראָפ׳ דב סדן צו זײַן ווערן 85 יאָר. רעפעראַט פון ד"ר אריה פילאָווסקי א.ד.ט. "די ייִדיש־וועלט פון דב סדן". באַגריסונג פון שרײַבער און זשורנאַליסטן פאַרבאַנד אין ירושלים — פראָפ׳ יצחק וואַרשאַווסקי, דיכטער יוסף קערלער. פאָרזיצער פון אָוונט: פראָפ׳ גרשון ווײַנער.

16.3 — מסיבת־פורים. עס נעמען אָנטייל: ד"ר שמואל גאָלדפעלד, סימא סקורקאָוויץ, אריה פירסטענבערג. בײַ דער פיאַנאָ: צפורה יוכט.

23.3 — לעקציע פון אברהם ביק א.ד.ט. "לייוויק — די קרוין פון דער ייִדישער פּאָעזיע" (צו זײַן 25־טער יאָרצײַט).

30.3 — אָוונט אײַנגעאָרדנט פון דעם פאַרבאַנד פון די ייִדישע שרײַבער און זשורנאַליסטן א.נ. פון אריה צימוקי ז"ל, צוזאַמען מיט דער קולטור־געזעלשאַפט לכבוד ש. ז. שרגאַי און אפרים שעדלעצקי צו זייער באַקומען די פּרעמיע פון ייִדישן שרײַבער־פאַראיין אין פּאַריז. עס נעמען אָנטייל: יצחק רפאל און מרדכי צאַנין. פאָרזיצער: פראָפ׳ יצחק וואַרשאַווסקי.

אַפּריל, 1987

6.4 — "לאָמיר זינגען אַ זמרל" — ייִדיש־געזאַנג בציבור מיט אריה פירסטענבערג. בײַ דער פיאַנאָ: צפורה יוכט.

26.4 — יום־הזכרון לשואה ולגבורה. טרויער־פּראָגראַם אָנגעפירט פון יעקב גוטפרײַנד, צינדן יאָרצײַט־ליכט אָנגעפירט פון מרדכי דוניץ, יזכור־און געטאָ־ילדער: שמריה לין. רעדנער: פראָפ׳ ישראל גוטמאַן, פראָפ׳ יצחק וואַרשאַווסקי. פאַרטיזאַנער־הימן: אריה פירסטענבערג.

מאַי, 1987

11.5 — אָוונט געווידמעט דעם דיכטער זיאַמע טעלעסין צו זײַן באַקומען די ליטעראַטור־פּרעמיע א.נ. פון פעני און חיים באָלער אײַנגעאָרדנט פון פאַרבאַנד פון די שרײַבער און זשורנאַליסטן א.נ. פון אריה צימוקי ז"ל, צוזאַמען מיט דעם קולטור־געזעלשאַפט. עס נעמען אָנטייל: פראָפ׳ יצחק וואַרשאַווסקי, אברהם ביק, אנקא שמיר און דער דיכטער זיאַמע טעלעסין.

18.5 — פאָרטראָג פון ד"ר אלכסנדר גוטערמאַן א.ד.ט. "יאַנוש קאָרטשאַק — זײַן ייִדישער ייִחוס און זײַן גײַסטיקע ירושה". פאָרזיצער: יצחק הרכבי.

25.5 — פּראָגראַם לכבוד "יום ירושלים" — צוזאַמען מיט דעם פּאַרבאַנד פון די ייִדישע שרײַבער און זשורנאַליסטן א.ג. פון אריה צימוקי ז"ל אין היכל־שלמה. עס נעמען אָנטייל: פּראָפ' יצחק וואַרשאַווסקי, משה ריבלין, — פּאַרזיצער פון דירעקטאָריום פון קרן קימת לישראל. די דיכטער: רחל בוימוואָל, זיאַמע טעלעסין, מאיר חרץ און יוסף קערלער לייענען זייערע לידער וועגן ירושלים. אין אַרטיסטישן טייל: דער זינגער שמואל ריווקין. בײַ דער פּיאַנאָ: וויערא ריווקינא. פּאַרזיצער: מרדכי דוניץ.

יוני, 1987

1.6 — אָוונט געווידמעט דעם פּילאָלאָג און דערציִער יודל מאַרק צו זײַן 10־טער יאָרצײַט — עס נעמען אָנטייל: פּראָפ' גרשון ווײַנער, שאול פּערדמאַן און אריה פּירסטענבערג. פּאַרזיצער: מרדכי דוניץ.

8.6 — מעדיציניִשע שמועסן פון ד"ר יוסף ליפשיץ א.ד.ט. "אַקטועלע פּראָגן פון געזונט אין די יאָרן פון "גיל־הזהב". פּאַרזיצער: אברהם בערניקער.

15.6 — אָוונט געווידמעט מרדכי געבירטיג "דער באַזינגער פון ייִדישע ליידן און פריידן" — מיט סימאַ סקורקאָוויץ, אריה פירסטענבערג און אברהם ווערסעס. בײַ דער פּיאַנאָ: צפורה יוכט. אין מרכז תרבות עמים לנוער.

22.6 — צוזאַמענטרעף מיט די שילער פון די ייִדיש־קורסן אין פּאָלקס־אוניווערסיטעט פון ירושלים צום סיום פון דעם ערשטן סעמעסטער.

29.6 — עלפטע יערלעכע צוטיילונג פון דער סובווענץ א.ג. פון ד"ר שמואל און רבקה הורביץ ליטעראַטור־פאָנד פאַר דעם יאָר 1987. עס נעמען אָנטייל ד"ר העשל קלעפּפיש, פּראָפ' גרשון ווײַנער.

יולי, 1987

6.7 — פּאָרטראָג פון חיים פינקעלשטיין א.ד.ט. "אויסטראַליע — דער ווײַטסטער און ייִנגסטער ייִדישער יישוב". (אײַנדרוקן פון אַ לענגערן באַזוך). פּאַרזיצער: מרדכי דוניץ.

13.7 — פּאָרטראָג פון דוד שטאָקפיש א.ד.ט. "עברית־ייִדיש אין ישראל" פּאַרזיצער: יעקב גוטפרײַנד.

20.7 — פּאָרטראָג פון פּראָפ' דב נוי א.ד.ט. "פראַנץ קאַפקאַ און יצחק לייבוש פּרץ". פּאַרזיצער: אברהם בערניקער.

27.7 — ליטעראַריש־קינסטלערישער אָוונט, געווידמעט דעם שלוס פון קולטור־סעזאָן.

סעפּטעמבער, 1987

7.9 — אָוונט געווידמעט דער טרויעריקער דאַטע פון 12־טן אויגוסט 1952 — די ליקווי־דאַציע פון דער ייִדישער קולטור אין סאָוויעט־רוסלאַנד און מאָרד פון די שרײַבער, קינסט־לער און קולטור־טוער. עס נעמען אָנטייל: אליעזר פּאַדריאַטשיק, שמעון מאַרקיש, די

דיכטער: רחל בוימוואַל, מאיר חרץ און זיאַמע טעלעסין. פאַרזיצער: דער דיכטער יוסף קערלער.

14.9 — לעקציע פון ד״ר אברהם נאָווערשטערן א.ד.ט. ״יעקב גלאַטשטיין — דער רעבעל און דער חוזר בתשובה״. פאַרזיצער: מרדכי דוניץ.

21.9 — פאָרטראַג פון ד״ר העשל קלעפפיש א.ד.ט. ״די שטימונגען ערב די ימים־נוראים״. יום־טוב־ניגונים: דער זינגער נתנאל בן־יוסף. פאַרזיצער: אריה שמיר.

אָקטאָבער, 1987

19.10 — באַריכט פון ד״ר שמואל גאָלדפעלד א.ד.ט. ״ליכט און שאָטנס אין ייִדישן דרום־אַמעריקע״. (איַינדרוקן פון אַ לענגערן באַזוך). אין אַרטיסטישן טייל: חיה פּיַיקין און הירש פּיַיקין (נײַע עולים פון סאָוויעט־רוסלאַנד). פאַרזיצער: יעקב גוטפרײַנד.

26.10 — אָוונט געווידמעט דעם דיכטער מאיר חרץ צו זײַן ווערן אַ בן־שבעים וחמש. עס נעמען אָנטייל: ד״ר העשל קלעפפיש, אפרים שעדלעצקי, מיכאל בן־אברהם. געזאַנג — רות לעווין. שלוס־וואָרט פון מאיר חרץ. פאַרזיצער: מרדכי דוניץ.

29.10 — קאָנצערט פון ייִדישן וואָרט און ליד אויסגעפירט פון די שוישפּילער: עטל קאָוועַנסקי, שמוליק סעגאַל. בײַ דער פּיאַנאָ: לעוו קאָגאַן. אַרײַנפיר־וואָרט: מרדכי דוניץ. מנחה: אריה פירסטענבערג.

נאָוועמבער, 1987

2.11 — ״פּיקאַנטע און אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן פון דער עיר־העתיקה אין ירושלים״. — לעקציע פון עו״ד זכריה שבתאי. פאַרזיצער: אריה שמיר.

9.11 — ״לאָמיר זינגען אַ זמרל״ — ייִדיש־געזאַנג בציבור אָנגעפירט פון אריה פירסטענ־בערג. בײַ דער פּיאַנאָ: צפורה יוכט.

16.11 — ״די ליטעראַטור און אירע לייענער״ — לעקציע פון פּראָפ׳ פּנחס ערליך. פאַרזיצער: מרדכי דוניץ.

23.11 — מעדיצינישע שמועסן פון ד״ר יוסף ליפשיץ א.ד.ט. ״אָנווײַזונגען און מיטלען פאַר אריכות־ימים״ פאַרזיצער: יעקב גוטפרײַנד.

30.11 — לעקציע פון יצחק הרכבי א.ד.ט. ״40 יאָר נאָך דער היסטאָרישער רעזאָלוציע פון די פאַראייניקטע פעלקער צו גרינדן די ייִדישע מדינה״. פאַרזיצער: ד״ר שמואל גאָלדפעלד.

דעצעמבער, 1987

7.12 — ליטעראַרישער אָוונט מיט רחל בוימוואַל און זיאַמע טעלעסין. רעציטאַציעס: הדסה קעסטין. געזאַנג: חיה פּיַיקין און דער קאָמפּאָזיטאָר הירש פּיַיקין. פאַרזיצער: יעקב גוטפרײַנד.

13.12 — אָוונט מיט דער דיכטערין רבקה מרים — באַריכט פון איר רייזע קיין מאָסקווע, ווי אַ מיטגליד פון דער דעלעגאַציע פון ישראל צום אינטערנאַציאָנאַלן ביכער־יאַריד. איינדרוקן און דערפאַרונגען פון די באַגעגענישן מיט ייִדן אין מאָסקווע. פאָרזיצער: אריה פירסטענבערג.

16.12 — חנוכה־קאָנצערט אין היכל־שלמה. ס'באַטייליקן זיך: נפתלי גילדין, פּראָפ' יצחק וואַרשאַווסקי, פידל: יהודית וואַרשאַווסקי. פאָרזיצער: מרדכי דוניץ.

21.12 — חנוכה־מסיבה פון דער קולטור־געזעלשאַפט. עס באַטייליקן זיך: נתנאל בן־יוסף, אריה פירסטענבערג, די זינגערין גאולה גלעד. פאָרזיצער: ד"ר שמואל גאָלדפעלד.

28.12 — "מוזיקאַלישער שפּאַציר איבערן אַמאָליקן ייִדישן טעאַטער־לעבן" — אויסגעפירט פון דעם שוישפּילער־זינגער יחיאל בורגין און סימאַ סקורקאָוויץ. ביי דער פּיאַנאָ: צפורה יוכט. פאָרזיצער: מרדכי דוניץ.

יאַנואַר, 1988

4.1 — "דער מעמד פון דער פרוי און אירע רעכט אין ישראל" — דיסקוסיע מיט עו"ד שרון שנהב, יורידישע ראַטגעבערין פון נעמ"ת און אַנקאַ שמיר. פאָרזיצערין: שרה ביגין.

11.1 — אָוונט געווידמעט דעם 100־טן געבוירנטאָג פון דער דיכטערין מלכה לאָקער און איר מאַן בערל לאָקער ז"ל. עס נעמען אָנטייל: פּראָפ' גרשון ווייַנער און חיים פּינקעל־שטיין. פאָרזיצערין: אַנקאַ שמיר.

18.1 — אַלגעמיינע יערלעכע פאַרזאַמלונג פון דער קולטור־געזעלשאַפט.

21.1 — קאָנצערט פון ייִדישן וואָרט און ליד מיט די קינסטלער הדסה קעסטין און מרדכי בן־שחר. ביי דער פּיאַנאָ: אלכסנדר טערסקי. אין מרכז תרבות עמים לנוער.

25.1 — ליטעראַרישער אָוונט געווידמעט דער 5־טער יאָרצייַט פון דעם דיכטער משה יונגמאַן ז"ל. עס נעמען אָנטייל פּראָפ' דב נוי און מרים יונגמאַן. פאָרזיצער: מאיר חרץ.

ביאָביבליאָגראַפישע נאָטיצן

משה אײַזענבוד

געבוירן אין ניעסוויזש (פוילן — הײַנט ווײַסרוסלאַנד), באַקומען אַ וועלטלעכע דערציִונג. נאָכן אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי (1939), געאַרבעט אין אַ מעכאַנישן וואַרשטאַט. מאָביליזירט קיין אוראַל, געאַרבעט אין אַ שטיין־האַקעריי. אַרויס אין שטרײַק (1943) און אַרײַנגעפאַלן אין לאַגער. (י.ט.ק.). אין 1946 אָנגעקומען אין אַ פּליטים־לאַגער אין דײַטשלאַנד. אין 1950 אויסגעוואַנדערט קיין אויסטראַליע. אין ד.פּ.־לאַגער אָנגעשריבן אַ בוך וועגן סאָוועטישן פּעריאָד: "געלעבט הינטער קראַטן", דערשינען אין אַרגענטינע 1956. אין יאָר 1986 איז דאָס בוך דערשינען אין ענגלישער איבערזעצונג.

אָנגעהויבן מיט שרײַבן קאָרעספּאָנדענצן פון די ד״פּ־לאַגערן פאַר דער פּאַריזער בונדישער טאָג־צײַטונג "אונדזער שטימע" און דעם ניו־יאָרקער זשורנאַל "אונדזער צײַט".

אַרויסגעגעבן 3 ביכער דערציילונגען און אַ בראָשור עסייען וועגן קריטיקער יהושע ראַפּאָפּאָרט.

אַקטיוו אין דער קולטור־געזעלשאַפט "קדימה" און רעד. פון זשורנאַל "מעלבורנער בלעטער" (זינט 1975 — דערשינען 56 נומערן). פּאַרוואַלטער און לערער פון דער שלום עליכם־זונטיק שול.

פון 1950 ביז 1985 געאַרבעט אַלס מעטאַלטאָקער.

מאיר יעלין

געב׳ 3 אָקטאָבער 1910, אין סרעדניק, ליטע. פאַרענדיקט אין קאָוונע אַ העבר. גימנאַזיע. הויכבילדונג — אַ בוי־אינזשעניר. בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע — אין קאָוונער געטאָ. אָנטיילנעמער פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. זינט 1949 — אין ווילנע. עולה געוועזן אין 1973.

גאָר יונג געשריבן לידער און דערציילונגען אין ייִדיש. דעביוטירט אין קאָוונער פּרעסע 1928. געווען אַקטיוו אין ייִד. שרײַבער־גרופּע אין ליטע. געדרוקט דערציילונגען אין אירע יערלעכע זאַמלביכער. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה געשריבן פּראָזע כמעט דורכויס אויף דער טעמע פון חורבן און גבורה פון ייִדן בעת דער נאַצי־תקופה.

ביכער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד: "פּאַרטיזאַנער פון קאָוונער געטאָ" (צוזאַמען מיט ד. געלפּערן), מאָסקווע 1948; "זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט", מאָסקווע 1972. אויך אין ווילנע, אויף ליטוויש, און אין מאָסקווע, אויף רוסיש, זענען דערשינען זײַנע זעקס ביכער אויף געטאָ־טעמאַטיק.

אין ישראל פאַרעפנטלעכט ביכער: "דער פּרײַז פון יענעם ברויט", ת״א 1977; "בלוט און וואָפן", ת״א 1978; "די מיראַזשן פונעם אַמאָק־לויפער אָסקאַר גריק", ת״א 1981; "באַרוועס איבער שניי", ת״א 1984. איבערז׳ אויף עברית: "דם ונשק", ת״א 1985.

דער מחבר און זײַנע ביכער זענען באַלוינט

מיט אַנגעזעענע פּרעמיעס, דערין — די מאַנגער־פּרעמיע.

יאַניע פּײַן

קונסט־מאָלער און פּאָעט. געבוירן אין יאָר 1914 אין קאַמעניעץ־פּאָדאָלסק (אוקראַיִנע), אין אַ משפּחה, וווּ מסורתדיקע ייִדישקייט האָט זיך געפּאָרט מיט ייִדיש־רוסישער וועלטלעכער קולטור. זײַן פֿאָטער — אַ פֿאַרדינסטפֿולער ייִדישער לערער. שפּעטער געלעבט אין קאַטערינאָסלאַוו. אין יאָר 1923 באַזעצט זיך צוזאַמען מיט זײַנע עלטערן אין ווילנע. נאָכן פֿאַרענדיקן אַ ייִדישע גימנאַזיע, קומט י. פּ. אָן אויף דער קונסט־אַקאַדעמיע פֿון ווילנער אוניווערסיטעט. בעת דער 2טער וועלט־מלחמה זענען די עלטערן אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דײַטשישע נאַציסטן אין ווילנער פּאָנאַר... י. פּ. מאַכט דורך זײַנע מלחמה־וואָגלענישן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, וואַרשע, יאַפּאַן, כינע . . . נאָך דער מלחמה — אין מעקסיקע. זינט 1953 לעבט י. פּ. אין ניו־יאָרק, וווּ ער איז צוערשט געווען אַ לערער פֿון מאָלערײַ און שפּעטער — פּראָפֿעסאָר פֿון קונסט־געשיכטע און הומאַניסטיק.

אַרויסגעגעבן צוויי ביכער פּאָעזיע, געדרוקט אויך דערציילונגען און עסייען.

ישראל קאַפּלאַן

געבוירן (1902) אין וואָלאָזשין, ווילנער געגנט אין אַ רבנישער פֿאַמיליע. אין 1919 אַריבערגעפֿאָרן קיין קאָוונע (ליטע), וווּ דער פֿאָטער איז געווען רב אין פֿאַרשידענע קהילות. י. ק. האָט געלערנט אין חדרים און ישיבות, געענדיקט אַ לערער־סעמינאַר, שפּעטער דעם קאָוונער אוניווערסיטעט (היסטאָריע און פֿילאָסאָפֿיע). געאַרבעט ווי אַ לערער אין העברעיִשע שולן, מחבר פֿון לערנביכער אין העברעיִש און ליטוויש.

פֿון 1926 געדרוקט פֿעליעטאָנען און דערציילונגען בעיקר אין קאָוונער "אידישע שטימע" און אין ריגער "פֿרימאָרגן".

1941 — אין קאָוונער געטאָ. אין 1942 פֿאַרכאַפּט געוואָרן צוזאַמען מיט אַנדערע הונדערטער ייִדן און טראַנספּאָרטירט קיין ריגע. דורכגעמאַכט פֿאַרשיידענע לאַגערן. באַפֿרײַט געוואָרן פֿון קאַצעט דאַכאַו אין 1945. בעת דער ליקווידאַציע פֿון קאָוונער געטאָ זענען אומגעבראַכט געוואָרן זײַן פֿרוי מיט אַ טאָכטער. געבליבן לעבן איז מיט ניסי־ניסים איין קינד, וואָס איז נאָך דער באַפֿרײַונג געבראַכט געוואָרן מיט אַ פֿאַרטיע געראַטעוועטע קינדער קיין ארץ־ישראל.

נאָך דאַכאַו — אין מינכען ביז אָנהייב 1949, איינער פֿון די גרינדער פֿון "אונדזער וועג" — דער צענטראַלער צײַטונג פֿון דער שארית הפּליטה, וויסנשאַפֿטל. סעקרעטאַר פֿון דער צענטראַל־היסטאָרישער קאָמיסיע, אָנגעפֿירט מיט די גבֿית עדות בײַם זאַמלען דאָקומענטן וועגן מערדערייען און רדיפֿות פֿון ייִדן בעת דער נאַצי־הערשאַפֿט, גרינדער און רעדאַקטאָר פֿון דער צײַטשריפֿט "פֿון לעצטן חורבן". אַרויסגעגעבן צוויי חיבורים: "אין דער טאָג־טעגלעכער היסטאָרישער אַרבעט" (מינכען, 1947), און "דאָס פֿאָלקס־מויל אין נאַצי־קלעם" (דאָרט 1949), ריידענישן אין געטאָ און קאַצעט, די צווייטע פֿאַרברייטערטע אויפֿלאַגע דערשינען אין תל־אביב, 1982.

אין 1949 עולה געווען קיין ישראל. פֿאַרעפֿנטלעכט דערציילונגען און קריטישע אָפּהאַנדלונגען. אין בוכפֿאָרעם: "שליאַך און אומוועג", "געשליידער", "צײַטנשניט", "גור

"ירושלמי" (עברית), "לעצטער פּרילינג".

אויסגעצייכנט מיט וויכטיקע ליטעראַטור־פּרעמיעס, דערין מיטן מאַנגער־פּרייז (1987), ציקאָ־פּרעמיע (1965), מיט דער פּרעמיע פון שרייבער־פאַראיין אין ישראל (1982).

משה קאָוועליאָוויטש

אַנגעזעענער פראַנצויזישער מאַטעמאַטיקער, פּראָפעסאָר אין דער סאָרבאָנע, גענומען אויך אַ טיכטיקן אָנטייל אין דער ייִדישער קולטור־באַוועגונג אין דער פאַר־און־נאָכמלחמהדיקער אייראָפּע. נאָענטער פרײַנד פון די קינסטלער ראָבערט פאַלק, חיים סוטין, מאַרק שאַגאַל, פון דיכטער ה. לייוויק און אַנד.

געשטאָרבן אין פּאַריז אין יאָר 1973.

שלמה־זלמן שרגאַי

געבוירן אין יאָר 1899, גאָרשקאָוויץ (פּוילן). אויפגעוואַקסן און דערצויגן אין אַ טראַדיציאָנעל־רעליגיעזער סביבה. געלערנט אין חדרים און ישיבות. באַוווסטער פּובליציסט. שרײַבט אין העברעיִש און ייִדיש, איינער פון די פּירערס פון "תורה ועבודה" אין פּוילן ביזן יאָר 1924, שפּעטער, ווען געקומען קיין א"י איז ער אַן אָנגעזעענער טוער פון "הפּועל המזרחי" און מפד"ל, מיטגליד פון דער ייִדישער אַגענץ, ראש העיר אין ירושלים (1950—1952) א"אַ.

זיך באַקאַנט געמאַכט מיט זײַנע רעליגיעז־פילאָזאָפישע עסייען און אַנדערע פּובליציסטישע אַרבעטן וועגן יהדות און רעליגיעזן ציוניזם.

אויסער אין העברעיִשע צײַטשריפטן, זיך געדרוקט אין טשענסטאָכאָווער טאָגבלאַט, אונדזער לעבן (וואַרשע), דער מזרחי־וועג, טאָג־מאָרגן זשורנאַל, מאָרגן־זשורנאַל (ניו־יאָרק), היימיש, לעצטע נײַעס (ישראל), אונדזער וועג (פּאַריז) און אין אַנדערע צײַטשריפטן.

אין בוך־פאָרעם:

"אין געראַנגל פאַר יהדות". עסייען (תל־אביב "לעצטע נײַעס" תש"ד), "דער ייִדישער שבת" (פּאַריז 1966), "וואוהין ? ייִדישע קעגנוואַרט און צוקונפט" (פּאַריז, 1968), "ייִדישע שמועסן" (דאָרטן, 1969), "ייִדישע ימים טובים" (דאָרטן 1970), "די רביים פון איזשביצער—ראַדזינער הדר" (1972).

צווישן זײַנע העברעיִשע ביכער, אַרויסגעגעבן אין ירושלים: "תחומים" (1951), "התליכי, התמורה והגאולה" (1959), "שעה ונצח" (1960), "מפנקס זכרונות" (תשמ"ז), א"אַ.

אַרקאַדי תימור

געבוירן אין רוסלאַנד. לויטן פאַך — אַן אינזשעניער. געענדיקט אַ מיליטערישע אַקאַדעמיע.

אָנטייל גענומען אין דער 2טער וועלט־מלחמה און אין די מלחמות פון ישראל. 5 מאָל פאַרוווּנדעט געוואָרן אין פאַרשידענע שלאַכטן און באַלוינט מיט 29 אָרדענס און מעדאַלן פון פאַרשידענע לענדער.

פאַר אויסנאַמלעכע פאַרדינסטן בײַם פעסטיקן די שוץ־פייִקייט פון ישראל איז דער טאַנקען־קאָמאַנדיר און טאַנקען־בויער אַרקאַדי תימור באַלוינט געוואָרן מיט דער העכסטער קריגס־אויסצייכענונג פון לאַנד.

מחבר פון עטלעכע ביכער און הונדערטער אַרבעטן אויף קריגס־טעמאַטיק, וועגן אָנטייל פון ייִדן אין דער אַנטינאַצי־מלחמה — ווי אויך אַרטיקלען וואָס באַהאַנדלען מיליטע־

ריש־טעכנאָלאָגישע פראַגן (דאָס אַלץ אין עברית און אין רוסיש).

בײַ די ייִדן פון רוסלאַנד איז ער באַרימט אַלס מיליטערישער ראַדיאָ־קאָמענטאַטאָר און אַקטיוועך אויפטועך אין דער זאַך פון עליה און אַבסאָרבציע פון די סאָוועטישע ייִדן.

ישראל דינעס קאַלקער ז״ל

בעת דער 18טער נומער פון אונדזער אַלמאַנאַך איז שוין גרייט געווען צום דרוק איז צו אונדז דערגאַנגען די טרויעריקע ידיעה, אַז פון אונדז איז אַוועק דער טאַלאַנטפולער שרײַבער ישראל דינעס קאַלקער ז״ל. מיר טיילן דעם גרויסן צער מיט זײַן פאַריתומטער משפחה און דריקן איר אויס אונדזער טיפסטן מיטגעפיל.

י. ד. קאַלקער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1909 אין סאַראַקע (בעסאַראַביע), שפּעטער געוווינט אין שטעטל יעדינעץ. געענדיקט דעם סעמינאַר פאַר העברעיִשע לערערס אין טשערנאָוויץ. בײַ די רומענער געווען אַ לערער, בײַ די סאָוועטן — אַ בוכהאַלטער. אָנגעהויבן שרײַבן אין עלטער פון 14—15 יאָר. אין 1980 עולה געווען קיין ישראל פון לוואָוו (לעמבעריק) — סאָוועטן־אוקראַיִנע. אין זעלבן יאָר פאַרעפנטלעכט זײַנע פּראָזע־שאַפונגען אין דער ״ייִדישער צײַטונג״, אין דער ״נײַער צײַטונג״ און אין דער ״ישראל־שטימע״.

אין 1985 — דערשינען זײַן ערשט בוך ״געציילטע טעג״, פאַר וועלכן ער האָט באַקומען דעם שרה גאָרבי־פּריז. פאַר זײַן פּטירה — צוגעגרייט צום דרוק אַ צווייט בוך פּראָזע.

געוווינט אין אשדוד, וווּ ער איז טעטיק געווען אין ייִדיש־קלוב. געשטאָרבן פון אַ האַרץ־קראַנקהייט דעם 31טן יאַנואַר 1988 און געלאָזט נאָך זיך אַ פרוי, אַ זון, אַ שנור און צוויי אייניקלעך.

כבוד זײַן ליכטיקן אָנדענק!

אינהאַלט

נשיא המדינה חיים הרצוג / סקולפּטור־פּאָרטרעט פון מיכאל מילבערגער 5

באַגריסונג צו 40 יאָר מדינת ישראל 7

קיום

ניכטערע רײַפקייט / פון אַ. ש. 9

בלעטלעך געשיבטע...

שלמה זלמן שראגאי / אַ תענית אין פסח 11

יהושע בר יוסף / אַט אַזוי האָבן זיי געקעמפט 19

יוסף קערלער / פון לידער־ציקל „אָבי געזונט" 23

אַ בילד פון אַלט־ירושלים / פון קינסטלער וו. סאַנין 30

שמואל איזבאַן / אַ ייִדישער רעסטאָראַן אין יפו (פון אַ ראָמאַן) 31

רחל בוימוואָל / מיטן כוח פון דימיון (לידער) 48

יאָסל בירשטיין / דרײַ קליינע מעשיות 57

הירש אָשעראָוויטש / פינף לידער 62

י. ד. קאַלקער ז"ל / אין שפּיטאָל (פון אַ ראָמאַן) 65

אַ. לוריא / צוויי לידער 74

יוסף אַקרוטני / געסט פון אַ ווײַטן לאַנד 76

יאַניע פיין / איצטיקייט (לידער) 91

ישראל קאַפּלאַן / אַ קופּאָל (דערציילונג) 95

חיים פלאָטקין / זוניקע פּערל (לידער) 104

איוב / [redacted] פון מ. מילבערגער 106

זאַמי פעדער / חברה, איך בין אַן „עמך"!... (פון די קאַצעטן־דערציילונגען) 107

שלום שטערן / טרער פון פרייד (לידער) 112

מאיר יעלין / אַ באַגעגעניש אין יאַרן אַרום (פראַגמענט) 114

חיים קעניגער / אין ליכט פון באַגינען (לידער) 120

אין געפאַר / סקולפּטור־קאָמפּאָזיציע פון מ. מילבערגער 122

אפרים שעדלעצקי / אונדזער וואַלד און דער מענטש הינטער אים 123

שמואל האַלקין / פון די טורמע־לידער 128
יוסף קערלער / די ירידה פון אַסיף קראַסאָווסקי (דערציילונג) 131
יאָסל לערנער / פון הערן און געדענקען (גלײַכווערטלעך) 152
אַרקאַדי תימור / דער ערשטער 155
אין סטאַטיסטישן אַמט פון אַבסאָרבציע־מיניסטעריום (אינפאָרמאַציע) 158

לזכרון

א. פּודה / 1. 40 יאָר זינט דעם מאָרד פון שלמה מיכאָעלס 159
2. אַ וואָרט וועגן דוד האָפשטיין 163
צום אָנדענק פון שלמה מיכאָעלס / צייכענונג פון וו. סאַנין 170
יצחק יאַנאַסאָוויטש / דער שרײַבער און מענטש לייב ראָכמאַן 171
יוסף ראָגעל / דער טאַטע האָט מיך געפירט בײַ דער האַנט (ליד) 177
ל. פּאָדריאַטשיק / רעפלעקסן און זכרונות 178

צום ניט פֿאַרגעסן...
גרשון שפּיראָ / וואָראָבייטשיק אהרן 187
ק. יוד. / יאַנקעלעוויטש יאַנקל 190
יאַנקל יאַנקעלעוויטש / דרײַ לידער 192

רעפּליקעס
א. ציוני / צוויי הערות 194
משה אײַזענבוד / ער איז זיך מודה... 196

ליטעראַטור און לשון

יוחנן ארנון / מיט זעכצן יאָר שפּעטער... 199

צווישן דערשינענע ווערק:
זיאַמע טעלעסין / לידער 204
וועגן זיאַמע טעלעסין / פון ק. יוד. 206
ייִדיש־סימפּאָזיום אין אָקספאָרד (אינפאָרמאַציע) 208

צווישן דערשינענע ווערק:
מ. מ. שאַפּיר / פון בוך "טראַפּנס טרייסט אין דער בידע" 210
מ. מ. שאַפּיר 213

צו אונדזערע אילוסטראַציעס
פּראָפ' מ. קיוועלאָוויטש / מיכאַל מילבערגער, דער אויטענטישער קינסטלער 214
ק. יוד. / קינסטלער וואַלערי סאַנין 215

צווישן דערשינענע ווערק:
מאיר חרץ / פֿון בוך "נאָכן סך הכל איינס" — 216
מאיר חרץ — 75 עד מאה ועשרים 218

ייִדיש-נײַעס

די גאָלדע מאַשע פּלאָטקין־פֿונדאַציע פֿאַר ייִדישער ליטעראַטור, ברכות פֿאַר בנימין מיד, ירושלימער אַלמאַנאַך — צום דריטן מאָל אויסגעצייכנט מיט אַ ליטעראַטור־פּרײַז, יוגנט־פּראָגראַם — אָקספֿאָרד, נײַער נומער "יוגנטרוף", צום אָנדענק פֿון שלמה מיכאָעלס, פּייגע האָפּשטיין — 90 יאָר, "צימוקים ושקדים" — פּראָגראַם פֿון ייִדיש געזאַנג אין העברעיִשן ראַדיאָ, ביבליאָגראַפֿישע רשימות פֿון ייִדישע אויסגאַבעס אין פּוילן פֿון 1944, ד"ר יוסף קערמיש און פּראָפ' מאַרטין גילבערט — לאָורעאַטן פֿון ק. צעטניק־פּרײַז. ייִדישע פֿאָלקס־לידער — אַ מתנה דער שז"ר־גימנאַזיע אין בת־ים, אין פֿאַרבאַנד פֿון ייִדישע זשורנאַליסטן און שרײַבערס א.ג. פֿון אריה צימוקי ז"ל, יום טוב פֿון ייִדישן טעאַטער, פּרעמיעס פֿון ייִדישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו יאָרק, פֿאַרטיילונג פֿון דער עמאַ שייווער־פּרעמיע, אַנעלי־פּרײַז פֿאַרן ענגליש־ייִדישן פֿילאָזאָף ישעיהו בערלין, "אידישער קעמפער" — 80 יאָר, מרדכי דוניץ — 65 עד מאה ועשרים 231—219
מרדכי דוניץ / וועגן דער ייִדישע קולטור־געזעלשאַפֿט אין ירושלים (קולטור־כראָניק) 231
ביִאָביבליִאָגראַפֿישע נאָטיצן 237

חוץ דעם קומען אַרײַן אין דאָזיקן נומער ידיעות וועגן נײַ־דערשינענע ביכער און וועגן די טעטיקייטן פֿון ייִדישן שרײַבער־און זשורנאַליסטן־פֿאַרבאַנד אין ירושלים

מיר דאַנקען האַרציק

אונדזערע פֿרײַנד וואָס האָבן געהאָלפֿן אַרויסגעבן דעם 18טן נומער פֿון "ירושלימער אַלמאַנאַך", דערין:

1 דעם מעקסיקאַנער ייִדישן צענטראַל־קאָמיטעט 500 ד'
2. דער אַמעריקאַנער ייִדישן אַרבעטער־קאָמיטעט (וולאַדקע מיד) 250 ד'
3. אונדזער פֿרײַנד ה. (פּאַריז) 60 ד'

ר ע ד אַ ק צ י ע